STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06572

GEZAMELTE SHIFTEN

B. Gorin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. גאָרין אין יאָהר 1892.

געזאַמעלטע שריפטען

פון ב. גאָרין

(י. גוידא)

284
אריאם פרעס, יוניאן פרינטערס, 54 קאנאל סטריט, נויארק.

ב. גאָרין
(י. גוידאָ)

געזאַמעלטע שריפטען

ערשטער באַנד

פון לעבענס־מאַרק
ערצעהלונגען און בילדער

מיט גאָרינ׳ס ביאָגראַפיע
פון
עליזאַבעט גאָרין

ארויסגעגעבען פון עליזאבעט גאָרין
ניו יאָרק, 1927

פאָלקס-אויסגאַבע

גערדרוקט בלויז זיבען הונדערט עקזעמפּלאַרען.

Copyright — 1927
by
ELIZABETH GORIN
Brooklyn, N. Y.



פאַקסימיליע פון ב. גאָרינ׳ס מאַנוסקריפט פון אַ ניט־געענדיגטען ראָמאַן „די משכילים“.

אינהאַלט

אַנשטאָט אַ הקדמה 9
ב. גאָרין, ראובן ברייגין 11
ב. גאָרין, א. ליטוואַק 17
אַ בריוו פון אַלכסנדר האַרקאַווי 23
אַ פּאָר ווערטער וועגן גאָרין, פּ. וויערניק 25
ב. גאָרין, זיין לעבען און ליטעראַרישע טעטיג־קייט, עליזאַבעט גאָרין 27
דער געבילדעטער סטאָליער 73
די עגונה 157
פון זאַוואָד אין באָד 205
דער נייער פּראָצענטניק 233
דער סאָוועסט איז פאַרפאַלען 283
דער ליטווישער חדר 307

אַנשטאָט אַ הקדמה

און אַ האַרציגען דאַנק צו מר. מאָרים וויינבערג

מיין זעליגער מאן האט איבערגעלאזט א חוץ „די געשיכטע פון דעם אידישען טעאטער“ און די „פארגעסענע נגונים“, וועלכע זיינען ערשינען יעדע אין צוויי בענדער, א גאנצען אוצר בעלעטריסטישע, פובליציסטישע און דראמאטישע ווערק, ניט אריינגערעכענט אפהאנדלונגען, ארטיקלען און קריטיק איבער טעאטער, געדרוקטע און ניט־געדרוקטע מאטעריאל פאר נאך צוויי טיילען געשיכטע פון טעאטער, נעמליך: „דרייסיג יאהר אידישע געשיכטע פון טעאטער“, א וואהרער אוצר פון מאטעריאל פאר דעם צוקינפטיגען היסטאריקער פון טעאטער.

דאס אלעס איז צוואוארפען איבער זשורנאלען, וועכענטליכע און טעגליכע צייטונגען, דעקענדיג א פעריאד פון איבער דרייסיג יאהר, און וועלכע ענטהאלטען פון אכט ביז צעהן בענדער. דעם גרעסטען טייל פון דעם האב איך, די איבעריגע קען מען קריגען צו קאפירען. דער טייל וועלכער פעהלט מיר כמעט גענצליך — זיינען די צוויי סעריעס „דער אידישער וואנדערער“ און „דאס גאלדענע לאנד“, וועלכע גארין האט געדרוקט אין דעם פעטערבורגער „פריינד“. דער מאנוסקריפט איז פאר דער מלחמה אוועקגעשיקט געווארען צו מר. קלעצקין אין ווילנא, און מיר האבען פון דעם נאר ניט געהערט. עס וואלט געווען א גרויסער שאד פאר די קולטור־געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא אויב דאס זאל ניט געדרוקט ווערען, און איך האף אז עס וועט זיך געפינען עמיצער וואס וועט זיך אונטערנעהמען דאס צו טהאן, ווייל עס איז איבער מיינע כחות עס ארויסצוגעבען.

די מאַנוסקריפּטען און די זשורנאַלען און צייטשריפטען האָבען זיך גוט פאַרוואַרט, און די וואָס איך האָב ניט קען מען נאָך ווי עס איז קריגען. די זאַכען אָבער וואָס זיינען צושפּרייט איבער די צייטונגען, זיינען אין אַ שרעקליכען צושטאַנד, זיי ווערען פּשוט צוברעקעלט אין דער האַנט. און קלייבענדיג דעם מאַטעריאַל פאַר דעם ערשטען באַנד בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז מען מוז דאָס אַרויסגעבען גלייך, ווייל העכסטענס אין אַ יאָהר צייט וועט ניט זיין וואָס אַרויסצוגעבען, ווייל דער צושטערער — צייט וועט דערפון קיין זכר ניט לאָזען.

און איצט וויל איך אויסדריקען מיין הערצליכסטען דאַנק צו מר. מאָריס וויינבערג, וועלכער לייהט מיר אוים דאָס געלט פאַר צוויי דריטעל פון דער אויסגאַבע. ער האָט זיך שטענדיג אַרויס־געוויזען צו אונז אַלס אַ פריינד און אַ דזשענטעלמאַן, און באַ־וויזען, אַז דאָס אידישע וואָרט איז איהם נאָהענט צום האַרצען. ער האָט זיך אַליין אַרויסגעוויזען דאָס צו טהאָן און ראַטעווען דרייסיג יעהריגע אַרבייט פון פאַלשטענדיגער צושטערונג.

נאָך אַמאָל אַ דאַנק איהם און זיין ליעבע פרוי דאָראַ, אַ לאַנדספרוי פון מר. גאָרין, פאַר זייער לאַנג־יעהריגער פריינטשאַפט, אין נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם און אין מיין נאָמען.

עליזאַבעט גאָרין.

ברוקלין, דעם 25טען אויגוסט, 1927.

ב. גאַרין

אין יאָהר 1892 האָט בן־אביגדור געדרוקט צווישען די דער־צעהלונגען פון זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק“ „ספרי אגורה“ צוויי קליינע דערצעהלונגען „הנגר הנאור“ און „העגונה“ פון איינעם אַן אָנפאַנגער, דאָן אַ גאַנץ אומבאַקאַנטער נאָמען: יצחק גוידא. די איבעריגע דערצעהלונגען אין די „ספרי אגורה“ זיינען געוועזן אונ־טערגעשריבען פון דאָן שוין מעהר אָדער וועניגער באַקאַנטע נעמען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, ווי י. ל. פרץ, י. ח. טביוב און בן־אביגדור זעלבסט.

אויך פונ׳ם שרייבער פון דיזע צייל[ע]ן איז געווען געדרוקט אַ דערצעהלונג: „מגבורי ישראל“ אין די „ספרי אגורה“, וואָס האָבען זיך אין אַ זעהר קורצער צייט פאַרקויפט אין די צעהנדליגע טויזענדער. דאָס איז געווען אַן אומדערהערטער ערפאָלג אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור. דיזער איבערראַשענדער ערפאָלג האָט נאָכהער געגעבען דעם פאַרלעגער און שריפטשטעלער בן־אביגדור די מעגליכקייט צו גרינדען דעם ערשטען מאָדערנעם גרוי־סען פאַרלאַג „תושיה“.

איך בין דאָן געוואָרען אויפמערקזאַם אויף די צוויי קליינע רעאַליסטישע דערצעהלונגען פונ׳ם אומבאַקאַנטען יצחק גוידא, ווייל אויך ער, ווי איך דאָן, האָט גענומען זיינע „העלדען“ פון די אידישע פאָלקסמאַסען. אויך ער, גוידא, האָט געשילדערט דאָס רעאַלע און ווירקליכע לעבען.

אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז דאָס דאָן, מיט קנאַפּע פערציג יאָהר צוריק, געווען אַ נייעס, אַ וואַגעניש, כמעט אַ רע־וואָלוציאָנערער עקספּערימענט.

י. ל. פרץ האָט געגעבען פאַר די „ספרי אגורה“ צוויי קליינע ראָמאַנטישע דערצעהלונגען, טענדענציעזע, זיסליכע, סקיצען. די

דערצעהלונג פון י. ח. טביוב „הספרות בתור שדכן" איז געווען א ניט זעהר געלונגענער פעליטאן, א הומאריסטישער איינפאל, אבער אהן לעבען, אהן א סימן פון ווירקליכקייט, פון מענשליכקייט. בן־אביגדור האט אין די „ספרי אגורה" פארעפענטליכט אין פיער ביכלאך א היסטארישע דערצעהלונג „לפני ארבע מאות שנה", פונ׳ם שפאניש־אידישען לעבען.

בן־אביגדור האט געהאט א בעלעטריסטישען טאלאנט, אבער דאס לעבען און די טיפען, וואס ער האט געשילדערט, אין זיין אויבענדערמאנטע היסטארישע דערצעהלונג, זיינען איהם געווען אומבאקאנט און דארום אומווירקליך, אהן רעאליטעט.

אויך דיאיבעריגע סקיצען פון בן־אביגדור אין די „ספרי אגורה" זיינען געווען ניט מעהר ווי טענדענציעזע פובליציסטיק, אדער: „מאמר׳יסטיק".

דארום האט יצחק גוידא דאן געצויגען מיין באזונדערע אויפ־מערקזאמקייט אויף זיינע צוויי קליינע דערצעהלונגען. אין זיי איז געווען לעבען, ווירקליכקייט און ווארהייט.

דער היסטאריקער שמעון דובנאוו האט דאן געווידמעט, אין דער רוסיש־אידישער מאנאטשריפט „וואסכאד", א גרויסען קרי־טישען ארטיקעל די „ספרי אגורה". ער האט באצייכענט די דערצעהלונגען פונ׳ם שרייבער פון דיעזע צייל|ען ווי די דערצעה־לונגען פון גוידא אלס א גאנץ נייע דערשיינונג אין דער העברע־אישער ליטעראטור: אלס א פארזוך צו שילדערן אהן מליצות און אהן קונצען דאס אלטעגליכע לעבען פון די אידישע מאסען, אלס א געוואגטער פארזוך צו זוכען און צו געפינען העלדען, קעמפער, צווישען דעם פראסטען המון.

* * *

און דער נאמען יצחק גוידא איז פארשוואונדען געווארען פון דער העברעאישער ליטעראטור נאך דעם, ווי עס איז פארעפענט־ליכט געווארען אין די ספרי אגורה זיינע צוויי קליינע דערצעה־לונגען, וואס האבען דאן געמאכט א גוטען איינדרוק אויף די לעזער.

אַן ערנסטער טאַלאַנט האָט אַ בליץ געגעבען — און גלייך פאַר־לאָשען געוואָרען. אַן עכטער בעלעטריסטישער טאַלאַנט (וואָס זייער צאָהל אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז דאָן געווען אַ גרויסע זעלטענקייט) האָט געגעבען זיין פאַרשפּרעכען דעם לע־זענדען פּובליקום און דער קריטיק צו וואַקסען און פאַרנעהמען אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ אין דער שעהנער ליטעראַטור — און מען הערט ניט און מען זעהט ניט פון איהם קיין איין צייל אין דער העברע־אישער ליטעראַטור.

פיעלע פון די וואָס זיינען דאָן געווען ערנסט און עהרליך פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון דער העברעאישער בעלעטריסטיק, האָבען געפרעגט מיט צער: וואָס איז דען געוואָ־רען מיט דעם יונגען טאַלאַנטירטען י. גוידא, וואוהין איז ער פאַר־שוואונדען, ווארום איז ער נאָך זיין ערשטען ערפאָלג גלייך שטום געוואָרען?

קיין אַנטוואָרט.

* * *

לעבענדיג אין בערלין האָב איך קיין אַהנונג ניט געהאַט פון דער אידישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקאַ. דער נאָמען ב. גאָרין האָב איך אין איירופּאַ פריהער קיין מאָל ניט געהערט, ווי מיר זיינען געווען גאַנץ אומבאַקאַנט נאָך פיעל אַנדערע נעמען פון אידישע זשורנאַליסטען און בעלעטריסטען, וואָס האָבען פאַר־נומען פּלאַץ אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע. דאָס איז געווען אַ וועלט פאַר זיך.

ווען איך האָב זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, האָב איך געהאַט די געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט די פאַרשיידענסטע אידישע שריפטשטעלער פון אַלע ריכטונגען, פון רעכטס און פון לינקס. אין האָב דאָ, אין אַמעריקאַ, געפונען אַ גרויסע משפחה פון פען־חברים, וואָס שאַפען דאָ אויף זייער אופן אַ אידישע פּרעסע און ליטעראַטור, אין גרויסען מאַסשטאַב. עס איז פאַר מיר געווען אַ נייע וועלט.

צווישען פיעל אַנדערע אידישע שריפטשטעלער פון באַדייטונג האָב איך זיך, מיט 17 יאָהר צוריק, באַקענט אויך מיט ב. גאָרין.

דער פארשטארבענער האט אויף מיר דאן גלייך געמאכט א זעהר סימפאטישען איינדרוק. ער איז געווען זעהר באשיידען, צוריק־געהאלטען, ווייניג גערעדט, טאקטפול און קארעקט.

אין די געשפרעכען מיט מיר, ווען מיר פלעגען זיך — ניט גאנץ אפט — צוזאמענטרעפען, האט ער מיר קיינמאל ניט אנגע־דייטעט, אז זיין ווירקליכער נאמען איז ניט ב. גארין, נאר יצחק גוידא, דערזעלבער, וועלכער איז מיט מיר דערשינען אין די „ספרי אגורה", און וואס איך האב זיך אזוי מצער געווען אויף זיין פאר־שווינדען פון דער העברעאישער ליטעראטור.

איך האב די ערשטע צייט ניט געוואוסט, אז ב. גארין איז יצחק גוידא, דאך האב איך גלייך באמערקט, אז ער איז א תלמיד חכם און באלעזען אין דער העברעאישער ליטעראטור. צופעליג האב איך דערפאהרען פון א קאלעגע, אז ב. גארין איז דאס דער־זעלבער י. גוידא פון די „ספרי אגורה".

* * *

די ליבע צו דער העברעאישער שפראך און ליטעראטור איז פארבליבען ביי ב. גארין ביז זיין לעצטען אטעם.

איך געדענק א געשפרעך מיט איהם, אין וועלכען ער האט מיר פאלגענדעס געזאגט: עס איז מיר, ווי עס שיינט, ניט באשערט געווען צו פארבלייבען אין דער העברעאישער ליטעראטור, ווי איך האב געוואלט און געטרוימט אין מיינע יונגע יאהרען. אין אמע־ריקא, וואוהין איך בין יונג געקומען, האב איך געמוזט ווערען אן אידישער שרייבער. העברעאיש איז דא ניט געווען וואו און פאר וועמען צו שרייבען. פון העברעאיש האט מען דא ניט געקענט מאכען אפילו א הונגער לעבען. און דער עיקר וויל מען געלעזען ווערען, וויל מען האבען א ווירקונג, אן איינפלוס אויף די אידישע מאסען, וויל מען שרייבען פון לעבען און פארן לעבען מוז מען דא שרייבען אידיש. די צרה איז וואס מען קען דא ניט — באזונ־דערס אין דער אידישער אמעריקא פון א מאל — אפילו אין אידיש שרייבען ווי מען וויל, וואס מען וויל און ווען מען וויל. מיין לי־טעראריש־ער טרוים האט זיך אין אמעריקא ליידער ניט פארווירק־ליכט.

גאַרין האָט דיזע ווערטער אַרויסגעזאָגט שטיל, שעמעוודיג און מיט אַ ציטער אין זיין שוואַכער שטים.

* * *

געוויס האָט ב. גאַרין זיינע נאַטירליכע פעהיגקייטען, לויט זיין ליטעראַרישער בילדונג און לויט זיין פלייס, התמדה און אי־נערליכסטע באַציהונגען צו ליטעראַטור און אידישער קונסט אין שטאַנד געווען פיעל וויכטיגערעס, פיעל רייפערעס און גרעדיגענערעס צו געבען אין דער אידישער ליטעראַטור ביי אַנדערע פאַרהעלטני־שען, מאַטעריעלע און גייסטיגע.

ליידער זיינען דאָ אין אַמעריקאַ, און פיליכט אין דער גאַנצער וועלט, אַזעלכע פערהעלטנישע, מאַטעריעלע און קולטורעלע, אַזאַ גייסטיגע אַטמאָספערע, דאָס יעדער איינער פון אונז, אידישע שריי־בער, גיט דער ליטעראַטור, ווי ליעב ער זאָל זי ניט האָבען און ווי ערנסט ער זאָל זיך צו איהר ניט באַציהען, פיעל ווייניגער אַלס ער איז אין שטאַנד צו שאַפען.

און דאָך, טראָץ דעם שווערען מאַטעריעלען קאַמף, וואָס גאַרין האָט דאָ, אין אַמעריקאַ, געפיהרט די ערשטע יאַהרען, טראָץ אַלע שוועריגקייטען און טראָץ דאָס זיין צאַרטע, עמפינדליכע גייסטיגע נאַטור האָט דאָ ניט געפונען די פאַר איהר פּאַסיגע אַטמאָספערע, — טראָץ אַלעם דעם האָט ער איבערגעלאָזען אַ ליטעראַרישע ירושה פון גרויס ווערט.

די זאַמלונג פון גאַרינ׳ס דערצעהלונגען און סקיצען אַנטהאַל־טען אין זיך אַ גאַנצע גאַלעריע פון אידישע טיפּען, פון לעבעדיגע סיטואַציעס, פיעל פּאָלקלאָר, פיעל מאַטעריאַל פאַר דער קולטור־געשיכטע פונ׳ם פאַריגען דור און פיעל פיינע באַאָבאַכטונגען.

גאַרין אַלס מענש איז געשטאַנען שטענדיג באַשיידען, צוריק־געהאַלטען, אין אַ זייט פונ׳ם לעבענסשטראָם, פונ׳ם יאַריד, אָבער ער האָט געהאַט אַ קלאָרען בליק פאַר׳ן לעבען, אַ געזונטען חוש פאַר דער ווירקליכקייט און אַ וואַרימע האַרץ פאַר דעם ליידען און זיך פּלאָגען פון די אידישע מאַסען. פיעל מאָל אויך אַ פיינעם הומאָר. דערצו איז ער געווען באַגנאַדעט מיט אַ לייכטען פעדער,

מיט א קלאַרע, פּרעציזע שפּראַך. קיין איבעריגע ווערטער, קיין פאַלשער טאָן, קיין טעמע אַריבער זיינע בחות.

גאַנץ באַזונדערס אויסגעצייכענט האָט זיך אָבער גאָרין אַלס טעאַטער־קריטיקער. מ׳קען זאָגען, אַז ער איז געווען דער פאַטער פון דער אידישער טעאַטער קריטיק. אויף דיזען געביט האָט ער געלייסטעט פיעל קולטורעלע אַרבייט.

אַלס טעאַטער קריטיקער איז ער שטענדיג געווען זאַכליך, עהרליך, דערציהעריש און באַלעהרענד.

זיין געשיכטע פון אידישען טעאַטער איז אַן ערנסטע אַרבייט, איז פּיאָנער אַרבייט, איז ריין אין וויסען, און איז דערוויילע די איינציגע אויף דיזען געביט *).

די אַלמנה פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער, עליזאַבעט גאָרין, פאַרדיענט פיעל אַנערקענונג פאַר איהר גרויסע מיה און גרויסע אָפּפער, וואָס זי ברענגט אַלס פאַרלעגערין און ביאָגראַפין פון די געזאַמעלטע שריפטען פון איהר לעבענס־פריינד און לעבענס־באַגלייטער.

ראובן ברייני.

ניו יאָרק, 18טען סעפּטעמבער, 1927.

---

*) ביי דער דערשיינונג פון דער צווייטער אויפלאַגע פון דער „געשיכטע פונ׳ם אידישען טעאַטער" פון גאָרין האָב איך געגעבען אַן אויספיהרליכע אָפּשאַצונג אין „טאָג", אין עטליכע אַרטיקלען.

ר. ב.

ב. גאָרין

(אַ ביסל ערינערונגען)

מיר איז שוין אַמאָל אויסגעקומען וועגן דעם צו שרייבן.

מיט דעם פאַרשטאָרבענעם ב. גאָרין בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט 34 יאָר צוריק, אין באַגינען פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. איך בין נאָך דעמאָלט געוועזן אַ האַלבער קלויזניק; ער — שוין אַ יונגער העברעאיש־אידישער נאָוועליסט, וועלכער האָט זיך געדרוקט אין ספּעקטאָר׳ס „הויז־פריינד" און אין בן־אביגדור׳ס „ספרי אגורה". אין יענער צייט איז עס געוועזן ניט קיין קליינע זכיה; און אידישע שרייבער זיינען נאָך בכלל געוועזן זייער ווייניג, אַזוי אַז יעדער איינער האָט זיך שטאַרק אָנגעזען.

גערופן האָט מען גאָרינען דעמאָלט מיט זיין אמת׳ן נאָמען יצחק גוידא. אַזוי האָט ער גע׳חתמ׳עט זיינע ערשטע אידישע נאָוועלן. ער האָט שוין געהאַט אַ שטיקעל נאָמען; מ׳האָט אויף איהם געלייגט האָפענונגען. און דאָך האָט ער זיך געחברט מיט אַזעלכע האַלבע קלויזניקעס ווי איך. מיט אונז האָט ער זיך געפיהלט היימישער, ווי מיט די עלטערע משכילים און מיט די „געענדיגטע" אינטעליגענטען: ער איז דאָך אַליין אַקאַרשט אַרויס פון אונזער סביבה און פון איר האָט ער געשעפּט מאַטעריאַל פאַר זיינע ערשטע נאָוועלן.

דעם ערשטן מאָל האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט, דוכט זיך, חול המועד סוכות תרנ"ד (1893) אין ווילנע. מיר האָבן גערעדט וועגן די „ספרי אגורה", וואָס בן־אביגדור האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע — אַ העברייאישע בעלעטריסטישע ביבליאָטעקל, יעדעס ביכעלע 32 זייטלאַך פּעטיט, פּרייז 5 קאָפּיקעס. גוידא האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער איז דאָס דער מחבר פונם „הנגר הנאור" (דער אויפגעקלערטער סטאָליער — אַ נאָוועלע אין צוויי ביכעלאַך) און דעם אונטערשריפט י. ג—א דאַרף מען לייענען: יצחק גוידא.

ביי די יונגע־לייטלאַך, וואָס האָבן אַקאָרשט אַוועקגעוואָרפן דעם בית־המדרש אָדער האָבן זיך געקליבן אים אַוועקצוואַרפן, איז דער „הנגר הנאור" געווען זייער פּאָפּולער. איך האָב אים אויך געלייענט. גוידא האָט דאָרטן געשילדערט אַ ישיבה־בחור אַן עילוי, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן דעם תּלמוד און האָט זיך אויסגעלערנט סטאָלעריי; איצט לעבט ער פון אַרבעט און זוכט אויפצוקלערן זיינע חברים פון פאַך, די פּשוט׳ע סטאָליאַרעס. צווישן די ישיבה־בחורים, וואָס זיינען געווען משכּילים, איז עס דעמאָלט געווען אַ גאַנגבאַרע אידייע. איך אַליין האָב געהאַט נאָענטע חברים און באַקאַנטע, וואָס אַוועקוואַרפנדיג די גמרא, האָבן זיי זיך גענומען ניט פאַר לאַטיין און גריכיש, נאָר פאַרן האַמער און נאָדל. אַזעלכע זיינען געווען ישׂראל מיכל קאַפּלינסקי (דער שפּעטערדיגער באַוואוסטער פּראָוואָקאַטאָר), פּסח דאַמסקי, יעקב ווײַנער און אַנדערע.

גוידא האָט מיר דערצעהלט, אַז פּאַר׳ן העלד פון זיין נאָוועלע האָט ער גענומען אונזער געמיינזאַמען באַקאַנטן אַברהם וואַלט (דער איצטיגער דיכטער א. ליעסין), אַ בחור אַן עלוי, וואָס דרעהט זיך צווישען אַרבעטער און מ׳זאָגט, אַז ער קלייבט זיך אַליין ווערן אַן אַרבעטער.

ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט מיר גוידא פּאַרזיכטיג פאַרטרויט, אַז עס זיינען פאַראַנען אין ווילנא אינטעליגענטן, לערער און סטודענטן, וואָס זוכן באַקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע יונגע לייט, וואָס קענען שרייבן זשאַרגאָן (צווישן מער אָדער ווייניגער אינטעליגענטע מענשן פלעגט מען דאָס וואָרט „אידיש" אין יענער צייט נאָך כּמעט ניט געברויכן.) כאַפּן זיי אַזאַ יונגנמאַן — זיי רופן אים האַלבער אינטעליגענט — ווערן זיי מיט אים נאָענט, גיבן אים ביכער צום לייענען, פאַרגיבן טעמעס וועגן וואָס צו שרייבן. גוידא האָט מיר געזאָגט, אַז ער גופא טראָגט זיך איצט אַרום מיט אַ געדאַנק, צו שאַפן אין זשאַרגאָן אַזאַ ביבליאָטעקל פון פינף קאַפּיקענע דערציילונגען, ווי בן־אביגדור׳ס העברייאישע. ער האָט שוין אַפילו אַ פאַרלעגער אויך, דאָס איז יוסף שריפטזעצער, דער פּאַרוואַלטער איבער דער אידישער דרוקעריי פון „ראָזענקראַנץ און

שריפטזועצער״. יענע דרוקעריי גיט סיי ווי ארוים קליינע זשאר־גאנישע ביכלאך, אויף וועלכע עס שטייט אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות „הארצרייסענדער ראמאן״, דערנאך מיט קליינע אות׳עלאך: „אזוי ווי די ראמאנען״ און ווידער מיט גרויסע אותיות „פון שמ״ר״. אזא ביכל האלט איין קליינעם דרוקבויגן; דער פארפאסער נעמט פאר אים דריי רובל און פארקויפט דעם זכות אויף אייביג — לצמיתות. אזא ביכל ווערט געדרוקט אין צען טויזנט עקזעמפליארן און ווערט פארשפרייט דורך פאקנטרעגער, וועלכע צאלן צו איינע אדער אנדערטהאלבן קאפיקעס און פארקויפן עס צו דריי קאפיקעס א שטיק. וויל איצט יוסף שריפטזעצער, א מענש שוין א ביסל א היינטיקער, אויף דעם זעלביגן אופן ארויסגעבן בעסערע ביכלאך, וועלכע ער וועט אויך פארשפרייטן דורך פאקנטרעגער, נאר דער דער פארפאסער וועט נעמען פאר אזא ביכל צען רובל, און אין איינצל־פארקויף וועט עס קאסטן פינף קאפיקעס.

דאס ביבליאטעקל „קליינע דערציילונגען״ האט טאקע באלד אנגעהויבן ארויסצוגיין און אין משך פונם נאענטן ווינטער און זומער זיינען ארוים פאלגנדע נומערן:

1) י. גוידא — „פון זאוואד אין באד״. א מעשה מיט אן ארבעטער, וואס פארלירט די האנט ביים מאשין פון זעלצער־וואסער, און אז ער גייט ארוים פון שפיטאל, האט ער קיין אנדער ברירה ניט, ווי צו ווערן א היטער פון די קליידער אין באד. אלע פרייטאג גיט אים יעדער איד, וואס גייט אין באד, א קאפיקע פאר היטן די זאכן, און דער באלעבאס פונם זעלצער־פאבריק, וואו ער האט די האנט פארלארן, גיט אים גאנצע צוויי קאפיקעס.

זיינע באקאנטע אינטעליגענטן האבן גוידאן געבעטן אנשרייבן א דערציילונג וועגן א זאקן־מאכערקע, אן ארבייטערין, וועלכע האט זיך דעמאלט גערעכנט פאר א טיפישע פארשטייערין פון דעם נאר־וואס געבוירענעם אידישן פראלעטאריאט. אבער גוידא האט זיך דערפון אפגעזאגט: ער איז ניט געווען באקאנט מיטן לעבן פון די אידישע זאקנמאכערקעס. פון „זאוואד אין באד״ איז א רעאליסטישע דערציילונג. עס פילט זיך באאבאכטונג. אבער דער ארבעטער פונם זעלצער־זאוואד איז ארוים ניט טיפיש. און דער

עיקר — דער טאָן איז פון מענדעלי מוכר ספרים. בעת ער באַשרייבט דעם אָרימען שוסטער, וועלכן מ׳פירט אַוועק אויף אַ וועגעלע אין הקדש שטאַרבן. עס איז די אַלטע רחמנות צום ליידנדיקן אָרימאַן און ניט דער נייער האָפערדיגער פּראָטעסט פונם לוין־אַרבעטער. און דאָך האָט דאָס ביכעלע אין יענער צייט שטאַרק אויסגענומען ביי די יונגע אַרבעטער און יאָרן־לאַנג האָט עס געדינט פאַר אַ גוטן אָנהויב פון „אַגיטאַציע״: די אינטעליגענטן, וואָס האָבן דעם ביכעלע אינספּירירט, האָבן געוויס מער ניט פאַרלאַנגט.

2—3. י. גוידאָ — „דער נייער פּראָצענטניק״. אַ מעשה מיט היינטיגער פאַר־פאָלק פון דער באַלעבאַטישער וועלט, וועלכע האָבן אין דער יוגנט אַ סך געערדט וועגן בילדונג און נייעם גייסט, און אַז זיי האָבן חתונה געהאַט זיינען זיי, ביסלאַכווייז, פאַר זיך אַליין ניט באַמערקט, געוואָרען פּראָצענטניקעס מיט אַלע פּישטשעווקעס, ווי זייערע טאַטעס. אויף וויפיל איך קען זיך איצטער דערמאָנען, איז די צווייטע דערציילונג אַרויס אַ סך שטאַרקער ווי די ערשטע. אין אַרבעטער־קרייזן פלעגט מען דאָס ביכעלע אויסנוצן, ווי אַ סאַטירע אויף די ליבעראַלע פּוסט־און־פּאַסניקעס, וואָס רײדן נייע פראַזן און טוען די אַלטע מיאוסע מעשים פון זייערע טאַטעס און זיידעס. מ׳האָט עס אויך אויסגענוצט צו באַווייזן, ווי די עקאָנאָמישע לאַגע ווירקט אויפן מענשן און מאַכט אַש און רויך פון די שענסטע אידעאַלן.

4. י. גוידאָ — „דער סאַוועסט איז פאַרפאַלן געוואָרן״. שטשעדרינ׳ס באַקאַנטע סאַטירע, צוגעפּאַסט צום אידישן לעבן.

5. ד. פּינסקי. — „דער גרויסער מענשן־פריינד״, פריער געדרוקט אין דריטן באַנד „הויז־פריינד״.

6. י. ל. פּרץ — „יוסל ישיבה בחור״ און „דאָס אָרימע אינגל״.

קיין לאַנגע יאָר האָבן די „קליינע ביכלאַך״ ניט געהאַט. גוידאָ האָט געמוזט אויפגעבן זיין „ביבליאָטעקל״ צוליב מאַנגל אין מיט־אַרבעטער. מרדכי ספּעקטאָר האָט צוגעזאָגט, אָבער ער האָט גאָרנישט צוגעשיקט. שלום־עליכם האָט אפילו ניט געענטפערט. פּרץ און פּינסקי האָבן געפּלאַנעוועט אַן אייגענע אויסגאַבע, און אויס־

פילן די „קליינע ביכלאך" מיט זיינע אייגענע שריפטן האט גוידא ניט געוואלט און ניט געקענט.

אין יענעם יאר פלעג איך זיך מיט גוידא'ן אפט באגעגענען. ער איז געווען דער ערשטער מאדערנער אידישער שרייבער, וועלכן איך האב אנגעטראפן. בעת איך בין נאך א קינד געווען, בין איך באקאנט געווארן מיטן אלטן העברייאיש־אידישן שרייבער יהושע מייזאך. אבער דאס איז געווען א פארפלאנטערטער מענש, וועלכן איך האב דעמאלט בשום אופן ניט געקענט איינבייסן און זיין גאנצע געשטאלט האט אין מיר ניט געקענט איינפלאנצן קיין גרויסע ליבע צו אידישע שרייבער. גוידא האט אויף מיר שטענדיג גע־מאכט אן אויסגעצייכנטן איינדרוק מיט זיין שטילער באשיידנהייט, מיט זיין פארבייניקטער פארטראכטקייט. אויף דאס געדרוקטע ווארט האט ער געקוקט, ווי אויף א הייליגקייט; אויף דער מלאכה פון א שרייבער, ווי אויף אן עבודה; ער האט געפילט די גרעסטע אחריות פאר יעדעס ווארט, וואס איז ארוים פון זיין פעדער. א באשיידענער, א טיף־ערנסטער, א גלויביגער אידעא־ליסט — אזעלכער איז י. גוידא פארבליבן אין מיין זכרון.

מיט עלף יאר צוריק האב איך אים אמאל געטראפן אין ניו יארק. ער האט דעמאלט געארבעט איבער דעם ווערק פון זיין לעבן — אי־בער דער געשיכטע פונם אידישן טעאטער. אונזער באגעגעניש איז געווען א קורצע. מיר האבן קיין צייט ניט געהאט צו צוגיין איינער צום אנדערן נעענטער. אין זיין פנים און אין זיינע ווערטער האב איך דאך באוויזן צו באמערקן דעם זעלביגן טיפן ערנסט, דעם זעלביגן און אפשר נאך א גרעסרן געפיל פון שווערער אחריות, וואס מיט עטליכע און צוואנציג יאר צוריק.

מיט די אמעריקאנער ווערק פון ב. גארין בין איך ניט גענוג באקאנט. אבער זיינע „קליינע ביכלאך" פון 1894 אין ווילנא זיינען געווען טוי און רעגן, וועלכע האבן באפרוכפערט די ערשטע קערנער פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג; זיי האבן אנגהויבן שאפן דעם אידישן ארבעטער, אלס נייעם לעזער, און אויף אזוי פיל גע־הערן זיי צו די ערשטע שטיינער פון דער נייער אידישער ליטע־

ראַטור בכלל. ב. גאַרין איז געשטאַנען נאָענט צו די פּיאָנירן פון בונד און איז אַ געוויסער מאָס איז ער אַליין געווען פון די פּיאָנירן.

זאָלן אַט די פּאָר זייטלאַך מיינע זיין אַ באַשיידן בלימל אויף זיין פריציייטיקן קבר.

א. ליטוואַק.

ניו יאָרק, סעפּטעמבער, 1927.

אַ בריוו פון אַלכסנדר האַרקאַווי

ניו יאָרק, 23טען אַוגוסט, 1927.

געערטע מאַדאַם עליזאַבעט גאַרין!

מיט גרויס פרייד האָב איך אויפגענומען די בשורה, דאַס איר האָט שוין צוגעטראָטן צו דרוקן אַ זאַמלונג פון די שריפטן פון אייער גרויסן לעבנס-באַגלייטער און מיין ליבן פריינט בערנאַרד גאַרין ע״ה.

צו פאַראייביגן גאַרינס פאַרדינטן נאָמען האָט איר ניט גע־קענט טאָן קיין בעסערע זאַך, ווי אַרויסצוגעבן זיינע ווערק; איר שטעלט אים מיט דעם די פאַסענדסטע מצבה — דעם מאָנומענט, וואָס וועט האַלטן זיין אָנדענק פריש פאַר פילע דורות.

ניט אַלע שרייבערס ווערק קענען בלייבן דויערנדיקע מאָנו־מענטן. עס זיינען דאָ שרייבער און שרייבער — שרייבער וואָס זייערע שריפטן זיינען איינטאָגיגע, וואָס לעבן נאָך ווייניגער ווי זייערע פאַרפאַסערס, און שרייבער, וואָס זייערע שאַפונגען האָבן אַ דויערנדיגן ווערט, וואָס לעבן אַריבער זייערע באַשאַפערס אויף לאַנגע צייטען. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערט אָן ספק מיין אומפאַרגעסליכער פריינט ב. גאַרין.

גאַרין איז געווען אַ פילזייטיגער שרייבער — אַ פּובליציסט, אַ קריטיקער, אַ בעלעטריסט, — דאָך איז ער געווען פריי פון דעם חסרון פון פילזייטיגע שרייבער — פון אויבערפלעכליכקייט. אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן צייכנט זיך אויס מיט אַ מערקווירדיגער פּינקטליכקייט. אין זיינע פּובליציסטישע און קריטיק-אַרטיקלען איז יעדעס וואָרט גוט דורכגעדאַכט, און אין זיינע בעלעטריסטישע שריפטן איז יעדער שטריך פון אַ שילדערונג אַ רע־זולטאַט פון טיפער באַאָבאַכטונג. ווען איינער לייענט זיינע

ווערק שעפט ער גרינטליכע ידיעות און לערנט פאקטן, ניט קיין פוסטע פאנטאזיעס. זיינע קריטיקן איבער ליטעראטור און דראמע זיינען לעבענסווערק, זיינע סקיצן פון דעם יידישן לעבן זיינען אמת'ע קולטור־היסטאריע פון דעם יידישן פאלק.

שרייבער פון דעם מין, צו וועלכן גארין האט געהערט, זיינען זעלטן לומדים; זיי פארלאזן זיך צופיל אויף זייער טאלאנט צו אמבינירן ווערטער און באפרידיגן זיך מיט שעפן זייערע מאטע־ריאלן פון דער לופט. גארין איז געווען א שרייבער א למדן. ער האט גענערט זיין פעדער דורך זיין שטענדיגן לערנען. א דאנק דעם איז ער געווען בכח אנצושרייבן זיין צווייבענדיגע געשיכטע פון דעם יידישן טעאטער, וואס האט געפאדערט אזוי פיל שטודיום און פארשונג.

ארויסגעבנדיג די ווערק פון אייער גרויסן לעבנס־באגלייטער דערלאנגט איר דער יידישער וועלט א טייערע מתנה, פאר וועלכע איר וועט האבן דעם דאנק ניט נאר פון אונזער דור, נאר אויך פון די קומענדיגע דורות, אזוי לאנג ווי עס וועט לעבן דאס יידישע ווארט!

פון טיפן הארצן ווינש איך אייך הצלחה אין אייער גרויסער, וויכטיגער אונטערנעמונג.

מיט פיל אכטונג,

אלכסנדר הארקאווי.

אַ פּאָר ווערטער וועגן גאָרין

דער מאַן, וועלכער טהוט זיין ארבייט מיט געפיהל, מיט געשמאק און מיט איבערגעבענהייט, שאפט אַן איבערפלוס־ווערטה אדער „סוירפּלוס וואליו" פאר זיך אליין אזוי גוט ווי פאר אנדערע. עס בלייבט ביי איהם עפּעס איבער נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג מיט די זאך וואס ער האט גענומען טאָן, און די ערפאהרונג, דער פאַרברייטערטער בליק און דער שוואונג פון פאַנטאַזיע ווערען אַ פאַרבאַרייטונג פאר מעהר אמביציעזע ארבייטען וואס האבען אַ שייכות מיט די אייגענע דורכגעלעבטע פארגאַנגענהייט. ווען דער גייסט פון אזא טהייערען ארבייטער ענטוויקעלט זיך צו זיין פולער רייפקייט איז ער אַ היסטאָריקער, אויף דעם פעלד אויף וועלכען ער ארבייט. עס מאכט ניט אוים אויב ער האָט ווען געהאַט אין זינען צו זיין אַ געשיכטע־שרייבער אדער ניט.

ב. גאָרין ע"ה, דער ערנסטער שרייבער, וועלכער האָט זיך איבערגעגעבען צו זיין ליטעראַרישער ארבייט מיט אַ שטאַרק־ענטוויקעלטען געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט, איז כסדר געוואַקסען דורך דעם איבערפלוס־ווערט פון פריהערע ארבייט. דער איבערזעצער און שרייבער פון קליינע ערצעהלונגען האט מיטגעבראַכט אהער גענוג ערפאהרונג און אמביציע צו קענען דא ווערען אַ שרייבער וועגען שרייבערייי, אַ קריטיקער פון ליטעראַטור און פון טעאַטער, נאָך אין די 90־גער יאהרען. פון דיעזע ארבייט איז ביי איהם אַנגעזאַמעלט געוואָרען גענוג, עס זאָל איהם ציהען צו ווערען אַ רעדאַקטאָר פון אַ טעאַטער־זשורנאַל, און שפּעטער צו שרייבען אליין איינינגע דראַמען, צו ווערען אַן אנערקענטער טעאַטער־קריטיקער.

וואס ער האט אפּגעשפּאַרט איז נאָר געוועזן קענטניס פון דעם געגענשטאַנד און מאַטעריאַל, אבער דאס איז געוועזן גענוג איהם

צו צווינגען צו געהן ווייטער, אזוי ווי דער ביזנעסמאן, וועלכער האט ערפאלג אין געשעפטליכע אונטערנעהמונגען און פארנעהמט זיך אימער ברייטער. די קרוינונג פון זיין קאריערע קומט מיט די געשיכטע פון אידישען טעאטער, וועלכע איז אנערקענט אלס די בעסטע שאפונג אויף דיזעם פעלד, און איז זוכה צו ווערען אי־בערגעדרוקט אין א קורצער צייט. די צווייטע אויפלאגע איז גרע־סער און בעסער, ווייל דער טיכטיגער ארבייטער האט ניט אויפ־געהערט צו שפארען, און די שטענדיגע בארייכערונג פון קענען און וויסען האט פאר איהם געדיענט אלס טריעב־קראפט, אזוי ווי רוהעלאזע אמביציע אדער יאגעניש נאך געלט און כבוד דיענט ביי אנדערע. דער טויט האט איהם אוועקגעריסען פון דער אר־בייט וואס ער האט אנגעהויבען צו דערגרייכען די פולע רייפקייט פון זיינע פעהיגקייטען און קענטנים, אין א צייט ווען גייסטיגע ארבייטער פון דעם ריכטיגען סארט הויבען ערשט אן זאמלען די פרוכט פון די שפארזאמקייט פון די אינגערע יאהרען.

דאס איז דער שטאנדפונקט, פון וועלכען די גאנצע ארבייט פון ב. גארין דארף באטראכט און אפגעשאצט ווערען. ער האט געהערט צו די גייסטיגע אריסטאקראטיע פון אונזער ליטעראַרישע וועלט, די איידעלקייט, די ערנסטקייט און די שטרעבונג צו הע־בערעס וואס האט כאראקטעריזירט דעם מאן, שפיגעלט זיך אפ אין אלעם וואס ער האט געשריבען. ער פארדינט געלעזען צו ווערען מיט אויפמערקזאמקייט, און באקאנטשאפט מיט זיינע ווערק איז ווינשענסווערט פאר יעדען אנהענגער פון אונזער לי־טעראטור. צו לעזען אלעם וואס ב. גארין האט פארפאסט, מיינט באקאנט צו ווערען מיט איינעם פון די שעהן־גייסטער וואס האבען געשריבען אידיש, און צו קריגען א גוטען באגריף פון די פאר־שידענע ערשיינונגען אין אידישען לעבען, וואס זיין עהרליכע און פרוכטבארע פעדער האט באריהרט.

פ. וויערניק.

ב. גאָרין

זיין לעבען און ליטעראַרישע טהעטיגקייט.

1.

מיין וועהטאָג איז נאָך צו גרויס און די וואונדען צו פריש, דאָס איך זאָל זיך איצט אונטערנעהמען צו שרייבען אַן אויס־פיהרליכע ביאָגראַפיע. דאָס וועט מסתמא שפּעטער געטהאָן ווערען פון אַנדערע. אויב מיר וועט נאָך געגעבען ווערען צייט זיך נאָך אַ מאָל צו דעם זיך צוריקצוקעהרען, וועל איך דאָס מן־הסתם טהאָן אין אַן אַנדער פאָרמע און ווער וויים, אפשר אין אַנדער שפּראַך. איצטער וועל איך געבען דאָס וויכטיגסטע, אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם צוקינפטיגען ליטעראַטור היסטאָריקער און געשיכטע שרייבער פון דעם אידישען טעאַטער.

יצחק גוידא איז געבוירען געוואָרען אין לידא, אין יאָהר 1868 און אויף וויפיעל איך האָב געקענט דערגעהן פון פּאַספּאָרטען און פון אַנדערע דאָקומענטען, דעם דרייצעהנטען אַפּריל, דעם זעלבען טאָג אין וועלכען ער איז געשטאָרבען, אין אַ פרומער און אַלט־מאָדישער בעל־הבית׳ישער פאַמיליע, ד. ה. זיי האָבען פאַרמאָגט אַ קראָם אין מאַרק און אַן אייגענע הויז. א חוץ איהם זיינען נאָך געוועזן צוויי קינדער. ווען ער איז קוים אַלט געוועזן דריי יאָהר איז זיין ברודער שבתי׳ל, שוין געוועזן פאַרהייראַט און האָט געהאַט אַ מעהל־געשעפט, זיין שוועסטער דבורה איז געוועזן מיט אַ דריי־פיר יאָהר אינגער פון איהם.

די מוטער, אַ האַרעפּאַשנע פרוי מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער און אַ גאַנץ קלוגע, האָט געפיהרט די הויז, געהאַנדעלט אין קראָם און ערצויגען די קינדער. זיי געגעבען אין חדר, געצאַהלט שכר־למוד און געהאַט איבער זיי די גאַנצע דעה.

זי האָט די צוויי קינדער גוט אָפּגעהיט, איבערהויפּט יצחק'ן, וועלכער איז געווען אַ געזונד, פרעהליך פאַרשייט קינד.

אין עלטער פון פינף יאָהר האָט מען איהם אַוועקגעגעבען אין חדר. איצט האָט זיך אַלץ געענדערט. דער חדר האָט געמאַכט אויף דעם זעלטען־עמפּפינדליכען צערטליכען קינד אַ שלעכטען איינדרוק, און וואָס נאָך ערגער — אַ שרעקליכע ווירקונג אויף זיין געזונד, אַזוי דאָס דער מאַמעס גאַנצער צוזעהן און קעבלען איהם, — ווי זי האָט דאָס גערופען, האָט גאַרניט געהאָלפען. איך ציטיר דאָ וואָס ער שרייבט אין אַ בריף צו אַ פריינט אין וואַרשאַ, פון אַ קאַפּיע וועלכע איך האָב געפונען צווישען זיינע אַלטע כתבים: „איך בין נאָך ניט אַלט געווען גאַנצע זעקס יאָהר אַז מען האָט מיר אַריינגעגעבען אין אַ דונקעלן שמוציגען חדר, אָנגעפּילט מיט אַ סך אַזוינע אָרימע עופה'לאַך, ווי איך בין געווען; קינדערלאַך וואָס מען האָט אָפּגעריסען פון שפּילען אויף דער פרישער לופט, און פאַרשפּאַרט אויפ'ן גאַנצען טאָג צווישען פיער איינגע ווענט. איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטעהן, פאַרוואָס מען האָט אונז געדאַרפט האַלטען פאַרשפּאַרט דעם גאַנצען טאָג, ווען מען האָט די גאַנצע תורה, מישטיינס געזאָגט געקענט אויסלערנען אין וואָסער אַ האַלבע שטונדע. אָט אין דעם חדר האָב איך פאַרבראַכט גאַנצע צוויי יאָהר. איך בין אַהין אָנגעקומען אַ פאַרשייטער לעבעדיגער געזונט קינד און בין פון דאָרט אַרויס אַ שוואַכער, בלייכער, אָנגעשראָקענער אינגעל, וועלכער האָט געציטערט פאַר דעם שיין פון דער העלער זון און געקוקט אויף אַלע מענשען, ווי אויף ווילדע חיות“.

רעדענדיג וועגען זיינע קינדערשע יאָהרען, דערמאָנט ער זעהר וועניג דעם פאָטער. דעם הויפּט־פּלאַץ אין זיינע קינדערשע זכרונות פאַרנעהמט די מוטער, וועלכע ער האָט שטאַרק ליעב געהאַט און באַוואונדערט. דעריבער איז טאַקע די אידישע מאַמע אַרויסגעקומען אַזוי סימפּאַטיש אין זיינע יוגענד־ערצעהלונגען, איבערהויפּט אין די יום־טובדיגע. פון זיין פאָטער, ווי עס זעהט אויס, האָט ער קינדוויז ניט זעהר שטאַרק געהאַלטען. דאָס קינד האָט געזעהן נאָר די מוטער. זי איז געווען די פּרנסה־געבעריןֿ, די דעה־זאָגערין;

איהר האָט מען אַלעס פאַרטרויט און אַלע קינדערשע צרות און ספקות אויסגערעדט; צו איהר האָט מען זיך שטענדיג געמוזט ווענדען. דער פאָטער איז געווען אַ שוואַכער מענש, אפשר אַן איינגערעדטער שוואַכער, אַ שעהנער אָפּגעהיטער איד, מיט אַ פיין־אויסגעקאָמטע באָרד, אַן אָפּגעהיטער, ריינער און ציכטיגער מענש, וועלכער האָט ניט געטויגט צום געשעפט. ער האָט בעסער ליעב געהאַט אַריינצוקוקען אין אַ ספר און זיצען אין קלויז, איידער אין קראָם. אפשר, ווען די פרוי וואָלט געווען ווענינער „אשת חיל" און זיך ווענינער פאַרלאָזט אויף זיך, וואָלט געווען אַנדערש.

שוין שפּעטער, דאַ אין אַמעריקאַ, ווען ער האָט געהאַט אַן אַנדער ביישפּיעל פאַר די אויגען ווי זיין מאַמע, האָט דער זון אַנגעהויבען בעסער צו פאַרשטעהן דעם פאָטער. דאָ, פון דער ווייטענס, וואו די מאַמע האָט דעם טאַטען ניט פאַרדונקעלט, איז דער ווייכער, ליעבליכער טאַטע איהם זעהר טייער געוואָרען. ער האָט איהם אָפט געשיקט מתנות: אַ זעלטענע ליולקע־ציבעק, אַ פאָר פונט גוטען טאַבאַק, אַ שעהנעם שטעקען און אַזוי ווייטער. און מעהר פ א ר ש ט ע ה ע נ ד י ג איהם, האָט ער אָנגעהויבען שילדערן אַזעלכע טיפּען ווי זיין פאָטער איז געווען. אין „די טיהר", וואָס איז ערשינען אין די „צוקונפט" און נאָכדעם אין די „פאַרגעסענע נגונים" איז דער הויפט־העלד — זיין פאָטער.

עס קאָן זיין, אַז טאַקע דערפאַר וואָס זיין פאָטער איז געווען אַזאַ סאָרט מענש, איז דאָס אינגעל אָנגעקומען אין אַ סך אַ בעסערן חדר. דער צווייטער חדר איז געווען „אַ מאַן־זאַך", — „דער מאַן האָט זיך אויף אַזאַ חדר בעסער פאַרשטאַנען ווי אַ אידענע". ווען די מאַמע האָט זיך צו איהם געווענדעט נאָך אַ ראַטה, האָט ער טאַקע אויסגעקליבען דעם בעסטען חדר, און נאָך מעהר — דעם בעסטען מלמד.

אויף די ווייטערדיגע חדרים קלאָגט ער זיך שוין ניט מעהר, און פון זיינע „בילדער פון חדר" זעהט מען, דאָס ער האָט איהם געפונען גאַנץ אינטערעסאַנט.

צו צעהן יאָהר לערענט ער שוין רוסיש און דייטש, פריהער פון פריוואַטע לעהרער און נאָכדעם פון דער „יעווריייסקי אוטשי־

לישטשאָ״ און נעהמט נאָך דערצו פּריוואַטע לעסאָנס פון אַ לעהרער פון דער שוהלע, ביי איהם אין דער היים. אַט די עראינערונג פון יענער היים, די היים פון ענטוויקעלטע קולטורעלע מענשען, וועלכע האָבען, ווי עס שיינט, גענומען אַ גרויסען אַנטהייל אין דעם קלוגען טאַלאַנטפאָלען אינגעל, האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין גאַנצען אידעען־גאַנג — אויף זיין גאַנצער ענטוויקלונג. דערצו נאָך האָט ער זעהר אַ סך געלייענט, אָהן שום סדר, אָהן שום סיסטעמע, וואָס ער האָט נאָר אַריינגעקראָגען אין די הענט. לעזען האָט ער אָנגעפאַנגען זעהר פריה, און דער ערשטער בוך וואָס ער האָט זיין גאַנצען לעבען געדענקט, איז געווען „ספּורי נפלאות“.

צו דרייצעהן יאָהר איז ער מיט נאָך עטליכע חברים געפאָהרען אין דער מיר, נור ווי עס שיינט איז זיי דאָרטען ניט זעהר געפעלען געווען, ווייל אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָבען זיי זיך אַלע צוריק־געקעהרט אַהיים. נאָכדעם האָט ער אַ ווינטער פאַרבראַכט אין איישישאָק, לעבענדיג דאָרט „אויף אייגענע קעסט“.

דאָס אוועקזיין פון דערהיים, דאָס באַגעגעניש מיט אַ סך אַנדערע פּרושים, אַ סך עלטערע ווי ער איז געווען, דאָס פּיעלע און אַלזייטיגע לעזען האָבען צוביסלאַכוויז אָפּגעשוואַכט די רע־ליגיעזע פרומקייט און אילוזיעס פון די קינדערשע יאָהרען. דערצו נאָך האָט ער אָנגעהויבען שרייבען. דאָס האָט געזאָלט זיין זעהר פריה, ווייל ווען ער איז צום ערשטען מאָל, צו זעכצעהן יאָהר, אוועקגעפאָהרען קיין ווילנא, האָט ער שוין געהאַט מיט זיך אַ היבש ביסעל מאַנוסקריפּטען און דער לעהרער, וועמען ער האָט זיי געוויזען, האָט איהם צוגעגעבען מוטה.

עס קאָן זיין אַז דער לעהרער, וועלכער, ווי עס שיינט, איז געווען אַ סך אינטעליגענטער ווי דער דורכשניטליכער לעהרער פון יענער צייט, און די סימפּאַטישע אומגעבונג פון זיין היים, האָבען אויף יצחק׳ן אַזוי ווייט געווירקט, אַז ער האָט באַשלאָסען אַריינ־צוטרעטען אין ווילנער „אוטשיטעלסקי אינסטיטוט“ און ווערען אַ לעהרער. און ער וואָלט מסתמא דאָס דורכגעפירט, ווען ער וואָלט אין ווילנא זיך ניט באַקאַנט מיט אייזיק מאיר דיק. דער

קלוגער היבש־ביסעל צינישער אַלטער איז דעם זעכצעהן יעהריגען אינגעל שטאַרק געפעהלען און ער פלעגט מיט איהם ליעב האָבען צו פאַרברענגען. דערוויסענדיג זיך וועגען דעם ציעל, צו וועלכען ער שטרעבט, האָט זיך דיק אַנגערופען: „זעהסטו, דאָס איז שוין גאָרניט קיין מציאה. אַ מלמד בלייבט אַ מלמד. ניט מעהר — דער איז אַ מלמד מיט אַ רויטער קאָקאַרדע".

דאָס איז געווען איבערגענוג אָפּצושלאָגען ביי יצחק'ן יערען חשק צו ענדיגען אויף לעהרער.

אין ווילנא איז ער געבליבען עטליכע יאָהר, געבענדיג שטונדען און לערנענדיג פלייסיג אַליין. דאַמאַלסט האָט זיך נאָר וואָס אָנגעפאַנגען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אַלע האָבען גערעדט און געלערענט — מעהר גערעדט ווי געלערענט. „פּראָסווישטשעניע" האָט אָנגעפילט די לופט און פאַרהילכט די אויערען. יצחק האָט איצט געהאַט אַ סך באַקאַנטע, ער האָט אָבער שוין דאַמאַלסט ליעב געהאַט זיך צו האַלטען פון ווייטענס און זיך געפיהלט צווישען זיי ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז ער האָט ניט טיעף געפיהלט די נייע שטרעמונגען, ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרליידען די סתם־פראַזען און געהאַסט „דאָס איבערגיסען פון ליידיגען אין פוסטען". די אייביגע דעבאַטען, וועלכע האָבען צו גאָרניט געבראַכט און וועלכען יעדער דעבאַטאַנט איז שטענ־דיג געבליבען ביי דאָס זייניגע, האָבען ביי איהם קיין חן ניט געהאַט. אַ חוץ דעם זיינען די שטונדען וואָס ער האָט געגעבען, סיי פאַר געלד און סיי אומזיסט, און דאָס שרייבען, צו וועלכען ער האָט זיך איצט, צוליעב די נייע איבערלעבונגען און איינדריקע גענומען מיט מעהר פלייס, געווען אַ צו־גרויסע אָנשטרענגונג פאַר זיין שוואַכען געזונד.

זיינע ערשטע קליינע זאַכען — האַלב בעלעטריסטישע און האַלב פובליציסטישע, האָט ער אַוועקגעשיקט צו ספּעקטאָר'ן. וועגען זיין באַציהונג צו ספּעקטאָר'ן האָט גאָרין איבערגעגעבען אין אַ קאַפּיטעל פון זיינע ערינערונגען: „מרדכי ספּעקטאָר איז געווען מיין ער־שטער רעדאַקטאָר. איך האָב איהם סוף פון די אַכציגער יאָהרען צוגעשיקט די ערשטע פּאָר זאַכען וואָס איך האָב אָנגעשריבען. ער

האָט זיך דאָן געקליבען אַרויסגעבען דעם ערשטען טאָם פון זיין „הויז פריינד“ און איך בין דאַמאָלסט געווען נאָך גאָר אַן אָנ־פאַנגער. באַלד נאָך דעם האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוטה איהם צו מאַכען אַ וויזיט. ער האָט דאַמאָלסט געוואוינט מיט זיין גע־וועזענעם שווער, פרידבערג, אין אַ שעהנער געראַמער דירה. ער האָט מיר באַגעגענט מיט אַ הארציגען שלום־עליכם. עס האָט אויס־געזעהן ווי איך וואָלט איהם געטהאָן אַ גרויסע טובה מיט מיין וויזיט. ער איז גלייך געוואָרען צוטרויליך, אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך שוין נעקענט יאָהרען־לאַנג און אין פינף מינוט אַרום זיינען מיר שוין געווען ווי אַלטע חברים“.

„ער האָט מיר גלייך דערצעהלט, דאָס ער וועט אין גיכען פאָהרען צוריק אין פעטערבורג, איבערצונעהמען דעם „פאָלקס־בלאַט“, און האָט מיר שוין טאַקע אויף דער שטעל פאָרגעשלאָגען אַ שטעלע אין דער צייטונג וואָס ער וועט איבערנעהמען. איך האָב זיך גלייך דערשראָקען פאַר דער גרויסער פאַראַנטוואָרטליכקייט און איך האָב איהם ערקלעהרט, אַז איך בין ניט געניט אין אַ רעד־דאַקציע. ער האָט מיר אָבער דערוויזען מיט אַלע ראיות, דאָס איך בין דער סאַמע פערזאָן וואָס ער דאַרף האָבען און דורכאויס נעפאָדערט דאָס איך זאָל איהם לאָזען אַ שטענדיגען אַדרעס, און אַזוי גיך ווי ער ווערט רעדאַקטאָר פון „פאָלקס־בלאַט“, שרייבט ער מיר אַ בריעף פון פעטערבורג, דאָס איך זאָל באַלד קומען“.

„אין אַ קורצער צייט אַרום איז געווען אַן ערקלעהרונג אין „פאָלקס־בלאַט“, אַז מרדכי ספעקטאָר וויל איבערנעהמען די צייַ־טונג. עס איז אָבער פון דעם גאָרניט געוואָרען. פאַרשטעהט זיך, אַז עס איז גאָרניט געוואָרען פון מיין רייזע אין פעטערבורג“ *).

דאָס איז געשריבען געוואָרען, ווען גאָרין איז שוין געווען טויט־קראַנק מיט פאַרבאַנדאַזשירטע הענט. עס איז געווען די לעצטע ליעבעסגאַבע פון אַ חבר צו אַ חבר. גאָרין האָט זיך מיט ספעק־

---

*) „מרדכי ספעקטאָר ע"ה, אַ פאָר ערינערונגען פון מיין ערשטע באַגעגעניש מיט איהם“, פון ב. גאָרין, „מאָרגען זשורנאַל“, דעם 23טען מאָרטש, 1925.

טאַר׳ן, נאָך דעם לעצטענס קומען קיין אמעריקא, זעלטען געזעהן. ער איז שוין געווען זעהר קראַנק און איז איבערהויפּט זעלטען ער־גענץ געגאַנגען, אַ חוץ אין טעאַטער. חוץ דעם זיינען נאָך געווען אַנדערע אומשטענדען, פאַר וואָס גאָרין האָט זיך געהאַלטען פון דערווייטענס. אין האַרצען אָבער, און פון דעם ווי ער האָט פון איהם גערעדט, איז געווען קלאָהר צו זעהן, אַז די ליבע און רעס־פּעקט צו זיין ערשטען רעדאַקטאָר, ווי ער האָט איהם גערופען, איז קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

דער טאָג פון ספּעקטאָר׳ס טויט בין איך מיט גאָרינ׳ען געפּאָה־רען אין „קונסט טעאַטער". דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט באַזוכט אַ טעאַטער. מען האָט יענעם אָוונד צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט די „קאַלדוניא" פון גאַלדפאַדען. אין קאָר האָבען מיר באַגעגענט מרס. יהואש, און זי האָט מיר דער־צעהלט די נייעס. איך האָב איהר געבעטען, אַז זי זאָל ריידען שטי־לער, ווייל גאָרין טאָר דאָס איצט ניט הערען. איך האָב גוט געוואוסט ווי קראַנק ער איז, און איך האָב איהם געוואָלט די נייעס דערצעהלען פאָרזיכטיג אין דער היים. עס איז מיר ווירקליך געלונגען איהם דעם אָוונד איינצוהיטען אַז ער זאָל דאָס ניט הערען. אויף מאָרגען אָבער האָב איך איהם דאָס גע־דאַרפט זאָגען. עס האָט אויף איהם געמאַכט נאָך אַן ערגערען איינדרוק ווי איך האָב געדענקט, און עס האָט איהם שטאַרק גע־קרענקט, וואָס ער האָט אפילו ניט געקאָנט געהן צו דער לויה.

2.

איסאַק גוידא האָט דאָן וועניג געטראַכט פון אַ ליטעראַרישער קאַריערע. עס איז געווען אַ צו־ווייטער טרוים. דערווייל האָט מען זיך געדאַרפט לערנען, זיך פאַרטיג מאַכען פאַר אַ לעהרער־עקזאַמען, פון וועלכען ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט. אַ חוץ דעם האָט ער זיך באַדאַרפט באַלד שטעלען צום פּריזיוו. דערווייל איז ער געווען אין ווילנא, וואו ער האָט זיך קוים דורכגעשלאָגען מיט שטונדען. ווילנא איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ זעהר אינטערעסאַנטער צענ־טער. דאָרטען האָט אָנגעפאַנגען אויפצוגעהן די ערשטע זריעה

פון אַ באַוועגונג, נאָך ניט אַ קריסטאַליזירטע, אָבער שוין אַ טהעטיגע, פול מיט רעד און דעבאַטען, ניט צוקייטע אידעען און האָפנונגען; אַ יונגע באַוועגונג, אַ הייסע, אַ לײדענשאַפטליכע. אויב ער איז דאַמאָלסט אין איהר ניט אַריינגעצויגען געוואָרען איז דאָס אפשר געוועזן דערפאַר, ווייל ער האָט זיך גראָדע דאַמאָלסט פאַרליעבט, אָדער אפשר פאַרליעבט אין דער ליעבע, ווי עס איז אָפט דער פאַל מיט זעהר יונגע מענשען. מען הייראַט זעלטען די ערשטע ליעבע, און דאָס איז אפשר אַ גליק, ווייל אַזעלכע ליעבעס זיינען זעלטען גליקליכע. נאָר ווי עס זאָל ניט זיין, אָבער איהם האָט זיך געדוכט, דאָס קיינער פאַר איהם איז נאָך קיינמאָל ניט פאַרליעבט געוועזן. זי איז געוועזן אַ שלאַנקע אַכצעהן־יעהריגע מיידעל, מיט אַ בלאָנדען צאָפּ און בלויע אויגען. זי איז געוועזן אַ נייטאָרין און נאָך דער אַרבייט פלעגט ער איהר געבען שטונדען. ער האָט וועגען איהר גאָרניט געוואוסט, אַ חוץ דעם דאָס זי וואוינט זעהר ווייט און דאַרף אין שרעקליכסטען וועטער געהן צעהן אַזייגער ביינאַכט אהיים צופוס. ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון איהר, דאָס זי טוט עס ניט אויס נויט, נאָר ווייל זי וויל זיין אָפּהענגיג פון איהר פאָטער, דעם טיראַן — און וועלכער פאָטער איז דאָס ניט קיין טיראַן אין אַזאַ פאַל — האָט זיך זיין מיטלייד און סימפּאַטיע פאַרוואַנדעלט אין הייסער ליעבע. זיי האָבען באַשלאָסען, דאָס ער זאָל זיין עקזאַמען דורכמאַכען אַזוי גיך ווי מעגליך, דאַן וועלען זיי אָפּוואַרטען ביז נאָך דעם פּריזיוו און הייראַטען. דאָס איז געוועזן ענדע מאַרטש, 1890. ער איז אַוועק קיין וואַרשא, וואו ער האָט זיך געוואָלט פאַרפאַרטיגען צום עקזאַמען און דאָרט קריגען אַ שטעלע. ספּעקטאַר, וועלכער איז שוין ווידער געוועזן אין וואַרשא, האָט איהם פון דעם אָפּגערעדט. ער האָט זיך דאַן געקליבען אַרויסגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג און האָט איהם אָנגעבאָטען אַ שטעלע. עס איז אָבער פון דעם גאָרניט געוואָרען, פּונקט ווי פון זיין ערשטען פאַרשלאַג.

איסאַק האָט קיין שטונדען אין וואַרשא ניט געפונען. דאָס לערנען איז איהם אויך ניט געגאַנגען. די וואַרשעווער לופט האָט איהם געשאַדט און די ליעבע האָט איהם געצויגען צוריק קיין ווילנא.

ענדליך איז ער אַזוי ערנסט קראַנק געוואָרען, אַז ער האָט באַשלאָסען צו פאָהרען צוריק.

דערווייל האָט זיך דאָס מיידעל אַרומגעקוקט, אַז דער שדוך ל ו י נ ט ז י ך נ י ט פאַר איהר, עס האָט איהר זעהר שטאַרק געשמייכעלט צו זיין געליבט פון אַן אינטעליגענטען יונגענמאַן, וואָס איז שוין „געווען געדרוקט" און האָט שוין געהאַט אַ נאָמען צווישען די פאַרטגעשריטענע אַלס אַ טאַלאַנט; דערצו האָט זי געדענקט, אַז אַט ענדיגט ער שוין און קריגט אַ שטעלע און זי וועט קאָנען ווייזען איהר פאַמיליע און באַקאַנטע וואָס פאַר אַ גליק זי האָט דערטאַפּט אַהן אַ קאָפּיקע נדן, און דאָ האָט זיך פון אַלעמען אויסגעלאָזען אַ בוידעם. ער איז אַ קראַנקער, קאָן גאָר ניט דערגרייכען און דאַרף זיך ערשט שטעלען צום פּריזיוו. דערצו האָט זיך נאָך אונטערגערוקט אַן אַנדער יונגערמאַן, אַ געזינטערער, אַ שטאַרקערער, מיט מעהר האָפענונג אויף צו קאָנען מאַכען אַ לעבען.

איסאַק איז געווען צו־קלוג און צופיעל אַ שרייבער, אַז ער זאָל באַלד ניט דערקענען די ענדערונג אין זיין געליעבטע. זי האָט דאָס אָבער אין אָנפאַנג געפּרובט באַהאַלטען און עס האָט זיך אַזוי אָפּגעצויגען ביז צום ענד פון זומער. ער האָט שטאַרק געליטען, ווי עס איז צו זעהן פון זיינע בריעף צו איהר, וואָס איך האָב געפונען, זוכענדיג מאַטעריאַל פאַר די ביאָגראַפיע. עס קען אָבער זיין, אַז דאָס איז געווען מעהר דער געקריינקטער שטאָלץ, ווי זיין ליעבע צום מיידעל. ווי דאָס זאָל אָבער ניט זיין, האָט עס געהאַט אַזאַ שלעכטע ווירקונג אויף זיין געזונט, אַז ער איז צוליעב דעם באַפרייט געוואָרען פון מיליטער.

אין 1890, גלייך נאָך דעם פּריזיוו, האָט איסאַק באַקומען אַ בריעף פון יצחק לייבוש פּרץ, וואָס האָט דעם יונגען איסאַק ניט ווייניג איבערראַשט. פּרץ איז אפילו דאַמאָלסט נאָך ניט געווען דער באַרימטער שרייבער און ביי די מאַסען איז ער ווייניג־וואָס פאָפּולער געווען, אָבער זיינע העברעאישע שירים, זיין „מאָניש" און די עטליכע ערצעהלונגען וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט אין אידיש, האָבען שוין באַוויזען דאָס אַ נייער שטערן האָלט ביים אויפגעהן אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור, און פּרץ האָט אַלעמענס

אויפמערקזאַמקייט געצויגען אויף זיך.—היינט ווי גליקלאַך האָט זיך איסאַק געפיהלט, וועלכער איז נאָך דאַן גאָר אַן אָנפאַנגער געווען אין דער ליטעראַטור, וואָס אַחוץ די איינציגע ערצעהלונג וואָס ער האָט געדרוקט אין „הויז־פריינד“ איז כמעט גאָרניט געווען געדרוקט פון איהם, און צו איהם ווענדעט זיך פּרץ מיט אַ בריעף און לאַדט איהם איין מיטצואַרבייטען אין אַ זשורנאַל וואָס ער געהט אַרויסגעבען. נאָך מעהר: פּרץ שרייבט איהם, דאָס ער זעהט אין איהם טאַלאַנט און דערמוטיגט איהם ווייטער צו אַר־בייטען.

די ערצעהלונג איסאַק׳ס וואָס האָט אַרויסגערופען פּרץ׳עס אויפ־מערקזאַמקייט, איז „שכנא און שרגא“, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם ערשטען באַנד „אידישער ביבליאָטהעק“, וואָס פון איהר פאַנגט זיך אַן אַ נייער דאַטום אין איסאַק׳ס לעבען. פון איצט אָן האָבען מיר צו טהאָן מיט איסאַק׳ען דעם שריפטשטעלער.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום איז איסאַק געקומען קיין וואַרשא. פּרץ האָט איהם באַגעגענט מיט אויסגעשטרעקטע אַרימס, אַזוי ווייט, אַז איהם האָט זיך געדוכט דאָס ער איז ניט אויפריכטיג, אַז עס איז „מעשה פּאָליאַק“. ער האָט זיך אָבער איבערצייגט ווערענדיג נאָהענט מיט פּרץ׳ן, דאָס פּרץ איז דער אויפ־ריכטיגסטער מענש אויף דער וועלט און דאָס ער קען אַזוי שטאַרק טאַדלען ווי לויבען. זיין ליעבע און פאַרעהרונג צו פּרץ׳ן איז געווען אַ מין פאַרגעטערונג. פון פּרצ׳עס שפּעטערדיגע בריעף צו איהם אין אַמעריקא זעהט מען, ווי ווייט דער אינגעל איז איהם געווען צום האַרצען און וויפיעל האָפנונגען ער האָט געלעגט אויף זיין טאַלאַנט. איסאַק איז אָפּט געפאָהרען קיין וואַרשא, האָט דאָרטען פאַרבראַכט מאָנאַטען לאַנג, האָט קיין זאַך ניט געדרוקט איידער פּרץ זאָל דאָס ניט האָבען פריהער געלייענט און געזאָגט זיין מיינונג. אַזוי, אַ שטיינער, האָט ער געהאַט גרויס התפעלות פון זיין „נייעם פּראַצענטניק“ און שטאַרק געטאַדעלט זיין „פון זאַוואָד איז באָד“. אָט וואָס ער שרייבט אין איין אָרט וועגען דעם איינפלוס וואָס פּרץ האָט געהאַט אויף זיין אַרט שרייבען:

„פון דאַמאַלסט אָן, דאָס הייסט, פון דעם ערשטען בריעף וואָס פּרץ האָט צו מיר געשריבען, פאַנגט זיך אָן מיין נאָהענטע, כמעט אינטימע פריינדשאַפט מיט יצחק ליבוש פּרץ. ער איז געווען אַ גוטער לעהרער, אַ גוטער חבר און אַ גוטער פריינד. זיין איינפלוס האָט זיך געלאָזט מערקען אין דעם, וואָס דער פּובליציסטישער עלעמענט איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען פון מיינע בעלעטריס־טישע אַרבייט".

כמעט צודערצועלבער צייט וואָס איסאַק האָט זיך נאָהענט באַ־קענט מיט פּרץ'ן, האָט ער זיך אויך באַקענט מיט בן־אביגדור'ן (שאַלקאָוויץ) און האָט אָנגעשריבען פאַר זיין אויסגאַבע „ספרי־אגורה" צוויי העברעאישע ווערקלאַך: „הנגר הנאור" און „העגונה".

דער „הנגר הנאור" האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג און אויף איסאַק'ן האָט מען געלעגט גרויסע האָפנונגען. ער איז אָבער ניט געוואָרען קיין העברעאישער שרייבער, און מיט די צוויי ווערקלאַך האָט זיך זיין קאַריערע אַלס העברעאישער שרייבער אָנגעפאַנגען און געענדיגט. בן־אביגדור, זייענדיג דעם ערשטען מאָל אין אַמע־ריקאַ, האָט זייענדיג מיט אַ וויזיט ביי אונז אין דער היים מיר דערצעהלט וועגען דעם, ווי ער פלעגט זיך מיט איסאַק'ן אַרומ־קריגען, דאָס ער זאָל בלייבען ביי העברעאיש. „און פאַר וואָס איז ער טאַקע ניט געבליבען?" — האָב איך געפרעגט. „ווייל ער האָט געוואָלט דינען דעם גרעסטען טהייל פון אידישען פאָלק, און ניט קיין ה י י פ ע ל ע", האָט „דער שווייגער", ווי איסאַק האָט איהם גערופען, מיר געענטפערט.

און דאָס איז ווירקליך געווען די אורזאַכע. איסאַק האָט ליעב געהאַט די העברעאישע ליטעראַטור און צו היינטיגע צייט וואָלט ער פאַר איהר געטהאָן זיין בעסטעס. דאַמאַלסט איז אָבער געווען עפּעס אַנדערש. אָט וואָס ער אַליין שרייבט וועגען דעם אין אַ ניט־פאַרענדיגטען טאָג־בוך, געשריבען צו יענער צייט:

„ווי דאָס אידישע לעבען איז איצט האָט דער זשאַרגאָן אַ אַ גרויסער פאָרצוג איבער העברעאיש. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די אידישע עלטערען האַלטען זייערע קינדער אָפּ יאָהרען־לאַנג אין די חדרים, קען אפשר איינער פון הונדערט מיט צרות איבער־

לייענען אַ העברעאישע מעשה־ביכעל, פון אַן ערנסטען ווערק איז שוין אָפּגערעדט. העברעאיש איז פאַר די ווייניג געקליבענע, דאָס פאָלק אָבער, וואָס נויטיגט זיך אַזוי שטאַרק אין אַ ביסעל בילדונג, קאַן מען נאָר דערגרייכען מיט דער מאַמע־לשון".

צו יענער צייט האָט מען אין וואַרשא געפּלאַנעוועט אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעהמונג. דער פּלאַן איז געווען אַרויסצוגעבען וויסענשאַפטליכע און בעלעטריסטישע ווערק אין אידיש. די גאַנצע אויסגאַבע האָט געזאָלט זיין אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. פּרץ, יעדער צווייג באַזונדער האָט געזאָלט זיין אונטער אַ פאַכמאַן. איסאַק האָט דאָס געדאַרפט זיין דער רעדאַקטאָר פון דער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג. דערפון איז אָבער, פּונקט ווי פון די איבעריגע פּלענער, גאָרניט געוואָרען, און איסאַק איז גלייך אָפּגעפאָהרען קיין ווילנא.

די באַוועגונג אין ווילנא האָט זיך שוין דאַמאָלסט אָנגעפאַנגען אַביסעל צו קריסטאַליזירען און עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען ווייזען די סימנים פון צוקינפטיגען „בונד". די פיהרער פון דער ווילנער באַוועגונג האָבען זיך געווענדעט צו פּרץ'ן מיט אַ פאַרשלאַג אַרויסצוגעבען קליינע זאַכען פאַר'ן פאָלק. ער האָט זיי געראַטען זיך צו ווענדען צו איסאַק'ן. שפּעטער האָבען זיי דאָס געהאָלפען איסאַק'ן פאַרשפּרייטען זיין אויסגאַבע.

צו דערזעלבער צייט האָט זיך צו איהם געווענדעט אַ סטודענט פון דער קאַזאַנער אוניווערזיטעט מיט אַ פּלאַן, אַרויסצוגעבען קליינע ערצעהלונגען פון אידישען לעבען. ער האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפען די נויטיגע מיטלען, אָבער ווי עס שיינט האָט ער ריכטיג ניט באַגריפען וויפיעל געלד מען דאַרף דאַרויף האָבען, אָדער ער האָט זיך ניט גערעכענט מיט די שוועריגקייטען פון אַזאַ אונטערנעהמונג. פון זיין פּלאַן איז גאָרניט אַרויסגעקומען.

באַלד נאָכדעם איז איסאַק צוגעטראָטען צו זיין אויסגאַבע פון די „קליינע ערצעהלונגען". ער האָט איינגעלאַדען פּרץ'ן, פּינסקי'ן, ספּעקטאָר'ן, שלום־עליכם'ן און נאָך אַנדערע. דער פּלאַן איז געווען אַרויסצוגעבען אַן ערצעהלונג יעדע וואָך אָדער יעדע צוויי וואָכען. צוגעשיקט ווערק האָבען אָבער נאָר פּרץ און פּינסקי. ערשט מיט

עטליכע יאָהר פאַר זיין טויט, האָט ער זיך דערוואוסט פון רייזענ׳ען, אַז ער האָט איהם צוגעשיקט עטליכע זאַכען. איסאַק האָט מיר אָבער פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיי קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהן, און אַזוי ווי מאַכען פון שרייבעריי אַ מלאכה האָט ער ניט געוואָלט און אַ חוץ דעם וואָס עס האָט געפעהלט מאַטעריאַל פאַר אַרויסגעבען, האָט ער נאָך געהאַט גרויסע צרות מיט דער צענזור, האָט ער קוים געהאַט געדולד אַרויסצוגעבען פינף ביכלאַך, און האָט באַשלאָסען צו מאַכען אַ רייזע קיין אַמעריקא און זיך באַקאַנען מיט דעם אידישען ישוב אין דער „גאָלדענער מדינה“.

ביז יענער צייט האָט ער זיך באַטייליגט אין ספּעקטאָר׳ס „הויז פריינד“ און „פאַמיליענפריינד“, פרץ׳ס „ביבליאָטהעק“ און „בלעטלאַך“, אין בן־אביגדור׳ס „ספרי־אגורה“ און אין זיין אייגענער אויסגאַבע פון „קליינע ערצעהלונגען“. אַ חוץ דעם האָט ער איבערזעצט דעם ערשטען טהייל פון „דייוויד קופּערפיעלד“ פון דיקענס. די „קליינע ערצעהלונגען“ האָבען זיך געדרוקט אין 1893. פון זיי זיינען ערשינען: „פון זאַוואָד אין באַד“, אונטער׳ן פסעוודאָנים אַ. לעבענזאָהן; „דער נייער פּראַצענטניק“ — י. גוידא; „דער סאַוויעסט איז פאַרפאַלען“ נאָך שטשעדרין — י. גוידא.

ענדע 1894 האָט איסאַק פאַרלאָזען רוסלאַנד. אויפ׳ן וועג האָט ער פאַרבראַכט עטליכע וואָכען אין בערלין. ער האָט דאָרט געטראָפען עטליכע פון זיינע רוסישע באַקאַנטע, וועלכע האָבען איהם געהאָלפען פאַרשפּרייטען זיינע אויסגאַבען. ער האָט זיך דאָרט באַקענט מיט אַנדערע רוסישע סטודענטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען: דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. נחמן סירקין, דר. עליאַשעוו (בעל־מחשבות). די דרייצעהן טאָגיגע רייזע אויף דער „וויקטאָריא“ איז געווען אַ שרעקליכע און דער „ווערדיקט“ אויף עליס איילאַנד, אַז מען האָט איהם אַראָפּגעלאָזט „נאָ טרייד ענד נאָ מאָני“, איז געווען קאָרעקט. זיי האָבען נאָך געדאַרפט צוגעבען אין „בעד העלטה“ און עס וואָלט אַלעס געווען פאַרפולט.

אַמעריקא האָט אויף איהם געמאַכט אַ קוריאָזען איינדרוק. אַנשטאָט דעם געוועהנליכען בטול וואָס גרינע ווייזען אַרויס אין

אָנפאַנג, האָט איהם דאָ אַלעס אַמוזירט — אַמוזירט ביז באַוואונדע־רונג, אָבער ניט וואונדער — נאָר טאַקע באַוואונדערונג. עס איז איהם געווען נײַ און דאָך אַזוי אַלט, אַזוי גוט באַקאַנט, אַזוי ווי ער וואָלט שוין אַלעס אַמאָל געזעהן אין אַ קרומען שפּיגעל, אָדער אפשר איז טאַקע דער קרומער שפּיגעל געווען גראַד דאָ. „זײַ פיה־לען זיך קיינער ניט אויף אַן אָרט, זיי זיצען אַלע ווי אויף אַ פּרעמדע פוהר“, האָט ער זיך פאַר מיר שפּאַסיג געקלאָגט אַ זעקס־זיבען מאָ־נאַט נאָך זײַן אָנקומען.

עס איז ווירקליך געווען אַ קוריאָזע וועלט אין וועלכער ער איז אַרײַנגעפאַלען. די אידישע ניו יאָרק איז נאָך דאַן ניט געווען אַזוי ווי איצטער. אַלעס האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער איסט־סייד, דאָס זיינען אָבער געווען שאַרף־אָפּגעטיילטע וועלטען, וואָס איינע מיט דער צווייטער האָט קיין שייכות ניט געהאַט. זיי זיינען געשטאַנען איינער אנטקעגען צווייטען אין פיינדליכע לאַגערען. פיעל, פיעל פיינדליכער ווי איצט. היינט קאַן אַן אויסגעשפּראָ־כענער אנארכיסט מיטאַרבייטען אין אַ סאָציאַליסטישע צייטונג; היינט טרעפט מען זיך ביי אַ באַנקעט, אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איז נוגע דעם גאַנצען פאָלק ישראל, ביי אַ לויה פון אַ באַוואוסטער פערזאָן. דאַמאָלסט איז אָבער אַזאַ זאַך געווען אונמעגליך. „אין דער איסט־סייד — האָט אַמאָל דוד אַפּאַטהעקער געזאָגט אין מיין אַנוועזענהייט — וואוינען זיבען פעלקער, וועלכע ריידען זיבען שפּראַכען אין אידיש“. ער האָט דאָס אָבער אויך געמעגט צוגעבען וועגען שרייבען, ווייל יעדע באַזונדערע וועלטעל האָט געהאַט אַ באַזונדער צייטונג. די אָרטאָדאָקסען האָבען געהאַט די עלטסטע אידישע צייטונג אין אמעריקא — דעם „טאַגעבלאַט“, מיט יאָהאַן פּאַליי אַלס רעדאַקטאָר. מינצ׳ס „העראָלד“ און „פאָלקס־אַדוואָ־קאַט“ איז שוין געווען ליבעראַלער; דער רעדאַקטאָר איז געווען הערמאַלין. ער האָט אָבער געהאַט אַ קנאַפּע דעה אין צונעהמען אַרטיקלען. ס׳איז דאַמאָלסט געווען נאָך אַ צייטונג פון דעם מין אין ניו־יאָרק — „דער טעלעגראַף“, פון וואַגמאַן. זי האָט אָבער שטענדיג געהאַלטען אין אויסגעהן ווי אַ ליכט, מיט דעם „גע־

שמאַקען״ געראָד פון אַן אויסגעהענדע חלבּ׳דיגע־ליכט. פון איהר איז ניטאָ וואָס צו ריידען.

דעם אויבען־אַן האָבען פאַרנומען די צוויי סאָציאַליסטישע צייטונגען: דער טעגליכער „אַבענד־בלאַט״ מיט פיליפּ קראַנץ אַלס רעדאַקטאָר און די „אַרבייטער צייטונג״, מיט אַב. קאַהאַן. די צוויי צייטונגען האָבען געלעבט אונטער איין דאַך, געהערט צו איין פּאַרטיי און געהאַט איבער זיך דעם זעלבען פאַרוואַלטונגס־ראַט: זיי זיינען אָבער געווען וועלט־פאַרשידען. פיליפּ קראַנץ, אַ מענש מיט אַ סך וויסען, אַ קאָסמאָפּאָליט און אַ קולטור־מענש, האָט אויסגעצייכענט געקענט זיין „ווערטעס פּובליקום״. יאָהרען אין דער פּאַריזער, לאָנדאָנער און ניו יאָרקער אַרבייטער באַוועגונג, האָבען איהם געלערענט וואָסערע לעזע־שטאָף עס פאָדערט אַ טעג־ליכע צייטונג. דערפאַר אָבער איז די „אַרבייטער צייטונג״, אונ־טער קאַהאַנ׳ען, געשטאַנען אויף זעהר אַ הויכע מדרגה פאַר יענער צייט.

ס׳איז דאַמאָלסט אין ניו־יאָרק אויך געווען אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג, „די פריע אַרבייטער שטימע״, דוכט זיך דאָס מ. קאַטץ איז געווען רעדאַקטאָר. איך זאָג „דוכט זיך״, ווייל די רעדאַקטערע פלעגען זיך דאָרט זעהר אָפט בייטען. דעם רעדאַקטאָר פלעגט פּשוט די נשמה אויסגעהן. די ווייזדזשעס זיינען געווען אַרום זיבען־אַכט דאָלאַר אַ וואָך, און מען פלעגט דאָס קריגען איינמאָל אין אַכט וואָכען. פון פּשוט׳ע שרייבער, איז שוין אָפּגערעדט.

אַ חוץ דעם איז נאָך געווען די „צוקונפט״, אַן אויסגעצייכענ־טער זשורנאַל פאַר יענע צייטען.

איך שרייב דאָס אַלעס, ניט צו געבען אַן איבערבליק אי־בער די פּרעסע פון יענער צייט. דאָס האָבען שוין אַנדערע גע־שריבען פיעל בעסער פון מיר. איך וויל אָבער באַווייזען, וואָס אַ שרייבער ווי י. גוידאָ האָט דאָ דאַמאָלסט געקענט אויפטהאָן. די איצטיגע שרייבער, וועלכע קומען אָן אויף אַלעס גרייטען, קענען זיך גאָרניט פאָרשטעלען די צרות און די נויט וואָס די ערשטע שרייבער, די וואָס האָבען פאַר זיי צוגעגרייט די הונדערטע טויזענדע לעזער, די רייכע, ליכטיגע, באַקוועמע רעדאַקציע און די אונגע־

הערטע גרויסע ווייזשעס, האָבען זיך דאָ אַנגעליטען מיט דריי־
פיער און דרייסיג יאָהר צוריק.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז מ. קאַטץ האָט געקראָגען זיבען־
אַכט דאָלאַר אַ וואָך, אויב ער האָט דאָס בכלל געקראָגען. איך
ווייס ניט באַשטימט וויפיעל קראַנץ האָט געקראָגען פאַר רעדאַ־
גירען אַ גרויסע איינפלוסרייכע טעגליכע צייטונג. מיר דוכט:
פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך. קאַהאַן, ווייס איך, האָט געקראָגען
צוועלף און פיינענבוים — דאָס זעלבע, און ווען מאַגידאָוו האָט,
אַלס „סיטי עדיטאָר", געקראָגען צעהן דאָלאַר אַ וואָך, האָבען מיר
דאָס גערעכענט אַלס אַן אונעררייכבאַרען גליק.

איסאַק גוידאָ איז אָהער געקומען שוין מיט אַ פאַרטיגען נאָמען.
ער איז שוין געווען באַוואוסט ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך
דאָ, אין אַמעריקאַ. זיין „פון זאַוואָד אין באָד" האָט זיך מיט אַ
יאָהר פריהער געדרוקט אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע", אונ־
טער דעם פּסעוודאָנים דוואָשעס, און זיין „סאָוויעסט איז פאַר־
פאַלען" איז אין דערזעלבער צייט איבערגעדרוקט געוואָרען אין
„טעלעגראַף".

זיין ערשטער באַזוך איז געווען אין דער „אַרבייטער צייטונג",
אין וועלכער פּרץ האָט שוין געאַרבייט אונטער'ן נאָמען „פּלאַי"
און פון וועלכער איסאַק האָט שוין פון איהם געוואוסט.

קאַהאַן און די איבעריגע האָבען איהם באַגעגענט מיט אָפענע
אַרעמס, און קאַהאַן זאָגט נאָך עד־היום, אַז די ערצעהלונג וואָס ער
האָט פאַר איהם פאַרגעלעזען איז געווען אַזאַ, וואָס קאַהאַן האָט
ביז דאַן נאָך ניט געלעזען אין אידיש. ער האָט ביי איהם גלייך
אויפ'ן אָרט באַשטעלט אַ סקיצע און געראָטען איהם דאָס ער זאָל
ריידען מיט קראַנץ'ן וועגען אַרבייט, און דאָס איז געווען לאָגיש.
דער טעגליכער „אָבענד־בלאַט" האָט געקענט געברויכען מעהר ווי
די וועכענטליכע „אַרבייטער צייטונג".

„אַרטיקלען — ניין!" — האָט איהם קראַנץ לאַקאָניש געענט־
פערט — „אָבער אַ לייכטען פעליטאָנדעל, אַ חזיריי איין מאָל אין
וואָך — דאָס יאָ". „אַ וואָס?" — האָט זיך איסאַק אָנגערופען פאַר־
וואונדערט. „אַזוי זיך, אַ לייכטע שמאָכטעלע, אַ חזיריי. מאַכט אַ

שפּאַציר אין העסטער סטריט, קוקט זיך גוט צו צום לעבען און מאַטעריאַל וועט אייך ניט פעלען". און מיט אַ קלוגען שמייכעל און מיט אַ וואונק אויף די טרעפּ אַרויף האָט ער צוגעגעבען: „דאָרט דאַרף מען ליטעראַטור. איך דאַרף מיינע לעזער געבען דאָס וואָס זיי פאָדערען און דאָס וואָס זיי קענען פאַרדייען".

איסאַק האָט צו דעם גוטמוטיגען, עכט־סימפּאַטישען מענשען גאַרניט געהאַט דערפאַר. פאַרקעהרט, ער איז איהם זעהר געפעלען, הגם ער האָט מיט איהם ניט איינגעשטימט. ער האָט זיך אויף דער שטעלע מיט איהם באַדונגען, צוויי דאָלאַר פאַר איין קאָ־לומדיגען קליינעם פעליטאָן, דריי דאָלאַר פאַר אַ קורצע סקיצע. איך האָב די פעליטאָנען קיינמאָל ניט געלייענט און וויים ניט צי זיי זיינען גוט אָדער שלעכט. אונטער די פעליטאָנען פלעגט ער זיך אונטערשרייבען מיט די פּסעוודאָנימען „לץ" און „דער נייער פילאָסאָף". איך וואָלט זיי אפילו ניט געדענקט, ווען ניט דער פאָלגענדער אינצידענט: מיט אַ יאָהר שפּעטער, זייענדיג אין פילאַדעלפיא, האָט זיך איינער ביי איסאַק'ן אָנגעפרעגט, צי איהם איז באַקאַנט אַ געוויסער יונגער, דאַמאָלסט נאָך גאָר אונבאַ־קאַנטער שרייבער. אויף דער פאַרזיכערונג פון איסאַק'ן דאָס ער האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט געלייענט, האָט איהם יענער פאַר־וואונדערט אָנגעקוקט און געזאָגט: „סטייטש! ער שרייבט דאָך אין דערזעלבער צייטונג וואו איהר, ער איז דאָך דאָס דער לץ". „אַזוי, אַזוי — האָט איסאַק געענטפערט, געבענדיג אַ קוק אויף מיר דאָס איך זאָל שווייגען. ער איז דאָס דער לץ — אַבי איך האָב ניט גע־וואוסט".

באַלד די ערשטע צייט וואָס ער איז אָנגעקומען, איז פאַר איהם געווען נויטיג צו געפינען אַ פּאַסענדען פּסעוודאָנים, אַזאַ וואָס ער זאָל קענען ברויכען אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע. איך וויים ניט צו מר. קאַהאַן געדענקט עס נאָך, אָבער ער איז דאָס געווען איסאַק'ס „קוואַטער". ער האָט דאָס געהאָלפען איסאַק'ן אויסקלייבען אַ פּסעוודאָנים, און נאָכדעם ווי ער האָט איהם אָנ־גערופען אַ פאַר טויג נעמען, האָבען זיי זיך ענדליך אָפּגעשטעלט ביי גאָרין. דעם ב. האָט איסאַק אַליין צוגעשפּעט, ניט האָבענ־

דיג נאָך אפילו פעסט באַשלאָסען צי דאָס זאָל זיין בערנאַרד, בענדזשאַמין אָדער גאָר בענעדיקט. אַזוי איז געבוירען געוואָרען ב. גאָרין, און עס איז באַשערט געווען, דאָס דער פּסעוודאָנים זאָל ווערען זיין ווירקליכער נאָמען, ווייל ער איז מיט דער צייט גע־וואָרען אַ בירגער אונטער דעם נאָמען, און איך האָב דאָ באַגעגענט מענשען, אפילו צווישען אידישע שרייבער, וואָס האָבען יאָהרען־לאַנג מיט איהם געאַרבייט אין איין רעדאַקציע און האָבען ניט געוואוסט, דאָס יצחק גוידאָ, דער מחבר פון „הנגר הנאור", וואָס זיי האָבען אין זייער יוגענד געלייענט, איז זייער אמעריקאַנער קאָלעגע ב. גאָרין.

דעם שטענדיגען פּסעוודאָנים האָט ער, ערשטענס, געדאַרפט פאַר די סאָציאַליסטישע פּרעסע, אין וועלכע ער האָט געאַרבייט. אי צוליעב דעם, ווייל ער האָט נאָך אַלץ געהאַט בדעה מיט דער צייט זיך אומצוקעהרען קיין רוסלאַנד, און אויך דאָס ער זאָל קענען שרייבען אין די איבעריגע צייטונגען אונטער זיין אייגענעם נאָמען, ווייל דאָס האָט ער באַלד אויסגעפונען, אַז פון דרוקען איינמאָל אין דריי וואָכען אַן ערצעהלונג אין „אַרבייטער צייטונג" און אַ פעליטאָנדעל איין מאָל אַ וואָך אין „אָבענד־בלאַט", וועט ער קיין לעבען ניט קענען מאַכען, סיידען ער זאָל קריגען אַ שטעלע אַלס שטענדיגער מיטאַרבייטער אין דער רעדאַקציע. וואָלט גאָרין געווען אַ געגנאָסע — איך זאָג „געגנאָסע", ניט סאָציאַליסט, בכיון. אַ סאָציאַליסט איז ער געווען, אָבער אַ פּאַרטיי־מאַן, אַ געגנאָסע — דאָס איז עפּעס אַנדערש.

ער האָט געפּרואווט קראַנצ׳ן איינמאָל ערקלעהרען, בשעת ער האָט איהם געפרעגט, וואָרום ער טרעט ניט אַריין אין דער פּאַרטיי, אָבער יענער האָט נאָר געקוועטשט מיט די פּלייצעס: „אַ גרינער בלייבט אַ גרינער! געדענקט, עס וועט אייך שפּעטער באַנג טהאָן. אַ מאָדערנער מענש איז אַ סאָציאַלע חיה, ער מוז באַלאַנגען צו אַן אָרגאַניזאַציע אָדער צו אַ פּאַרטיי. גאָרין — איך וועל איהם איצט רופען גאָרין, ווייל דער נאָמען איז דאָ באַקאַנט — איז אָבער אין דער פּאַרטיי ניט אַריין. ער איז געווען אַ דורך און דורך פריי־געזאָנענער מענש, מיט אַ שטאַרקער נייגונג צום סאָציאַליזם, איז

ער דאַך צופיעל געווען אַן אינדיווידואַליסט צו קענען טראָגען אַ געלע לאַטע אויפ׳ן רוקען, ווי ער פלעגט דאָס רופען. דער קליינ־ליכער עהרגייץ, דאָס כבוד־זוכעריי, דאָס שטופען־זיך צום אויבען־אָן, האָבען איהם אינגאַנצען געפעהלט. ער האָט קיינמאָל פון זיך ניט געבלאָזען, און האָט אין לעבען געהאַסט די פּאָזירעריי פּונקט ווי אין זיין שרייבען. אינערליך אָבער איז ער געווען אַ זעהר שטאָלצע נאַטור, אַן עסטעט און מפונק, און איהם וואָלט פּונקט אַזוי גע־עקעלט פון שמוציגע נעגעל, געלע פאַררויכערטע פינגער, אָדער אַ שמוציגער קראַגען, ווי צו שרייבען אַ פּאָרנאָגראַפישע ערצעהלונג.

זייענדיג אַבסאָלוט פריי פון יעדער רעליגיאָן, איז ער דאָך שטאָלץ געווען מיט זיין אידישקייט און האָט גענומען אַ וואַרימען אינטערעס אין אַלעס וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אידען. און ניט קוקענדיג אויף זיין ברייטליכער אַלזייטיגער טאָלעראַנץ, פלעגט ער ווערען אַן אויפגעקאָכטער ווען אימיצער האָט אויף וואָסער אַן אופן באַשמוצט דעם אידישען כבוד. אַט דאָס אַלעס צוזאַמען מיט דעם הויפּט־טריעב פון זיין כאַראַקטער, זיין כמעט פאַנאַ־טישער ליעבע צו פּערזענליכער פרייהייט, האָט איהם געשטערט צו ווערען אַ פּאַרטיי־מאַן.

ווען ער וואָלט געווען אריין אין דער פּאַרטיי, וועלכע האָט אַזוי ברייט און גאַסט־פריינדליך געעפענט פאַר איהם די שפּאַלטען פון איהר פּרעסע, און געוואָרען אַ טהעטיגער מיטגליעד, וואָלט ער זיך געווען פאַרשפּאַרט אַ סך ליידען אין דער ערשטער צייט פון זיין קומען און זיין גאַנצען שפּעטערדיגען לעבען. אפילו איצט, נאָך זיין טויט, ווען די גאַנצע לאַסט פון אַרויסגעבען זיינע ווערק ליגט שווער אויף מיינע אַלטע שוואַכע שולטערן, קומט מיר אָפט אויס צו הערען: זעהט איהר, ווען ער וואָלט באַלאַנגט צו אַן אָרגאַניזאַציע וואָלט געווען עפּעס אַנדערש.

ער האָט דורך די ערשטע זעקס־זיבען מאָנאַטען נאָך זיין קומען אין אַמעריקאַ, אָנגעשריבען אַ רעכט ביסעל, צווישען זיי אַזעלכע וויכטיגע אַרבייטען ווי די „נייע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור“, „וואו אַ קללה טרעפט דעם אָרימאַן“, „טויבע׳ס פריהמאָרגען“, „אַ מיידעל אַ רעפאָרמאַטאָרקע“, „די ריכטונג אין דער העברעאישער

ליטעראַטור", „נייע העברעאישע בעלעטריסטיק", „שלוח מנות" און „דאַנערשטאָג ביינאַכט". דאָס, אזוי ווייט ווי איך געדענק די דאַטע, איז געדרוקט געוואָרען דעם ערשטען ווינטער פון זיין זיין אין אמעריקא.

אין פריהלינג פון 1895 האָבען מיר זיך צום ערשטען מאָל באַגעגענט. ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, איז די וואונד נאָך צו פריש פון דעם צו שרייבען. אויב איך וועל לעבען לאַנג גענוג אַרויסצוגעבען אַלע זיינע ווערק, וועל איך זיך נאָך צו דעם נעמען, פיליכט אין דער פאָרם פון א ביאָגראַפיע, אָדער פיליכט נאָר אין אַן אַנדער פאָרם. אויב איך דערמאָן זיך איצטער אי־בערהויפּט איז דאָס נאָר ווייל איך קען זיך בשום אופן פון איהם ניט אפּטהיילען, ווייל דאָס לעבען פון גאָרין דעם שרייבער איז געווען פונקט אזוי צוזאַמענגעקניפּט מיט מיינעם ווי פון ב. גאָרין דעם מענשען. איך ווייס ניט ווי אַנדערע האָבען געקוקט אויף אונזער צוזאַמענקומען. פיליכט האָבען זיי דאָס באַטראַכט פאַר א ווילדער משוגעת. אין מיינע אַלטע אויגען איצטער, ווען איך קוק אויף דעם פון אַ צוויי־און־דרייסיג יעהריגער ווייטקייט, זעהט דאָס אויס ווי אַ זעהר געוואַגטער שריט, הגם עס איז קיינעמס לעבען ניט צושטערט געוואָרען, ווי מיינע אַמאָליגע פריינד און באַקאַנטע האָבען דאַמאָלסט געדענקט. מיין פּערזענליכער לעבען איז פון לאַנג געווען צובראָכען, נאָך איידער גאָרין איז געקומען קיין אמעריקא. אונזער באַגעגעניש איז געווען אַ גליקליכער צו־פאַל. אונזער צוזאַמענלעבען איז געווען דאָס גליקליכסטע וואָס איך האָב ווען־עס־איז באַגעגענט. און ער האָט ביז צום סוף, וואָס זאָג איך—ביז צו דעם לעצטען אָטהעם־צוג געבענשט אונ־זער באַגעגעניש, פונקט ווי איך בענש עס.

באַגעגענט האָבען מיר זיך אין אַפּריל 1895. ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען זיבען־און־צוואַנציג יאָהר און איז געווען אַ געבראָכענער קראַנקער מענש: אַ קראַנקער מאָגען, בלוט־אָרים און נערוועז. איך—פינף און צוואַנציג, קראַנק, ענטוישט און פאַר־ביטערט. נאָר לאָמיר זיך האַלטען ביי דער זאַך. דורך יענעם זומער האָט ער געשאַפען „די אונרוהיגע נאַכט", אַ זעלטען־שעהנע

לירישע ערצעהלונג, געווידמעט פּריץ׳ן, ווייל ער האָט אַמאָל מיט איהם באַשפּראָכען דעם סוזשעט. „פּערעלע די גבאי׳טע“, „קאַש־טאַנעס“, „סקאָבאָלאָווי׳ס בלינצעס“, „די אבדה“, „נאָך דער חתונה“, „אַן עליה“, „געגעסען“, „אויס שדוך“, „אַ שעהנער בחור“ און „געהאַלטען וואָרט“.

אין יולי 1905 איז גאָרין געוואָרען רעדאַקטאָר פון פילאַדעלפיער „שטאַאַטס צייטונג“. דאָס איז געווען אַ קליינע וועכענטליכע צייטונג, וועלכע האָט שוין גע׳גוסס׳ט ווען ער איז אַהין אָנגעקומען. מיר האָבען זיך דאָרט באַזוכט אין אויגוסט און אין אָנהויב נאָוועמבער האָט שוין די צייטונג אויסגעהויכט איהר לעצטען אָטהעם. מיר זיינען געבליבען ווי אויפ׳ן וואַסער. גאָרין האָט זיך גלייך אומגעקערט אין ניו־יאָרק. באַלד בין איך איהם נאָכגעפאָהרען, ווייל מיר זיינען געקומען צום שלום, אַז ליידען וועט זיין בעסער צוזאַמען. ער האָט צו יענער צייט געקענט פאַרדינען אַ מאַקסימום פון דריי ביז פינף דאָלאַר אַ וואָך, פאַרשטעהט זיך, אַז מען האָט מיט דעם ניט געקענט לעבען און עס האָט זיך פאַר אונז אָנגעפאַנגען אַ שווערער ביטערער קאַמפף פאַר אונזער עקזיסטענץ. גאָרין איז אפשר געווען דער איינציגער שרייבער אין אַמעריקאַ, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַנדער באַשעפטיגונג אויסער שרייבען. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז ער האָט ניט געפּרוּאוווט טהאָן עפּעס אַנדערש וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט ליטעראַטור.

אין ווילנא איז ער איינגעשטאַנען ביי אַ פאָטאָגראַפער און האָט זיך אויסגעלערענט אויף שפּאַס צו רעטושירען. ווען די נויט איז אין יענעם שרעקליכען ווינטער געקומען, האָט ער געפּרוּאוווט מאַכען אַ לעבען דערפון. איך האָב דאָס געדאַרפט געפינען באַשטעלונגען אויף אַרבייט, און האָב טאַקע געפונען, ניט פיעל — אָבער גענוג ניט צו שטאַרבען פון הונגער. איך פלעג ווייזען אַ סעמפּעל און זיי פלעגען ווערען ענטציקט. ווען זיי האָבען דאָס אָבער געפּרוּאוווט דרוקען, האָט דאָס ניט געטויגט. מיר האָבען ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס דאָס איז און איך פאַרשטעה דאָס ניט ביז איצט. מיר האָבען געפּרובט טהאָן נאָך אַ פּאָר זאַכען — עס איז אָבער קיין זאַך ניט געגאַנגען. גראָדע דאַמאָלסט האָט

זיך אונטערגערוקט אַן אונערוואַרטעטער פּאַרדינסט: אין דער „אַרבייטער צייטונג“ האָט זיך יעדע וואָך געדרוקט אַ פאָרטזעצונג פון אַ ראָמאַן. דער ראָמאַן דאַמאָלסט איז געווען „זשערמינאַל“, פון עמיל זאָלאַ, איבערזעצט פון קראַנץ. קראַנץ האָט געקענט אַ גוטען פראַנצויזיש און עס האָט געהייסען, דאָס ער זעצט עס איבער פון דעם אָריגינאַל. איך וויים ניט פאַרוואָס ער האָט זיך דערפון אָפּגעטרייסעלט און קאַהאַן האָט זיך צו דעם גענומען, אבער ער אויך האָט פאַרלאָרען דעם חשק און גאָרין האָט געקראָגען דעם „דזשאָב“ פאַר פינף דאָלאַר אַ וואָך.

מיר האָבען געהאַט ביי דער האַנד דעם אָריגינאַל, אַן אויס־געצייכענטע דייטשע איבערזעצונג און אַ זעהר שלעכטע ענגלישע. איך האָב דאָס גאָרינ׳ען דיקטירט אַ פערטעל אין אידיש און דריי פערטעל אין רוסיש און ער האָט דאָס איבערזעצט אין זיין זעהר שעהנעם אידיש, און עס איז אַרויסגעקומען, אַ זעהר געלונגענע אי־בערזעצונג, אַ פיעל בעסערע פון די איבערזעצונגען ווי די וואָס מיר האָבען געמאַכט שפּעטער. פון אַנדערע איז שוין אָפּגערעדט. וויפיעל געזונד און ענערגיע דאָס האָט אונז געקאָסט, האָבען מיר אַליין נאָר געוואוסט. פון דאַמאָלסט אַן האָב איך אָנגעפאַנגען איהם צו העלפען אין זיינע איבערזעצונגען. איך האָב דעם זעלבען ווינטער אָנגעפאַנגען איבערזעצען אין ענגליש, און אַזוי ווי פון אַ טייפּריי־טער איז אָפּגערעדט, און אַזוי ווי איך האָב אַ שלעכטע האַנדשריפט אין אַלע שפּראַכען, האָט ער דאָס געדאַרפט פאַר מיר איבערשריי־בען. דאַמאָלסט ערשט, ביי אונזער געמיינשאַפטליכער אַרבייט, האָב איך געלערענט צו באַוואונדערן זיין אומבאַשרייבליכע גוטס־קייט און געדולד, זיין איינזעהעניש מיט אַ צווייטען, זיין צערטליכ־קייט און אָפּפערווילינקייט, די אַבסאָלוטע אָפּוועזענהייט פון איינענליעבע און פון פּוסטע גאוה, וואָס האָט אַזוי שטאַרק כאַראַק־טעריזירט פיעלע פון מיינע באַקאַנטע ליטעראַטען.

איצט, מיט אונזער ביידענס פאַרדינסטען איז קוים־קוים גענוג געווען אויסצוקומען. איך האָב געפונען אַרבייט אין „ליטעראַרי דייזשעסט“. די געצאַהלט איז געווען ניט פיעל בעסער ווי אין די אידישע צייטונגען — פינף דאָלאַר פאַר אַ צוויי־שפּאַלטיגע

זייטעל. עס איז זעלטען ווען אַריינגעגאַנגען אפילו אַ גאַנצע זייטעל פון די צוויי אָדער דריי זייטלאַך וואָס איך פלעג זיי געבען, און דאַך האָב איך זיך דאָמאָלסט אָפּגעזאָגט פון אַ „דזשאָב“, טאַקע אין דעמזעלבען אָפּיס, פאַר פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך. פאַר אונז וואָלט עס געווען אַ פאַרמעגען. איך האָב אָבער געדאַרפט פאַרברענגען דאָרט דעם גאַנצען טאָג, און פון דעם האָבען מיר ביידע ניט געוואָלט הערען. מיר האָבען אין דעם געזעהן אַ שטער אין אונ־זער גליקליכען צוזאַמענלעבען.

פאַרשטעהט זיך, אַז דורך דער צייט האָט גאָרין ניט אויפ־געגעבען זיין ליטעראַרישע אַרבייט. זייענדיג אין פילאַדעלפיא האָט ער פאַר זיין צייטונגעל אָנגעשריבען „שכל וועהטאָג“, „אלול“, „דאָרטען און דאָ“, „ווי ווערט מען אַ שרייבער“ און „געבוירען פאַר אַמעריקאַ“. אויסער דעם האָט ער פאַרעפענטליכט אין דער „צוקונפט“ אַן ערצעהלונג „פּיאָנירען דער בילדונג“; אין „אָבענד־בלאַט“: „דער סקעב“, „אַ ברכה פאַרוואַנדעלט אין אַ קללה“, „דער־גרייכט“, „דער שטן מקטרג“, „צוגאַנגען“, „אָפּגעלאָזטער“, „גע־סעקט“, „מיין לאַנדסמאַן“, „זעלדע געהט אין טעאַטער“, „דער חשבון איז דאָ“ „שבת“, „מיין לאַנדסמאַנס קלאָג“, „אבי חתונה געהאַט“. אין „אַרבייטער־צייטונג“: „ראַפּשאַנסקער קרבן“. אין דעם אידעשען „פאָלקס־קאַלענדאַר“ האָט ער געדרוקט: „שמערל“ און „די אידישע ליטעראַטור“. „מיין מאַמע“, „איבערן ים“ (אָדער „דער גוטער לאַנדסמאַן“) — געדרוקט אין „צוקונפט“. אין די „אי־דישע גאַזעטען“ האָט זיך פון איהם געדרוקט: „נעלי האָט זיך פאַרזאָרגט“, „געמאַכט צום נאַר“ און „די אָפּגעראַטעוועטע“.

ענדע 1897 האָט זיך געענדיגט דרוקען „זשערמינאַל“, און עס איז געוואָרען שווער צו באַקומען אַרבייט, און עס איז ווידער געוואָרען זעהר שווער דורכצוקומען. גראַד דאַמאָלסט האָט מר. סאַפּירשטיין ע״ה געלאָזט גאָרין׳ען וויסען, אַז ער וויל איהם זעהן. מר. סאַפּירשטיין האָט נאָך דאַמאָלסט קיין צייטונג ניט געהאַט, מיר האָבען נאָר געוואוסט, דאָס ער איז אַן אַרויסגעבער.

דאָס איז געווען די צייט פון אַרויסגעבען די וועכענטליכע און צוויי־וועכענטליכע „העפטען“, די צייט פון די „געהיימניסע“

און „הארץ־פאַרכאַפּענדע“ ראָמאַנען. די „אינטערעסאַנטע ראָמאַנען“ זיינען שוין געווען געשטאָרבען ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אמעריקא. דאָ איז דאַמאָלסט איבערהויפּט ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר דיקע ביכער. די אידענע ביי איהר סטענד אין עסעקס סטריט אָדער דער קליינער קרעמערל אין ניו־יאָרק אָדער אין קאָונטרי, האָט געדאַרפט האָבען אַ קליינינקען ביליגען ביכעל וואָס זאָל איהם אַ צופּ טהאָן ביים הארצען, וואָס ער זאָל קענען אין אַ מינוט־ארום אָוועקוואַרפען אָדער אַנטלייהען אַ צווייטען. דאָס איז שוין אָבער געווען די צייט, ווען די „געהיימניסען“ זיינען שוין אַביסעל נמאס געוואָרען, מען האָט שוין געדאַרפט געבען אַביסעל אַ בעסערע סחורה.

סאַפּירשטיין האָט גאָרינ׳ען גאַנץ שעהן אויפגענומען און זיי זיינען זיך געגענזייטיג געפעלען. דאָס הייסט סאַפּירשטיין איז גאָרינ׳ען געפעלען. ערשט יאָהרען שפּעטער האָב איך פון סאַפּירשטיינ׳ס ליפּען געהערט די מיינונג וואָס ער האָט איבער גאָרינ׳ען ארויסגעטראָגען: „אַ זיידענער יונגערמאַן, אָבער נאָך גאָר אַ גרינער; אַ בעל חלומות, אויף טעאַטער־לשון הייסט עס — אַ יאָלד“.

און דאָך האָט גאָרין אַנדערש ניט געקענט האַנדלען. דאָס וואָס יאָהאָן פּאַליי, דער דאַמאָלסטיגער רעדאַקטאָר פון די „אידישע גאַזעטען“ און טאַנענבוים האָבען געשריבען „העפטען“, איז נאָך ניט קיין באַווייז, אַז ער האָט דאָס באַדאַרפט טהאָן. אמת, דער הונגער האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין און צוויי „העפטען“ אַ וואָך, וואָלטען פאַר אונז געווען אַ גליק. אַ חוץ דעם האָט איהם סאַפּירשטיין אָנגעבאָטען די „סאַקסאַבארוסען“ פון זשאָרזש סאמאראָוו פאַר זיינע ערשטע העפטען, און דאָס איז ניט געווען קיין שונד. „איך ווייס אָבער, האָט ער טרויעריג געזאָגט צו מיר, מען דאַרף זיך נאָר אין דעם אַריינלאָזען און עס וועט מיר אַריינציהען, עס וועט מיך איינגאַנצען פאַרשלינגען“, און איך בין מיט איהם געווען אין גאַנצען איינפאַרשטאַנען. און ווען איך האָב מיט יאָהרען שפּעטער דערקלעהרט מר. סאַפּירשטיינען זיין דאַמאָלסדיגען שטאַנדפּונקט, האָט ער מיר אויפריכטיג צוגעגעבען, אַז אפשר האָט גאָרין געהאַט רעכט.

דאַמאַלסט האָבען מיר באַשלאָסען, אַז ער זאָל אָנפאַנגען אַרויסגעבען די „אידישע אַמעריקאַנער ביבליאָטהעק“. ער האָט זיך שוין לאַנג אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק. עס איז געווען אַביסעל עהנליך צו די קליינע ערצעהלונגען וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אין ווילנא. אין דעם פּראָספּעקט צו דער דאָזיגער אויסגאַבע האָט גאָרין שטאַרק באַטאָנט, דאָס דער הויפּט־ציעל פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק“ איז צו אָנפאַנגען אַן עפענטליכען קאַמף געגען דער שונד־ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרפלייצט אַלע אידישע הייזער אין אַמעריקאַ, און אויסטרעטען אַ נייעם וועג פאַר אַ ריינע פיינע ליטעראַטור.

פון דער אויסגאַבע זיינען אַרויסגעגאַנגען פאָלגענדע גאָרינ׳ס ווערק: „די געשמיסענע“, אין צוויי ביכלאַך. דעם ערשטען טייל האָט ער אָנגעשריבען אין איין ווינטערדיגער קאַלטער נאַכט. ער איז געווען אַזוי עקזאַלטירט פון דעם סוזשעט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט פון דעם אָפּרייסען. „די עגונה“, צוויי ביכלאַך, איבערזעצט פון זיין אייגענעם ווערק אין העברעאיש און „לכבוד פּסח“. צוזאַמען — פינף ביכלאַך. פאַרשטעהט זיך, אַז דער סאָרט ליטעראַטור האָט ניט געקענט קאָנקורירען מיט די „העפטען“. זיי האָבען זיך פאַרקויפט זעהר ווייניג — אינגאַנצען אַ פּאָר הונדערט. און דאַך דענק איך, אַז ער וואָלט דאָס ניט געווען אויפגעגעבען, ווען ניט אַ צופאַל: די דרוק איז פאַרברענט געוואָרען און מיט איהר, אַ גרויסע צאָהל עקזעמפּלאַרען פון דער אויסגאַבע מיט מאַנוסקריפּטען. דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אויסגאַבע, און באַלד נאָכדעם, אין 1897 האָט ער אָנגעפאַנגען שרייבען טעאַטער־קריטיק אין „אבענד־בלאַט“.

טעאַטער אין אַלגעמיין, ספּעציעל אידישן טעאַטער, האָט איהם פון שטענדיג אַן אינטערעסירט. איך בין אָפט איבערראַשט געוואָרען פון זיין רייכען ווישען וועגען טעאַטער. ער האָט אַ סך און אונערמידליך געלייענט וועגען טעאַטער. אַלעס וואָס ער האָט נאָר געפונען אין רוסיש, דייטש און אין אַ קורצער צייט נאָך זיין קומען, אויך אין ענגליש.

איצטער, ווען עס איז מיר אויסגעקומען דורכצוקוקען זיינע מאַנוסקריפּטען פון פאַר מיין צייט, האָב איך צו מיין פאַרוואונ־דערונג געפונען שטיקלאַך און פּיצלאַך, קיינמאָל ניט איבערגעשרי־בענע און ניט־פאַרענדיגטע אַרטיקלען וועגען טעאַטער און וועגען אידישע קאָלאָניזאַציאָן. אין ביידע געגענשטאַנדען האָט ער אַלע מאָל גענומען אַ הייסען, כמעט ליידענשאַפטליכען אינטערעס.

איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז טעאַטער בכלל און אידיש טעאַטער בפרט, איז ביי איהם דאָס וויכטיגסטע, אַז קריטיקירען אַ שטיק איז ביי איהם עפּעס ווי אַ גאָטעס־דיענסט, צו וואָס מען דאַרף זיך טובל׳ען און רייניגען פון אַלע זינדיגע געדאַנקען. דעם אמת געזאָגט, האָט דאָס מיר צום אָנפאַנג אַ גוט ביסעל אַמוזירט. איך בין שוין דאַמאָלסט געווען סקעפּטיש גענוג דאָס ניט צו נעה־מען אַזוי טויט־ערנסט. ער פלעגט אָפט מיט מיר מיטלאַכען. איך האָב אָבער גיך פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם טאָר מען ניט שפּאַסען און איך האָב דאָס אויפגעגעבען. ער איז געווען אַזוי פריי און טאָלעראַנט, אַז ער האָט מיר קיינמאָל ניט געפּרואווט איבער־צייגען אין דער הייליגקייט פון דער טעאַטער־קונסט. איך אָבער האָב איהם קיינמאָל ניט געטראָטען אויף זיינע טעאַטראַלישע „הינער־אויגען", ווי ער פלעגט דאָס רופען. ער האָט ביי מיר קיינמאָל ניט געפרעגט אַ מיינונג איבער אַ פּיעסע איידער ער האָט איבער איהר געשריבען אַ קריטיק, הגם איך בין מיט איהם געווען אין טעאַטער. ווען ער האָט די קריטיק שוין אָנגעשריבען האָט ער עס פאַר מיר איבערגעלייענט, אפשר האָט ער עפּעס אַרויסגע־לאָזט. ער פלעגט זיך אָבער זעלטען רעכענען מיט מיין מיינונג איבער אַ טעאַטערשטיק, סיידען ער איז אַליין ניט געווען גאַנץ זיכער. אין אַזאַ פאַל פלעגט ער מיט מיר דעם פונקט דיסקוטירען, ער פלעגט אָבער זעלטען ענדערען דאָס אָנגעשריבענע.

ער איז אויך געווען פעסט איבערצייגט, אַז דער פּלאַץ פון אַ קריטיקער איז אין די פאָדערשטע רייהען פון טעאַטער, ניט הינ־טער די קוליסען, און ער פלעגט טאַקע זעהר זעלטען אַהין פאַר־בלאָנדזשען. נאָך אַ זאַך: אין די אַלע יאָהרען וואָס ער האָט געשרי־בען קריטיק, האָט ער זיך שטריינג געהאַלטען ביי דעם וואָס ער האָט

נעזעהן א ו י ף ד ע ר ב י ה נ ע, מען האָט איהם קיינמאָל ניט געקענט איינבעטען צו לייענען אַ פּיעסע, אָדער הערען לייענענדיג איהר איידער מען פיהרט איהר אויף. ער האָט געגלויבט, אַז דאָס געשטערט צו אַן אָרענטליכע קריטיק. ער האָט אויסגעצייכענט געוואוסט וואָס מען ערלויבט זיך אָפּט צו טהון מיט אַ שטיק אויף דער ביהנע, ווי מען רייסט פון איהר שטיקלאכוויז, ניט נאָר שטיקלאכוויז און זייטלאַך־ווייז פון שרייבער, נאָר אויך די האָרץ פון אָרימען שרייבער. ער האָט אָבער געגלויבט, אַז דאָס דאַרף דער שרייבער אַליין אויס קעמפּפען מיט די „מענעדזשמענט“ און מיט די אַקטיאָרען, און אַז דער קריטיקער דאַרף קומען אויף אַ פאַרטיגע זאַך און אונפּאַרטייאיש אורטהיילען.

„מען צאָהלט מיר אַז איך זאָל געבען מיינע לעזער אַן אויפריכטיגע מיינונג איבער דעם שטיק וואָס מען ש פּ י ע ל ט אויף דער ב י ה נ ע, און איך בין פאַרפליכטעט צו געבען מיין לעזער מיין מיינונג וועגען דעם וואָס איך זעה שוין פאַרטיגערהייט“, האָב איך איהם אָפּט געהערט זאָגען, ווען עמיצער האָט דעמאָנסטרירט מיט איהם.

מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו הערען, אַז די קלענערע און נייע אַקטיאָרען קלאָגען זיך אויף גאָרינ׳ען, אַז ער דערמאָנט זיי ניט אין זיין קריטיק. זיי האָבען איהם דערמיט געטהאָן אַ גרויסען אונרעכט. ווען ער האָט אימעצען ניט דערמאָנט איז דאָס געווען „ווייל צום גוטען איז ניט געווען וואָס צו דערמאָנען“. זיי פלעגען אָבער אויך זעלטענער פון די „סטאָרס“ קריגען אַ גאָב, סיידען זיי האָבען שוין גאָר שלעכט געשפּיעלט און האָבען געשאַדט דעם גאַנג פון שפּיעלען. איך געדענק נאָך ווי היינט, ווי ער האָט זיך איינמאָל געקאָכט קומענדיג פון טעאַטער, ווי גראַדע אַ נישקשה׳דיגע אַקטריסע, שפּיעלענדיג די קעניגין אין אַ גאָרניט שלעכטע פּיעסע, האָט די גאַנצע צייט פון שפּיעלען געהאַלטען ביידע הענט אויפ׳ן בויך.

אָבער ווי גרויס איז זיין פרייד געווען, ווען אַ נייער אָדער אַן אונבאַוואוסטער אַקטיאָר האָט אַרויסגעוויזען טאַלאַנט. איך געדענק נאָך ווי היינט מייזעל׳ס אויפטריט אויף דער ביהנע פון

„טהאַליאַ טעאַטער“. ער איז נאָך געווען גאָר אַ גרינער. זיין ראָליע איז געווען גאָר אַ קליינטשינקע — אין גאַנצען איין אויפטריט און נאָר עטליכע ווערטער. ער האָט, דאַכט זיך, געשפּיעלט די ראָליע פון אַ בוכהאַלטער, אָבער אין דעם איינציגען נישטיגען אויפטריט האָט ער געוויזען אַזוי פיעל נאַטירליכען טאַלאַנט, אַז ער האָט גאָרינ׳ען ממש באַצויבערט. איהם האָט ער שוין גאָרניט פאַרגעסען צו דערמאָנען. און ווער האָט אַרויסגעשטופּט אין די פאָדערשטע רייהען מאָשקאָוויטש׳ן, טאָרנבערג׳ן און סיליע אדלער, און אין דער גאָר לעצטער צייט זאַצ׳ן און ווייזענפעלד׳ן, אויב ניט גאָרין? זאַצ׳ן איז ער אין די לעצטע דריי־פיער יאָהר זעלטען געגאַנגען זעהן, ווייל איהם האָט וועה געטהאָן דאָס האַרץ איהם צו זעהן אין די שטיקער וואָס ער האָט געשפּיעלט. „ער צורייבט זיין טאַלאַנט, ער בייט זיך אוים אויף קליינגעלד — פלעגט ער זאָגען מיט פאַרדרוס. — אַ מענש מיט אַזאַ גאָט־געבענשטען טאַלאַנט, אַ שאָד און אַ שאַנדע“.

ווען אַן אַקטיאָר אָדער אַן אַקטריסע איז איהם געפעלען אין שפּילען, האָט ער זיי האַרציג געלויבט. ער האָט דאָס אָבער געטהאָן רוהיג, באַזאָכט און אָהן היסטעריקעס, אָהן קעלבערנע התפעלות, אָבער פון דעם גאַנצען האַרצען. איז איהם איינער אָבער ניט געפעלען, האָט ער געקענט זיין ווער־עס־איז — ער האָט איהם ניט געשוינט און קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. מען האָט אויפגעפיהרט גאָרדינ׳ס „דער ממזר“, אָדער ריכטיגער: „לאַקרעציאַ באָרזשיאַ“. איך בין געווען קראַנק און בין אין טעאַטער ניט געווען. גאָרין איז געקומען אַהיים אַן אָנגעכמורעטער און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די שטיק געפעלט איהם ניט. איך האָב איהם אָבער, ווי געוועהנליך, פאַר׳ן שרייבען פון אַ קריטיק ניט איבערגעפרעגט. ווען ער האָט מיר אויף מאָרגען די קריטיק איבערגעלייענט, איז מיר דאָרטען אַ פראַזע ניט געפעלען געווען. ער האָט דער מאַדאַם ליפּצין אָנגערופען אַ בלייענער סאָלדאַטשיקעל. איך האָב איהר גראָדע מעהר אָדער ווייניגער געקענט און געוואוסט, אַז דער אויסדרוק וועט איהר שטאַרק קרענקען, און איך האָב געוואוסט פאַר וואָס. דאָס איז געווען די צייט, ווען סאַראַ בערנאַרד, אום צו באַהאַלטען

איהר עלטער, האָט אָנגעפאַנגען שפּילען מענער־ראָליען און אַנדערע אַקטריסעס האָבען אָנגעפאַנגען איהר נאָכמאַכען. די ליפּצין האָט דאָס אָבער מעהר ניט געטהאָן. דאָס איז געווען איהר ערשטער און לעצטער פאַרזוך. „שנייד דאָס אַרויס — האָב איך זיך ביי איהם געבעטען — זי איז אַן אויסגעצייכענטע אַקטריסע". „אמת — האָט ער מיר געענטפערט — אָבער זאָל זי לאָזען די הויזען פאַר די וואָס שפּילען מענער־ראָליען בעסער פאַר איהר". דאָך האָב איך, ווי מיר האָט געדאַכט, איהם איבערצייגט. ווען איך האָב אין אַ פּאָר טעג אַרום געלייענט די קריטיק, האָב איך פאַרשטאַנען, ווי אומזיסט מיין אַרבייט איז געווען. דער „בלייענער סאָלדאַטשיקעל" איז געבליבען, און מעהר האָב איך זיך נישט נאַריש געמאַכט, ספּעציעל ווען איך האָב געוואוסט, אַז ער איז געוועהנליך ניט קיין עקשן און אין זאַכען וואָס האָבען ניט צו טהאָן מיט טעאַטער און זיין פליכט, איז איהם זעהר לייכט צו איבערצייגען.

אין 1897 האָט ער איבערגענומען די רעדאַקציע פון דעם „נייעם גייסט", אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאַפט. דער „נייער גייסט" איז ביז דאַמאָלסט ערשינען אונטער די רעדאַקציע פון אַלכסנדר הארקאַווי. גאָרין'ס בעסטער פריינט זייט זיין קומען קיין אַמעריקאַ — ביז דעם סוף פון זיין לעבען. גאָרין האָט אין דעם „נייעם גייסט" מיטגעאַרבייט פון דעם ערשטען נומער און ווען ער האָט איהם איבערגענומען, איז דאָס געווען מיט דער הסכמה פון הארקאַווי. איך געדענק שוין ניט פאַרוואָס יענער האָט פאַרלאָזען דעם זשורנאַל. איך קען זיך אָבער גרינג פאָרשטעלען: דער אַרויסגעבער איז געווען ז. קאָנטאָראָוויטש, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער גרעסטער אידישער פּאָבלישער. ער איז שוין דאַמאָלסט געווען שטאַרק פאַרפּלאָנטערט אין זיינע געשעפטען, דערצו האָט ער דערלעגט אַ היבש ביסעל געלד צו דעם זשורנאַל, וועלכער איז געווען צו גוט פאַר דער צייט אין וועלכער ער איז אַרויסגעגאַנגען. אַ חוץ דעם האָט דער זשורנאַל געליטען פון דעם זעלבען חסרון וואָס גאָרין. ער האָט ניט געהערט צו קיין פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַ ריינער פאָרשריטליכער מאַגאַזין, און וואָלט געווען אַ צירונג פאַר יעדער שפּראַך.

די אידישע אמעריקא פון יענער צייט האָט איהם ניט געדאַרפט און ניט געקענט אויסהאַלטען. ער איז אַרויס אונטער גאָרינ׳ס רעדאַקציע ניט מעהר ווי דריי אָדער פיער נומערען, און דער זשור־נאַל האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען צוזאַמען מיט קאָנטאָראָ־וויטש׳עס פּאַבלישינג. פון דער צייט אָן דאַטירען אויך די פריינט־שאַפטליכע באַציהונגען פון גאָרין מיט מר. פּיעטער וויערניק, וועל־כער איז געווען א שטענדיגער מיטאַרבייטער פון יענעם זשורנאַל און מיט יאָהרען שפּעטער, רעדאַקטאָר פון „מאָרגען זשורנאַל“.

אין דער צייט (1897—1898) האָט זיך גאָרין באַקאַנט מיט דעם דראַמען־שרייבער און ראָמאַניסט מ. זייפערט, און יענער האָט איהם צוגערעדט צו שרייבען א פּיעסע; ד. ה. צוויי פּיעסען. יע־דער פון זיי האָט געדאַרפט שרייבען זיין פּיעסע אין גאַנצען אַליין, ער האָט אָבער געדאַרפט איבערלייענען יעדען אַקט און יענער זאָל איהם אויפמערקזאַם מאַכען די פעהלערען. מ. זייפערט איז שוין דאַמאַלסט געווען א געניטער שרייבער פאַר דעם טעאַטער און כמעט דער איינציגער, כאָטש ניט זייענדיג א פּאַטענטירטער אויטאָר האָט ער שוין ביז דעמאָלט אָנגעשריבען און פּראָדוצירט א פינף און זיבעציג אָדער אכציג פּיעסען. זיינע נאָהענטע באַציהונגען צום טעאַטער האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דאַס, וואָס ער איז געווען א שטיקעל דאָקטאָר, מעהר ווי צוליעב זיין שרייבערײַ. די פּראָ־פעסיע איז נאָך צו יענער צייט געווען זעהר אָרים און אן אייגענער דאָקטאָר איז געווען א געווינשטע זאַך. חוץ דעם האָט ער זיינע שטיקער פאַרקויפט האַלב אומזיסט: פופציג דאָלאַר איז געווען א גרויסער פּרייז. און דעריבער, ווען איינער פון די געשוואָרענע אויטאָרען איז דורכגעפאַלען און מען האָט שוין געדאַרפט האָבען א שטיק ביז ער וועט אָנשרייבען די צווייטע, איז זייפערט שטענ־דיג געווען ביי דער זייט.

גאָרינ׳ען איז דער פּלאַן צום אָנפאַנג גאַרניט געפעלען. ער האָט זיך אָבער צו יענער צייט באַגעגענט מיט ב. טאָמאַשעווסקי, און יענער האָט איהם געגעבען א סוזשעט און געבעטען איהם אָנ־צושרייבען א שטיק. דער סוזשעט איז גאָרינ׳ען שטאַרק געפעלען און ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זייפערט האָט איהם געזאָגט

דאָס עטליכע האָבען זיך צו דעם גענומען און עס איז גאָרניט געוואָרען פון דעם, האָט ער זיך דאָך גענומען צו דער דראַמע און אויך אָנגענומען זייפערט׳ס פאָרשלאָג. דאָס איז געווען די צייט פון דרייפוס אַפער, און זייפערט האָט אויסגעקליבען דעם סוזשעט פאַר זיין דראַמע קאַפּיטאַן דרייפוס. דער אָפּמאַך צווישען גאָרין און זייפערט האָט אָבער ניט געדויערט מעהר ווי ביז דעם ערשטען אַקט. זייפערט האָט זיך איבערצייגט, אַז גאָרין וועט זיין פּיעסע ניט פאַרקויפען און אַז דרייפוס וועט מען געווים אויס־כאַפּען. ער האָט אינגאַנצען קיין טעות ניט געהאַט. גאָרינ׳ס שטיק איז טאָמאַשעווסקי׳ן גאָרניט געפעלען, ער האָט איהם געוויזען ווי אַזוי דאָס איבערצומאַכען. דאָס איז אָבער געווען אַ זאַך וואָס גאָרין האָט בשום אופן ניט געקענט טאָן. ער איז אָבער אַוועק צו קעסלער׳ן און האָט זיין שטיק פאַרקויפט פאַר גאַנצע הונדערט דאָלאַר. מען האָט זי געשטעלט פאַר פּורים 1898. דאָס איז געווען די צייט וואָס מען פלעגט דאַמאָלסט שטעלען די אַזויגערופענע „עהרען־פּיעסען“. גאָרין האָט די פּיעסע אַ נאָמען געגעבען „אַלטער דער זינגער“. מען האָט זי געשפּיעלט אונטער׳ן נאָמען „דער ווילנער בעל־הבית׳על“. דעם נאָמען האָט געגעבען דאָס מענערדזשמענט געגען גאָרינ׳ס ווילען. די פּיעסע איז געגאַנגען ביז פּסח, און זייפערט האָט זיין פּיעסע גראָדע ניט פאַרקויפט.

אין די יאָהרען, אָדער אפשר נאָך אַ ביסעל פריהער, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטילער, כמעט אונבאַמערקטער, אונטערגאַנג פון די אַזוי־גערופענע „העפטען“, און עס איז געשעהן עפּעס אונער־וואַרטעטעס, אונמעגליכעס, קאָמיש־גראָטעסקעס. דער עולם, וואָס האָט זיך ביז איצט געקוויקט און פּאַסמאַקעוועט מיט די שונד־האַפטסטע און עקעלהאַפטסטע אַבסורדען, אונטער׳ן נאָמען פון אַלערליי „געהיימניסען“, איז מיט איינמאָל, כמעט איבערנאַכט, געוואָרען אַ פיין־שמעקער און אַן איבערקלייבער, און האָט נאָר געקענט פאַרדייען די בעסטע און אידעלסטע ווערק פון די אומות־העולם. זאָל דאָס ערקלעהרען ווער עס וויל. איך לאָז דאָס איבער פאַר דעם קינפטיגען אידישען ליטעראַטור־היסטאָריקער. איך ריהר

דאס נאר אזוי ווייט אז, אויף וויפיעל עס האט א שייכות מיט גארינ׳ען.

נאך קאנטאראוויטש׳עס פארלאזען די פאבלישינג ביזנעס האט זיך פארגרעסערט דער געשעפט פון י. קאצענעלענבאגען. ער האט אריינגענומען א שותף, א יונגערמאן מיט׳ן נאמען ראבינאוויטש. דער יונגערמאן האט געהאט א חוש פאר דער בעסערער ליטעראטור. ער איז געווען מעהר־אדער־ווייניגער באלעזען און אמביציעז. חינסקי איז אויך צו יענער צייט געווארען א פאבלישער. זיי האבען נעטאפט אין דער פינסטער, אליין ניט וויסענדיג וואס זיי ווילען, און עס האט זיך אנגעהויבען א פיבערהאפטע יאגעניש נאך איבערזעצונגען. איבערזעצער זיינען געווען א סך, און עס איז געווען אד־און־וועה דעם גוטען שרייבער וואס איז אריינגעפאלען אין זייערע הענט. מען האט זיין ווערק צושניטען אויף שטיקלאך און מען האט דאס געטהאן אזוי פארטאטשקע, אז עס איז נאר געבליבען דאס ציגישע און גראבע.

צו דער עהרע פון אידישען פובליקום מוז איך דא באמערקען, אז עס איז געווען ניט נויטיג, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזען צו אונזער גרויסען וואונדער, אז גארינ׳ס געוויסענהאפטע איבערזעצונגען האבען געהאט ניט קיין קלענערען אפגאנג ווי די אנדערע. מיר האבען איבערזעצט — איך זאג מ י ר, ווייל איך האב איהם אין די מייסטע געהאלפען — „קאמיל“, פון דיומא דעם אינגערן, „קארמען“ און אנדערע ערצעהלונגען פון פראספער מערימי, לעסינג׳ס „נאטאן דער ווייזע“, אויערבאך׳ס „שפינאזא“, מארדאווצעוו׳ס די „היידאמאקען“, זאלא׳ס „דער טאדשלאגער“, „נאנא“ און „דער פארגיפטעטער קוש“, און נאך פיעלע, וועלכע איך קאן זיך שוין ניט דערמאנען.

פאר דעם „אבענד־בלאט“: „באן־אמי“, פון מאפאסאן; „קוזענט־פאנס“, „פוטער גאריא“ פון באלזאק, „סאפהא“ פון אלפאנס דאדע; „נאטערדאם“, „די געשיכטע פון א פארברעכען“, „די ארבייטער פון ים“ — פון הוגא; „דער רויטער בוכשטאב“ פון נאטאניעל האוטהארן; „אנקעל טאמ׳ס שטיבעל“, פון הערי ביטשער סטאו; „קריעג און פריעדען“ פון ל. טאלסטאי און „יאהאן דער שרעקלי־

כער" פון אַלעקסיי טאָלסטאָי און נאָך און נאָך אַנדערע, אַ חוץ אַ גרויסע צאָהל סקיצען און ערצעהלונגען פון די קלאַסיקער און מאָדערנע שרייבער.

די אַלע יאָהרען האָט גאָרין געאַרבייט אין „אָבענד בלאַט" און „ארבייטער צייטונג", אַ חוץ די פּאָר אַרטיקלען וואָס ער פלעגט פון צייט צו צייט געבען אין די אַנדערע אידישע צייטונגען.

דורך דער צייט איז פאָרגעקומען דער באַריהמטער ברוך אין דער ארבייטער באַוועגונג. מילער, קאַהאַן, ווינטשעווסקי און זאַמעטקין זיינען מיט פיעלע אַנדערע אַוועק און געגרינדעט דעם „פאָרווערטס". עס זיינען צו דער „ארבייטער צייטונג" און „אָבענד־בלאַט" צוגעקומען נייע קרעפטען. גאָרין אָבער איז געבליבען אין דרויסען ביז נאָכ׳ן גרויסען קראַך, ווען קראַנץ, פייגענבוים, באַראַנאָוו, מאַגידאָוו און אַנדערע האָבען רעוואָלטירט געגען דע־ליאָנ׳ס פיהרערשאַפט, זיינען ארויס און אַנגעהויבען אַרויסגעבען אַ נייע צייטונג. גאָרין איז דאַמאָלסט געוואָרען דער ליטעראַטור און טעאַטער רעדאַקטאָר. מ. בעער איז געוואָרען הויפּט־רעדאַקטאָר. באַלד איז אַרויסגעפאַלען מ. בעער. ווי זאָגט דער דייטש? — „דער יודע האָט זיין ארבייט געטאָן, דער יודע קען שוין געהן!" גאָרין האָט אָפּגעאַרבייט צוויי יאָהר, ביז עס האָבען זיך אַנגעהויבען אינווענינגסטע קריעגעריי׳ען און רייסעריי׳ען. ווען ער איז פון דאָרטען אַרויס, זיינען מיר געווען מעהר אויף צרות, ווי איידער ער איז דאָרטען אַריין, ווייל ניט נאָר האָט ער ניט געקראָגען פאָר פיעלע וואָכען ווידזשעס, נאָר ער האָט זיי נאָך אַוועקגעליהען זיין ביסעל געלט אויך.

מיר זיינען אָבער ניט געוואָרען פאַרצווייפעלט און אין יאָהר 1901 האָבען מיר אָנגעהויבען אַרויסגעבען דעם „טעאַטער זשורנאַל". געלד האָט מען צו דעם אין יענער צייט געדאַרפט זעהר ווייניג. איך בין געוואָרען אַ מין מענעדזשער און אַדווערטייזמענט אַגענט. מיט די פּאָר קלעגליכע אַדווערטייזמענטס וואָס גאָרין האָט געשאַפען אין די אידישע טעאַטערע, האָבען אַלע צוזאַמען אַריינגעבראַכט אַ 50 דאָלאַר אַ וואָך. קיין מיטאַרבייטער זיינען כמעט ניט געווען, אַ חוץ אַ פּאָר פריינד, וועלכע האָבען אַמאָל אויסגעהאָלפען

מיט אַן אַרטיקעל. גאָרין איז געווען דער עדיטאָר, קריטיקער, שרייבער און סובסקרייבער זוכער. איך בין געווען אסיסטענט־רעדאַקטאָר, עקספּעדיטאָר, אַדווערטייזינג־אַגענט און מענעדזשער און דאָך איז דער זשורנאַל ניט געווען קיין שלעכטער אפילו פאַר דער איצטיגער צייט און אַ צו־גוטער פאַר דער דאַמאַלסטיגער.

דער זשורנאַל איז אַרויס יעדע צוויי וואָכען, פּופצעהן נומערען אין גאַנצען, און האָט זיך געענדיגט צום שלום פון טעאַטער־סעזאָן. מיר זיינען אַרויס אָהן אַ סענט, אָבער דאָס ביסעל געלד וואָס מיר האָבען אַנטליהען אויף דער אויסגאַבע, האָבען מיר אויסגעצאָהלט. דעם זומער האָב איך געקראָגען די ערשטע גרעסערע אַרבייט — די איבערזעצונג פון אַ רוסישען ראָמאַן. דער פּאַבלישער איז געווען אַ קליינינקער, אַ נישטיקער, דער פּרייז זעהר ביליג — דאָך האָט זי מיר אַריינגעבראַכט עטליכע הונדערט דאָלאַר, און דאָס, צוזאַמען מיט די סובסקרייבער וואָס גאָרין האָט געקראָגען, האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט אין סעפּטעמבער 1902 צוצוטרעטען צו די אויסגאַבע פון אַ פּאַרגרעסערטען טעאַטער־זשורנאַל. איצט האָט ער שוין גענוג ערשיינען וועכענטליך, און האָט שוין געהייסען „טעאַטער־זשורנאַל און פאַמיליענבלאַט". דער מיין איז געווען, אַז מיט דעם צוגעגעבענעם נאָמען וועט ער קענען ערשיינען זומער אויך, דאָס הייסט — ווען דער טעאַטער איז געשלאָסען.

מיר האָבען גענומען אַ וואוינונג אין אַ בעסערען פּלאַץ, וואו עס האָט געקענט זיין אַ ריכטיגער אָפיס. די ערשטע צייט איז דער זשורנאַל אַרויס וועכענטליך גאַנצע 7 נומערען. עס איז אָבער געווען אומזיסט, אַלע אָפּפער אַרויסגעוואָרפען. מיר האָבען צוגעשלעפּט ביז דעם עלפטען נומער. דאָ אָבער וועל איך עפּעס באַמערקען: זינט דאַמאַלסט זיינען שוין געווען אַ סך אַזעלכע אונטערנעמונגען, ווי זשורנאַלען און צייטונגען אַרויסגעגעבען פון פּריוואַטע אונטערנעהמער, טעאַטער דירעקטאָרען און באַוואוסטע ליטעראַטען. זיי זיינען אַלע געווען געדעקט אָדער ביי אָרגאַניזאַציעס, אָדער ביי גרויסע אונטערנעהמונגען, זיי האָבען זיך אַלע געהאַלטען עטליכע וואָכען און מען האָט צו זיי דערלעגט פאַרמעגנס. גאָרין איז דערצו צוגעטראָטען מיט צעהן פינגער, מיט די אָפענע אָדער באַהאַלטענע

שנאה פון די מייסטע טעאַטערע און אַקטיאָרען, וועלכע האָבען אַדער קיין אַנאַנסען ניט געגעבען אָדער געצאָהלט ביליגער ווי געוועהנליכע סטאַר־קיפּער און מען האָט נאָך געדאַרפט פאַרלירען גאַנצע אוועגדען צו קאָלעקטען דאָס געלד.

ער האָט דאָס געטהאָן אָהן שום פּריוואַטע אָדער פּאַרטיי הילף, אָהן בענעפיטס און אָהן אונטערנעהמונגען. ער האָט אַרויסגעגעבען זעקס און צוואַנציג נומערען. ער איז אַרוים אָהן אַ סענט אָבער אויך אָהן חובות, און מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז נאָך אַלעמען האָבען מיר געלעבט פון דעם.

יענעם לעצטען ווינטער פון „טעאַטער זשורנאַל" האָט גאָרין פאַרענדיגט זיין „שפּינאָזאַ'ן". ער האָט איהם פאַרקויפט פאַר איין פאָרשטעלונג צו אַ בענעפיט פון ב. טאָמאַשעווסקי, פאַר גאַנצע פופציג דאָלאַר. עס האָט געהייסען, אויב די שטיק וועט אויסנעמען וועט מען איהר שפּיעלען ווייטער און מען וועט צאָהלען גאָרינ'ען ראָיאַלטים. דער טעאַטער איז דעם אָוועגד געווען געפּאַקט מיט אַ זעהר ווערטעם פּובליקום און איך קען שווערען, אַז שפּינאָזאַ האָט אַזוי פיעל ניט געליטען פון זיין חרם, ווי דער אָרימער דראַ־מאַטורג און ספּעציעל קריטיקער, האָט יענעם אָבענד אויסגעליטען. ס'איז איין טרייסט, וואָס טאָמאַשעווסקי אַליין האָט געהאַט אַר־טיסטישען חוש גענוג די פּיעסע מעהר ניט אויפצופיהרען. גאָרין האָט זיך ערשט בארוהיגט, ווען ער האָט די פּיעסע פון איהם ארויסגעקראָגען.

באַלד נאָך דעם אונטערגאַנג פון „טעאַטער זשורנאַל", ד. ה. אין פריהלינג פון 1903, איז גאָרין אַריינגעטראָטען אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס". דאָס איז שוין געווען צום צווייטען מאָל. דאָס ערשטע מאָל איז געווען גלייך נאָכ'ן אונטערגאַנג פונ'ם „נייעם גייסט", ער איז אָבער דאָמאָלסט דאָרט פאַרבליבען נור צוויי וואָכען, ד. ה., דעם איבערגאַנג פון איין רעדאַקציע אין דער צווייטער. איצט אָבער איז דער „פאָרווערטס" געשטאַנען אויף אַ פעסטערן באָדען, ער האָט זיך געפונען אויף איסט בראָדוויי אונטער קאַהאַנ'ס רעדאַקציע. גאָרין האָט איצטער צום ערשטען מאָל דער־

פיהלט, וואָס עס מיינט אַרבייטען אין אַ רעדאַקציע. וואוינענדיג ווייט פון דער שטאָדט, האָט ער געמוזט אַרויספאָהרען זיבען אַזייגער און קומען דריי, און ערשט נאָכדעם זיך נעהמען צו די איבעריגע צוויי־דריי אַרטיקלען וואָס ער האָט געדאַרפט געבען יעדע וואָך. ער האָט זיך אָבער געפיהלט גליקליך און צופרידען. באַלד איז צוגעקומען מעהר אַרבייט. ער איז געוואָרען אַ שטענ־דיגער מיטאַרבייטער אין פעטערבורגער „פריינד", געבענדיג צוויי סעריעס אַרטיקלען אַ חוץ סקיצען. די סעריעס זיינען געווען: „דער אידישער וואַנדערער" און „דאָס גאָלדענע לאַנד". די סע־ריע אַרטיקלען האָבען אין רוסלאַנד געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג און ער איז געבליבען דאָרט אַ מיטאַרבייטער ביז דאָס בלאַט איז אונטערגעגאַנגען. ער האָט זיך אויך באַטייליגט אין דעם זשורנאַל „דאָס לעבען" פון דער זעלבער רעדאַקציע.

דורך דער צייט האָט ער אויך אָפט געדרוקט אַרטיקלען אין ענגליש איבער טעאַטער אין „טעאַטער מאַגאַזין", „ווערנערס מאַ־גאַזין", „בראָדוויי", „לעסלים וויקלי" און אַנדערע. באַלד אין אַנפאַנג פון 1905 האָבען מיר ביידע אָנגעהויבען שרייבען אין דער עלטסטער און דאַמאָלסט אַריסטאָקראַטישסטער צייטונג אין אַמע־ריקא, די „ניו יאָרק איוונינג פאָסט". מיר זיינען אַהין אַריין אָהן שום פראָטעקציע אָדער „פול", וואָס גאָרין האָט ניט אָנגעווענדעט זיין גאַנצען לעבען. איך האָב צופעליג איבערזעצט אַ קליינע רוסישע סקיצע „דער מאַן מיט'ן הילצערנעם פוס" פון וו. גאַרשין, האָב דאָס צוגעשיקט אין „איווינינג פאָסט". אין אַ פאָר טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַ זעהר ליעבען בריעף פון מר. דזשאַן פעין, דער רעדאַקטאָר פון „סאָפּלימענט", בעטענדיג מעהר אַרבייט. באַלד האָט גאָרין דאָרט אויך גענומען שרייבען איבער דער אידישער ליטעראַטור און טעאַטער, אַרטיקלען איבער רוסלאַנד און אָריגינעלע סקיצען. איך האָב דאָרט געגעבען איבערזעצונגען. מיר האָבען געשריבען אין דער „פאָסט" ביז אַ היבשע צייט נאָכ'ן רוסיש יאַ־פאַנעזישען קריעג, ווען די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג און פאָליסי פון דער צייטונג האָבען זיך אינגאַנצען איבערגעביטען.

יענע צייט איז פאַר אונז ביידען געווען אַ צייט פון רייכען שאַפען, ווייל איך האָב דאַמאָלסט אויך געהאַט אַ סך־זייטיגע אַרבייט אין ענגליש.

דאָן איז גאַרין ערנסט קראַנק געוואָרען, דאָס ערשטע מאָל זייט ער איז געקומען קיין אַמעריקא — ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין גבור. ער איז געקומען קיין אַמעריקא אַ קראַנקער, און צוויי יאָהר נאָך זיין קומען האָט ער אָנגעהויבען צו ליידען פון רומאַטיזם אין אַ האַנד. ער האָט אָבער פון דעם קיינמאָל קיין איבעריגען ווזען ניט געמאַכט און אַפילו זיך ניט אַריינגעלעגט אין בעט, אָבער די ערשטע יאָהרען פון זאָרג און נויט, די שווערע אָנגע־שטרענגטע אַרבייט, האָבען איהם געוואָרפען פון די פיס. ער איז אַפּגעלעגען עטליכע וואָכען און נאָכדעם זיינען מיר אוועק אין די בערג, וואו מיר האָבען געקראָגען אַ בריעף פון דעם מע־נעדזשער, אַז אַזוי ווי ער איז ניט געזונט, וואָלט געווען בעסער דאָס ער זאָל אויפגעבען די אַרבייט אין אָפיס און בלייבען אָנ־געשטעלט נאָר אויף שרייבען אַרטיקלען. פאַר אונז איז דאָס געווען ווי געוואונשען, און גאַרין איז אויף דעם איינגעגאַנגען.

דורך די צוויי און אַ האַלב יאָהר וואָס גאַרין האָט געאַרבייט אין „פאָרווערטס" זיינען זיינע באַציהונגען צו קאַהאַנען אימער געווען דאָס בעסטע. קאַהאַן איז דאַמאָלסט געקומען אין „פאָר־ווערטס" פון אַן ענגלישער צייטונג, מיט גאַר אַנדערע אידעען ווי אַ טעגליכע צייטונג דאַרף זיך פיהרען און דאַרף אויסזעהן ווי פון דער צייט וואָס ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ווע־כענטליכער „אַרבייטער צייטונג". דער „סטאַף" איז דאַמאָלסט באַשטאַנען פון גאַרינ׳ען, מ. קאַץ, דר. פאַרענבערג און יואל ענטין. זיי זיינען געווען גוט פאַר אַרטיקלען. דער „פאָרווערטס" האָט אָבער ניט געקענט צאָהלען געלד פאַר אַרטיקלען באַזונדער און פאַר נייעס באַזונדער. פאַר אינעווניג אין צייטונג האָט מען גע־דאַרפט גאַר אַן אַנדער סאָרט שרייבער. די האָבען אַבסאָלוט ניט געטויגט. דער איינציגער וועלכער האָט זיך אפשר יאָ געטויגט פאַר אַזאַ צייטונג ווי קאַהאַן האָט געוואָלט, איז געווען גאָניקמאַן. גראָדע דאַמאָלסט האָט זיך געמאַכט אַ סטרייק פון „גיוס־באַיעס"

אין פילאַדעלפיא. דאָס האָט געדאַרפט זיין מיט אַ פּאָר טעג איי־דער גאַרין איז קראַנק געוואָרען, אַדער אפשר מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער. צו די שרייבער האָבען דערגרייכט אַלערליי קלאַנגען. זיי האָבען אוועקגעשיקט אַ שליח קיין פילאַדעלפיא צו דערגעהן דעם אמת. צופעליג האָט זיך געמאַכט, דאָס אויפ׳ן סטיישאַן האָט קאַהאַן באַגעגענט דעם שליח און האָט איהם צוגעדריקט צום וואַנט, און יענער האָט איהם געזאָגט צוליעב וואָס ער פאָהרט אַהין. פאַרשטעהט זיך, אַז די שרייבער פון „פאָרווערטס“ זיינען געפלוי־גען. גאַרינ׳ען האָט מען פריהער געשטעלט אויף אַרטיקלען, און נאָכדעם אינגאַנצען אָפּגעזאָגט. ער איז נאָך ניט געווען אין גאַנצען געזונד, און אונזער זון איז געלעגען אין האָספּיטאָל נאָך אַ שווערע אָפּעראַציע אויף אַפּענדיסיטיס. עס האָט איהם צום אָנפאַנג שטאַרק פאַרדראָסען. נאָכדעם אָבער, ווי ער האָט זיך דערוואוסט די אַלע איינצעלהייטען, האָט ער קאַהאַנ׳ען רעכט געגעבען. ער האָט גע־רעכענט, אַז מען האָט געגען איהם געהאַנדעלט ניט קאָלעגיאַל. נאָך אַלעמען איז ער געווען אַ קאָלעגע און מען האָט אַזאַ זאַך מיט איהם גערארפט פריהער איבעררעדען. איך האָב אַלע יאָהרען ניט געהערט גאַרינ׳ען זאָגען געגען קאַהאַנ׳ען אַ שלעכט וואָרט. ער האָט איהם נאָך געדענקט אַזוי ווי ער האָט איהם געקענט פון דער „אַרבייטער צייטונג“ און אַזוי איז ער פאַרבליבען פאַר איהם, און אויף וויפיעל איך ווייס פון אַנדערע, האָט קאַהאַן פון גאַרינ׳ען שטענדיג געהאַלטען אַלס מענש און אַלס שרייבער.

גאַרין איז אָהן אַרבייט לאַנג ניט פאַרבליבען. דריי טעג נאָך זיין אוועקגעהן פון „פאָרווערטס“ האָט איהם סאַפּירשטיין געלאָזט נאָך אַ מאָל רופען. דאָס מאָל האָט שוין גאַרין זיין פאָרשלאַג אָנ־גענומען און איז אַריין אויפ׳ן „סטאַף“ פון „מאָרגען זשורנאַל“. ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, איז מר. סאַפּירשטיין גאַרינ׳ען שטאַרק סימפּאַטיש געווען, אַ חוץ דעם איז דער „מאָרגען זשורנאַל“ געווען אַז „עיר־מקלט“ פאַר כמעט אַלע ראַדיקאַלע שרייבער. עס האָבען דאָרט איבערגעאַרבייט האַרקאַווי, פיליפּ קראַנץ, פייגענבוים, עדלין און מאַגידאָוו, און מיט מר. וויערניק האָט ער אויך אַ צייט

מיטגעאַרבייט אין דעם „נייעם גייסט", און ער האָט זיך דאָרט געפיהלט היימיש.

אין פריהלינג פון יאָהר 1906 האָבען מירביידע געמאַכט אַ לאַנגע רייזע איבער די אידישע קאָלאָניעס און פאַרמס. דאָס איז שוין לאַנג געווען זיין טרוים, ווייל ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אידישע קאָלאָניעס און געוואָלט שטודירען די פראַגע אויפ׳ן אָרט. די רייזע האָט געדויערט פון מאַי ביז סעפּטעמבער און ער האָט אנגעזאַמעלט אַ סך מאַטעריאַל און בילדער. ער האָט געגעבען אַ רייה אַרטיקלען אין „מאָרגען זשורנאַל" און „אַמעריקאַנער", אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג מיט אילוסטראַציעס אין דעם וואַרשעווער „שטראַהל" און אַרטיקלען מיט בילדער אין „קאָליערס וויקלי", ניו־יאָרקער „טריביון" און „ליעסלי׳ס וויקלי" .

אין יאָהר 1907 איז ער געוואָרען איינער פון די רעדאַקטאָרען פון „אידישען פאַרמער". דורך דער צייט, פון 1904 ביז 1907, האָט ער געגעבען קריטיקען איבער די רוסישע ליטעראַטור אין „די טראַנס־אַטלאַנטיק טיילס", אַן ערשט קלאַסישער זשורנאַל פאַר אי־בערזעצונגען.

אין 1907 האָט גאָרין געהאַט אַ גרויסע זאַכליכע אָפּהאַנדלונג אין „סעוואַני רעוויו" דעם וויכטיגען פערטעל־יעהרליכען זשורנאַל פון אוניווערזיטעט איבער טאָלסטאָי׳ס פרויען־טיפּען.

אין 1912 האָט גאָרין פאַרקויפט זיין „באַראָן אויף אַ נאַכט" אין נאַוועלטי טעאַטער. שילדקרויט האָט געשפּיעלט די טיטעל־ראָליע. די שטיק האָט גראָדע ביים פּובליקום אויסגענומען, דער טעאַטער האָט אָבער געהאַלטען ביים אונטערגעהן צוליעב אינער־ליכע קריעגערייען, און האָט זיך באַלד פאַרמאַכט.

אין 1913 האָט גאָרין איבערגענומען די טעאַטער־קריטיק פון „מאָרגען־זשורנאַל", מיט דער באַדינגונג, אַז ער זאָל האָבען אין דעם אין גאַנצען אַ פרייע האַנד. די קריטיק איז איהם שוין איינ־מאָל געווען פאַרגעלעגט. דאָס איז געווען גלייך צום אָנהויב, ווען ער איז אַריין אין „מאָרגען זשורנאַל". ער האָט זיך אָבער דאַמאָלסט אָפּגעזאָגט דערפון, ווייל ער האָט ניט געדענקט דאָס זיינע קרי־טיקען וועלען זיין אין איינקלאַנג מיט דער פּאָליסי פון דער צייט־

טונג אין יענער צייט. סאָפירשטיין איז דאַמאָלסט געווען גרויס־מוטיג גענוג דאָס איינצוזעהן, און אַ חוץ אין זעלטענע פעלע, ווי אַ שטייגער ווען שלום־עליכם האָט אויפגעפיהרט זיינע ערשטע צוויי פּיעסען דאָ אין אַמעריקאַ, האָט ער זעלטען־ווען געגעבען אַ קריטיק אין „מאָרגען זשורנאַל". דאָ אָבער איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער זאַך. ער איז געוואָרען דער פּאָלשטענדיגער רעדאַקטאָר פון זיין אָפּטיילונג און האָט אַליין געהאַט אויף דעם צו זאָגען. איך מוז דערביי צוגעבען אַנערקענונג פאַר דעם אָפּיס פון „מאָרגען זשורנאַל", דאָס קיינער — ניט מר. וויערניק ניט מר. פישמאַן, האָבען ווען־עס־איז איהם געזאָגט אַ דעה וועגען קריטיק. ערשט ווען ער איז שוין געוואָרען זעהר קראַנק, אַ פּאָר יאָהר פאַר זיין טויט, האָט ער געוויסע טיילען פון זיין קריטיק געמוזט איבערגעבען אַנדערע צו שרייבען. ער האָט ניט געוואָלט האַלטען די קריטיק אין זיינע הענט צוליעב עפּעס אַ זייטיגע כונה. עס איז איינפאַך געווען, ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז די רעכטע האַנד דאַרף וויסען וואָס די לינקע טהוט, און אַז אפילו אַ קליינער אונוויכטיגער נאָטיץ קאָן פון דער טעאַטער־וועלטעל ניט ריכטיג אויסגעטייטשט ווערען, און איהם איז געווען זעהר טייער די עהרע פון דער צייטונג, אין וועלכער ער האָט געאַרבייט, אין זיין אָפּטיילונג.

אין זעלבען יאָהר האָט זיך גאָרין ערנסט גענומען צו שרייבען די געשיכטע פון אידישען טעאַטער, די מאַטעריאַלען פאַר וועלכער ער האָט געקליבען זייט איך האָב איהם דערקענט. ער איז צוגעטראָטען צו דער אַרבייט מיט אָפענע אויגען. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אַ פּיאָנערען אַרבייט און אַלס אַזעלכע וועט דאָס זיין איבערמענשלאַך שווער — אַ נערוועז־רייצענדע, ענטמוטיגענדע אַרבייט. אָנפאַנגס האָב איך איהם געפּרואווט פון דעם אָפּרעדען. איך פערזענליך בין קיינמאָל ניט געווען קיין פּאַטריאָט פון טעאַטער. איך האָב ליעב געהאַט דעם טעאַטער, ווייל ער האָט דאָס ליעב געהאַט. ווען איך האָב אָבער געזעהן וואָס פאַר אַ גרויסען טייל עס פאַרנעהמט אין זיין לעבען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ זאַך געגען וועלכער מען קען און מען דאַרף ניט קעמפּפען. צו שרייבען די געשיכטע איז ביי איהם געווען פּונקט

ווי די עבודה פון כהן גדול. איהם האָט טיעף געקרענקט פאַר־וואָס אימעצער האָט זיך דערצו ניט גענומען. „דו פאַרשטעהסט דאָך אַליין — האָט ער צו מיר ניט איינמאָל געזאָגט, נאָכדעם ווי אַ קליין נישטיג ביכעלע איז איבער'ן טעאַטער ערשינען — עס איז איינפאַך ניטאָ קיין אַנדערער וואָס זאָל דאָס טהאָן; זיי זיינען קיינער ניט ערנסט גענוג, ניט אַפּפערוויליג און דאָ שטאַרבען אויס די לעבעדיגע עדות, איינער נאָכ'ן צווייטען, נאָך אַ יאָהר פינף־צעהן וועט קיין איינער פון זיי ניט בלייבען. ס'איז שוין איצטער אויך זעהר שווער". ער האָט רעכט געהאַט. איך האָב דאָס אַליין אויך איינגעזעהן. דאַמאָלסט האָבען נאָך די מייסטע בויער געלעבט, מיט גאָלדפאָדען בראש. ער האָט זיי אַלעמען גוט געקענט, און געקענט גרינג אָפּטיילען דעם אמת פון דעם וואָס די פּוסטע גאוה האָט דיקטירט. און מען האָט דאָס זעהר נויטיג געדאַרפט. דאָ מעהר ווי אומעטום האָט מען געדאַרפט אָפּטהיילען די קאָרן פון די מעקענע. פּונקט ווי ביי יעדען ערפאָלגרייכען שטיק זאָגט יעדער באַטייליגטער אין טעאַטער, אָנפאַנגענדיג פון „סטאַר" און ענדיגענדיג מיט'ן „דרעסער", אַז ער אָדער זי האָבען דאָס געמאַכט דעם „סוקסעס", אַזוי איז דאָ יעדער איינער געווען דער „פאַטער" און דער בויער פון טעאַטער, און ווען ניט ער — וואָלט דער טע־אַטער ניט געווען.

מיט'ן ערשטען טייל זיינען אַזעלכע צרות ניט געווען. דאָ האָט מען געהאַט צו טאָן מיט'ן געשריבענעם וואָרט. אַז מען האָט דאָס ניט געפונען אין דער ניו־יאָרקער ביבליאָטהעק, האָט מען דאָס געפונען אין דער וואַשינגטאָנער אָדער באָסטאָנער, און אַז מען האָט געדאַרפט, איז אפילו לאָנדאָן ניט געווען צו ווייט, דורך אַ פריינד האָט מען געקענט איבערשרייבען געוויסע שטעלען פון אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז דאָ ניט געווען. ווען עס איז אָבער געקומען צום צווייטען טייל, מיט די לעבעדיגע עדות, האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אַקראָבאַטען־טאַנץ, און מען האָט אַמאָל געדאַרפט צוזאַמענ־שלעפּען דריי־פיער אויף איין פּלאַץ, און אויף אַזאַ אופן אויסגעפינען וואָס איז אַן אמת און וואָס איז אַ בלאָף. דער פּועל־יוצא איז געווען, דאָס ווען ער האָט זיך אין 1913 געזעצט שרייבען די געשיכ־

טע, איז ער אפשר געווען געזינטער ווי ווען־עס־איז אין זיין גאַנצען לעבען און האָט געוואויגען 152 פונט, מיט דרייסיג פונט מעהר, ווי ער איז געקומען קיין אמעריקא. ווען ער האָט געענדיגט דאָס ווערק איז ער שוין געווען אַ טויט־קראַנקער מענש, מיט רומאַטיזם איבערן גאַנצען קערפּער און מיט צוטרייסעלטע נערוון.

דער אונגליק איז נאָך גרעסער געווען, דאָס וואָס איך האָב איהם אין דער ארבייט ניט געקענט העלפען. די איינציגע זאַך וואָס איך האָב פאַר איהם געטהאָן, ווייל דעמאָלט האָט ער שוין ניט געקענט געהן אויף די פיס, איז געווען, צו מאַכען די רעזשומע פון אַלע שטיק. דאָס איז געווען אַ שרעקליך שווערע ארבייט, ווייל מען האָט געדאַרפט בלעטערען פאַר פערציג יאָהר צייטונגען און זוכען די אַנאָנסען. דערביי איז נאָך געווען א צרה, וואָס אַ סך שטיקער האָט מען געשפּיעלט אונטער צוויי און אונטער דריי באַזונדערע נעמען, און גאָרין איז אפשר געווען דער איינציגער מענש דאָ, אָדער וואו־עס־איז־ניט, וואָס האָט געקענט ווּיסען דעם אונ־טערשייד, און דאָס אויך מיט שוועריגקייטען, ווייל די שרייבער אַליין האָבען אָפט אַריינגערעכענט אין זייער צעטעל דריי־פיער שטיקער, וועלכע זיינען אַלע געווען איינע. די ארבייט האָט מיר געדויערט פינף וואָכען און דער אָרימער פריידעס האָט זיך דאָ־מאָלסט פאַרמאַטערט שלעפּענדיג די שווערע געבונדענע יאָהרגענגע פון די צייטונגען פאַר מיר.

אין 1917, שוין זייענדיג קראַנק, האָט גאָרין אין געביל׳ס טעאַטער, אונטער זיין רעזשי אויפגעפיהרט די ערשטע אידישע קאָמעדיע פון אהרן האַלליע וואָלפסאָן, וועלכע ער האָט צוגעגרייט פאַר דער ביהנע. אין 1918 האָט ער פאַר דער ביהנע צוגעגרייט אבראַמאָ־וויטשעס „פּריזיוו", וועלכע מען האָט אויפגעפיהרט אין קעסלער׳ס טעאַטער.

דורך דער צייט פון 1915 כמעט ביז זיין טויט, האָט ער געהאַט דריי סעריעס אין „אמעריקאַנער", וועלכע זיינען באַשטאַנען אין דער געשיכטע פון אַלגעמיינעם טעאַטער, מעשה׳לאך פון וועלט־באַריהמטע דראַמען, פון אַלע שפּראַכען, קלאַסיקער אַזוי גוט ווי מאָדערנע. נאָכדעם פון די וועלט־באַריהמטע דראַמאַטישע שטערן

און שרייבער. אין דעם האָב איך איהם יאָ געהאָלפען. אַליין וואָלט איהם איצט אונמעגליך געווען. די אַרבייט איז געווען אַ שווערע, הגם זעהר אַ אַנגענעהמע פאַר אונז ביידען.

אין 1918 איז ענדליך אַרויסגעגאַנגען „די געשיכטע פון אידישען טעאַטער". דאָס ווערק האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. די קריטיק איז געווען אַ פּראַכטפאָלע. דער בוך האָט געקראָגען אין דער טעגליכער ענגלישער „טריביון" אַ קריטיק פון אַ פולע פּיידזש; אַ גרויסע קריטיק אין „קריסטשען סייענס מאָניטאָר"; אין „בוקמען" און אין אַ פּאָר אַנדערע צייטשריפטען. די ערשטע אויסגאַבע פון צוויי טויזענד סעטס האָט זיך פאַרקויפט אין ווייניגער פון צוויי יאָהר צייט.

אין 1919 זיינען ענדליך אַרויסגעגאַנגען די ערשטע צוויי בענדער פון זיינע בעלעטריסטישע ווערק: „פאַרגעסענע נגונים" און „אַמאָל איז געווען". פון אַרויסגעבען מעהר, האָבען מיר שוין ניט געקענט טראַכטען. דער אידישער ביכער־מאַרק איז פּלוצלונג אָפּגעשטאָרבען. אַ חוץ דעם איז גאָרין איצט צו קראַנק געווען, אַז אונז זאָלען אַזעלכע זאַכען ליגען אין קאָפּ. עס האָט זיך איצט ביי אונז אָנגעפאַנגען אַ מעהר פאַרצווייפעלטער קאַמפּף מיט דער קראַנקהייט, ווי אַמאָל פאַר דער עקזיסטענץ. דאָס גאַנצע געלד וואָס מיר האָבען אָנגעקליבען פון מיינע און זיינע אַרבייט, אויף אַרויסצוגעבען זיינע ווערק, איז צושוואָומען געוואָרען. אום צו געבען אַ קליינע פאַרשטעלונג, וויל איך נאָר זאָגען, אַז אין דריי יאָהר צייט, זיינען מיר געווען אין דריי באַזונדערע באָדע־פּלעצער, איינע — אַזוי ווייט ווי טעקסאַס.

אין 1924 האָט זיך גאָרין פּלוצלונג דערפיהלט אַ סך בעסער. מיר האָבען געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט צו פאָהרען אין אַ געוויסען באָד אין אייראָפּאַ, וואָס אַ פריינד, אַ היגער דאָקטאָר, האָט רעקאָמענדירט. דעם טאָג וואָס מיר זיינען געפאָהרען נעהמען די פּיקטשעס פאַר די פּאַספּאָרטען, האָט מען אונז אויפ'ן טראָטואַר, נעבען אונזער הויז, איבערגעפאָהרען. גאָרין איז געווען מעהר באַשעדיגט ווי איך. דאָך, ליגענדיג אויף דער ערד, אַ צעבלוטיגטער, אַ צושמעטערטער, האָט ער געהאַט אין זינען איין זאַך: „זיי האָבען

איהר דערהרג׳עט, זיי האָבען איהר דער׳הרג׳עט, זיי האָבען איהר דער׳הרג׳עט!״ — האָט ער געקרעכצט, און זיך האָט ער, ווי געוועהנ־ליך, גאָר איינגאַנצען פאַרגעסען.

אין איירְאָפּאַ זיינען מיר געפאָהרען אין צעהן וואָכען אַרום, און מיר האָבען זיך אַביסעל ערהאָלט. דער באַד האָט גאָרינען געשיינט צו טהאָן פיעל גוטעס. הגם עטליכע מענשען פון די אַלטע איינוואוינער האָבען אונז געוואָרענט, אַז די בלאַטע־בעדער קענען האָבען אַ שלעכטען רעזולטאַט פאַר דער הויט, ווייל זיי זיינען צו שטאַרק. זיי האָבען זיך אָבער געהיט פיעל צו רעדען, און מיר האָבען ניט פאַרשטאַנען.

די פיער מאָנאַטען זיינען געוועזען די גליקליכסטע זייט יאָהרען. אין וויען האָבען מיר זיך באַגעגענט מיט דער טרופּע פון קונסט טעאַטער, און שווארץ מיט דער טרופּע האָבען זיך געוואונדערט, אַזאַ גאָרינ׳ען האָבען זיי קיינמאָל ניט געקענט. ער האָט צוריק־געקראָגען די פרעהליכקייט און די לעבעדיגקייט פון די ערשטע יאָהרען.

קומענדיג אַהיים האָט ער זיך געפיהלט פונקט אַזוי גוט. דעם פיערטען דעצעמבער, 1924, האָט מען צו זיין עהרע אויפגעפיהרט אין קונסט טעאַטער, זיינע אַ קאָמעדיע אין פיער אַקטען, אונ־טערן נאָמען „אין יעדען הויז״. מען האָט איהם דעם אָווענד צוגעטהיילט אַ סך כבוד. ער האָט געקראָגען אַ סך בלומען. די קריטיק איז געוועזען זעהר אַ גוטע, און דאַן איז מיר געוועזען זעהר שווער אויפ׳ן האַרצען. איך האָב מורא געהאַט, אַז דער טומעל זאָל איהם ניט שאַדען.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער אָנגעפאַנגען זיך צו פיהלען ניט געזונד. אָנפאַנגס איז דאָס געוועזען אַ קלייניגקייט, אַ גאַרניט, און מיט זיין געוועהנליכען אָפּטימיזם און גערולד האָט ער קוים געלאַזט מערקען. באַלד אָבער איז איהם געוואָרען אַזוי שלעכט אַז מיר האָבען זיך גענדארפט ווענדען צו דאָקטוירים.

זעקס וואָכען פאַר זיין טויט האָט דר. טאַנענבוים, אַ קאָלעגע און פריינד, איהם געראַטען צו געהן אין אַ האָספּיטאָל. דערפון האָב איך ניט געוואָלט הערען. איך בין יאָהרען לאַנג אַרום איהם

ארומגעגאנגען ווען ער איז געווען קראנק און איהם ארויסגע־שלעפּט פון יעדער געפאהר, און איך האָב איצטער דאָס אויך גע־האָפט צו טהאָן.

דאָס טהוט מיר איצט ניט לייד, הגם איך גלויב אַז קיין צוויי מענשען האָבען אַזוי פיעל געליטען וויפיעל איך און אונזער טאָכטער. מיר האָבען דורך דעם צייט דורכגעמאַכט אַ ווירקליכע מאַרטירערטום. ער איז אָבער געווען אַזוי ליעב, אַזוי געדולדיג, אַז מיר האָבען דאָס גאָרניט באַמערקט. דורך דער גאַנצער צייט האָב איך פון איהם ניט געהערט קיין איין וואָרט פון קלאָגען זיך. נאָר איין מאָל, האָט זיך פון מיר ארויסגעכאַפּט, אַז עס וואָלט געווען פיעל גלייכער פאַר אונז ביידען, ווען מען וואָלט אונז מיט אַ יאָהר פריהער איבערגעפאָהרען אויף טויט, האָט ער צוגעגעבען, אַז ער האָט אויך אַזוי געטראַכט. „אָביסעל שפּעטער האָט ער אָבער געזאָגט: „ס'איז אָבער געוואָרען אַנדערש, איך האָף אַז איך וועל ניט שטאַרבען, אָבער אויב אָבער איך שטאַרב, זאָלסטו אויס־לעבען דיינע יאָהרען און זאָלסט טהאָן די אַרבייט וואָס מיר ביידע האָבען געוואָלט טאָן".

דאָס איז געווען דריי טעג פאַר זיין טויט. ער איז געווען ביי אַלע זיינע חושים און זיין מאָרך האָט געאַרבייט אַזוי קלאָר און לאָגיש ווי געוועהנליך. ער האָט מיט מיר באַרעדט יעדע איינצעלהייט און אין זינען געהאַט יעדער זאַך.

דעם אָווענד פאַר אָוועקפיהרען איהם אין האָספּיטאָל, וואָס מיר האָבען צוליעב זיינעטוועגען געמוזט טאָן, האָט ער מיט מיר אָפּגערעדט, דאָס איך זאָל נעהמען אַ צימער ניט ווייט פון האָספּיטאָל, דאָס איך זאָל קענען די גאַנצע צייט זיין מיט איהם, און אָנגעזאָגט דער טאָכטער, אַז זי זאָל פאַרשליסען די הויז און זיין מיט מיר. „דו טאָרסט איהר ניט לאָזען אפילו אויף אַ מינוט אַליין. זאָלסט מיט איהר שלאָפען אין איין צימער".

אָבער ניט נאָר פאַר זיינע אייגענע, אויך פון פרעמדע האָט ער געדענקט און געטראַכט. שוין ליגענדיג אין דעם פּריוואַטען אַמבולאַנס, אין וועלכען איך האָב איהם געפיהרט צום האָספּיטאָל,

האָט ער געדענקט מיר אָנצוזאָגען, דאָס איך זאָל ניט פאַרגעסען געבען די דרייווער א טיפּ.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָב איך איהם צום לעצטען מאָל געזעהן, אין זיין פּריוואַטען צימער אין „פלאָוער האָספּיטאל". מיר האָבען גערעדט וועגען זיין מאַרגענדיגען איבערגעהן אין א צווייטען האָספּיטאל, א אידישען, ווייטער אפּ־טאַון. איך האָב איהם געזאָגט, דאָס איך וועל קומען מיט אַן אַמבולאַנס. „דאַרטען וועט פאַר דיר זיין באַקוועמער, איך וועל זיין מיט דיר די גאַנצע צייט". „יאָ, יאָ! — האָט ער מיט א שמייכעל געענטפערט, דו זאָלסט אָבער ניט פאַר־געסען ביז צום לעצטען, געבענשט זאָל זיין די שעה!" איך האָב א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. ריידען האָב איך ניט געקאָנט.

אין דעם זעלבען אָוענט האָב איך דריי מאָל אָפּגערופען דעם האָספּיטאל. די נוירס האָט מיר געענטפערט, אַז ער איז אַל־רייט. איך האָב געוואוסט, אַז דר. טאַנענבוים וועט דורכ'ן טאָג ביי איהם זיין צוויי מאָל. איך בין געווען רוהיג. מאָרגען אין דער פריה וועל איך איהם זעהן. מיין טאָכטער האָט געוואוסט בעסער. איהר האָט שוין דער דאָקטאָר מיט א נאַכט פריהער געזאָגט דורכ'ן טעלעפאָן. זי האָט א שטאַרקען כאַראַקטער און האָט דאָס ניט אַרויסגעוויזען.

דעם דרייצעהנטען אַפּריל, עלף אַזייגער ביינאַכט, האָט מען אונז אָפּגערופען פון האָספּיטאל און אָנגעזאָגט די בשורה. ער איז געשטאָרבען אין שלאָף. זיין גרויסע האַרץ איז איינפאַך מיעד געוואָרען צו קלאַפּען.

עליזאַבעט גאָרין.

ברוקלין, נ. י., דעם 3טען יוני, 1927.

דער געבילדעטער סטאָליער

איבערזעצט פון העברעאיש דורך

א. ר. מלאכי

1.

אין איינע פון די שמאָלע געסלאַך אין עק פון דער קליי־נערנער שטעדטעל ראַפּשאַנסק, שטעהט אַ קליין נידעריג הייזעל. דער שטרויענער דאַך, וועלכען די ציגען האָבען פון אַלע זייטען ארומגעגריזשעט, דערלאַנגט ביז צו די קליינע פענסטער, וואָס דערגרייכען צו דער ערד. עס דוכט זיך אויס, דאָס דער דאַך וויל זיך אומיסנע ארונטערלאָזען, כדי אָנטאָן אַ נחת־רוח די „ווייסע חברה׳ניקעס, די שטיפערישע אינגלאַך פון שטעדטעל. דאָס זיי זאָלען קענען אין ווינטער ארונטערשלעפּען די „פּאַרפּראַנענע ליכט־לאַך" און ניט באַדאַרפען ארויפשליידערען זייערע היטלען. די טונקעל־גרינע שויבען זיינען צושפּאָלטען און ביי די זייטען פאַר־קלעפּט מיט קליי. עטליכע שויבען זיינען שוין אַ פּאָר יאָהר איינגאַנצען אויסגעבראָכען. דער „קהל׳שער באָק", וואָס זיין ממשלה איבער די גאַסען און געסעלאַך פון ראַפּשאַנסק איז אומ־באַגרעניצט, האָט אַנומעלט זיך שטאַרק צעהוליעט און בשעת חדוה, מיט איין קלאַפּ, אויסגעזעצט דריי שויבען מיט אַמאָל. זייט דאַ־מאָלסט זיינען זיי פאַרשטעקט מיט אַ פּאָר אַלטע הויזען, אַ צוריי־סענעם ווייבערשען שאַל און אַנדערע טראַנטעס.

אום אַריינצוגעהן אין שטוב, מוז מען פריהער דורכגעהן אַ פינסטערן הויף און אַריבערקריכען אַ הויפען שטיינער, וועלכע ליגען צונויפגעלייגט איינע אויף די צווייטע, ווי טרעפּ. אַראָפּ־שפּרינגענדיג דעם לעצטען טרעפּעל, פאַלט מען אַריין אין אַ פינ־סטערע שטיבעל. צוליעב די שטאַרקע פינסטערניש וואָס הערשט

אין שטוב, איז כמעט אונמעגליך צו זעהן עטוואָס. ביסלאַכווייז ווערט די אויג צוגעוועהנט צו דער פינסטערניש, און מען הויבט אָן שפּירען אַ ביסעל ליכט. ביי דעם דונקעלען שיין, מערקט זיך אַ ברעג פון אַ טיש, אַ ראַנד פון אַ בעט, אַ קאָפּ און אַ האַלבער מענשען־קערפּער. אין אַ מינוט אַרום ווערט שוין די גאַנצע שטוב, די מענשען און די מעבעל, אַנטפּלעקט פאַר די אויגען. עס שטעלט זיך פאַר אַזאַ בילד: רעכטס פון טיר שטעהט אַ גרויסער אויווען, וועלכער פאַרנעמט כמעט אַ האַלב פון שטוב, צווישען אויווען און דעם ביישטידעל, ליגט אַ צובראָכענער וואַלגער־האָלץ, אַ קעסעל, אַ קאַטשערע און אַ בעזים. אין ווינקעל ליגט אַנגעוואָרפען אַ קליין הויפען מיסט.

אונטערן אויווען שטעהט אַ גרויסער שטייג, עטליכע אַש־גרויע הינער און אַ שוואַרצער האָן, זיצט זיך מיט ברייט צולעגטע פּיס. זייערע קעפּלאַך זיינען פאַרריסען אויף הינטען, קוואַקען און מיט די פּיסקלאַך פּיקען זיי די רויע ערד.

איבערן אויווען דרעמעלט געשמאַק אַ גרויסע ברוינע קאַץ. איהר קאָפּ איז אַנגעלעהנט אויף די פאָדערשטע לאַפּעס. פון צייט צו צייט טוט זי אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך וועלען אויסטשוכען, און דרעמעלט ווידער איין.

לינקס פון טיר איז פאַרשטעלט מיט אַ ברייטען באַנק, אויף וועלכען עס שטעהט אַן עמער פול מיט וואַסער, און אויפ'ן הענטעל הענגט אַ קופּערנע קוואָרט. אויפ'ן דיעל נעבען דער באַנק שטעהט אַ פולע פאַמוניצע.

אין מיטען שטוב שטעהט אַ גרויסער ווערקשטאַט מיט אַ לאַנגע אומגעהובעלטע ברעט. אויפ'ן ברעג שטעהט אַ ליימענע כלי פול מיט קליי, און אויף דער ערד ליגען צעוואָרפען פאַרשי־דענע געצייג, ווי אַ האַמער, אַן אייזען און אַ זעג.

איבערן ווערקשטאַט שטעהט איינגעבויגען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג. זיין בלייכער, דאַרער פּנים איז באַוואַקסען מיט אַ לאַנגע, ברייטע און צונויפגעקאָלטעוואַטע געלע באָרד. ער איז פאַרנומען מיט פאַרריכטען דעם הובעל, וואָס ער האַלט אין האַנט. די פּאָדלאָגע איז פול מיט סטרוזשקעס, שפּענדלאַך און דינע

שטיקלאך האָלץ. אין א ווינקעל זיצען עטליכע קליינע מיידלאך. זיי שפּילען זיך מיט שפּענדלאך און אנדערע צאַצקעס.

די ווענט און דער באַלקען זיינען שווארץ פון רויך און באַדעקט מיט שטויב און שפּינוועבס. אויף דער מזרח־וואנט הענגט א „מזרח", א „בענשער" און א בילד, וואס פון אלטקייט און דעם שטויב, איז בשום אופן ניט צו דערקענען, ווי אזוי דאס בילד האט א מאָל אויסגעזעהן.

— רבקה! — האט דער מאן מיט דעם הובעל אין האנט א געשריי געטאָן — רבקה! האסטו צוגעגרייט עפּעס צו עסען פאַר דוד'לען.

— ניין, טאטע! — האט א קליין מיידעל געענטפערט פון דעם ווינקעל, וואו די קינדער זיינען געזעסען און געשפּילט זיך.

— גוט אזוי? זאָג דו אליין! — האט דער טאטע איהר גענומען מוסר'ן, און בשעת מעשה געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — דוד'ל וועט דאך באלד קומען פון בית־מדרש און דו ביזט פאַרטאָן אין דיינע צאַצקעס. ער זיצט דאך א גאנצען טאָג און לערענט, ער איז געוויס פארמאטערט און הונגעריג, און דאָ איז ניטאָ וואס איהם צו געבען איבערכאַפּען דאס הארץ. ווייסט דאך אליין, דאס די מאמע איז ניטאָ אין שטוב און ווער ווייס, אויסער דיר, צוגרייטען עסען פאַר איהם?

— עס איז דאך אָבער ניטאָ וואס צו געבען איהם —

— געה, ברענג פאַר זעקס קאָפּיקעס ברויט, פּוטער און קעז. אָבער געה גיך —

— גיב מיר געלט וועל איך געהן ברענגען. —

— נעהם אויף באָרג. זאָג דעם קרעמער, דאס די מאמע וועט איהם באצאָהלען.

רבקה איז אויף גיך ארויסגעלאָפען. גלייך ווי זי איז ארויס איז אין שטוב אריין א פרוי פון א יאָהר פינף און דרייסיג. איהר קאָפּ איז צוגעדעקט מיט א שייטעל און דער שטערן איז פול מיט קנייטשען; פון איהרע טונקעלע אויגען קוקט ארויס א טיפער אומעט און איהר בלאַסער געזיכט דריקט אויס מידקייט. איהרע הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט א גרויסען קויש פול מיט אייער.

זי האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צום בעט, זיך אַוועקגעזעצט און גענומען אָפּכאַפּען דעם אָטעם, קרעכצען און זיפצען.

— גרונם! — האָט זי מיט אַ שוואַכער שטימע שטיל געפרעגט — איז שוין דוד׳ל געקומען פון בית־מדרש?

— ניין, חנה־ציפּע! ער איז נאָך ניט געקומען. איך האָב איצט געשיקט רבקה׳ן ברענגען ברויט, פּוטער און קעז.

— פון אַזעלכע טייערע מאכלים וועט ער טאַקע ווערען פעט און שטאַרק! — האָט זי גענומען זיפצען — וועה מיר, מיט וואָס דאָס קינד קומט נעבאַך אָפּ! מעהר ווי דעם שטיקעל טרוקען ברויט האָט ער ניט ביי אונז. פון שבת אָן האָט ער דאָך קיין לעפעל געקעכטס ניט געהאַט אין מויל! ער זיצט נעבאַך און לערענט מיט התמדה, ווערט אויסגעמאַטערט און אויסגעמוטשעט און האָט אפילו ניט אַביסעל וואַרימס זיין פאַרשמאַכט הערצל צו דערקוויקען.

זי איז אויף אַ וויילע אַנטשוויגען געוואָרען, איז עטליכע מינוט געזעסען פאַרטראַכט און נאָכדעם גענומען פאַרזעצען:

— ווייסט וואָס מיר איז איצט איינגעפאַלען? איך וועל גאָר אָפּפּרעגלען אַ צוויי אייער פאַר דוד׳לען.

די טיר האָט זיך געעפענט. רבקה איז אַנגעקומען, האַלטענדיג אין איהרע הענט די קעז און פּוטער און אונטער איהר לינקען אָרעם איז געלעגען אַ ברויט.

חנה־ציפּע האָט פון איהר צוגענומען די שפּייז און געזאָגט:

— געה גיך און ברענג מיר דעם מילכיגען פאַן, אָבער זאָם זיך ניט!

רבקה איז געשווינד אַרויסגעלאָפען. איהר קליין שוועסטערל, די זעקס יאָהריגע שפּרינצע, האָט דערווייל דערזעהן די מאַמען האַלטען אַזעלכע גוטע זאַכען, ווי ברויט מיט פּוטער און קעז, זי האָט אויף גיך אַוועקגעוואָרפען איהרע צאַצקעס און צוגעלאָפען צו דער מוטער. זי האָט מיט זשעדנע הונגעריגע אויגעלאַך געקוקט אויף די ברויט און געשלונגען די קעז.

— דאָס איז פאַר דוד׳לען — האָט די מוטער, וואָס האָט פאַרשטאַנען איהר חשק, ביין אָפּגעשטופּט פון זיך.

שפּרינצע האָט זיך אָפּגעטראָגן און צוריק אַוועק אין איהר ווינקעל, צו איהרע חבר׳טעס און צאַצקעס.

רבקה האָט דערווייל געבראַכט דעם פּאַן. אין עטליכע מינוטען אַרום איז אָנגעקומען דוד׳על, אַ דאַרער, דרייצעהן יאָהריגער אינגעל, מיט אַ בלייכען פּנים און אַ הויכען שטערן. ער איז אָנגעטאָן אין אַן אַלטע לאַנגע קאַפּאָטע. פון אונטערן היטעל הענגען אַרונטער צוויי לאַנגע פּאות, וועלכע דערגרייכען ביז איבער די באַקען. זיינע שוואַרצע אויגען שפּריצען מיט פרייד און פינקלען מיט שטאָלץ. ער איז צוגעגאַנגען צום ראַנד פון בעט, גענומען רייבען די הענט און אויף גיך האָט ער מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם און ענטציקונג זיך אָנגערופען:

— איהר ווייסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר? דער רב פון ב., וואָס איז דאָ צוגאַסט אין שטאָדט, איז היינט פריה געקומען אין בית־מדרש. נאָכדעם ווי אונזער רב האָט מיט איהם געהאַט אַ לענגערען געשפּרעך איבער מיר, איז ער צו מיר צוגעקומען און אַריין מיט מיר אין אַ געשפּרעך, האָט מיר געשטעלט פאַרשידענע פראַגען אין ש״ס און פּוסקים און אַזוי האָבען מיר העכער צוויי שעה זיך מפלפל געווען, איינער דעם צווייטען געפרעגט קשיות און געענטפערט תירוצים.

חנה־ציפּע און גרונם זיינען, זייט דוד׳ל איז געקומען, געזעסען שטיל און מיט גרוים ליעבע געקוקט אויף איהם. די בלישטשענדע אויגען זייערע האָבען באַוויזען זייער גרויסען גליק.

„מיט וואָס, גאָטעניו, זאָל איך דיר אָפּדאַנקען פאַר דעם אוצר וואָס דו האָסט אונז געגעבען! — האָבען חנה־ציפּעס ליפּען שטיל געמורמעלט — דערלעבנגער זיינע יאָהרען, היט איהם אָפּ און באַשיץ איהם, דאָס קיין בייז אויג זאָל איהם, חלילה, ניט געשעהן!“

— ביזט הונגעריג, מיין קינד? — האָט זי צערטליך זיך געווענדעט צו דוד׳לען — האָסט דאָך פון דער פריה אָן גאָרניט געהאַט אין מויל.

די קליינע שפּרינצע האָט מיט איהר אינסטינקט דערפיהלט די פרייד פון דעם טאַטען מיט די מאַמען זייט דוד׳ל איז אַריין אין שטוב, זי איז צוגעלאָפען צו איהם, האָט מיט איהרע

קליינע הענטלאַך אַרומגענומען זיינע פיס און מיט׳ן קעפעל זיך צוגעטוליעט צו איהם.

חנה־ציפּע איז אויפגעשטאַנען, האָט געשווינד צונויפגענומען אַ הויפען שפּענער און געמאַכט פייער. דער פייער האָט זיך צו־בלאָזען און צופלאַקערט, און צוזאַמען מיט דעם זשומען פון פלאַם האָט זיך אויך געהערט דאָס זידען פון די צוגאַנגענע פוטער און דער ריח פון די פרעגעלדיגע אייער.

.2

דוד׳ל האָט אויף גיך אָפּגעגעסען, אָפּגעבענשט און געאיילט זיך צו געהן אין בית־מדרש. גלייך ווי ער איז אַריין אין בית־מדרש איז ער צוגעגאַנגען צו זיין שטענדיגען פּלאַץ נעבען „אָרון־קודש״, האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי זיין סטענדער, אויפגעעפענט די גמרא, אַ רייב געטאָן די הענט, גענומען זיך שאָקלען און מיט אַ שטילען ברומען אָנגעהויבען צו לערנען. ער האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, זיך פאַרקלערט אין עפּעס, און איבערגעדרעהט דעם סטענדער צו דער וואַנט. ער האָט זיך באַלד פאַרטיפט אין אַ שווערען עניין, האָט גענומען זיך שאָקלען פון דאָס ניי און פאַר־מעלאַך זיך באַוועגט. די לינקע האַנט איז געווען אָנגעלעהנט אויף דער גמרא און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער עטליכע מאָל אַריבערגעפיהרט איבערן שטערן, וואָס איז געוואָרען איבערגע־צויגען מיט קנייטשען און מיט די פינגער געצופּט און געריסען די האָר פון קאָפּ. זיין פּנים האָט אויסגעוויזען אָנגעשטרענגט און קרענקליך, ווי עס זאָל איהם עפּעס וועה טאָן און געליטען יסורים.

— דוד! — האָט איהם פּלוצלונג איבערגעשלאָגען איינער פון די בחורים, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם מיט אַן אָפענע גמרא „בבא בתרא״ אין האַנט — זעה נור, דוד, ווי דער פּשט פון חשבון שטימט דאָ ניט.

— האָסטו קיין אַנדערן אויסער מיר ניט צו פרעגען, וואָס דו קומסט שטענדיג צו מיר? איך בין דען דער איינציגער בעל־חשבון אין בית־מדרש? דער ווילנער קען דאָך דיר אויך ענטפערן אויף אַ רעכענונג; פּרוביר איהם פרעגען...

— איך האָב שוין געפרעגט דעם ווילנער, אָבער דער ענין איז דאָ אַזוי פאַרפּלאָנטערט, דאָס ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אַרויסצוקריכען...

דער כעס אויף דעם בחור וואָס האָט איהם געשטערט אין לערנען איז פאַרשוואונדען. איהם האָט איצט באַהערשט אַ ווילען צו באַווייזען, דאָס ער איז אימשטאַנד צו טרעפען אָט דעם שווערען חשבון, וואָס אפילו דער ווילנער, וואָס איז באַריהמט פאַר אַ גרויסען בעל־חשבון, ווייס אויך ניט.

— ווייז מיר דעם חשבון.

דער בחור האָט איהם דערלאַנגט די גמרא, האָט אויפגעמישט דעם בלאַט און מיט'ן פינגער אָנגעצייגט דעם אָרט.

— דער ענין איז דאָך זעהר לייכט — האָט דוד איהם געזאָגט — „תוספות" האָט דאָ אַ טעות געהאַט אין רש"י. גערעכט איז רש"י און די קשיא איז דעריבער קיין קשיא ניט.

דוד האָט איהם ערקלעהרט די ריכטיגע כונה פון רש"י. די שווערע פראַגע האָט זיך ווירקליך אויסגעוויזען אַזוי לייכט.

דער בחור איז אַוועק אויף זיין פּלאַץ און גענומען איבער־חזר'ן דעם פּשט וואָס דוד האָט איהם ערקלעהרט.

דוד האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין לערנען. די סוגיא וואָס ער האָט איצט געלערנט איז זעהר אַ האַרבע געוועזען. ער האָט זיך שטאַרק געמאַטערט צו דערגרונטעווען זיך אין דעם ענין. זיינע אויגען זיינען געוועזען פול מיט צווייפעל, זיין פּנים בלאַס און דער הויכער שטערן פול מיט קנייטשען. אָבער איידער ער האָט זיך רעכט דערגרונטעוועט, האָט ער ווידער געפיהלט דאָס מען שטערט איהם. אַ לייכטער ריהר אויף זיין אַקסעל האָט איהם ווידער אַרויסגעריסען פון דער גמרא. נעבען איהם איז געשטאַנען אַ אינגעל, וואָס האָט געוואָלט איהם פרעגען עפּעס. אָנגעצונדען פון כעס האָט דוד געוואָלט אַוועקטרייבען דעם אינגעל פון זיך, ער האָט זיך אָבער באַרוהיגט און מיט אַ שמייכעל אַ זאָג געטאָן:

— כאַפּט אייך אַלעמען דער רוח! וואָס האָט איהר אַלע זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף מיר און האַלט מיר אין איין שטערען מיר פון לערנען; די סוגיא איז זעהר אַ שווערע, איך מוז זיך שטאַרק

אריינטראַכטען און פאַרטיעפען זיך, און דאָ קומט איהר אַלע ווײַלע, יעדער איינער מיט אַן אַנדער פראַגע. אַבער גענוג שוין, זאָג וואָס דו ווילסט און געה ווייטער...

— פריהער זעץ זיך — האָט דער אינגעל איהם בּאַרוהיגט — און נאָכדעם וועל איך דיר זאָגען וואָס איך וויל האָבען פון דיר.

זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט. דער אינגעל האָט אָנגעפאַנגען:

— איך וועל דיר זעהר דאַנקבּאַר זיין, אויב דו וועסט מיר וועלען אויסהערען אַ שווערען חשבון, איבער וועלכען איך האַרעווע שוין אַ היבשע צייט און קען בשום אופן ניט פאַרשטעהן איהם. איך האָב זיך שוין געווענדעט צו עטליכע גימנאַזיסטען, און קיין איינער פון זיי האָט ניט געוואוסט דעם ריכטיגען ענטפער. נעכ־טען האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ פעהיגען סטודענט, האָב איך איהם גלייך באַוויזען דעם רעכענונג, און וויפיעל ער האָט זיך ניט געמאַטערט, האָט ער ניט געקענט טרעפען. רעדענדיג מיט איהם האָב איך איהם דערצעהלט וועגען דיר, און האָב איהם פאַרזיכערט, אַז כאָטש דו האָסט קיינמאָל ניט געלערענט מאַטעמאַטיק, וועסטו דאָך די דאָזיגע שווערע פּראָבּלעם לייכט ענטפערן.

דוד׳ס אויגען האָבען אויפגעלעבט. דער צווייפעל האָט איהם פאַרלאָזען. די קנייטשען אויף זיין שטערן האָבען זיך אויסגע־גליכען. ער האָט נייגעריג אויסגעהערט וואָס יוסף — אַזוי האָט דער אינגעל געהייסען — דערצעהלט איהם.

יוסף האָט גענומען פאַרלעגען די פראַגע. דוד איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט פאַרמאַכטע אויגען, האָט געקנייטשט דעם שטערן און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. אַז יוסף האָט געענדיגט האָט דוד איהם געבּעטען איבּער׳חזר׳ן די פראַגע אַ צווייטען מאָל. יוסף האָט דאָס גלייך געטאָן.

— ניט קיין לייכטע פראַגע — האָט דוד נאָך אַ שטילשווייגען זיך אָנגערופען — אַבער וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, ביז איך וועל ניט האָבען דעם ריכטיגען ענטפער, וועל איך זיך ניט ריהרען פון דאַנען.

דוד האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרטיפט אין געדאַנקען, האָט ער גענומען אַרומשפּרייזען הין־און־צוריק. ער האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און מיט פרייד האַסטיג אַ געשריי געטאָן:

„יאַ! איך האָב דעם ענטפער, איך פאַרשטעה דעם חשבון!"

און איז צוגעלאָפען צו יוסף׳ן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען און שטיל געקוקט אויף דוד׳ן, האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן ביים לאַץ, גענומען רעדען שנעל, שאָקלענדיג זיך בשעת מעשה מיט גאַנצען קערפּער און טופּענדיג מיט די פיס, מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אין דער לופטען געמאַכט רעדלאַך, פּאַסיקלאַך און שטריכען, ווי ער זאָל מיט דעם וועלען געבען צו פאַרשטעהן.

דוד האָט גערעדט האַסטיג, גיך און שנעל, אָהן אַ צוזאַמענהאַנג צווישען איין וואָרט און צווייטען, דאָס יוסף האָט קיין איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען.

—רעד אַביסעל געלאַסענער—האָט יוסף איהם געבעטען.

— גוט, גוט!—האָט דוד אַ געשריי געטאָן, און פון דאָס נייע גענומען דערקלערען. אָבער אויך איצט האָט יוסף ניט געקענט כאַפּען אַ וואָרט.

— ניט געאיילט!—האָט יוסף ווידער געבעטען איהם—רעד פּאַוואָליע, און איך וועל פּרובירען דיין תשובה פאַרצייכענען, אפשר וועט מיר זיין לייכטער צו פאַרשטעהן.

יוסף האָט גענומען פּאַפּיר און אַ בלייפעדער, האָט גענומען פּינקטליך פאַרשרייבען און ענדליך האָט ער פון גרויס וואונדער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר׳ן קאָפּ. ער האָט דעם ענטפער באַגריפען און די שווערע פראַגע איז אַזוי לייכט קלאָר געוואָרען.

— גלויב מיר, דוד, דאָס יעדעס מאָל וואָס איך טראַכט וועגען דיר, פיהל איך אַ וועהטאָג אין האַרצען, פון גרויס רחמנות אויף דיר, זעהענדיג ווי דיינע פעהיגקייטען געהען אין ניוועץ. ווען דו וואָלסט זיך גענומען צום שטודירען, וואָלסטו דאָך מיט דיין גוטע קאָפּ מיט דער צייט געוואָרען אַ פּראָפעסאָר.

— עס איז מעהר רחמנות אויף דיר, יוסף, וואָס דיין האַרץ איז אַזוי פאַרשטאָפּט און ווילסט ניט פאַרשטעהן, דאָס דער תלמוד שטעהט העכער פון אַלע וויסענשאַפטען. וואָס וועט שוין אַרויס־

קומען אויב איך וועל שטודירען און ווערען אַ פּראָפעסאָר, אויב איך וועל צוליעב דעם מוזען אָוועקוואַרפען דעם לערנען? ניין! לערנען תלמוד איז די וויכטיגסטע זאַך אין לעבען.

.3

פרייטאָג צו נאַכט. די שטיבעל וואו דוד׳ס עלטערען וואוינען איז ניט צו דערקענען. ריין און ציכטיג אין אַלע ווינקלען. די פּאָדלאָגע, וואָס אַ גאַנצע וואָך איז זי אָנגעוואָרפען מיט סטרוזשקעס און שפּענדלאַך, איז איצט אויפגעראַמט און באַשאָטען מיט דינעם זאַמד. דער ווערקשטאַט איז צוגעדעקט מיט אַ גראָבע, אָבער ריינע לייווענטענע פּאַטשיילע, און אין מיטען שטעהט אַ קופּערנער דריי־רעהריגער לייכטער. דאָס גאַנצע הויז־געזינט זיצען איצט צוזאַ־מען, אַלע אויסגעצוואָגען און געוואַשען לכבוד שבת. אויבען־אָן זיצט ברייט צולעגט גרונם, און אַנטקעגען איהם — חנה ציפּע, פאַרפּוצט מיט אַ שבת׳דיגע פּאַטשיילע און אַ גרינליכען פּאַרטוך. נעבען וואַנט זיצט דוד׳ל. זיין קאָפּ איז צוגעדעקט מיט אַ זעקס־עקיגע היטעל וואָס אין זיין שפּיץ איז אָנגענעהט אַ גרויסער קנאָפּ. ער איז פאַרטיפט אין דעם ספר וואָס ער האַלט אין האַנט. אַ ביסעל ווייטער פון איהם זיצען רבקה און שפּרינצע. זייערע האָר פּאַרקאַמט און פאַרפלאָכטען אין קליינע דינע צעפּלאַך.

נעבען לייכטער שטעהט אַ גרויסע צינענע שיסעל פול מיט הייסען געקעכטס, פון וואָס עס שלאָגט אַרויס אַ געדיכטע פּאַרע. פון גרויס היץ הויבען אָן די חלב׳נע ליכט זיך צו שמעלצען, טריפען איבער די רעהרען און דעם טישטוך, און פון דער סטעליע הויבען אָן פאַלען שטיקלאַך קאַלך גלייך אין שיסעל אַריין. גרונם זיצט פאַרלעגט מיט די הענט און מיט רחבות זאָגט ער נביאות, דאָס מאַרגען וועט שטאַרק רעגענען, כאָטש דער הימעל איז פאַר־נאַכט געווען בלוי און לויטער.

אַלע זיינען איצט באַהערשט פון פרייד און דער עונג־שבת איז אויסגעגאָסען אויף זייערע פּנימ׳ער. ענדיגענדיג עסען דעם ערשטען געריכט, האָט גרונם זיך צולאָזען מיט די זמירות, האָט שעהן אויס־געזונגען דעם „יה רבון“ און דעם „צור משלו“. דוד׳ל האָט

אוועקגעלעגט דעם ספר און גענומען מיטזינגען. אויך רבקה און שפּרינצע האָבן שטיל נאָכגעזונגען די זמירות. חנה־ציפּע זיצט און קוועלט פון זיי אַלעמען און וואַרפט צו יעדן איינעם פון זיי ליעבליכע בליקען.

קאָנטשענדיג די „זמירות" האָט חנה־ציפּע דערלאַנגט די פליישׁ, געבענדיג דודי'לען אַ גרעסערען חלק. נאָכדעם האָט זי יעדן איינעם געגעבען אַ פולען טעלער מיט מעהרען־צימעס, און אַלע האָבען גענומען עסען געשמאַק. דודי'ל האָט אָבער נאָכ'ן ערשטען ביסען אוועקגעלעגט די לעפעל און אָפּגערוקט דעם טעלער פון זיך. חנה־ציפּע'ס אויגען זיינען געוואָרען אָנגעפילט מיט צער און עגמת־נפש.

— עס נאָך אַביסעל! — האָט זי זיך גענומען בעטען ביי איהם.

— איך קען מעהר ניט עסען! — האָט דודי'ל געענטפערט, ניט פיהלענדיג דאָס ער פאַרשאַפט מיט דעם גרויס צער דער מאַמען.

— איהר ווייסט וואָס איך דענק? — האָט דודי'ל פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן — איך טראַכט וועגען פאָהרען אין וואַלאָזין.

— וואָס רעדסטו, מיין קינד? — האָט חנה־ציפּע אַ דערשראָ־קענע אַ געשריי געטאָן — דו... פאָהרען... אין וואַלאָזין... דו ביזט דאָך נאָך אַ קינד, וואו וועסטו זיך אַהינטאָן אין אַ פרעמדער שטאָדט? ניין, דודי'ל! אַז דו וועסט עלטער ווערען און וועסט וויסען ווי ארומצוגעהן מיט מענשען, דעמאָלט וועסטו קענען פאָה־רען; אָבער איצט... ניין, דו ביזט נאָך צו יונג, מיין קינד. —

— צו יונג! וואָס? אַ קינד בין איך? אַ פערצעהן יעהריגער בחור, און איהר ציטערט איבער מיר — האָט דודי'ל מיט שפּאָס געענטפערט — האָט ניט מורא, מען וועט מיך ניט אויפעסען...

— וועה איז מיר! — האָט שפּרינצע, וואָס איז נעבען איהם געזעסען, מיט שרעק אַ געשריי געטאָן, און זיך גענומען בעטען ביי איהם — פאָהר ניט, דודי'ל, פאָהר ניט! מען וועט דיר דאָרטען לעבעדיגערהייט אויפעסען...

— ניט לאָך מיין קינד! — האָט חנה־ציפּע אומעטיג געזאָגט. — דו ווייסט ניט ווי אַזוי מען קומט אָפּ אין דער פרעמד, ניט האָבענ־דיג קיין פריינט, קיין קרוב און גואל. ווער וועט זיך דאָרט אומ־

קוקען אויף דיר? וועסט מוזען עסען טעג און וואַרטען ביז די באַלעבאָסטע אָדער די דיענסט וועלען...

— אין וואָלאָזין — האָט דודי׳ל איהר איבערגעשלאָגען — עסט מען ניט קיין טעג. יעדער ישיבה־בחור באַקומט יעדע וואָך אַ געוויסע סומע געלט, געגוג אויף צו לעבען.

— און וואָס וועסטו טאָן מיט דעם געלט? וועסטו אַליין גיהן איינקויפען און אַליין עסען? איך בעט דיך, מיין קינד, שלאָג אַרויס אַזעלכע געדאַנקען פון דיין קאָפּ.

— זאָרג ניט, מאַמע! אַז איך וועל קומען דאָרט וועל איך שוין וויסען ווי אַזוי מיין לעבען איינצואָרדענען. און ווידער — בין איך דען דער איינציגער וואָס פאָהרט דאָרטען לערנען? פון דער גאַנצער וועלט פאָהרען בחורים אין וואָלאָזין און איך בין ניט קיין אויסנאַם. דערצו האָט אַ „פּרוש" מיר געזאָגט, דאָס אין וואָלאָזין באַקומען די בחורים קוואַרטירען, וואו די באַלעבאָסטעס קאָכען און גרייטען אַלעס צו פאַר זיי.

— וויפיעל? — האָט חנה־ציפּע, נאָך אַ קורצע פּויזע זיך אָנגערופען — וויפיעל געלט, אַז ערד באַקומען, די ישיבה־בחורים? אַלע איין סומע גלייך, אָדער עס איז דאָ אַן אונטערשייד פון איינעם צום צווייטען?

— געגוי וויפעל מען באַקומט ווייס איך אַליין ניט. מסתמא באַקומען אַלע שטיצע. אָבער ווען אפילו איינינע באַקומען ניט, בין איך אָבער זיכער, דאָס מיר וועט מען יאָ געבען. דער רב, וואָס איז יענע וואָך דורכגעפאָהרען אונזער שטעדטעל — איך האָב דאָך אייך שוין דערצעהלט, דאָס ער האָט מיט מיר פאַרבראַכט אין לערנען — האָט מיר אויך געראָטען צו פאָהרען קיין וואָלאָזין.

חנה־ציפּע און גרונם האָבען געקוקט איינע אויפ׳ן צווייטען און די זאַך באַטראַכט, ווי אַ גזרה פון הימעל, וואָס מען קען איהר ניט איבעראַנדערשען.

— ער האָט מיר אויך פאַרזיכערט — האָט דודי׳ל פאַרגעזעצט — דאָס מען וועט מיר אין וואָלאָזין זיכער געבען געגוג צום לעבען. וויפיעל מען וועט מיר געבען? דאָס ווייס איך ניט. וואוילע בחורים גיט מען געוויס מעהר; פּראָסטערע — ווענינער.

— מיינסט, דאָס איך ווייס וואָס צו באַשליסן? — האָט חנה־ציפּע שטיל געענטפערט, האָט האַלב צוגעמאַכט די אויגן און אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן — וואָס ווייס איך?

— און דו דענקסט דאָס איך ווייס וואָס צו זאָגן? — האָט גרונם איהר אָפּגעענטפערט, — מיינסט דאָס מיר קענען וויסן, וואָס פאַר איהם איז בעסער?

— צו וואָס דער טראַכטען און דער באַראַטען זיך! — האָט דודל נאָך אַ קורצע פּויזע זיי געענטפערט — איך מוז פאָהרען, און גענוג צו רעדען וועגען דעם.

— דאַרטען וועל איך מעהר לערנען — האָט ער צוגעגעבען — מיט פיעל מעהר חשק און התמדה ווי דאָ. מען זאָגט דאָך טאַקע אויף וואָלאָזין, דאָס זי איז דער איינציגער „מקום תורה" אין דער וועלט.

די צאַנקענדע ליכט האָבען זיך גענומען לעשען. איין ליכט איז פאַרלאָשען געוואָרען און אַ דינער קנויל רויך האָט זיך פון רעהר געצויגען ביז צו דער סטעליע און אָנגעפילט אַ דושנעם ריח. אַלע האָבען געפיהלט אַ ביטערניש אין די העלזער.

— שוין צייט צו בענשען! — האָט גרונם געזאָגט. — די ליכט וועלען זיך באַלד אויסלעשען און מיר וועלען בלייבען זיצען אין דער פינסטער.

— יאָ, יאָ, שוין צייט צו בענשען! — האָט חנה־ציפּע צוגעגעבען. — מיר וועלען נאָך האָבען גענוג צייט צו רעדען וועגען דעם.

— רבקה, גיב דערלאַנג „מים־אחרונים"! —

רבקה האָט געבראַכט אַ ביסעל וואַסער אין אַ שיסעל. גרונם און דודל האָבען די שפּיצען פינגער איינגעטונקט אין שיסעל. רבקה האָט צוגענומען די „מים אחרונים" פון טיש און זיי האָבען גענומען בענשען.

פאַרטיפט אין אומעטיגע געדאַנקען האָבען זיך אַלע אויפגעהויבען פון טיש. חנה־ציפּע האָט פויל גענומען אויסבעטען און געמאַכט אַ געלעגער פאַר דודלען. אַלע האָבען זיך געלעגט שלאָפען,

אויסער דוד'ל, וואָס איז נאָכ'ן עסען אַרויס אין דרויסען צו כאַפּען אַביסעל פרישע לופט.

— שלאָפסט? — האָט גרונם זיך אַנגערופען פון זיין געלעגער.

— האָ! ניין! — האָט חנה־ציפּע טרויעריג געענטפערט.

— וואָס זאָגסטו וועגען זיין פאָהרען? —

— וואָס זאָל איך זאָגען? —

— המ...

— דעם אמת געזאָגט, גרונם, לאָזט מיר די הארץ בשום אופן ניט איהם צו לאָזען אַזוי וויט אַוועקפאָהרען. וואָס וועט אַזא יונג קינד טאָן דאָרט אַליין? כאָטש, צוריקגערעדט, מישטיינס געזאָגט, וואָס ער האָט ביי אונז, אָבער דאָך מיהען מיר זיך מיט אַלע קרעפטען, דאָס איהם זאָל חלילה גאָר ניט פעהלען און מיר היטען איהם ווי די אויגען אַפּ. אָבער דאָרט? ווינד און וועה צו מיר! אויב אפילו ער וועט שוין האָבען אויף זאַט צו עסען, וועט ער דען עסען אין צייט? ער זאָל אפילו א גאַנצען טאָג פאַסטען וועט ער דאָך ניט בעטען עסען. ווען ער איז טויט־הונגעריג מוז מען איהם דערמאָנען און טרייבען עסען, בפרט נאָך אַז ער וועט זיין וויט פון דער היים און עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל אַכטונג געבען אויף איהם; ווער ווייס צי מען וועט איהם דאָרט טאַקע געבען „וואָר־געלט", ווי ער דענקט? און וויפיעל וועט מען איהם געבען? ווער ווייס, אויב די סומע וועט איהם קלעקען אויף אַלע זיינע באַדערפעניסען?

— רעדסט שוין ווי א „אידענע" — האָט גרונם געענטפערט. — אונזער דוד'ן וועט דער ראש־ישיבה געבען גענוג געלט אויף צו לעבען. ער איז דאָך אין גאַנץ שטאָדט אין אין די געגענדען אַרום באַריהמט ווי א „גוטער איד". דער רב און אַלע לומדים באַוואונדערען זיינע אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען, און איך בין זיכער, דאָס אויך דער ראש־ישיבה וועט וויסען ווי צו שעצען איהם, וועט איהם מקרב זיין און ליעבען ווי א קינד און וועט זעהן דאָס איהם זאָל גאָר ניט פעלען.

— אין דעם ביזטו גערעכט! — האָט חנה־ציפּע געשטאַמעלט — אָבער דערקלעהר מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס די „ישיבה" און וואָס

לערענט מען דאָרט? צי לערענט מען דאָרטען טאַקע אַזױנס, װאָס דוד׳ל קען נאָך ניט? דער רב האָט דאָך מיט אַ יאָהר צוריק אונז געזאָגט, דאָס דוד׳ל קען שױן גוט די גמרא.

— װאָס װײס איך? מן הסתם איז די „ישיבה" אַ גרױסע זאַך, אױב די „גוטע בחורים" פאָהרען דאָרט; דער רב פון ב. האָט איהם דאָך אױך געהײסען פאָהרען לערנען אין דער ישיבה, מן־הסתם איז דאָך עפּעס דאָ אין דעם.

די טיר האָט זיך אױפגעעפענט און דוד׳ל איז אַרײן אין שטוב.

— איהר שלאָפט נאָך ניט? איהר האָט געװיס גערעדט װעגען מײן פאָהרען — האָט דוד׳ל געזאָגט.

— און װאָס מײנסטו? — האָט חנה־ציפּע געענטפערט מיט אַ זיפץ — אַזױ לײכט רעדט זיך דאָס װעגען אַזאַ רײזע? מײן קאָפּ װערט צובראָכען טראַכטענדיג װעגען דיר.

— און איך — האָט דוד׳ל געזאָגט — װיל גאָר ניט טראַכטען און פרעגען עצות. איך האָב אײנמאָל באַשלאָסען צו פאָהרען, און װעל פאָהרען. —

אָפּזאָגענדיג דאָס, האָט ער אױסגעטאָן זײנע קלײדער און זיך געלעגט אױף זײן געלעגער.

די לעצטע ליכט איז פאַרלאָשען געװאָרען. אין שטוב איז געװאָרען פינסטער. פון דער אַנטקעגענדיגער שטוב האָבען דורך די פענסטער אַרײנגעשײנט עטליכע שװאַכע ליכט־שטראַהלען, װאָס האָבען געבלאָנדזשעט אױף די װענט און עטליכע מינוט זיך באַ־װעגט און גלײך פאַרשװאונדען. דאָס גאַנצע הױז־געזינט, אַ חוץ חנה־ציפּע, האָבען רוהיג און געשמאַק געשלאָפען. פון צײט צו צײט האָט זיך געהערט אַ שנאָרכען און דאָס סקריפּען פון אַ בעט, פאַר־שידענע אומפאַרשטענדליכע װערטער, און נאָכדעם װידער אַ שטאַר־קער שנאָרכען. דער אױװען, װאָס איז לכבוד שבת אײנגעהײצט געװאָרען און דער טשאָלענט, פאַרשפּרײטען איבער אַלע װינקלען פון דער קלײנער שטיבעל אַ גרױסע היץ און פון אַלע זײטען שמעקט מיט דעם מאָדנעם טשאָלענט־ריח. חנה־ציפּע דרעהט זיך איבער פון אײן זײט אױף דער צװײטער. איהר קאָפּ איז פול מיט מחשבות און דער מוח קען ניט רוהען. ביטערע און אומעטיגע

גערדאַנקען עגבערען איהר און לעגען זיך אויף איהר האַרץ, ווי שווערע שטיקער בליי, אַבער ענדלאַך האָט דער שלאָף זיך דערבאַרימט אויף איהר און זי האָט איינגעדרעמעלט.

די קאַץ אויפ׳ן אויוועז האָט מיט איהרע נעגעל געגראַבעלט די שמאַטעס, אויף וועלכע זי איז איינגענורעט געווען, דער האָן האָט גענומען פאַכען און קלאַפּען מיט די פליגעל. אין שטוב האָט ווידער גענומען הערשען א שטילקייט.

4.

פיער וואָכען זיינען אַריבער זייט יענעם שבת. די גאַנצע צייט האָט מען אין גרונמ׳ס הויז געהאַלטען אין איין רעדען וועגען דוד׳לס רייזע נאָך וואָלאָזין, ביז די צייט פון זיין פאָהרען איז טאַקע געקומען.

שבת פאַרנאַכט, נאָך דער דריטער סעודה. די זון איז שוין פאַרגאַנגען, אין הימעל האָבען זיך גענומען ווייזען שטערען. גרונם זיצט אין בית־מדרש און מיט א נאָגענד־וויינענדיגען ניגון זינגט ער „למנצח בנגינות מזמור שיר“. יעדעס וואָרט גיט א ריס אין האַרצען און דעקט אויף א טיפע וואונד. עס דאַכט זיך אויס, דאָס ניט נור ער שיידט זיך מיט זיין שבת׳דיגע „נשמה יתירה“, נאָרביידע נשמות וואָלטען איצט פאַרלאָזען זיין קערפּער.

חנה־ציפּע זיצט פאַרטיעפט אין געדאַנקען. אין שטוב איז שטיל און פינסטער. נעבען איהר זיצען רבקה און שפּרינצע, זייערע קליינע קעפּעלאַך זיינען אָנגעלעגט אויף איהר און מיט איהרע דאַרע הענט גלעט זי זייערע האָר.

— מאַמע! — האָט רבקה אויסגערופען. — ביי שרה די נייטאָרין איז שוין ליכטיג.

חנה־ציפּע האָט איהרע פינגער אָנגעריבען אויף די טרוקענע שויבען פון די פענסטער, און אָנהויבען זאָגען: „גאָט פון אַברהם, און פון יצחק, און יעקב“. איהר „ביטער האַרץ“ און שווערען געמיט האָט זי אויסגעגאָסען אין דעם דאָזיגען געבעט. זי האָט געבעטען אויף פּרנסה און אויף א „גוטע וואָך“, אָבער די ווערטער האָבען זיך גלאַט אַזוי געפּלאָסען פון איהר מויל. אין די טיפענישען פון איהר האַרצען האָט זי א גאַנץ אַנדער געבעט אין זינען

געהאַט. זי האָט מתפלל געווען, דאָס „ער" זאָל זיין אַ גוטער באַשיצער צו דודל'ען, דאָס ער זאָל באַגליקען אויף זיין וועג און איהם געבען חן אין די אויגען פון דעם ראש־ישיבה און אנדערע פרומע לייט. זיין הארץ זאָל זיך שטאַרקען צו עוסק זיין אין לערנען. ווען חנה־ציפּע האָט צום דריטען מאָל אָנגעהויבען זאָגען די תחינה „דער גאָט", האָט זיך די טיר געעפענט און גלייך ווידער צוגעמאַכט זיך.

— חנה־ציפּע! — האָט זיך פון הינטערן טיר געהערט גרונמ'ס שטימע — צינד אָן אַ ליכט, מען האָט שוין לאַנג אָפּגעדאַוונט מעריב.

חנה־ציפּע האָט זיך אויפגעהויבען, האָט גענומען זוכען אַ ליכט און שוועבעלאַך. זי האָט אַ פּאָר מינוט געטאַפּט אין דער פינסטער, ביז זי האָט געפונען וואָס זי האָט געזוכט, און קאַנ־טשענדיג די „תחינה" צום דריטען מאָל, האָט זי געמאַכט פייער.

— „גוט וואָך"! „גוט וואָך"! — האָבען אין איין קול אויסגע־רופען גרונם און חנה־ציפּע. די ליכט האָט אַ בלענד געטאָן און זיי האָבען אויף אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגען. דודל איז דערווייל אָנ־געקומען. גרונם האָט געמאַכט „הבדלה", האָט פאַרגאָסען אַביסעל ווײַן אויפ'ן טיש און פאַרלאָשען די „הבדלה־ליכט", האָט איהר צוגע־טראָגען צו זיינע נאָזלעכער, און געשמאַק איינגעדופט דעם ריח. נאָכדעם האָט ער פון דער פּאָליצע, וואָס איז געווען צוגעשלאָגען איבער'ן טיר, אַרונטערגענומען אַ גראָבען סידור און מיט אַ ווײַנע־דיגען ניגון גענומען זאָגען „זמירות".

חנה־ציפּע איז פאַרטראַכט געזעסען ביים טיש, געהאַלטען די הענט איינע אויף די אנדערע און ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן מיט זיי, זיי געגלעט. אַ ביטערער געדאַנק האָט איהר געמאַטערט און געגראָבערט דעם מוח: „מאָרגען, מאָרגען וועט ער אונז פאַר־לאָזען".

— מאַמע! — האָט דודל געזאָגט — וואָרום ביזטו אַזוי אוי־מעטיג?

— ווער? איך? ניין! האָב ניט וואָס צו טאָן, זיץ איך גלאַט אַזוי זיך. — האָט חנה־ציפּע געענטפערט.

— איך ווייס — האָט דוד׳ל פאַרגעזעצט — איהר זייט פאַר־זאָרגט וואָס איך פאַרלאָז אייך; אָבער באַדענק זיך זעלבסט: צי איז דען כדאי אויף וואָס אומעטיג צו זיין? איך פאָהר דאָך ניט גלאָט אין דער וועלט אריין, נאָר קיין וואָלאָזין לערנען גאָט׳ס תורה. אין צוויי יאָהר אַרום וועל איך זיך צוריקקעהרען מיט אַ „סמיכה״ אין האַנט, און איהר וועט פון מיר פיעל נחת האָבען.

— איצט — האָט דוד׳ל געענדיגט — וועל איך אריבערגעהן צום רב, ער זאָל מיר מיטגעבען אַ רעקאָמענדאַציע צום ראש־ישיבה, — און איז אַרויס פון הויז.

צוויי טראָפּענס טרעהרען האָבען זיך אַראָפּגעקייקעלט אויף חנה־ציפּע׳ס באַקען. איהר איז אָביסעל לייכטער געוואָרען. זי האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו גרונמ׳ען, און ניט אַרויסרעדענדיג אַ וואָרט האָט זי זיך צוגעהערט, ווי ער זינגט די „זמירות״. רבקה און שפּרינצע האָבען זיך צוגערוקט צו איהר, זיינען אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן באַנק וואו זי איז געזעסען, האָבען זייערע קעפּעלאַך איינגע־נורעט אין איהר שוים, און מיט די קליינע אויגעלאַך באַטראַכט דעם פאָטער, ווי ער זינגט די „זמירות״.

גרונמ׳ס שטימע איז ניט איבעריג זיס געווען און חנה־ציפּע האָט וועניג וואָס פאַרשטאַנען „לשון קודש״, אָבער יעדעס מאָל וואָס זיין קול האָט זיך פרעהליך צולאָזען, איז זי געוואָרען פול מיט זיסע האָפנונגען, און בשעת זיין שטימע האָט זיך אַרונטערגעלאָזען האָט חנה־ציפּע איהם אָפּגעענטפערט מיט אַ זיפץ און אַ ביטערער אומעט האָט גענומען נאָגען איהר האַרץ, און אַהן רחמנות מאַטערען איהר. זי האָט געפיהלט, ווי זי טרינקט זיך אין טרעהרען און איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט צווייפעל און יאוש. אויך ביי די מיידלאַך האָט זיך די שטימונג געהאַלטען אין איין בייטען: אַ מינוט זיינען זיי געווען פול מיט פריידע, די גלאַנצענדע אויגעלאַך קוקען מיט שטאָלץ אויפ׳ן פאָטער, און אין אַ מינוט שפּעטער זיינען זייערע פּנימ׳ער באַדעקט געוואָרען מיט טרויער.

— ווייסט, חנה־ציפּע, וואָס מיר ווילט זיך? — האָט גרונם מיט אַ בעטענדען טאָן געזאָגט. — עס גלוסט זיך אַ גלעזעל וואַרימס.

— וואַרט ביז דוד'ל וועט קומען פון רב, וועל איך גײן ברענגען וואַרימע וואַסער און מיר וועלן טרינקען אַלע צוזאַמען.

גרונם האָט גענומען פאַרזעצען זינגען די „זמירות", חנה־ציפּע האָט מיט איהרע פינגער געגלעט די באַקען פון די קינדער, און יעדע מינוט האָט זיך פון איהר האַרצען אַרויסגעריסען אַ קרעכץ, דערמאַנענדיג זיך, דאָס מאָרגען וועט דוד'ל מעהר ניט זיין דאָ. איהרע אויגען קוקען צום ליכט, אָבער זי זעהט קיין זאַך ניט. ליידיג און פּוסט איז די שטוב געוואָרען. זי הערט זיך איין ווי גרונם זינגט, אָבער דער ניגון דרינגט מעהר ניט אַריין אין די טיפעניש׳ען פון איהר נשמה, ווי פריהער, עס מאַכט אויף איהר קיין שום איינדרוק ניט. דער ניגון גרילצט אין איהר אויער ווי דער זשומען פון אַ פליג, אַהן אַ טאָן און אַהן אַ קלאַנג. גלייכגילטיג קוקט זי אין חלל אַריין, אַהן אַ שום ציעל.

די טיר האָט זיך געעפענט און דוד'ל איז אַריין. אין זיינע הענט האָט ער געהאַלטען אַ בריעף. גרונם האָט אָפּגערוקט דעם „סדור" פון זיך.

חנה־ציפּע האָט זיך אַ הויב געטאָן, ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. רבקה און שפּרינצע האָבען גענומען באַטראַכטען דוד'לען.

— באַדאַרפסט נאָך גײן ערגעץ? — האָט חנה־ציפּע געפרעגט.

— ניין! — האָט דוד'ל געענטפערט.

— ווילסט אפשר טרינקען אַ גלעזעל טיי?

— כאָטש איך האָב שוין געטרונקען ביים רב, וועל איך טרינקען נאָך אַ גלעזעל.

חנה־ציפּע האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט צוגערוקט דעם באַנק צום וואַנט און פון דער פּאָליצע אַרונטערגענומען אַ מעשענעם טשייניק און איז אַרויס פון שטוב. אין עטליכע מינוטען אַרום איז זי צוריק געקומען מיט אַ פולען טשייניק וואַרימע וואַסער.

רבקה איז אַוועק זוכען די גלאָז, וואָס זי האָט באַלד געפונען.

— מאַמע! די גלאָז איז פול מיט אַ געלכעל פון אַן איי, וואו זאָל איך דאָס אַריינגיסען? —

— גיס אַריבער אין שיסעל —

רבקה האָט חנה־ציפּע׳ן דערלאַנגט די גלאָז. זי האָט איהר אויסגעשווענקט, אָנגעגאָסען טיי און צוגעטראָגען דוד׳לען.

— גיב פריהער דעם טאַטען. איך וועל טרינקען שפּעטער. —

— ניט קיין אומגליק, אויב ער וועט טרינקען שפּעטער — האָט חנה־ציפּע געזאָגט — טרינק דו דערווייל, עס איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען.

— איך וועל גאַרניט אָנווערען, אויב איך וועל וואַרטען אַ ביסעל — האָט גרונם צוגעגעבען.

— און וואָס וועל איך פאַרלירען, אויב איך וועל וואַרטען? — האָט דוד׳ל אין אַ געלעכטער געזאָגט.

— טרינק, טרינק! — האָט חנה־ציפּע זיך גענומען בעטען. — די טיי וועט באַלד ווערען קאַלט. רבקה! דערלאַנג די קוואָרט. וואָס, נור פון אַ גלאָז מוז מען טרינקען טיי? — האָט זי מיט אַ לייכטען שמייכעל געזאָגט — מען קען פון אַ קוואָרט אויך טרינקען. איך וועל טרינקען פון קוואָרט און דער טאַטע וועט טרינקען פון אַ שיסעל.

רבקה האָט איהר דערלאַנגט די קוואָרט און אַ קליין צינענע שיסעל. זי האָט אָנגעגאָסען טיי און אַלע דריי האָבען גענומען טרינקען.

— וואו וועסטו איבערשלאָגען אין דער צייט זיין? — האָט חנה־ציפּע אומעטיג אַ פרעג געטאָן.

— אין מיין היים אין וואָלאָזין! — האָט דוד׳ל פרעהליך גע־ענטפערט, וועלענדיג פאַרטרייבען די מרה־שחורה — איך וועל זיצען צווישען מיינע נייע חברים און פריינט און טרינקען טיי צוזאַמען.

— הלואי! — האָט חנה־ציפּע געזאָגט און אַ מאַך געטאָן מיט׳ן קאָפּ. אַלע זיינען שטיל געבליבען און אַ וואָרט ניט אויסגערעדט, נור דער זופּען פון די טיי האָט געשטערט די שטילקייט אין הויז.

— וואָס קען איך מאַכען? אַז אַזוי איז דיין ווילען און דו ווילסט דיין באַשלוס ניט צוריקציהען, און אַזוי בלייבט עס: מאָרגען פאָהרסטו אַוועק. איין גאָט וויים, ווי שטאַרק אונז וועה־טאָגט, וואָס דו פאַרלאָזט אונז; און וואָס איז זיך צו וואונדערן?

די פיעל קינדער וואָס מיר פאַרמאָגען! אָבער וואָס קענען מיר זיך העלפען? מן הסתם איז אַזוי דער ווילען פון גאָט — האָט חנה־ציפּע אַ דערשלאָגענע געזאָגט — מן הסתם איז פון הימעל אויף אונז נגזר געוואָרען, דאָס אונזער איינציג זון זאָל אוועקוואַנדערן פון אונז; אָבער לאָמיר ניט זינדיגען מיט די רייד, מיר זיינען דאָס מקבל באהבה...

יאָ, מאָרגען וועסטו אונז פאַרלאָזען, וועסט אוועקפאָהרען אין אַ ווייטע שטאָדט, וועסט זיך געפינען צווישען פרעמדע מענשען, אָהן אַ קרוב און אָהן אַ גואל; וועסט זיין עלענד — אָהן פריינט. דענקען דאָס דיינע רייכע עלטערן וועלען דיך שטיצען, ווייסטו אַליין אַז דו האָסט ניט אויף דעם צו האָפען; איז דער היים, ווייסטו אַליין, דאָס מיר האָרעווען מיט׳ן שווייס פון פּנים און זעהען דאָס דיר זאָל חס־וחלילה קיין שום זאַך ניט פעהלען; אָבער אויס־האַלטען דיר אין דער פרעמד, איז איין גאָט אין הימעל אַן עדות, דאָס עס איז אונמעגליך פאַר אונז. זי האָט זיך דערביי שטאַרק צעוויינט און פון איהרע אויגען האָבען הייסע זודיגע טראָפּענס טרעהרען געפלאָסען.

— וואָרום וויינסטו, מאַמע? דאָרט, אין דער „ישיבה“, וועט מיר, מיט׳ן אויבערשטענס הילף, גאָר ניט פעהלען. דער רב האָט אין זיין בריעף געבעטען דעם ראש־ישיבה, מיר מיט אַלעם צו באַזאָרגען.

— אָבער איך קען דאָך דיר, מיין קינד, איך וויים, אַז דו ביזט זעהר אַ היציגער, און בשעת דו ווערסט אין כעס פאַרגעסטו אַן אַלעם, רעכענסט זיך ניט מיט קיינעם, זידעלסט אָפּ גרעסערע און עלטערע פון דיר; דאָ האָט מען דיר געשווינט, און קיינער האָט דיר ניט געטאָן קיין בייז, וויל דו האָסט, חלילה, ניט באַדאַרפט צו קיינעם אָנקומען. אָבער אין אַ פרעמדער שטאָדט וועט דיר נאָך אויסקומען צו ליידען, אויב דו וועסט ניט וויסען ווי אומצוגעהן מיט מענשען; זאָלסט למען־השם מיט קיינעם זיך ניט פאַר־קריגען; אויב איינער וועט דיר פאַרטשעפּען, זאָל בעסער דיינס איבערגעהן און פאַרשווייג איהם; באַליידיג ניט קיינעם און קריג

זיך ניט מיט דיינע חברים, האָב פאַר אַלעמען דרך־ארץ און לעב מיט יעדען איינעם בשלום.

זיין פּנים איז איבערגעצויגען געוואָרען מיט אַ נעבעל. שוויי־גענדיג האָט ער געזופּט די טיי.

— זעהסט, עס פאַרדריסט איהם שוין; פאַרוואָס זאָלסטו ניט פאַרשטעהן, דאָס איך בין אויסען דיין טובה —

— געוויס זיינען מיר אויסען דיין טובה — האָט גרונם זיך אַריינגעמישט — אין דער פרעמד לעבט מען ניט ווי מען וויל, נאָר ווי מען מוז, און „אַז מען באַדאַרף דעם גנב נעהמט מען איהם פון דער תליה אַרונטער". בכלל מוז אַ מענש זיין קליין ביי זיך און יעדען איינעם אָפּגעבען כבוד.

דוד האָט אויך איצט גאָרניט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף דער גלאָז טיי.

— פאַר מיר טיי? — האָט שפּרינצע געגומען שרייען.

— וואַרט! וועסט ניט פאַרשפּעטיגען! — האָט חנה־ציפּע אומ־צופרידען געזאָגט.

— איך וויל אויך טיי! — האָט שפּרינצע מיט אַ געוויין געגור־מען שרייען.

— רבקה! דערלאַנג מיר נאָך אַ שיסעל, וועל איך איהר אָנ־גיסען אַביסעל טיי און פּטור ווערען פון דער „אָנשיקעניש".

— יאָ, אין דער פרעמד איז די גלייכסטע זאַך אַז מען האַלט זיך קליין, אָפּגעבען יעדען איינעם כבוד און ניט פאַרקריגען זיך מיט קיינעם. אַז דו ווערסט דינגען אַ צימער — דו האָסט דאָכט זיך געזאָגט, אַז דאָרטען האַלטען זיך די ישיבה־בחורים ניט אויף אין בית־מדרש, זאָלסטו זעהן צו לעבען מיט דער בעל־הבית׳טע בשלום. זאָג איהר, דאָס דיינע עלטערן זיינען ניט רייך — אָרימקייט איז קיין שאַנדע ניט — וועט זי אויף דיר רחמנות האָבען. זאָלסט איהר בעטען, דאָס בשעת זי קאָכט עסען פאַר איהר, זאָל זי עפּעס צו־לעגען אויך פאַר דיר. אָהן אַ לעפעל געקעכטס דאַרט איין דאָס האַרץ. דאָס געזונט פאַדערט צו האָבען אַמאָל אַ ביסעל געקעכטס. זי וועט זיך ניט דאַרפען פיעל באַמיהען אויף דעם, און וועט דאָס גערן טאָן.

„וועט אַמאָל קומען אַן ענדע צו דעם גאַנצען פּלאַפּלען?” — האָט דוד׳ל זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו פרעגען.

— ביזט נאָך יונג, מיין קינד, און ווער וויים צי די בעל־הבית׳טע וועט ניט זוכען דיר אַפּצונאַרען. אַז זי וועט דיר, למשל, זאָגען, דאָס אַ פונט פלייש קאָסט צוועלף קאָפּיקעס, זאָלסטו פרע־גען דיינע חברים אויב זיי צאָהלען אויך דעם זעלבען פּרייז. פאַר־שטעהסט וואָס איך מיין? זיי אַ מענש און וויים ווי מיט מענשען אַרומצוגעהן.

— וועט שוין אַמאָל נעהמען אַ סוף? — האָט דוד׳ל מעהר זיך ניט געקענט איינהאַלטען. זיין פּנים איז פון גרוים אויפרעגונג רויט געוואָרען.

חנה־ציפּע האָט נור אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, קוקענדיג אויף איהם מיט אומעטיגע בליקען. גרונם האָט זיין קאָפּ איינגעבויגען צום שיסעל צו און געזופּט די טיי.

5.

ביי גרונמ׳ן אין הויז האָלט זיך אַ גאַנצען טאָג אין איין טומלען. חנה־ציפּע איז היינט ניט אַרוים אין מאַרק צו האַנדלען, ווייל פון גאַנץ פריה איז זי פאַרנומען אויסצוריכטען דוד׳לען אין וועג, גרייט אַלעס צו און פאַרפּאַקט זיינע זאַכען. גרונם שטעהט נעבען איהר און העלפט איהר אַרוים.

דער קאַסטען, וואו מען האָט דוד׳לס זאַכען אַריינגעלעגט, ווערט יעדע מינוט פול און צוריק אויסגעליידיגט. איינער לעגט דאָרט אַריין אַ רעקעל, נעהמט דער צווייטער אַרוים און לעגט אַריין העמדער. איילענדיג פאַלט דער רעקעל אַרונטער אויף דער ערד, ווערט איינגעשטויבט און דאַן הויבט זיך אָן אַ נייע אַרבייט — איהם אויסבאַרשטען און צוריק אַריינלעגען אין קאַסטען.

— חנה־ציפּע! האָסטו ניט פאַרגעסען אַריינצולעגען די פּאַ־טשיילע? — פרעגט גרונם.

— געדענק ניט! — ענטפערט חנה־ציפּע — און מען צעוואַרפט ווידער דעם קאַסטען און מען נעהמט אַלע זאַכען אַרוים.

— גיך, גרונם, געה צו אין קראָם און קויף אַ קעמעל. וואו וועט ער אין דער פרעמדר געהן זוכען אַ קעמעל? —

ווי אַ פייל פון בויגען לויפט גרונם אַרוים אין גאַס. איילענדיג האָט ער פאַרגעסען איינבויגען זיך און זיך שטאַרק צוקלאַפּט דעם קאָפּ.

— רבקה! האָסטו שוין געענדיגט וואַשען די נאַז־טיכלאַך? — פרעגט די מאַמע.

— יאָ, איך האָב זיי אויפגעהאַנגען איבער'ן אויווען. — ענט־פערט רבקה — זיי וועלען זיך באַלד אויסטריקענען.

— שנעל, טאָכטער, לויף אַרוים אין גאַס און קויף עטליכע שטיקלאַך זייף פאַר דוד'לען.

— און דו, שפּרינצע, וואָס זיצסטו מיט פאַרלעגטע הענט, קענסט ניט טאָן עפּעס? — גיט חנה־ציפּע אַ בייזער, איינגעהענדיג דערביי אַ העקעל אין דוד'לס „ארבע־כנפות".

— וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע? — פרעגט דאָס קינד, וואָס איז ביז איצט געזעסען און אייפערזיכטיג געקוקט אויף די, וואָס האָבען זיך געפּאַרעט אַרום דוד'לען.

— וואָס זאָלסטו טאָן? — האָט חנה־ציפּע נאָכגעזאָגט, ניט־הערענדיג וואָס זי רעדט, און פאַרזונקען זיך אין אומעטיגע גע־דאַנקען.

„היינט", האָט זי צו זיך גערעדט, „היינט פאָהרט ער אַוועק. היינט פאַרלאָזט ער אונז, וועט זיך געפינען אין אַ פרעמדער שטאָדט ווייט פון אונז, און ווער ווייס ווען ער וועט זיך צוריק־קעהרען? וועה מיר, דוד'ל, דוד'ל!"

גרונם איז אַריין אין שטוב, האַלטענדיג אין האַנט אַ קעמעל.

— גולם! אַזאַ קעמעל האָב איך דיר געהייסען ברענגען? פּויערים נוצען דאָך אַזעלכע קאַמען. לויף שנעל אין קראָם און בייט איבער אויף אַ בעסערען.

גרונם האָט געפּאָלגט וואָס חנה־ציפּע האָט איהם געהייסען און איז אַוועק ברענגען אַן אַנדער קעמעל.

דער פורמאַן איז געקומען נאָך די זאַכען, אָבער זיי האָבען נאָך ניט געהאַט אַלץ איינגעפּאַקט. דער פורמאַן האָט זיי גענומען

העלפּען, האָט געפּאַקט און געלעגט ביז ער האָט אַלעס איינגע־אָרדענט, האָט אַרויפגעלעגט דעם קאַסטען אויפ׳ן פּלייצע און איהם אַרויסגעטראָגען צו דער פור. דוד׳ל האָט זיך גענומען געזעגע־נען מיט די שוועסטערלאַך. רבקה און שפּרינצע זיינען אַרויפגע־פאַלען אויף זיין האַלז, האָבען מיט זייערע הענטלאַך געהאַלזט און געדריקט איהם, באַדעקט מיט הייסע קושען. דוד׳ל האָט זיך צום לעצטען מאָל צוקושט מיט זיי און גענומען אַרויסגעהן פון שטוב.

— בלייב נאָך אַ ווייל, זעץ זיך אַביסעל צו אויפ׳ן באַנק — האָבען גרונם און חנה־ציפּע צוזאַמען אויסגערופען.

דוד׳ל האָט זיך אָנגעזעגנט, איז אָבער ניט געבליבען זיצען לאַנג, האָט זיך באַלד אויפגעהויבען און זאָלבע דריט האָבען זיי פאַרלאָזען די הויז.

— איך וויל אויך מיטגעהן! איך וויל אויך מיטגעהן! — האָבען רבקה און שפּרינצע נאָכגעשריען.

גרונם האָט אויפגעעפענט די טיר, און גענומען בעטען זיך ביי זיי: „איהר, קינדער, בלייבט אין שטוב. מיר וועלען זיך ניט לאַנג זאַמען. וועלען באַלד קומען!“

— ניין! איך וויל ניט בלייבען אין שטוב, איך וויל ניט בלייבען אין שטוב! — האָבען די קינדער גענומען וויינען און בע־טען זיך מען זאָל זיי מיטנעהמען. דוד׳ל האָט זיי גענומען באַ־רוהיגען, איינרעדען זיי און צוגעזאָגט, דאָס אויב זיי וועלען זיין גוטע קינדער וועט ער זיי, בשעת ער וועט קומען צוריק, ברענגען צוקערקעס.

צוקומענדיג צו דער קרעטשמע, וואו די פוהר איז געשטאַנען און געוואַרט אויף די רייזענדע, האָט גרונם אַ געשריי געטאָן:

— חנה־ציפּע! האָסט מיטגענומען די קעז וואָס איז געלעגען אויפ׳ן פענסטער?

— ניין! לויף גיך און ברענג דאָס.

גרונם האָט זיך אומגעקעהרט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקעהרט האַלטענדיג אַ שטיק קעז אין האַנט.

די פור איז שוין געווען גרייט צו פאָהרען. דער פערד איז שוין געווען איינגעשפּאַנט און דער בעל־עגלה איז געשטאַנען מיט

דער בייטש אין האַנט. פון ביידע זייטען וואָגען זיינען געשטאַנען מענער און פרויען, אינגלאַך און מיידלאַך, האָבען גערעדט אין דער שטיל און זיך גע׳סוד׳עט.

— פאַרשטעהסט? — האָט איינער הויך אַ פרעג געטאָן.

— שוויינ בעסער! — האָט דער צווייטער געענטפערט.

— אַז דו וועסט קומען בשלום זאָלסטו אונז גלייך לאָזען וויסען.

— זייט זיכער! — האָט אַ יונגערמאַן געענטפערט — איך וועל אייך גלייך שרייבען.

גרונם און חנה־ציפּע זיינען אויך געשטאַנען נעבען דער פור. חנה־ציפּע האָט מיט דוד׳לען איינגע׳טענה׳ט, האָט ווידערהאָלט די נעכטיגע „לעקציע", ווי ער זאָל זיך פיהרען, צולעגענדיג נייע מוסר־רייד.

—גיב, מיין קינד, גוט אַכטונג אויף די צוויי רובעל. זיי פאַרזיכטיג זאָלסט זיי ניט אָנווערען. זאָג קיינעם ניט דאָס דו האָסט געלט מיט זיך. שפּרינג ניט ארויס פון פור, כדי דאָס געלט זאָל חלילה פון דער קעשענע ניט אַרויספאַלען.

— האָב ניט מורא, מאַמע, קיינער וועט די געלד ניט צו׳גנב׳ע־נען פון מיר.

— ניין, קינד, איך שרעק זיך דען גלאַט אין דער וועלט אריין? דו פאָלג בעסער דיין מאַמען און הער זיך צו צו מיין עצה: גלייך ווי דו וועסט אָנקומען אין שטאָדט, זאָלסטו דעם קעסטעל מיט די זאַכען געבען דעם בעל־אכסניא צו באַהאַלטען, און זאָלסט גלייך אַוועק צום ראש־ישיבה. אויב דו וועסט אָנקומען ביינאַכט, זאָלסטו דעם קעסטעל צוזאַמען מיט דיין מאַנטעל לעגען צוקאָפּענס. שלאָפען זאָלסטו מיט די זאַכען און דאָס געלד זאָלסטו אריינלעגען אין דער קעשענע פון דער זייט, אויף וועלכען דו וועסט ליגען.

— גוט, גוט! — ענטפערט דוד׳ל, ניט הערענדיג אַ וואָרט וואָס זי רעדט צו איהם.

— געהט ארויף אויפ׳ן וואָגען! — האָט דער בעל־עגלה גענו־מען טרייבען דעם עולם.

די פּאַסאַזשירען האָבען אין געאייל זיך גענומען געזעגענען צום לעצטען מאָל. דוד'ל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די עלטערען, האָט מיט גרויס ליעבע געקושט זיי און זייערע זודיגע טרעהרען האָבען זייערע אַלעמענס באַקען פייכט געמאַכט.

ער האָט זיך אריינגעזעצט אין וואָגען.

די פור האָט זיך גענומען ריהרען און אָנגעהויבען צו פאָהרען. גרונם און חנה־ציפּע זיינען איהם נאָכגעגאַנגען אַ שטיק וועג, ביז מען איז צוגעקומען צום עק פון שטעדטעל.

— דעק זיך גוט איין, די נאַכט איז אַ קאַלטע — האָט חנה־ציפּע נאָכגעשריען.

— אַז דו וועסט קומען אין וואַלאַזין זאָלסטו אונז גלייך שרייבען פון דיין געזונט — האָט גרונם געזאָגט.

די פוהר איז אַריבער דעם בריק וואָס פיהרט אויסען שטאָדט. דוד האָט געבעטען די עלטערען זיי זאָלען זיך אומקעהרען.

די פור האָט גענומען ווייטער געהן. חנה־ציפּע און גרונם זיינען געבליבען וואַרטען ביז די פוהר איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען פון זייערע אויגען.

די טרעהרען וואָס האָבען אַ גאַנצען טאָג זיי געשטיקט און זייערע אויגען פייכט געמאַכט, האָבען איצט ניט געקענט מעהר איינהאַלטען זיך און גענומען פלייצען גאַנצע טייכען.

— אַוועקגעפאָהרען אונזער קינד! — האָט חנה־ציפּע גענומען יאָמערן.

— אַוועקגעפאָהרען אונזער קינד! — האָט גרונם ביטער נאָכגעקרעכצט.

6.

די לבנה האָט העל געלויכטען. וואו ניט וואו איז דער הימעל געווען באַדעקט מיט כמאַרנע וואָלקענס. די עטליכע שטערען וואָס האָבען געשיינט, האָבען פאַרבלאָנדזשעט אַרונטערגעקוקט צו דער ערד, זיינען געווען בלאַס, ווי די נאַכט וואָלט זיי געשראָקען. פון צפון־זייט האָט פּלוצלונג גענומען בלאָזען אַ ווינט, האָט געוואָיעט און געברומט אין די אויערען פון די פּאַסאַזשירען, ווי ער וואָלט זיי איינגערױמט אַ סוד, דאָס דער ליבער זומער איז אַוועק,

פאַרשוואונדען, און דער אומגעבעטענער גאַסט, דער הערבסט, שטעהט שוין אונטער'ן טיר. די בוימער קרעכצען, בויגען זיך און די צווייגען פאַלען אַרונטער.

אויסער דוד'לען האָבען זיך אין פור געפונען נאָך פינף פּאַ־סאַזשירען. אַלע זיינען געזעסען שווייגענדיג און אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט. די פאַר'יתומ'טע נאַטור האָט אויף זיי אַרויפגע־וואָרפען אַ מעלאַנכאָליע, און ווי אַנגעהאַנגען אַ שלאָס אויף די מיילער, זיינען אַלע געזעסען ווי שטומע. פון צייט צו צייט עפענט ווער כון זיי דעם מויל און גיט אַ געניץ. דוד'ל האָט זיך פאַרזונקען אין געדאַנקען. זיין שטימונג איז אַ געדריקטע און אַן אומעטיגער געפיהל נאָגט זיין הארץ. עפּעס אַ מאָדנער פאַרגעפיהל זאָגט איהם, דאָס איהם וועט אויסקומען פיעל צו ליידען. וואָרום? ווייס ער אַליין ניט. זיינען געדאַנקען זיינען אַזוי צוטומעלט, דאָס ער קען זיך בשום אופן ניט קאָנצענטרירען. זיין קאָפּ דרעהט זיך איהם ווי אַ ראָד און זיין הארץ איז פּוסט.

דער פערד שלעפּט זיך פּאַוואָליע, ווי ער וואָלט געצעהלט זיינע טריט. עס איז שוין אַריבער אַ שעה, צוויי און דריי, און דער פערד שלעפּט זיך נאָך אַלץ. די צייט איז לאַנג, די וועג אַ לאַנגע, לאַנג אַהן אַ גרעניץ און אַהן אַן ענדע.

— עס איז גוט קאַלט, שטאַרק קאַלט! — האָט איינער פון די פּאַסאַזשירען זיך גענומען קלאָגען, און באַוועגט אַביסעל זיין קערפּער.

די אַלע רייזענדע האָבען די ביטערע קעלט שטאַרק געפיהלט. יעדער איינער האָט דאָס אויסגעדריקט ניט נאָר מיט ווערטער, נאָר האָבען זיך געדריקט צו די ווענט פון וואָגען, זיך צו דערוואָ־רימען אַ ביסעל.

נאָך אַ שעה איז אַריבער. די מעהרסטע רייזענדע וואָרפען זיך, קלאַפּען זיך אַז אין וואָגען, כאַפּען אַ לייכטען דרעמעל. איי־ניגע כראָפּען אונטער.

דוד'ל איז דער איינציגער וואָס שלאָפט ניט און דרעמעלט ניט. ער איז נאָך אַלץ פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, און די ביטערע מחשבות לעגען זיך ווי שווערע שטיינער אויף זיין הארץ!

— אַט זיינען מיר שוין ביי אַ קרעטשמע! געהט, זייט מוחל, אַרונטער, און קומט אַריין זיך אָנוואַרימען די ביינער — זאָגט דער בעל־עגלה.

דער פערד איז געבליבען שטעהן. די דרעמעלדיגע פּאַסאַזשירען האָבען זיך גענומען אויסטשוכען פון שלאָף.

— זיינען מיר שוין אָנגעקומען אין דאָרף ב.? — האָבען איי־ניגע מיט פרייד געפרעגט.

— כאַפּט איהם דער רוח צוזאַמען מיט זיין פערד און וואָ־גען! — האָט איינער, וואָס האָט די גאַנצע וועג ניט געקענט איינ־שלאָפען און זיך געלאַנגווייליגט, זיך גענומען בייזערען. — עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט און מיר זיינען נאָך ניט אפילו ביים דאָרף ב.

— ווי עס ווייזט אויס, רבי חיים! — האָבען עטליכע פּאַסאַ־זשירען אונטערגעכאַפּט — וועט איהר אונז היינט דערפיהרען ביז משיח וועט קומען!

— ניט געבייזערט! — ענטפערט חיים פרעהלאַך און לוסטיג, וויסענדיג, דאָס באַלד וועט ער אָנוואַרימען די פאַרפראָרענע ביי־נער מיט אַ רעכטען שנעפּסעל — וואָס? שלעכט געפאָהרען! אַט דאָס איז אַז מען טוט אַ אידען אַ טובה! איהר באַצאָהלט דאָך מיר פאַר'ן פאָהרען, מעגט איהר זיך פאַרגינען אַ ביסעל פאַרגעניגען צו האָבען.

די פּאַסאַזשירען זיינען אַריין אין קרעטשמע און דער בעל־עגלה האָט דעם פערד אַריינגעפיהרט אין שטאַל. דוד'ל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לאַנגען שמאָלען באַנק, ניט וויסענדיג וואָס מיט איהם טוט זיך. אַ פּאָר פּאַסאַזשירען זיינען צוגעגאַנגען צום טיש, וואו די בעל־הבית'טע, אַ באָרוויסע און אַ נאַקעטע, מיט איין העמד אויפ'ן ליַיב, איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אָר־דערס, און געהייסען דערלאַנגען עטליכע גלעזלאַך שנאַפּס. עטליכע פּויערים זיינען מיט'ן פּנים אַראָפּ געלעגען אויף די לאַנגע בענק און זייער שנאָרכען האָט זיך געהערט איבער'ן גאַנצען שטוב. דוד'לס אויגען האָבען זיך גענומען שליסען, האָט דעם קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אויפ'ן ברעג טיש און איז אַזוי איינגעדרעמעלט געוואָרען.

— אינגעל! הויב זיך אויף! גענוג דיר צו שלאָפען! מיר פאָהרען באַלד אָפּ! — האָט איינער פון די פּאַסאַזשירען איהם אויפ־געוועקט.

דוד׳ל האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אויף א ווײלע גע־פיהלט ווי געפּלעפט, ניט וויסענדיג וואו ער געפינט זיך איצט, און האָט פאַרוואונדערט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט וואו ער איז, און ער האָט מאָ־מענטאַל אַ טאַפּ געטאָן די קעשענע. מיד און צובראָכען איז ער ארויף אויפ׳ן וואַגען, האָט זיך גוט איינגעוויקעלט אין זיין מאַנטעל און געגומען געניצען. די איבעריגע פּאַסאַזשירען האָבען זיך אויך יעדער איינער באַזעצט אויף זיין פּלאַץ, האָבען זיך צוגעדעקט מיט זייערע קליידער, און ניט אויסרעדענדיג אַ וואָרט, זיינען זיי געזעסען פאַרשלאָפענע און מיט צובראָכענע גלידער.

די פור האָט זיך גענומען ריהרען, האָט פּאַמעלאַך גענומען פאָהרען. דער פורמאַן איז געגאַנגען ביי דער זייט, נעבען פערד, האַלטענדיג די בייטש אין דער האַנט.

דער גאַנצער וועזען איז איצט איינגעהילט אין אַ פאַרנעבעלטען טומאַן, נאָר פון מזרח־זייט הויבען זיך אָן צו באַווייזען די ערשטע זונען־שטראַהלען. די ערד איז נאַס און פייכט. די פעלדער און טאָלען זיינען ווי איינגעהילט אין אַ טרויער־שלייער, ווי זיי וואָלטען באַקלאָגט די אָפּשטאַרבענדע נאַטור. וואו־ניט־וואו באַווייזען זיך איבער די פעלדער עטליכע פאַרוויאַנעטע זאַנגען, אָבער זייער אויס־זעהן מאַכט די נאַטור נאָך מעהר מעלאַנכאָליש און עלענד. די גראָז איז פאַרדאַרט און פאַרפוילט, און ארום־און־ארום איז צו פיהלען עלענד און טרויער.

„מה טובו אהליך יעקב!“ — האָט איינער פון די פּאַסאַזשירען, אַ פופציג יעהריגער איד, מיט אַ ווייסליכע באָרד און לאַנגע גע־דיכטע אויגען־ברעמען, אָנגעהויבען מיט אַ הייזעריגע שטימע דאַוו־נען. אויף איהם קוקענדיג האָט אַ צווייטער פּאַסאַזשיר אויך גע־נומען דאַוונען. אין וואַגען האָט זיך גענומען רודערן און די רייזענדע האָבען אַביסעל אויפגעלעבט. די זון האָט גענומען אויפ־געהן און עס האָט גענומען ווערען ליכטיג. דוד׳ל האָט זיך גע־

נומען אויסטשוכען א ביסעל, זיינע געדאנקען זיינען איהם קלאָהרער געוואָרען און ער האָט ווי באַקומען פרישע כחות. זיין פאַנטאַזיע האָט איהם אריבערגעטראָגען צו די עלטערען אין הויז. פאַר זיינע אויגען האָט אויפגעלעבט די געשטאַלט פון זיין דערשלאָגענער פאַרוויינטער מאַמען.

— פאַרוואָס זאָרגסטו און וויינסט, מאַמע? — פרעגט ער איהר — אין גיכען וועל איך דאָך צוריקקומען צו אייך. איך וועל האָבען מיט זיך אַ „סמיכה" אויף רבנות, און עס וועט ניט פיעל דויערען, און אַ גרויסע שטאָדט וועט מיך אויפנעהמען אַלס רב. איך וועל אייך דעמאָלט נעהמען צו מיר, און וועל אייך האַלטען בכבוד. דו, מאַמע, וועסט מעהר ניט דאַרפען זיך פּלאָגען און אונטערהאַנדלען מיט אייער און הינער, און דער טאַטע וועט מעהר ניט האָרעווען, וועט מעהר ניט אַרבייטען און מיט דעם שוויים פון פּנים פאַרדינען די שטיקעל ברויט פאַר אייך. די „שכירות" וואָס איך וועל באַקומען וועט סטייען פאַר אונז אַלעמען. דו, מאַמע, וועסט זיך רוהיג זיצען און לייענען ווייבערשע ספרים און דער טאַטע וועט לערנען „עין יעקב" און „מדרש". אַלע וועלען אייך אָפּגעבען כבוד, איהר זייט דאָך עפּעס דעם רב'ס עלטערען! וועל אויך זעהן צו באַזאָרגען רבקה'ן און שפּרינצען. איך וועל זיי מיט גאָט'ס הילף חתונה מאַכען מיט פיינע, אָרענטליכע בחורים, לומדים, און מיר וועלען אַלע לעבען אין נחת און פאַרגעניגען.

דאָס בילד פאַרשווינדט און עס שטעלט זיך איהם פאַר אַ צווייטע: אָט איז ער אין וואָלאָזין, שטעהט נעבען דעם ראש־ישיבה און גיט איהם איבער דעם רב'ס בריעף. דער ראש־ישיבה נעהמט איהם אויף אַ ביסעל קאַלט; קנייטשט דעם שטערן און זיינע שטעכיגע אויגען דרינגען אריין טיעף אין זיין נשמה. אָבער וואָס ווייטער דער ראש־ישיבה לייענט, אַלץ מעהר ווערט זיין פּנים אויסגעלייטערט, די קנייטשען פאַרשוואונדען און זיינע בליקען זיינען שוין ניט אַזוי בייז.

— ווי ווייט דערגרייכען דיינע ידיעות, מיין קינד, אין תלמוד? — פרעגט ווייך דער ראש־ישיבה.

— „נשים“ און „נזיקין“ מיט אלע מפרשים. —

— ביזטו אין זיי גוט באהאוועגט? — און דער ראש־ישיבה פרעגט איהם עטליכע קשיות, און ער, דוד׳ל ענטפערט איהם מיט גרויס חריפות און בקיאות אין אלע מפרשים, די ראשונים און אחרונים, און דער ראש־ישיבה זיצט אן איבערראשטער.

— א וואוילער בחור! — זאגט דער ראש־ישיבה, גלעטענדיג איהם די באקען — א וואוילער בחור! איך בין זיכער, דאס דו וועסט מיט דער צייט ווערען א גדול בישראל; און בנוגע „וואך־געלט“ באקומסטו גלייך צוויי רובעל. מיר וועלען אויך זעהן צו געפינען א פאסיגע דירה פאר דיר. זאל נור גאט שטארקען דיין הארץ. דאס דו זאלסט לערנען פלייסיג, און מיין האפנונג אין דיר וועט זיכער מקוים ווערען.

זיין פאנטאזיע שטעלט איהם פאר אנדערע שעהנע און ליב־ליכע בילדער. ער איז שוין רב אין א גרויסער שטאדט, איז בא־ריהמט איבער די וועלט, רבנים ווענדען זיך צו איהם מיט שאלות און ווארטען אומגעדולדיג אויף זיינע תשובות; מחברים קומען זיך בעטען ביי איהם, דאס ער זאל זיי געבען „הסכמות“ אויף זייערע ספרים; ער אליין האט מחבר געווען פיעלע ספרים, אין וועלכע ער ווייזט אן אויף פיעלע „חומרות“, וואס די פריהערדיגע האבען פארזעהן. ער איז באריהמט ביי אידען און אויך גוים גיבען איהם אפ כבוד.

— וואוהין פאהרסטו, אינגעל? — האט איהם דער איד, וואס האט דער ערשטער זיך געשטעלט דאוונען, פלוצלונג געפרעגט.

ווי ער וואלט פון הימעל ארונטערגעפאלען, אזוי האט דוד׳ל זיך געפיהלט. ער האט א דערשראקענער זיך ארומגעקוקט, און נאכדעם געענטפערט:

— קיין וואלאזין —

—קיין וואלאזין? — האבען אלע זיך געוואונדערט. — אזא יונג אינגעל פאהרט קיין וואלאזין! אלע האבען איהם נייגעריג בא־טראכט.

— ווי אלט ביזטו? — האט דער איד מיט דער ווייסליכער בארד געפרעגט.

— נאָך שבועות וועט מיר ווערען פערצעהן יאָהר.
— פערצעהן יאָהר?! — האָבען אַלע זיך געוואונדערט.

— —

7.

צוויי און אַ האַלב יאָהר זיינען אַריבערגעלאָפען.

— ווערמען זעה איך? — האָט דוד מיט פרייד אויסגעשריען צו אַ יונגענמאַן, וואָס איז איהם אַנטקעגען געקומען אין גאַס. — יוסף? וואָס טוסטו דאָ?

— בין געקומען צוליעב געשעפט. אָבער גוט וואָס מיר האָבען זיך געטראָפען. האָב איצט ערשט געוואָלט געהן אין דער ישיבה דיך צו זעהן. אָבער וואָרום זאָלען מיר שטעהן אין גאַס, קום אַרויף צו מיר אין צימער. אַט איז די שטוב! — האָט יוסף געזאָגט און אָנגעוויזען אויף אַ גרויסע הילצערנע געביידע.

יוסף איז צוזאַמען מיט דוד'ן אַריין אין הויז. אַריינגעהענדיג אין צימער, האָט יוסף געהייסען דעם משרת אַריינטראָגען דעם סאַמאָוואַר און פון אַ קעסטעל אַרויסגענומען אַ הויפען פאַפּיראָסען און זיי אַרויפגעלעגט אויפ'ן טיש.

— געווים זוכסטו שוין אַ שטאָדט אויף רבנות? — האָט יוסף מיט שפּאַס אַ זאָג געטאָן.

— האָסט אַ גרויסען טעות! איך וועל שוין קיין רב ניט ווערען. אין וואָלאָזין וויל מען מיר דערוועיל אין אַ אידישע הויז ניט אַריינלאָזען.

— וואָס איך הער! — האָט יוסף איבערראַשט אַ געשריי געטאָן.

— וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי? — האָט דוד געפרעגט. — אָבער דו ביזט גערעכט, דו געדענקסט מיר פון אַ מאָל, אָבער דאָ האַלט מען מיר פאַר אַן אפּיקורס.

— ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט? מען פלעגט זיך דאָך אין אַלע אידישע הייזער בענשען מיט דיר און עס האָט דאָך אומעטום געקלונגען מיט דיין גוטען נאָמען! —

— "Neue Zeiten, Neue Foegel,
Neue Voegel, Neue Lieder."

האָט דוד געענפערט מיט היינע'ס פערז.

— ווי איך זעה איז היינע דיר ניט פרעמד, און דאָס איז ווירקליך אַ נייעס פאַר מיר. אָבער דערצעהל מיר פריהער, ווי אַזוי איז דאָס געקומען, אַז דו זאָלסט אַראָפּ פון גלייכען וועג? און נאָך וואו? אין אַזאַ מקום קדוש ווי וואָלאָזין, אין אַ היילִיגע ישיבה, זיצענדיג אונטער'ן שאָטען פון אַ היילִיגען מאַן, ווי דער ראש־ישיבה?

— ווייסט דאָך: זעהר אָפט באַריהרען זיך די טומאה מיט די קדושה צוזאַמען. די טומאה האָט זיך דאָ גאַנץ גוט באַפעסטיגט און ניט איין בחור איז אין איהר נעץ אַריינגעשלעפּט געוואָרען.

— געדענקסט, דאָס איך פלעג דיר אַלע מאָל צורעדען, דאָס דו זאָלסט זיך נעהמען בילדען? דו פלעגסט מיר שטענדיג אויס־לאַכען און ניט וועלען אויסהערען מיר. און איצט... אָבער, ווי ווייט האָסטו אין דיינע נייע למודים פאַרשריטע געמאַכט?

— איך פערזענליך קען וועגען דעם גאָרניט ריידען. זאָלען אַנדערע זיך איבערצייגען —

— ווען האָסטו זיך גענומען צו בילדען, און האָסטו געהאַט אַ לעהרער?

— כמעט אַ יאָהר. צום אָנפאַנג האָב איך אויף אַ קורצער צייט געהאַט אַ לעהרער.

— וואָסערע ידיעות האָסטו שוין עררייכט?

— קען גוט די רוסישע און דייטשע שפּראַכען.

יוסף האָט זיך איינגעהאַלטען ניט צו שמייכלען. דוד האָט אויך געפיהלט ווי צו לאַכען. זיין אויבערשטע ליפּ האָט זיך אַ ביסעל באַוועגט, זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט שטאָלץ און זעלבסטווירדע, און דורכדרינגענד געקוקט אויף יוסף'ן.

— ווי איך זעה, — האָט יוסף אַביסעל צוטומעלט געזאָגט — האָלסטו זיך איין פון לאַכען.

— אַ הארץ פיהלט אַ הארץ; מן הסתם לאַכסטו מיר אין הארצען אויס. איך פאַרשטעה אָבער, דו רעכענסט מיר פאַר אַ נאַ־רישען באַריהמער.

— ניין! איך בין דיר חלילה ניט חושד, דאָס דו באַ־ריהמסט זיך כדי זיך אויסצופיינען פאַר מיר, אָבער דיינע

רייד רופען אַרויס שפּאַט. דו מיינסט מן הסתם, אַז קענען דעם „פּאָולסאָן", דעם „דיעטסקי מיר" און דעם „מאַסאָן" הייסט קענען די גאַנצע שפּראַך.

— וואָרום דענקסטו אַזוי? —

— ווייל איך דענק, אַז פון די דאָזיגע מעטאָדעס האָסטו אָנגעפאַנגען לערנען.

— און איך קען דיר פאַרזיכערען, דאָס ניט נאָר פון די ביכער, נאָר בכלל האָב איך קיין שום לעהרבוך ניט באַנוצט.

— פון וואַנען האָסטו אָבער די שפּראַכען ערוואָרבען?

— פון שטיינבערג׳ס און שמידטס׳ ווערטער־ביכער.

— פון ווערטער־ביכער? ווי אַזוי לערענט מען פון ווערטער־ביכער?

— פּשוט! איך האָב איבערגעהיפּערט דעם פאָדערבלאַט מיט די הקדמה, און גענומען חזר׳ען די ווערטער — האָט דוד מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

— אָבער אַזאַ לערנען איז דאָך אַרויסגעוואָרפען! אי עס איז שווער, אי עס ברענגט קיין שום נוצען ניט! — האָט יוסף אויסגעשריען.

— אַז אַזאַ סאָרט לערנען איז שווער און נודנע ווייס איך, אָבער וואָרום זאָלסטו זאָגען, דאָס עס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט?

— ווייל עס איז אונמעגליך צו געדענקען טויזענדער ווערטער וואָס איינע צו די אַנדערע האָט ניט קיין שום שייכות און קיין שום צוזאַמענהאַנג.

— לאָמיר זיך וועטען! דו נעהם אַ ווערטער־בוך, און פרעג וואָסער וואָרט דו ווילסט אַליין; פאַר יעדען וואָרט וואָס איך וועל ניט וויסען, בין איך גרייט צו געבען צעהן קאָפּיקעס שטראָף, און אויב איך וועל דעם עקזאַמען אויסהאַלטען, דאַן זאָלסטו מיר טראַקטירען מיט אַ מיטאָג.

— איך צווייפעל ניט אין דיינע רייד; און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם מיטאָג, וועל איך זיין העכסט צופרידען, אויב דו וועסט מיטשפּייזען מיט מיר —

— איך וויל אבער ניט, דאס דו זאלסט מיר גלויבען אויפ׳ן ווארט, — איך וויל דאס דו זאלסט זיך איבערצייגען, דאס איך נאר דיך ניט!

— גוט! — האט יוסף געענטפערט און גענומען א ווערטער־בוך, האט דוד׳ן געפרעגט פארשידענע ווערטער, וועלכע ער האט פינקטליך פארטייטשט אין העברעאיש לויט שטיינבערג׳ס ווער־טער־בוך.

יוסף איז געבליבען שטעהן ערשטוינט און פארוואונדערט. פון גרוים איבערראשונג האט ער ניט געקענט ארויסריידען קיין ווארט. דוד איז אויך געזעסען שטיל און געשוויגען. פלוצלונג האט די טיר זיך געעפענט, די דיענסט האט אריינגעבראכט א זודיגען סא־מאוואר און אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש. די וואסער האט גע־קאכט און געזאדען. פון דעם אפענעם דעקעל האט א שטארקע פארע ארויסגעשפארט.

יוסף און דוד האבען זיך געזעצט טרינקען טיי.

— זינט איך קום צווישען מענשען האב איך נאך ניט גע־הערט, מען זאל מיט אזא סיסטעם לערנען שפראכען — האט יוסף זיך אנגערופען. — דו האסט מיר ווירקליך פארוואונדערט מיט דיין זכרון און געדולד. צו לערנען אלע ישיבה־בחורים אויף אזא אופן שפראכען?

— כמעט אלע! —

— איצט זאג מיר: וואס דענקסטו טאן ווייטער?

— איך האב באשלאסען צו פאהרען קיין ווילנא און וועל זיך דארטען צוגרייטען צו האלטען עקזאמען אויף אכט קלאסען גימ־נאזיע —

— ווי דענקסטו? — האט דוד נאך א קורצע פויזע געפרעגט — איך וועל קענען דורכמאכען די עקזאמען אין צוויי יאהר צייט?

— אין צוויי יאהר? ניין! אזא זאך איז אונמעגליך! פאר־געס ניט וויפיעל דו האסט נאך צו לערנען. ניין, דאס איז אונ־מעגליך!

— און איך האף, דאס אין צוויי יאהר צייט וועל איך עררייכען מיין ציעל.

— הלואי !

— און איצט וואָלט איך וועלען וויסען — האָט יוסף פאַרגעזעצט און אָנגעגאָסען אַ גלאָז טיי פאַר דוד'ן — פאַרוואָס פאָהרסטו ניט אוועק פון דאַנען ? אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָסטו מיר געזאָגט, דאָס דו האָסט אויפגעהערט צו באַזוכען די ישיבה. וואָס־זשע זיצסטו דאָ ?

— איך האַלט טאַקע ביים אוועקפאָהרען. מאָרגען אָדער אי־בערמאָרגען פאַרלאָז איך וואָלאָזין — האָט דוד געענטפערט.

— שוין אַריבער אַ וואָך זייט דער ראש־ישיבה האָט מיר אויפ־געהערט צו צאָהלען „וואָכען־געלט".

— ווי קומט עס, וואָס ביז איצט האָט ער דיר ניט גע־טשעפּעט ?

— ביז די לעצטע וואָך האָט קיינער קיין אהנונג ניט געהאַט דאָס איך בין אַרונטער פון גלייכען וועג ; דער ראש־ישיבה האָט אפילו פון לאַנג באַמערקט, דאָס איך לערן ניט ווי געהעריג, בין אוים מתמיד געוואָרען. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט זעהענדיג און זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס איך זיץ ביי דער גמרא און שאָקעל זיך ; לעצטען מאָנטאָג אָבער, האָט מען מיך געכאַפּט מיט דער עברה אין האַנט און מען האָט שוין מעהר ניט געקענט פאַר־שווייגען. דער שמש האָט מיך געטראָפען עסען אָהן אַ היטעל. קענסט זיך פאַרשטעלען וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ! דער שמש איז גלייך געלאָפען אָנזאָגען דעם ראש־ישיבה די גוטע בשורה. דער ראש־ישיבה האָט געשיקט רופען נאָך מיר, אָבער איך בין גענוג קלוג געווען צו בלייבען אין דער היים.

— וואָס האָסטו אַזוי מורא געהאַט פאַר'ן ראש־ישיבה, אַז דו האָסט זיך פון איהם באַהאַלטען ? — האָט יוסף געפרעגט.

— ער וואָלט אָהן שום חקירות ודרישות מיר גוט אויסגע־פּאַטשט, און, זעלבסטפאַרשטענדליך, דאָס איך וואָלט די פּעטש ניט מקבל באהבה געווען און וואָלט איהם געוויזען, דאָס ער האָט אויך באַקען און מיר פעהלען ניט קיין הענט. אַזאַ זאַך וואָלטען די ישיבה־בחורים ניט פאַרשוויגען, און וואָס מיינסטו ? איך וואָלט גוט ניט אָפּגעשניטען, זיי וואָלטען מיר אַלע ביינער צובראָכען, און

דעריבער האָב איך טאַקע געפונען פאַר נויטיג זיך אָפּצוטראָגען באַצייטענס און זאָל דער ראָש־ישיבה דאָרט וואַרטען אויף מיר...

— ווען וועלען מיר שוין עסען מיטאָג? — האָט דוד אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער געפרעגט — די טיי האָט צורייצט מיין אַפּעטיט.

— פון מיינעטוועגען, אפילו באַלד. דער מיטאָג איז שוין געווים פאַרטיג.

יוסף איז אַרוים פון צימער און געהייסען גרייטען דעם טיש פאַר צווייען.

— באַלד געהען מיר עסען — האָט יוסף, אומקערענדיג זיך אין צימער, געזאָגט — הייסט דאָס, אַז דו פאַהרסט אין גיכען אָפּ. אַ שעהנע מעשה, כ'לעבען! — האָט ער מיט אַ שמייכעל געזאָגט — „דוד'ל דער עילוי" איז געוואָרען אַ „גוי"! מיר וועלען זיך געווים טרעפען אין ווילנא. וועל דאָרט אין גיכען זיין צוליעב געשעפט. אַ שעהנע מעשה, כ'לעבען! —

די דיענסט האָט אַריינגעטראָגען דעם מיטאָג, און זיי האָבען זיך געזעצט עסען.

8.

די נאַכט האָט דוד'ל געשלאָפעןביי יוסף'ן. אין דער פריה האָבען זיי ביידע גלייך פאַרלאָזען די שטאָדט. יעדער איינער איז זיך זיין וועג געפאָהרען.

עס איז געווען אַ וואונדערבאַר שעהנער טאָג. פון בלויען הי־מעל שיינט אַרוים די פריהלינג־זון, דערקוויקט מיט איהרע זיסע שטראַהלען די ערצער, דערמוטיגט און פילט אָן מיט האָפענונג. די נאַטור האָט זיך דערוועקט צו אַ נייעם לעבען, דער לייכטער פריהלינג־ווינטעל פרישט אַלעס אָפּ. די פעלדער זיינען פאַרטרונקען אין גרינס, די בליהענדע בוימער זיינען באַדעקט מיט פרישע צוויי־גען. די זומפּען אויף'ן וועג האָבען איצט אַן אַנדער אויסזעהן. אין זיי שפּיגעלט זיך אָפּ דער בלויער הימעל, און דאָס גיט זיי צו אַ צויבערענדען חן. די פויגעלאַך פליהען פון בוים צו בוים, זינגען און טשיטשעווען, ווי זיי וואָלטען באַגריסט די אויפלעבענדע

נאַטור. די פּויערים זיינען אַרויס אויפ׳ן פעלד צו אַקערן זייער ערד.

דוד׳ל איז געזעסען אין וואַגען. זיינע ברייט אויפגעעפענטע אויגען זיינען ווייט־ווייט פאַרטראַגען. ער זאַפּט אין זיך אַריין די שעהנקייט פון דער נאַטור. אַט לויפט פאַרביי איהם אַדורך אַ גע־דיכט־באַוואַקסענער וואַלד, איינגעטונקט אין גרינס און אַט באַ־מערקט זיין אויג, ווי דער הימעל מיט די ערד ווערען אין אַ לאַנגען זיסען קוש פאַראייניגט. ער האָט זיך דערמאָנט זיין רייזע מיט צוויי און אַ האַלב יאָהר צוריק. ער איז דעמאָלט דורך אַן אַנדער וועג, צו אַן אַנדער אָרט און מיט אַנדערע צוועקען גע־פאָהרען. גאַנץ אַנדערע געפיהלען און אַנדערע האָפענונגען האָבען זיין האַרץ אַנגעפילט. דערמאַנענדיג זיך אָן זיינע יוגענד־טרוימען, שוועבט אַ לייכטער שמייכעל אויף זיינע ליפען. זיין פאַנטאַזיע טראָגט איהם אַריבער פון זיין פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט: ער איז אין ווילנא, האָט שוין אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען און מיט אַ דיפּלאָם אין האַנט פאָהרט ער נאָך פעטערבורג.

„וואָסער פאַקולטעט זאָל ער אויסקלייבען? מעדיצין? ניין, איך האָב גוטע פעהיגקייטען צו מאַטעמאַטיק... אָבער קיין קאַריערע איז דאָס ניט, און פון וואָס וועל איך לעבען? האָב קיין אַנדער ברירה ניט... וועל בעסער שטודירען מעדיצין... ניין, בין נאָך יונג, וועל נאָך באַווייזען ביידע זאַכען צו לערנען. פריהער וועל איך שטודירען מאַטעמאַטיק און נאָכדעם וועל איך נעהמען זאָרגען פאַר אַ תכלית. אַז איך וועל ענדיגען דעם מאַטעמאַטישען קורס, וועל איך אַלט זיין דריי און צוואַנציג יאָהר, און דאַן וועל איך נעהמען שטודירען מעדיצין. יאַ, אַזוי בלייבט עס. פריהער מאַטעמאַטיק און נאָכדעם מעדיצין".

און זיין פאַנטאַזיע מאָלט איהם פאַרשידענע בילדער: ער איז אַ סטודענט אין אוניווערזיטעט. די פּראָפעסאָרען זיינען ענ־ציקט פון איהם, באַוואונדערען זיינע פעהיגקייטען און האַלטען איהם אין איין ריהמען. ער האָט שוין געענדיגט דעם ערשטען קורס און באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל אַלס אויסצייכענונג. ער פאַרלאָזט פעטערבורג און קומט אַראָפּ אין זיין געבורטסשטעדטעל,

ראַפּשאַנסק, זיך זעהן מיט די עלטערן. ער קומט אָן אין שטעד־טעל אַנגעטאָן אין אַ בלישטשענדען מונדיר, ווי אַ סטודענט, און קיי־נער דערקענט איהם ניט. די מוטער קוקט אויף איהם און קען בשום אופן ניט פאַרשטעהן וואָס טהוט דער „פּריץ" ביי זיי אין שטוב, אָבער פּלוצלונג פאַלט זי אַרויף אויף זיין האַלז און פאַר־געהט זיך אין אַ שטאַרקען געוויין. ער קושט איהר און וויינט מיט. דער טאַטע מיט די שוועסטערלאַך כאַפּען איהם קושען און אַלעמענס אויגען זיינען נאַס פון טרערען, טרערען פול מיט פרייד און גליק.

דער וואָגען האָט זיך גענומען בויגען און טרייסלען, די רייזענדע האָבען זיך גענומען וואַרפען, אַנגעשלאָגען זיך קאָפּ אָן קאָפּ, אַקסעל אָן אַקסעל. דוד האָט אויפגעוואַכט פון זיינע פאַנטאַזיעס, יעדעס מאָל וואָס דער וואָגען האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן האָט זיך איהם געדוכט, דאָס זיינע ביינער ווערען צושאָטען. ער האָט זיך גוט איינ־געוויקעלט מיט'ן מאַנטעל, אַנגעהאַלטען זיך אָן שטאַנג פון וואָגען, ביז מען האָט גענומען פאָהרען אויפ'ן שטיינערנעם שאָסיי און זיי איז גרינגער געוואָרען. די וועג איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ, דער פערד האָט גענומען לויפען און צונאָסען זיך.

„צו געזונט, צו געזונט!" — האָט דער בעל־עגלה, יעדעס מאָל ווען דער פערד האָט אַ נאָס געטאָן, געזאָגט מיט ליעבע.

די זון האָט גענומען פאַרגעהן. דוד האָט געקוקט צום ברעג הימעל וואָס איז געווען איינגעטונקט מיט די רויטע זון־שטראַה־לען, און באַטראַכט די לייכטע וואָלקענס, וואָס האָבען געשוועבט איבערן טיעף־בלויען הימעל. ער האָט געקוקט, געטראַכט און פאַרזונקען אין געדאַנקען, ביז די פאַנטאַזיע האָט ווידער איהם גענומען אַוועקטראָגען אין ווייטע וועלטען אַריין.

ער האָט שוין געענדיגט דעם אוניווערזיטעט, און איז שוין דאָקטאָר. ער וואוינט אין ראַפּשאַנסק. די קראַנקע לאָזען איהם אַ מינוט ניט רוהען. טאָג און נאַכט האַקט מען איהם אָפּ די טירען, אָדער מען קומט צו איהם אָדער מען רופט איהם צום חולה אין הויז. ער איז שוין געניט און קלאָהר אין אַלע פינסטערע געסלאַך און בלאָטיגע הויפען; אַ שלאָגס־רעגען, אַ שטורם־ווינט,

און אַ שלעכטער וועטער — קיין זאַך האָט איהם ניט אָפּ צו העלפען די קראַנקע און לינדערן זייערע שמערצען. די אָרימע היילט ער אומזיסט און גיט זיי נאָך געלט אויף מעדיציין; ער איז ביי אַלעמען באַליעבט און געאַכטעט, און ער האָט דאָס כשר פאַרדינט. ער אינטערעסירט זיך אין אַלע שטאָדטישע ענינים, און אין אַלעם געבראַכט אָרדענונג. דעם אַלטען אָפּגעלאָזענעם „הקדש" האָט ער געלאָזט איינוואַרפען און אויפגעבויט אַ נייע שעהנע הויז; ער האָט געלאָזט איבערבויען די תלמוד־תורה און געבראַכט דאָרט אָרדנונג. געציל דער מלמד איז ענטזאָגט געוואָרען און אויף זיין אָרט איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַ יונגערמאַן וואָס קען גוט לערנען און באַזיצט די העברעאישע שפּראַך. יעדען טאָג קומט אַ רוסי־שער לעהרער און לערענט מיט די קינדער רוסיש און רעכענען; ער האָט אויך אויסגעפיהרט, אַז פון די קאַראָבקע־געלט זאָל מען גרינדען אַ שולע צו לערנען אָרימע קינדער אַ מלאכה.

— טפּררו! — האָט דער בעל־עגלה אויסגעשריען, און דער פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַלע פּאַסאַזשירען זיינען אַרונטער. דוד איז צוזאַמען מיט זיי אַריין אין דער אכסניא און געאָרדערט עפּעס צו עסען.

9.

אַ פאַרגאַפּטער און צופרידענער האָט זיך דוד די ערשטע טעג אַרומגעדרעהט איבער די גאַסען פון ווילנא. וואו ער גיט זיך אַ קעהר זעהט ער די גרויסע, הויכע, עטליכע גאָרענדיגע רויט־געַ־פאַרבטע מויערען; אויפהויבענדיג דעם קאָפּ צו באַטראַכטען די שעהנע געביידעס, ווערט ער יעדע מינוט מיטגעשלעפּט, געשטופּט און געשטויסען פון שטראָם מענשען, וואָס האַלטען אין איין געהן הין־און־צוריק, לויפען און יאָגען זיך. די געשעפטען און געוועלבען זיינען אַלע מיט גרויסע ברייטע פענסטער, אין וועלכע עס איז אויסגעשטעלט גאָלד און זילבערוואַרג, געוואַנט, גאַלאַנטעריי, פאַר־שידענע כלים, בילדער, קינדער־שפּילערייען, וועקסלען און פּאַפּיר־געלט. דוד שטעהט אַן ענציקטער און נייגעריג באַקוקט ער אַלעס. עטליכע מאָל האָט ער זיך פאַרווירפע געמאַכט וואָס ער ווייזט

זיין נייגעריגקייט אַזוי אַרוים און באַווייזט מיט דעם, דאָס ער איז אַ קליין־שטעדטעלדיגער, און ער רייסט זיך מיט געוואַלד אַפּ פון די פענסטער, אָבער פּלוצלונג געהט ער פאַרביי אַ גרויסען פענ־סטער וואָס ציהט איהם און רייצט איהם ווי אַ כישוף. ער קען זיך ניט איינהאַלטען און שטעלט זיך ווידער אַפּ צובאַטראַכטען די זאַכען וואָס זיינען דאָ אויסגעשטעלט. ער שטעהט און קען זיינע אויגען ניט אָנזעטיגען פון דעם גלאַנץ און פּראַכט, אָבער לאַנג קוקען קען ער ניט. פאַרבייגעהער האָבען איהם ווידער גע־נומען שטויסען און אָוועקגעשטופּט ווייט פון פענסטער. ער נעהמט פּאַמעלאַך געהן ווייטער.

— וואָס איז דער געאייל אַזוי מיט זיי? — טראַכט ער ביי זיך — וואָרום יאָגען זיי זיך און לויפען אַזוי שטאַרק?

דער רייץ פון דער גרויסער שטאָדט האָט איהם אָבער באַלד אָפּגעלאָזען. ער האָט זיך דערמאָנט דעם צוועק פון זיין קומען אין ווילנא. ער איז דאָך געקומען לערנען. אָבער ווי אַזוי זאָל ער צוטרעטען צו דעם, און וואָס זאָל ער אָנפאַנגען צו לערנען? ער האָט גענומען טראַכטען וועגען דעם און עטליכע טעג געזוכט עצות, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו באַשליסען. איינמאָל האָט ער באַשלאָסען אַרויסצוגעהן אין גאַס און אָפּוואַרטען די גימנאַזיסטען בשעת זיי פאַרלאָזען די גימנאַזיע, אָפּשטעלען איינעם פון זיי און בעטען איהם, דאָס ער זאָל מיט איהם נעהמען לערנען.

— וואָס האָב איך זיך צו שעהמען — האָט ער צו זיך גע־זאָגט — ממה־נפשך, וועט ער וועלען טאָן איז דאָך געוויס גוט, און אויב ניט — וואָס וועל איך אָנווערען? ווער קען מיר דאָ? אויספּאַטשען דערפאַר וועט ער דאָך ניט. יאָ, „לא הביישן למד", האָט ער זיך, איידער ער איז אַרוים פון שטוב, אָנגענומען מיט מוטה.

אָבער גלייך ווי ער איז אַרוים אויפ'ן גאַס האָט איהם דער מוטה פאַרלאָזען. איהם איז שווער געווען צוצוגעהן צו אַ ווילד־פרעמדען מענשען, איהם אָפּשטעלען און פרעגען איהם, צי ער וויל ווערען זיין לעהרער. ניין! אַזאַ זאַך איז דורכאויס נאַריש!

איינמאָל איז איהם איינגעפאַלען זיך צו ווענדען צו איינעם

פון די משכּילים אין שטאָדט, דערצעהלען איהם זיין גאַנצע לעבענס־פּאַסירונג און בעטען איהם צו באַזאָרגען איהם מיט אַ לעהרער און ביכער.

— ווער דען, אויב ניט זיי? — האָט ער ביי זיך געטראַכט — זיי האָט מען דען ניט געהאָלפען צו ווערען מענשען; מען האָט זיי דען ניט געשטיצט און געגעבען אַ געלעגענהייט דאָס זיי זאָלען לערנען און בילדען זיך, און איך — איך פאַרלאַנג ניט קיין סך פון זיי, איך וויל נור, זיי זאָלען מיר געבען אַ לעהרער און ביכער. אויב זיי וועלען דאָס ניט טאָן פאַר מיר, וועלען זיי בלייבען צו שאַנד אויף אייביג. יאָ, די עצה געפעלט מיר, זי איז זעהר אַ גוטע! די משכּילים וועלען מיר זיכער העלפען.

— אָבער צו וועמען זאָל איך זיך ווענדען צוערשט? — האָט דוד זיינע מחשבות ווייטער געשפּונען — צו וועמען זאָל איך זיך טאַקע ווענדען? פון די ביכלאַך וואָס ער האָט געלייענט, האָט ער געוואוסט די נעמען פון די משכּילים אין ווילנא. צו לעצט האָט ער באַשלאָסען, זיך צו ווענדען צו נ., איינער וואָס האָט געענדיגט דעם ראַבינער אינסטיטוט פון ווילנא.

דוד האָט די בעל־הבית׳טע פון הויז, וואו ער איז איינגעשטאַנען, געפרעגט וואו נ. וואוינט.

— צו איין מענש מיט׳ן נאָמען נ. געפינט זיך אין ווילנא? — האָט זי מיט אַ געלעכטער געפרעגט. — צו געפינען דאָ איינעם נאָר אויף זיין פאַמיליע־נאָמען, איז אונמעגליך. אויב דו ווייסט זיין ערשטען נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען, וועסטו אפשר פון „אַד־רעסען־בוך“ אויסגעפינען וואו ער וואוינט.

— וואָס רעדט איהר? נ. איז דאָך באַריהמט איבער׳ן גאַנצען לאַנד, יעדער איינער וואָס האָט עפּעס געלייענט וויים פון איהם.

דוד איז אַרויס אין גאַס, האָט איינעם אָפּגעשטעלט און גע־פרעגט: צי ווייסט ער ניט וואו נ. וואוינט?

— וואָס איז זיין באַשעפטיגונג? — האָט ער איהם געפרעגט.

— נ., דער באַריהמטער העברעאישער שרייבער!...

— אַ שרייבער? פון וואַנען זאָל איך וויסען? קנאַפּ שרייבערס זיינען דאָ אין שטאָדט?

דוד האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן ווי נידעריג, גראָב און אומוויסענד די ווילנער אידען זיינען, דאָס זיי ווייסען אפילו ניט די נעמען פון די באַרימטע פּערזאָנען, וואָס וואָוינען ביי זיי אין שטאָדט.

אין עטליכע טעג אַרום האָט דוד, דורך אַ צופאַל, זיך דערוואוסט וואו נ. וואוינט, אָבער די אידען פון ווילנא האָט ער בשום אופן זייער אומוויסענהייט ניט געקענט פאַרגעבען.

10.

דוד איז געגאַנגען באַזוכען נ.'ען. צוקומענדיג צום הויף, האָט דער סטורזש איהם אַנגעוויזען אַרויפצוגעהן אויף שטיגען. ער האָט אויף אַ טיר געפונען אויף אַ בלעכעל אויסגעקריצט דעם ער־שטען און צווייטען נאָמען פון נ. דוד האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום גלעקעל, ער האָט זיך אָבער פּלוצלונג באַדענקט און אַ טראַכט געטאָן: פיליכט האָט ער איצט געסט, און ער וועט מיר ניט קענען אויפנעהמען? אפשר איז טאַקע גלייכער זיך צו ווענדען צו אַ גימנאַזיסט, ווי איך האָב פריהער גערעכענט? אָבער וואָס איז מיט מיר? איך בין דאָך טאַקע באמת אַ בטלן! און האָט שנעל אָנגעכאַפּט דעם גלעקעל און שטאַרק אַ ציה געטאָן דעם שנירעל. פון אויסווענינג האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער קלונג.

— אַ, אַ, אַ! — האָט דוד געביסען די אונטערשטע ליפּ — בטלן, בטלן, וואָס דו ביזט! וואָס פאַר אַ טומעל איך האָב דאָ אַנגעמאַכט! זיי וועלען זיכער מיינען מי יודע ווער עס קומט צו זיי. אָבער פאַרפאַלען!

די טיר האָט זיך געעפענט. אַ מאַן פון פערציג יאָהר אַלט, ראַזירט און אייראָפּעאיש געקליידעט, איז איהם אַנטקעגען געגאַנ־גען. ער האָט איהם אין רוסיש געפרעגט וואָס ער וויל?

— איך האָב עפּעס צו רעדען מיט דעם הערר נ. — און רעדענ־דיג איז ער אריין אינוועניג.

— מיט וואָס קען איך אייך דיענען? — האָט ער ווידער אין רוסיש געפרעגט.

— איך האָב אַ קליינע ביטע צו אייך — האָט דוד גענומען שטאַמלען. זיין מוטה און קוראַזש האָבען איהם פאַרלאָזען. זיין האַרץ האָט זיך געשראָקען און געצאַפּעלט. „בטלן, בטלן!“ — האָט ער אין זיך געשריען — וואָרום האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? ער איז דאָך ניט קיין בער און וועט דיר ניט אויפעסען!

— וואָס איז אייער ביטע?

— ניט אַ ביטע נור אַ ראַטה, וויל איך פון אייך האָבען.

נ. האָט שוויינענדיג איהם געלאָזט רעדען.

דוד האָט אין קורצען איהם איבערגעגעבען זיין לאַגע און שטרעבונג.

— אָט אַזוי איז דאָס! — האָט נ. מיט פאַרקרימטע ליפּען געזאָגט — און איהם צוגעטראָגען אַ שטול צו זעצען זיך.

— און איך בין געקומען צו אייך, דאָס איהר זאָלט מיר לערנען וואָס צו טאָן.

— מיין עצה איז — האָט נ. קורץ געענטפערט — דאָס איהר זאָלט זיך אַרויסשלאָגען פון קאָפּ אַלע מחשבות צו שטודירען און בעסער זיך לערנען אַ מלאכה.

די גלייכגילטיגקייט פון נ. האָבען אין דוד'ען דערוועקט זיין קוראַזש. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוטה און זיך גענומען מתוכח זייט מיט איהם און ווייזען איהם דאָס ער איז ניט גערעכט.

— ענטשולדיגט מיר, מיין הערר, אויב איך וועל זיך ערלויבען צו פרעגען אייך, וואָרום שטעלט איהר די אַרבייט העכער פון בילדונג?

— איך שטעל די אַרבייט העכער, ווייל מיר האָבען צופיעל געבילדעטע צווישען אונז.

— און אַרבייטער זיינען דען פאַראַן ווייניג?

— ניט ווייניג, אָבער אויך ניט צופיעל. בכלל האָלט אונזער פאָלק די אַרבייט פאַר אַ בזיון. איך בעט אייך, ענטפערט מיר, וואָרום האָלט איהר בילדונג וויכטיגער פאַר אַרבייט? יעדער איך וועט מיט פרייד שיקען זיין קינד אין דער גימנאַזיע, יעדער איינער

וויל דוקא לאָזען נאָך זיך ניט אַ פּשוט'ן קדיש, נאָר אַ „קדיש" אַ דאָקטאָר, אַ „קדיש" אַן אַדוואָקאַט.

— און לויט מיין מיינונג, הלואי וואָלטען אַלע אידען געווען געבילדעטע! — האָט דוד געענטפערט. — און וואָרום ניט? ציִ פאַר־דינט ניט דער דאָקטאָר אָדער דער יוריסט עהרליך זיין ברויט ווי דער אַרבייטער? ציִ ברענגט ניט דער מענש וואָס האָט געענדיגט אַן אוניווערזיטעט אַזוי פיעל נוצען ווי דער אומוויסענדער בעל־מלאכה? איך דענק דאָס דער ערשטער שטעהט העכער און איז וויכטיגער פון צווייטען, טאָ וואָרום זאָל איך זיך ניט אָפּגעבען מיט בילדונג?

נ. האָט שווייגענדיג געקוקט אויף דוד'ן און אַ וואָרט ניט גע־ענטפערט.

— איצט וועל איך אייך, מיין הערר, בעטען, מיר צו רעקאָ־מענדירען אַ גימנאַזיסט, וואָס זאָל מיר באַהילפיג זיין צו לערנען. איך בין פרעמד אין שטאָדט און וויים ניט צו וועמען זיך צו ווענדען — האָט דוד נאָך אַ קורצען שטילשווייגען געזאָגט.

נ. האָט עטליכע מינוטען זיך באַדענקט, איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און אויף אַ קאַרט אָנגעשריבען עטליכע ווערטער צו זיינעם אַ באַקאַנטען גימנאַזיסט, און דאָס דערלאַנגט דוד'ען.

דוד האָט איהם פון טיפסטען האַרצען באַדאַנקט, זיך געזעגענט מיט איהם און אַוועק.

— ניין! ניין! עס איז אַ פאַלשע אויפפאַסונג! — האָט דוד גערעדט צו זיך — אַלע יונגע לייט זאָלען ווערען בעלי־מלאכות! ווֶעלען דען אַלע פון זיי קריגען אַרבייט? איך, מיט אַזעלכע אויס־געצייכענטע פעהיגקייטען און מיט אַזאַ שטאַרקען חשק צו לערנען, זאָל ווערען אַ פּראָסטער בעל־מלאכה? ניין, ניין, זיין מיינונג איז ניט ריכטיג, נאַריש און פאַלש!

מיט אַזעלכע מחשבות האָט דוד זיך אומגעקעהרט אין זיין היים.

11.

נאָך דעם זעלבען טאָג האָט דוד אויפגעזוכט דעם גימנאַזיסט און איבערגעגעבען איהם די קאַרט.

— צו וואָסער אָפּטיילונג ווילסטו זיך צוגרייטען אָפּצוגעבען עקזאַמען? — האָט דער גימנאַזיסט געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט די קאַרט איבערגעלייענט.

— איך וויל אויף אַלע קלאַסען —

— וואָס קענסטו? —

— נור רוסיש און דייטש. ניט מעהר —

— עס איז צו שווער פאַר דיר — האָט דער גימנאַזיסט איהם געענטפערט — ביז דו וועסט זיך גרינדליך און פּאָלקאָם אויס־לערנען וועלען אַריבער פיעלע יאָהרען. עס פאָדערט זיך צו דעם פיעל געדולד און מען מוז אַ סך לערנען.

— אבי איך האָב גערעכענט, דאָס עס וועט מיר ניט געדויערען לאַנג; איך האָב געמיינט, דאָס אין צוויי יאָהר צייט וועל איך קענען האַלטען עקזאַמען אויף אַלע גימנאַזיע־קלאַסען.

— ווי עס ווייזט אויס, דענקסטו ווי אַלע ישיבה־בחורים, אַז דאָס וואָס מען לערענט אין גימנאַזיע איז לייכט און גרינג, איז נור אַ שפּילכעל. אָבער איהר זייט אַלע גענאַרט. ענדיגען די גימנאַזיע מיינט פיעל האַרעווען. האָסטו כאָטש גענוג אויף דיינע לעבענסמיטלען? —

— ניין! מיין גאַנצען פאַרמעגען באַשטעהט אין פינף רובעל —

— וועסט דאָך ניט לעבען אייביג מיט די פינף רובעל. וואָס וועסטו טאָן, אַז די געלד וועט דיר אַוועקגעהן?

— איך האָף צו באַקומען „אוראָקען" אויף העברעאיש —

— האָסטו פריינט און באַקאַנטע וואָס זאָלען זיך משתדל זיין פאַר דיר? אָהן דעם איז זעהר שווער צו באַקומען „אוראָקען" —

— ניין, איך האָב דאָ קיינעם ניט —

— המ... אויב אַזוי וועסטו ניט קענען זיצען און לערנען, ווער רעדט שוין פון ערגרייכען דיין צוועק אין אַזאַ קורצע צייט.

— און איך וואָלט דיר געראַטען — האָט ער נאָך אַ קורצען טראַכטען זיך אַנגערופען — דאָס דו זאָלסט דערוויל אויפזוכען

ערגעץ א בית־המדרש און זיך זעצען לערנען, וועסטו זיין דערווייל באַזאָרגט מיט לעבענס־מיטלען און וועסט קענען זיך אָפּגעבען מיט דיין שטודיום. לעצטען יאָהר האָט איך אונטערריכט אַ בית־מדרש בחור, און היינט פּאַרדיענט ער שוין פון „אוראָקען“ גענוג אויף צו לעבען.

— אין בית־מדרש? ניין. וועל אויף קיין פאַל ניט איינגעהן אויף דעם. בעסער אויסצוגעהן פון הונגער איידער שאָקלען זיך איבער די גמרא און עסען „טעג“. דערווייל האָב איך גענוג אויף צו לעבען, אַז מיין געלט וועט זיך אויסלאָזען, וועל איך דעמאָלט נעהמען זאָרגען. —

— אויף וויפיעל טעג, דענקסטו, וועט די געלט דיר גענוג זיין? אויף אַ וואָך אָדער צוויי? איז ניט גלייכער...

— אין אַ וואָך אָדער צוויי וועט די גאַנצע געלט מיר אָוועקגעהן? — האָט דוד פאַרוואונדערט געפרעגט. — איך האָב גערעכנעט דאָס די סומע וועט מיר זיין גענוג אויף צוויי חדשים, און דורך דער צייט וועל איך מאַכען פאַרשריטע אין לערנען.

דער גימנאַזיסט האָט איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און אויסגערופען:

— דער צימער אַליין קאָסט דאָך פינף רובעל פאַר צוויי חדשים, און וואָס בלייבט דיר אויף צו לעבען?

— פאַר׳ן צימער האָב איך באַצאָהלט פאָראויס און ביז סוף קומענדען חודש, האָב איך נאָר צו זאָרגען אויף לעבענס־מיטלען.

דער גימנאַזיסט האָט אַ צוק געטאָן מיט׳ן אַקסעל, און געפרעגט:

— ביכער צו לערנען האָסטו?

— ווען איך וואָלט געהאַט ביכער, וואָלט איך שוין לאַנג געזעסען און געלערענט —

— איך וועל דיר געבען אַלע נויטיגע ביכער. קום צו מיר מאָרגען פיער אַזייגער נאָכמיטאָג, און מיר וועלען אָנהויבען לערנען.

— ענטשולדיג מיר אויב איך וועל דיר בעטען מיר געבען די ביכער שוין. וועל איך ביז מאָרגען קענען עפּעס אַריינכאַפּען. —

— גוט. איך ערפיל שוין דיין וואונש — האָט ער געזאָגט, און

איז צוגעגאַנגען צום אַלמער, אַרויסגענומען עטליכע ביכער און דערלאַנגט דוד'ן. — דאָ האָסטו אַ לאַטיינישע גראַמאַטיק, אַ ווענ־ווייזער צו לערנען אַלגעמיינע היסטאָריע און צוויי טייל געאָגראַפיע פון סמירנאָוו. דערווייל איז דאָס גענוג פאַר דיר.

— אַ שעהנעם דאַנק דיר! — האָט דוד געזאָגט און פאַרנויגט זיך.

— ניטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען! — האָט דער גימנאַזיסט גע־זאָגט און איהם דערלאַנגט די האַנט.

אַז דוד איז אויף מאָרגען געקומען צום לעהרער, האָט ער איהם געזאָגט, דאָס ער קען שוין גרינדליך פופצעהן פאַראַגראַפען פון דער לאַטיינישער גראַמאַטיק און איז איבערגעגאַנגען זיבען קאַפּיטלאַך היסטאָריע ביז צו די מלחמה צווישען די פּאַטריציער מיט די פּלאָווייער.

דער לעהרער האָט מיט ערשטוינונג איהם אָנגעקוקט און כמעט ניט געוואָלט גלויבען וואָס ער הערט.

— האָסטו דאָס איצט צום ערשטען מאָל געלערענט?

— חזר'ן ווערטער און כללים איז לייכט און גרינג, בפרט היס־טאָריע. וואָס איז דאָ אַזוינס צו וואונדערען זיך?

— איך האָב נאָך ביז איצט ניט געזעהן אַזאַ פעהיגען יונג ווי דו. איצט בין איך זיכער, אַז אויב דו וועסט פלייסיג לערנען וועלען מיר אין צוויי יאָהר אַרוםביידע צוזאַמען אין איין צייט האַלטען עקזאַמען.

12.

אין אַ שעהנעם, ברייטען און אויפגעראַמטען צימער זיצט דוד נעבען אַ שרייב־טיש און קוקט אַריין אין אַ נאַטור־וויסענשאַפט־ליכען בוך. די הילצערנע פּאָדלאָגע פון הויז איז געפאַרבט, און די ווענט זיינען באַדעקט מיט קאָלירטע פּאַפּיר. אין אַ ווינקעל שטעהט אַ שעהנער ביכער־שראַנק, און אויפ'ן וואַנט, אַנטקעגען טיש, הענגט אַ באַראָמעטער. אויפ'ן טיש שטעהען שעהנע שרייב־געצייג און פאַרשידענע ביכער און זשורנאַלען זיינען אָנגעוואָרפען.

אין איין האַנט האַלט דוד אַן עק פון אַ הערינג און אין דער צווייטער — אַ דין פּענעצעל ווייסע ברויט, און שלינגט מיט אַפּע־

מיט דעם ברויט מיט הערינג, ניט אַרויסנעהמענדיג די אויגען פון בוך.

— דין־דין־דין! — האָט געגומען קלינגען.

דוד האָט זיך אויפגעהויבען, האָט אַוועקגעלעגט די ברויט מיט דעם הערינג און איז געגאַנגען עפענען די טיר.

אין צימער איז אריין אַ יונגערמאַן פון דריי און צוואַנציג יאָהר אַלט, מיט שוואַרצע גרויסע אויגען. זיין מאָרדע איז געווען געגאָלט און די וואָנסען פאַרפוצט ווי די מאָדע איז.

דוד האָט מיט אַ מאָדנעם בליק איהם באַטראַכט.

— מן־הסתם זייט איהר דאָס גרינבערג! געטראָפען? האַ? — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— יאַ, איך בין גרינבערג! — האָט דוד געענטפערט.

— און איך הייס ראָטבאָרג. איצט, אַז מיר זיינען שוין פאַרגעשטעלט איינער פאַר׳ן צווייטען — האָט ער מיט אַ שמייכעל געזאָגט — וועלען מיר קענען רעדען. מיר האָט געשיקט אַהער אייער לעהרער. ווי ער האָט מיר איבערגעגעבען וואוינט איהר אין אַ צוּבעראַהאַפּטען פּאַלאַץ, און עס איז דאַ פּלאַץ פאַר אונז ביידען צו שלאָפען — זאָל איך געהן ברענגען מיינע זאַכען אַהער?

דוד האָט עפּעס גענומען שטאַמלען, ניט וויסענדיג וואָס צו ענטפערען.

— ווי עס ווייזט אויס, זייט איהר איצט פון בית־מדרש אַרויס — האָט ראָטבאָרג געזאָגט — וואָס שטאַמעלט איהר? רעדט קלאָרע דבורים, און זאָגט מיר בזה־הלשון: „די שטוב איז דאָך ניט מיינע, און מוז פריהער אָנפרעגען דעם בעל־הבית, צי ער ערלויבט מיר דאַ צו שלאָפען“, אָדער: „כאָטש איך בין ניט דער בעל־הבית, דאָך קען איך טאָן וואָס מיין הארץ גלוסט; און אַזוי ווי ראָזענבערג האָט אייך געשיקט, און אַזוי ווי דער בעל־הבית וועט סיי ווי סיי ביז סוף זומער ניט קומען אין שטאָדט, בין איך מיט׳ן גאַנצען הארצען וויליג צו מאַכען פּלאַץ פאַר אייך. אָבער שטאַמלען — דאָס פּאַסט ניט פאַר אַ ציווילזירטען מענשען“.

דוד איז געבליבען שטעהן געפּלעפּט. ער האָט געקוקט אויף דעם פרעמדען מענשען וואָס ערלויבט זיך צו רעדען אַזוי גראָב צו איהם.

ער האָט געזוכט ווערטער צו ענטפערען איהם, אָבער דער צונג האָט זיך איהם ווי צוגעקלעפּט צום גומען.

— ווי ראָזענבערג האָט מיר געזאָגט, באַזיצט איהר וואונדערליכע פעהיגקייטען, — און איצט זעה איך, דאָס איהר האָט אַ פאַרשטאָפּטען מח. אָט לערן איך אייך ווי אַזוי צו באַנעהמען זיך מיט מענשען, און איהר פאַרנעהמט ניט! איר האַלט אין איין שווייגען און ענטפערט מיר ניט. וואָס, איהר ווייסט טאַקע ניט וואָס צו ענטפערען?

דוד האָט אַ שמייכעל געטאָן און געענטפערט:

— די הויז באַלאַנגט דאָך ניט צו מיר, ווי אַזוי קען איך אָהן די ערלויבעניש פון בעל־הבית אייך לאָזען דאָ שלאָפען? —

— איצט, לכל־הפּחות, הער איך קלאָהרע דבורים און וועל ווי־סען וואָס צו ענטפערען אייך. אָבער איידער וואָס, וועל איך אייך אויפמערקזאם מאַכען, דאָס עס איז ניט איידעל פון אייך אויפצונעהמען אַ גאַסט ביים טיר. לאָמיר אריין אינוועניג, וועלען זיך צוזעצען אַ ווייל און נאָכדעם וועלען מיר רעדען. יאָ, וועגען דעם וואָס איהר זאָגט, דאָס אָהן דעם בעל־הבית׳ס רשות קען איך דאָ ניט וואוינען, דאַכט זיך, אַז איהר האָט דאָס געמיינט צו זאָגען? יאָ, איז וועגען דעם האָט איהר ניט וואָס צו זאָרגען, איהר קענט זיין רוהיג און זיכער, דאָס דער בעל־הבית וועט האַלבע נאַכט ניט קומען אַכטונג געבען און זעהען ווער עס שלאָפט אין שטוב. ווי איהר זעהט אַליין, איז דאָס קיין אַפּהאַלט ניט. די ריכטיגע אורזאַכע, וואָרום איהר ווילט ניט טיילען אייער צימער מיט מיר, פאַרלייקענט איהר פון מיר. דערקלעהרט זשע מיר מיין פריינט, דעם אמת. זאָגט, שעהמט זיך ניט!

דוד איז שטאַרק צוטומעלט געוואָרען. ער האָט זיך אויף אַזעלכע דבורים ניט געריכט און האָט אַ וואָרט ניט געענטפערט.

— נו, וועל איך ענטפערען פאַר אייך — האָט ראָטבאָרג געזאָגט — איינס פון די צוויי: אָדער איהר גלויבט מיר ניט דאָס אייער לעהרער ראָזענבערג האָט מיר געשיקט, אָדער איהר האָט זיך נאָך ניט באַדענקט וואָס צו ענטפערען, און דעריבער האָט איהר אָהן אַ שום סבה מיר ענטזאָגט (עס גלויבט זיך מיר ניט דאָס

איהר זאָלט סתם אַזוי ענטזאָגען מיר); אָבער וואָס עס זאָל ניט זיין, איך בין זיכער דאָס מיר וועלען וואוינען צוזאַמען. אַז איהר וועט זיין ביי ראָזענבערג׳ן וועט איהר זיך איבערצייגען, דאָס איך האָב אייך געזאָגט דעם אמת, און אַז איהר וועט זיך גוט איבער־לעגען, וועט איהר געוויס טאָן וואָס איך בעט אייך.

— דעם אמת געזאָגט, האָט איהר מיר אַזוי צוטומעלט, דאָס איך...

— ניין! — האָט ראָטבאַרג איהם איבערגעשלאָגען — איהר זאָגט ניט דעם אמת! פון אייער יוגענט־אָן זיינט איהר געוואוינט צו חנפ׳ענען און ליגען זאָגען, אַזוי דאָס איהר קענט ניט ריידען אויפריכטיג.

— לאָמיר פון היינט אָן און ווייטער זיין חברים! — האָט דוד מיט געפיהל געזאָגט — וואָס? דערלאַנגט מיר אייער האַנט! — —

13.

דער שטאָדט־זייגער האָט פון טהורם צוועלף מאָל אויסגע־שלאָגען. דער טומעל און געפילדער וואָס האָט דעם גאַנצען טאָג און אָווענט אַנגעפילט די גאַסען, איז ביסלאַכווייז שטיל געוואָרען. דער בלויער הימעל וואָס קוקט אריין דורך דעם אָפענעם פענסטער פון דוד׳ס צימער, ווערט וואָס ווייטער מעהר ליכטיגער. די לבנה איז שוין ארוים צו באַלייכטען די נאַכט. פון ווייטענס הערט זיך דער פוילער קלאַפּען פון אַ וואָגען אויף די אויסברוקירטע שטיי־נערנע גאַסען און שטילע טריט פון אַ פאַרבייגעהער. פון דער נאָהענטער שטוב הערט זיך ווי מען פאַרריגעלט די טיר.

אין דעם צימער וואו דוד ליגט הערט זיך אַ שטילער כראָפּען, דאָס שלאָפט ראָטבאַרג אויף דער קאַנאַפּע. דוד ליגט שוין אַ היבשע צייט אויף זיין געלעגער, און קען בשום־אופן ניט איינ־שלאָפען. פאַרשידענע געדאַנקען פילען אָן זיין מוח, ער דערמאָנט זיך אין פאַרשידענע זאַכען, און פיעלע בילדער שוועבען איצט פאַר פאַר זיינע אויגען.

ער דערמאָנט זיך אָן די ערשטע טעג פון זיין קומען אין ווילנא, זיין ארומדרעהען זיך איבער די גאַסען צו באַטראַכטען די הויכע

מויערען און רייכע געשעפטען. ווי שטארק זיין דרך־ארץ איז דער־מאָלט געוועזן פאַר די איינוואוינער פון דער גרויסער שטאָדט, ווי אַזוי זיי וויסען צו טרעפען יעדע גאַס און געסעל. אין זיין זכרון לעבט אויף זיין באַזוך ביי נ.׳ען אין הויז און זיין וכוח מיט איהם איבער דעם וואָס איז בילכער: השכלה צי אַרבייט? זיין ער־שטער געשפּרעך מיט זיין לעהרער. ווי שטאַרק דער לעהרער האָט זיך דאָס געוואונדערט איבער זיינע פעהיגקייטען און איהם געגעבען האָפענונגען, דאָס ער וועט אין אַ קורצער צייט דעם עקזאַמען דורכמאַכען; ער דערמאָנט זיך די פיעלע טובות וואָס דער לעה־רער האָט צו איהם געטאָן, ווי אַזוי ער האָט גע׳פּועל׳ט ביי זיינעם אַ באַקאַנטען, וואָס איז זומער אָפּגעפאָהרען אויף אַ דאַטשע, איהם צו לאָזען וואוינען אין זיין הויז; ער האָט אויך געווירקט, דאָס די גימנאַזיסטען זאָל איהם באַשטימען אַ מאָנאַטליכע סטיפּענדיע פון דער קאַסע פאַר אָרימע סטודענטען. די געלט איז איהם גענוג צו קויפען יעדען טאָג צוויי פונט ברויט און אַ שטיקעל פוטער; ער דערמאָנט זיך זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ראָט־באַרג׳ן און דעם גרויסען איינפלוס וואָס ראָטבאַרג האָט, צוליעב זיינע ידיעות, אויף איהם געהאַט.

— וואָס בין איך ביז דעמאָלט געוועזן? — רעדט ער צו זיך — אַ גאָר־ניט, אַן אָרים־בחור וואָס וויים גאָרניט און קען קיין זאַך ניט, און מיינט דאָס ער איז קלאָר אין אַלע „שבע חכמות“. איך האָב געגלויבט, דאָס קיין קליגערער פון מיר איז ניטאָ. אַז איך האָב זיך דערלויבט מקיל צו זיין אין פאַרשידענע מנהגים, ווי, למשל, ניט אָפּגיסען נעגעל־וואַסער, אָדער אָפּלאַכען פון דעם וואָס מען לעגט אוועק שטיקלאַך ברויט אויף „בדיקת חמץ“, האָב איך געמיינט דאָס איך בין שוין אַ פאָלקאָמער משכיל. ווער רעדט שוין, אַז איך בין אויף אַן אמת פריי געוואָרען, האָב גענומען עובר־זיין עברות, ווי עסען קעז נאָך פליייש ניט וואַרטענדיג זעקס שעה, ניט טראָגען אַן אַרבע־כנפות און נאָך אַזעלכע חטאים, האָב איך גע־דענקט, דאָס עס איז גאָר קיין גלייכען ניטאָ צו מיר. און וואָס וואָלט פון מיר געוואָרען אויב איך וואָלט פאַרבליבען אין ראָפּ־שאַנסק? איך וואָלט זיכער אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַררייסען קאָפּ

און געצעהלט די שטערן אין הימעל, און וואָס עס טוט זיך אַרום מיר און אונטער מיין נאָז, וואָלט איך ניט געזעהן און ניט געוואוסט. יא, זיי, מיינע לעהרער און חברים, נאָר זיי האָבען מיינע אויגען געעפענט, זיי האָבען מיר פאַר אַ מענשען געמאַכט, האָבען מיר געלערענט צו טראַכטען נייע געדאַנקען און צו פיהלען נייע געפיהלען. אַ נייע הארץ האָבען זיי אין מיר באַשאַפען און אַ נייעם גייסט אַריינגעבלאָזען אין מיר — —

יאָ! אַ נייע הארץ. אַ נאַריש עגאָאיסטיש אינגעל בין איך געווען, און ניט מעהר. מיין עגאָאיזם האָט אָנגעפילט מיין גאַנצע וועלט. וואָלט איך געווען רייך, וואָלט איך פילייכט געהאָלפען אָרימע לייט; אָבער בשעת מען איז אַליין אויף צרות, מען הונגערט און מען ליידעט, און דעמאָלט זיך אינטערעסירען מיט יענעמס לאַגע, זאָרגען פאַר איהם און זעהן העלפען איהם — ניין! „אם אין אני לי, מי לי?“ (אויב איך זאָרג אַליין ניט פאַר מיר, ווער וועט זאָרגען פאַר מיר), אָט דער דאָזיגער ווערטעל ליגט שטענדיג אויף מיינע ליפען... איך בין דעמאָלט געווען אַ שלעכטער און פאַרדאָרבענער אינגעל! איהר האָט אַזוי פיעל געטאָן פאַר מיר, איהר האָט אַ נייע הארץ באַשאַפען אין מיר און אַ נייע נשמה מיר געגעבען.

אונטער׳ן טיר האָט זיך געהערט אַ קוויטשען, ווי דאָס געוויין פון אַ קליין קינד. דוד האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויערען צו דערגעהן פון וואַנען דער געוויין קומט. פּלוצלונג האָט ער דערהערט דאָס מיוקען פון קעץ בשעת זיי שלאָגען זיך.

כאַפּט זיי דער טייוועל!

ער האָט זיינע געדאַנקען ווידער גענומען קאָנצענטרירען.

— יאָ, דאָס הייסט אַ גרויסע שטאָדט! ראָטבאָרג איז טאַקע אַ מענש, אַ מענש אין דעם פולען זין פון וואָרט. ווי ברייט און טיעף עס איז זיין בליק איבער דער וועלט! יעדע פראַגע וואָס איז נוגע דער מענשהייט, אינטערעסירט איהם און מיט זיין גראָדען שכל זוכט ער שטענדיג זיי צו לייזען. ער רעכענט זיך ניט מיט קיינעמס מיינונג, נאָר פאַרלאָזט זיך אויף זיין אייגענעם פאַרשטאַנד. איז דען דאָ אַזאַ זאַך וואָס ער זאָל ניט וויסען?

איז דען דאָ אַ וויכטיגע פּראָבלעמע וואָס ער האָט איבער איהר ניט געלעזען? עס איז ניטאָ אַ בוך וואָס ער האָט איהם ניט געלייענט, ניט סתם מעשיות און ראָמאַנען, ווי איך, נאָר וויכטיגע ספרים. ווי גליקלאַך איך בין, וואָס איך האָב איהם פאַר אַ חבר.

ער איז אַזוי געלעגען אַ לאַנגע צייט און ניט געקענט אַנטשלאָפען ווערען. פאַר טאָג האָבען זיך זיינע אויגען געשלאָסען און ער איז איינגעשלאָפען.

14.

צוויי יאָהר שפּעטער.

אין איינע פון די לעבהאַפטע גאַסען פון ווילנא געהט יוסף פאַמעליך, און לייענט עפּעס פון אַ פּאַפּירעל וואָס ער האַלט אין האַנט. אַז ער האָט געענדיגט לייענען האָט ער גענומען געהן גיכער, אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער זיך אַריינגעדרעהט אין אַ געסעל, איז צוגעקומען צו אַ הויף, געפרעגט עפּעס דעם סטרוזש, און יענער האָט איהם מיט'ן האַנט אָנגעוויזען אויף אַ טיר.

יוסף האָט אויפגעעפענט די טיר און אויף אַ לייטער גענומען אַרונטערקריכען אין אַ קעלער. אַ היבשע צייט האָט ער געטאַפּט די ווענט, ביז ער האָט אָנגערירט אַ שלאָס פון אַן אינוועניגסטע טיר. ער האָט געפּרובט עפענען די טיר, אין זיין פּנים האָט אַ טומלער ריח אַ שפּאַר געטאָן. ער איז ענדליך אַריין אין אַ פינסטערן קעלער.

דער טונקעלער שיין, וואָס האָט דורך די קליינע פענסטער, וואָס זיינען פון דרויסען געווען פאַרקלעפּט מיט ליים, אַריינגעלויכטען אין שטיבעל, האָט אויסגעזעהן ווי עס זאָל זיין פאַרנאַכט, ניט אין מיטען טאָג.

— וואוינט דאָ גרינבערג פון ראַפּשאַנסק? — האָט יוסף געפרעגט די אַלטע אידענע וואָס איז געזעסען און געשיילט קאַרטאָפעל.

— דאָ! — האָט די אַלטע מיט כעס געענטפערט, ניט געבענדיג אַ קוק אויף דעם וואָס פרעגט איהר. — ער איז אָבער איצט ניטאָ אין שטוב.

— ווען קען איך איהם טרעפען? —

— דער רוח ווייס ווען ער וועט קומען! —

— אפשר וועט ער באַלד אָנקומען, וועל איך אויסוואַרטען אויף איהם? —

— איהר ווילט וואַרטען ביז ער וועט קומען? גוט! גוט! איהר וועט זיך אפשר פריהער אויף משיח'ן דערוואַרטען — האָט די אַלטע געענטפערט. — זי האָט אָוועקגעלעגט דעם מעסער און אַנגעקוקט דעם פּאַרשוין וואָס רעדט צו איהר — שוין דריי טעג דאָס זיינע פּיס האָבען מיין שוועל ניט איבערגעטראָטען. זאָל ער צו אַלדע רוחות געהן! אַזאַ עולה איז דאָך ביז איצט ניט געהערט געוואָרען. שוין צוויי חדשים דאָס ער באַצאָהלט מיר ניט פאַר דער דירה, אַ קאָפּיקע ניט געגעבען! און אַז איך האָב ביי איהם געבעטען אַ ביסעל געלט, האָט ער געכאַפּט און אַנטלאָפען פון שטוב און דערלעבט ניט צוריק צו קומען.

— זייט ניט אַזוי בייז! — האָט יוסף איהר געגומען בארו־היגען — ער איז איצט געוויס ניט אימשטאַנד צו באַצאָהלען אייך; אָבער ער האָט דאָך זיינע זאַכען דאָ געלאָזען.

— זיינע זאַכען? — האָט די אַלטע ביטער צולאַכט זיך — איהר ווילט זעהן גרינבערג'ס זאַכען? אַן אַלטער צוריסענער מאַנטעל וואָס האָט די ווערט אַ גראָשען און עטליכע טריף־פּסול ביכלאַך.

— באַרוהיגט זיך — האָט יוסף געזאָגט — איהר באַדאַרפט ניט זאָרגען און מורא האָבען פאַר אייער געלד. גרינבערג איז אַן ערענטליכער מאַן און ער וועט אייך ביז די לעצטע פּרוטה באַ־צאָהלען; איך האָב איהם איצט געבראַכט עטליכע רובעל פון זיינע עלטערן.

— וואָלט ער כאָטש האַלב באַצאָהלט, וואָלט איך איהם די איבעריגע מוחל געווען. איהר מיינט, דאָס איך האָב חלילה אַ שטיינערנע הארץ, דאָס איך זאָל דאָס גאַנצע געלט צונעהמען פון איהם, און לאָזען איהם שטאַרבען פון הונגער? וואָלט איך ניט אַזוי אָרים געווען, וואָלט איך איהם אין גאַנצען מוחל געווען און געלאָזט וואוינען אומזיסט. גאָט איז מיין עדות! ער ווייס מיין הארץ; מיין הארץ ווערט מיר צובראָכען צוזעהענדיג ווי ער פּלאָגט זיך נעבאַך, הונגערט און האָט פּיעל מאָל ניט אַ שטיקעל

ברויט צו עסען. זאָל מיר גאָט אַזוי העלפען, וויפיעל טרעהרען איך האָב צוליעב איהם פאַרגאָסען. ער איז דאָך אַזאַ טייערער און גוט־הארציגער, וועט דאָך זיין לעצטען גראָשען אָפּגעבען. —

די אַלטע האָט אין טעפּעל אַריינגעוואָרפען אַן אָפּגעשיילטע קאַרטאָפעל. אין איהר רעכטע האַנט האָט זי געהאַלטען דעם מעסער און מיט די פינגער שטאַרק צוגעדריקט צום קערפּער דעם פאַרטוך, אין וועלכען די קאַרטאָפעל איז געלעגען. אין איהר רעכטער האַנט האָט זי געהאַלטען דאָס טעפּעל, שטאַרק געשאָקעלט איהם, דאָס טראָפּענס וואָסער האָבען זיך אויף דער ערד אויסגע־גאָסען.

— איהר ווייסט, יונגערמאַן, וואו איהר קענט גרינבערג׳ן גע־פינען? — האָט די אַלטע געזאָגט, אַנהויבענדיג בשעת מעשה שיילען די איבעריגע קאַרטאָפעל — געהט צו צו זיין חבר, ביידע פּעכנען זיי פון הונגער. היינטיגע צייט הונגערען אַלע יונגע לייט, גאָט שטראָפט זיי, וואָס זיי האָבען איהם און זיין תורה פאַרלאָזען און געוואָרען „גוים“ און אפּיקורסים — זיין חבר וואוינט ניט ווייט פון דאַנען, טאַקע אין דערזעלבער גאַס. אויב ער איז דאָרט ניטאָ, וועט איהר כאָטש אויסגעפינען וואו איהם צו זוכען.

יוסף האָט פון קעשענע אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און אַ שטיקעל פּאַפּיר, האָט פאַרצייכענט זיין חבר׳ס נאָמען און וואוי־נונג.

— קוים־קוים האָב איך דיר מיט גרויס מיה געפונען — האָט יוסף מיט פרייד אויסגעשריען, אַריינקומענדיג אין אַ קליינעם איינגען צימערל, האָט אַנגעכאַפּט דוד׳ס האַנט און מיט פרייד איהר געדריקט — פון פיעל זוכען דיר האָב איך שוין קיין כח ניט אויף די פיס צו שטעהן.

— ווי אַזוי איז דיר פאַרט געלונגען מיר אויפצוזוכען? — האָט דוד געפרעגט.

— האָב זיך אַרויסגעהאָלפען מיט דער צונג. האָב גענוג אָפּ־געשלאָגען די פיס, ביז געגאַנגען פון איין עק שטאָדט צום צווייטען, ביז איך האָב דיר געפונען. אָבער דער געהן האָט שטאַרק מיין

אַפּעטיט צורייצט. קום, וועלען מיר אַריינגעהן אין אַ רעסטאָראַנט עסען מיטאָג צוזאַמען.

— איך בין גרייט צו געהן מיט דיר, אָבער מיט אַ תנאי, דאָס דער יונגערמאַן זאָל מיטשפּייזען מיט אונז — האָט דוד שטיל געזאָגט, און מיט'ן פינגער אָנגעוויזען אויף ראָטבאַרג'ן. יוסף האָט מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל געטאָן אויף יאָ, און זאַלבע דריט זיינען זיי אַרויס פון שטוב.

אויפ'ן וועג האָט יוסף גענומען גוט באַטראַכטען דוד'ן. זיין פּנים איז געווען בלייך, דער שטערן פול מיט קנייטשען, זיינע אויגען מאַט און דערשלאָגען און אונטערגעשלאָגען מיט גרינליכע „קישקעס", זיין נאָז לאַנג און דין, און די ליפּען איינגעשרומפּען. ער האָט געטראָגען אַן אַלטען אָפּגעטראָגענעם מאַנטעל. דער מאַנטעל איז געווען שמאָל און ניט נאָך זיין מאָס. אין פיעלע פּלעצער איז ער געווען צוריסען און די פּלייצע איז געווען פאַרלעגט מיט פאַרשידענע לאַטעס פון פאַרשידענע קאָלירען און פון אונטער'ן מאַנטעל האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלטע צוריסענע הויזען, וואָס האָבען אַראָפּגעהאַנגען איבער די שיך, וועלכע האָבען זייערע מיילער שוין לאַנג געעפענט און דורך זיי האָבען זיך אַרויסגעזעהן שוואַרצע פינגער. דער צווייטער האָט אויך אויסגעזעהן זעהר שלעכט און אָפּגעלאָזען, זיינע אויגען זיינען געלעגען טיעף אין די לעכער, זיין באָרד שוין לאַנג ניט געראַזירט. אונטער'ן מאַנטעל, וואָס איז ניט געווען פאַרקנעפּעלט, האָט זיך אַרויסגעזעהן אַ רויטע העמדעל, מיט אַ שנירעל פאַרגאַרטעלט.

די גאַנצע וועג האָבען זיי אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט. יוסף האָט געהאַלטען דעם קאָפּ איינגעבויגען און זיינע אויגען האָבען געקוקט צו דער ערד. ער האָט זיך פּשוט געשעהמט צו געהן מיט אַזעלכע אָפּגעריסענע און געציטערט, דאָס אַ באַקאַנטער זאָל איהם ניט באַגעגענען. ער האָט עטליכע מאָל געוואָלט זיך פאַרדרעהען אין איינע פון די שמאָלע געסעלאך, וועלכע זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען, און דאָרט אַריינגעהן אין אַ קליינעם אָרימען רעסטאָראַנט. ער האָט אָבער דאָס ניט געוואַגט צו טאָן, טאָמער וועט גרינבערג און זיין חבר פיהלען שלעכט צוליעב דעם.

מיט אַן אָראַנזשעלאַזשענעם קאָפּ איז יוסף אַריין אין רעסטאָ־ראַנט און זיך אַוועקגעזעצט ביים ערשטען טישעל, ניט אַ קוק טאָענדיג ווער עס זיצט אַרום איהם. גרינבערג און ראָטבאַרג האָבען זיך געזעצט נעבען איהם. פון אַלע זייטען האָט מען גענומען וואַרפען אויף זיי לעבערליכע בליקען, אָבער גרינבערג און ראָטבאַרג האָבען זיך ניט־וויסענדיג געמאַכט. די ברויט אויפ׳ן טיש האָט פאַרכאַפּט זייערע אויגען און אַלע חושים זייערע. זיי האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן ברויט און צורייצטע גענומען עסען.

דער קעלנער איז מיט אַ לייכטען באַהאַלטענעם שמייכעל אויף די ליפּען צוגעגאַנגען צו יוסף׳ן, האָט איהם דערלאַנגט די שפּייז־קאַרטע.

— דריי פּאַרציאַנען! — האָט יוסף מיט אַ געדריקטע שטימונג געזאָגט.

דוד און זיין חבר האָבען נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין שלינגען שטיקער ברויט.

— ווי לאַנג האָט איהר שוין ניט געגעסען? — האָט יוסף גע־פרעגט.

—דריי טעג! — האָט דוד געענטפערט, קייענדיג אַ שטיק ברויט.

יוסף איז אויף אַ ווייל געבליבען ווי פאַרטויבט, און ניט גע־קענט אויסריידען אַ וואָרט. ער איז אָבער גלייך געקומען צו זיך און געזאָגט:

—איך האָב מורא, דאָס דער עסען זאָל אייך ניט פאַרשאַטען. האַלט זיך אַביסעל אָפּ! —

— האָב קיין מורא ניט! — האָט דוד געענטפערט האַלטענדיג אַ שטיק ברויט אין מויל און אויסגעשטרעקט די האַנט צום טיש צו נעהמען אַ צווייטע — עס איז ניט דער ערשטער תענית ביי מיר. מיין חבר, ראָטבאַרג, איז שוין אויך געוואוינט צו דעם.

דער קעלנער האָט געבראַכט דריי פּאַרציעס פלייש. דוד און ראָטבאַרג האָבען גענומען שלינגען שטיקער פלייש, ניט צושניי־דענדיג מיט אַ מעסער פריהער.

— איהר זיצט דאָך צווישען מענשען און מען וועט מאַכען חוזק פון אייך, אויב איהר וועט אַזוי עסען. — האָט שוין יוסף ניט געקענט איינהאַלטען זיך.

— מיר זיינען ניט קיין אַריסטאָקראַטען — האָט ראָט־בארג געענטפערט.

— ווער וועט אונז אויסלאַכען? — האָט דוד געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעליידיגט דעם טעלער.

— אַלע וואָס זיצען דאָ! — האָט יוסף געענטפערט און אַרונ־טערגעלאָזען די אויגען.

דוד האָט אויסגעדרעהט זיין פּנים צו די וואָס זיינען געזעסען געגען איהם, און זיי אָפּגעמאָסטען מיט אַ בליק פול מיט שפּאָט.

דער קעלנער האָט דערלאַנגט בראָטענס.

— איצט וועלען מיר אויך עסען ווי אַריסטאָקראַטען — האָט דוד געזאָגט — איצט בין איך שוין בכח צו האַלטען אַ גאָפּעל און צושניידען די פליישׁ, ווי דו ווילסט, און רעדענדיג האָט ער גע־נומען דעם גאָפּעל אין דער רעכטער האַנט און דעם מעסער אין דער לינקער.

— צום טייוועל! — האָט דוד אַ געשריי געטאָן — ווי קען מען שניידען פליישׁ מיט דער לינקער האַנד.

— נעהמט מען דעם מעסער אין דער רעכטער — האָט איהם יוסף גענומען לערנען, און דעם גאָפּעל אין דער לינקער.

ווי עס ווייזט אויס, וועל איך שוין ביז'ן טויט ניט ווערען אַן אַריסטאָקראַט. —

— „קאָך דעם ביער אין עסיג און האָניג, וועט אַלץ קענטיג זיין" — האָט ראָטבארג געזאָגט, וואָרפענדיג אַ בייזען בליק אויף יוסף'ן.

— איך געדענק שוין ניט דעם טאָג וואָס איך האָב זיך אַזוי זאַט אָנגעגעסען — האָט דוד געזאָגט בשעת זיי זיינען אַרויס פון רעסטאָראַנט — אָבער איך פיהל ווי מיינע קרעפטען פאַרלאָזען מיר און די פיס קענען דעם קערפּער ניט טראָגען.

— איך אויך — האָט ראָטבארג געזאָגט — קוים וואָס איך ריהר זיך פון אָרט.

— קומט אַרויף צו מיר אין האָטעל און רוהט זיך אַביסעל אוים — האָט יוסף געזאָגט.

מיט גרוים מיה האָט דוד מיט ראָטבאַרג׳ן זיך צוגעשלעפּט ביז דעם האָטעל „ווין“, וואו יוסף איז איינגעשטאַנען.

— מיין קאָפּ דרעהט זיך מיר! — האָט דוד געזאָגט — איך פיהל אויך ווי מיין גאַנצער קערפּער וואָלט ברענען.

— באַקלאָג זיך נאָר נים ווי דו וואָלסט פון קינדהייט אָן גע־צערטעלט געווען — האָט ראָטבאַרג געזאָגט — פאַרגעס נים, דאָס דו ביזט אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ט.

— געה צו צום פענסטער — האָט יוסף אַ דערשראָקענער גע־זאָגט — דער פרישער ווינט וואָס בלאָזט דאָ וועט דיר אָפּפרישען אַ ביסעל און די היץ וועט אָפּגעהן. — ער איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט זיין האַנט צוגעלעגט צו דוד׳ס שטערן.

דוד איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און שווער געאָטעמט. זיינע פים האָבען זיך גענומען בויגען און פּלוצלונג איז ער ווי אַ שטיק האָלץ אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד.

יוסף איז געשווינד אַרויסגעלאָפען ברענגען קאַלטע וואַסער. ראָטבאַרג האָט דערווייל גענומען טרייסלען זיין קערפּער און דריי־קען זיינע שלייפען. יוסף איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ משרת, און מען האָט אויף איהם אַרויפגעגאָסען קאַלטע וואַסער, ביז ער האָט אויפגעעפענט די אויגען.

יוסף און ראָטבאַרג האָבען איהם אויפגעהויבען פון דער ערד און אַריינגעלעגט אין בעט.

15.

— פּ־פּ־פּ־ע־ע! — עפּעס אַ מאָדנעם טעם פיהל איך אין מויל — האָט דוד אין אַ האַלבער שעה אַרום גענומען רעדען. — דערלאַנגט מיר אַ פּאַפּיראָס. אַך! נאָך אַן אַריסטאָקראַטישען מיטאָג איז לייכט זיך אַנצושטעקען מיט אַן אַריסטאָקראַטישער קרענק.

יוסף האָט איהם דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס און אָנגעצונדען אַ שוועבעלע.

— ווי פיהלסטו איצט? — האָט יוסף געפרעגט.

— מיין קאַפּ, אָדער ריכטיגער: די גאַנצע שטוב דרעהט זיך איבער מיר, און אין מיין מויל פיהל איך אַ ניט־גוטקייט און אַ ביטערקייט צוזאַמען. הייס אַריינטראָגען דעם סאַמאָוואַר, אפשר וועט מיר בעסער ווערען אויב איך וועל אויסטרינקען עטליכע גלעזער טיי.

— מיט פאַרגעניגען! — האָט יוסף געענטפערט און האָט אַ קלונג געטאָן מיט׳ן גלעקעל. דער משרת איז גלייך אַריין און יוסף האָט איהם געהייסען ברענגען דעם סאַמאָוואַר.

עטליכע מינוט זיינען זיי אַלע דריי געזעסען און ניט אויסגערעדט אַ וואָרט. די טיר האָט זיך געעפענט, דער משרת האָט אַריינגעטראָגען אַ זודיגען סאַמאָוואַר און זיי האָבען זיך געזעצט טרינקען טיי.

— געדענקסט ווי איך האָב דיר געזאָגט, זאָלסט זיך ניט איבערעסען? —

— געדענקסט, ווי שטאַרק הונגעריג מיר זיינען געוועזען? —

— המ... טרעפט זיך אָפט אַזוי מיט אייך? —

— דאָס איז דער ערשטער מאָל, וואָס מיר האָבען דריי טעג נאָכאַנאַנד — האָט דוד געזאָגט — ניט געגעסען, און די לעצטע דריי נעכט ניט געשלאָפען. דער ניט־שלאָפען האָט מיר געשאַדט מעהר ווי דער פאַסטען; צוויי טעג צו הונגערן, איז שוין ביי אונז קיין נאָווינע ניט, און מיר זיינען שוין צו דעם צוגעוואוינט.

— צי האָסטו ניט קיין פריינד און באַקאַנטע, ביי וועמען דו זאָלסט כאָטש קענען באַקומען אַ טרוקען שטיקעל ברויט? דו ביזט דאָך שוין דאָ העכער צוויי יאָהר, האָסטו דורך דער צייט ניט ערוואָרבען זיך פריינט און חברים, וואָס זאָלען זאָרגען פאַר דיר און זעהן, דאָס דו זאָלסט ניט שטאַרבען פון הונגער? —

— דיין פראַגע איז די זעלבע, וואָס אַלע זאָטע פרעגען: ווי אַזוי קען אַ מענש ניט באַקומען אַ שטיקעל ברויט צו שטילען זיין הונגער? אָבער אַלע מיינע חברים און פריינט הונגערען — זאָגענדיג דאָס האָט ער מיט אַ לייכטען שמייכעל אַ קוק געטאָן אויף ראָטבאָרג׳ן.

— און פון וואָס לעבסטו טאַקע? דער מאַגען פאָדערט דאָך זיינס, און ווען דו זאָלסט זיך אפילו באַנוגענען מיט אַ שטיקעל טרוקענע ברויט איין מאָל אַ טאָג, פון וואַנען האָסטו דאָס?

— איך האָב צוויי אוראַקען, פון וואָס איך באַקום פיער רובעל אַ חודש. מיט דעם געלט לעב איך און הונגער —

— וועט עס אַמאָל נעהמען אַן ענדע צו דער פּלוידעריי? — האָט ראָטבאַרג, וואָס דער גאַנצער געשפּרעך איז איהם איבער־דריסיג געוועז, זיך אָנגערופען — ווילסטו געהן מיט מיר, אָדער בלייבען דאָ? איך געה לערנען מיט מיינע תלמידים.

— איך בלייב דאָ! —

— נאָכ׳ן אוראַק וועל איך זיין אין דער היים — האָט ראָטבאַרג געזאָגט, זיך אויפגעהויבען, דערלאַנגט יוסף׳ן די האַנט און איז אַרויס פון צימער.

— אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז דער ראָטבאַרג זעהר אַ שלעכטער מענש. — האָט יוסף געזאָגט גלייך ווי ראָטבאַרג איז אַוועקגעגאַנגען — וואָס האָב איך אַזוינס געטאָן, וואָס ער האָט מיך באַליידיגט?

— ניין! ער איז זעהר אַ גוטער, נאָר ווי עס ווייזט אויס ביזטו איהם ניט געפעלען. —

יוסף איז רויט געוואָרען, אָבער ער האָט געשוויגען און גאָר ניט געזאָגט.

— און איצט דערצעהל מיר וואָס הערט זיך ביי אונז אין שטוב? —

— קיין שום נייעס, אַלץ ווי געוועזן. —

— און וואָס מאַכט מיין מאַמע? —

— קענסט לייכט פאַרשטעהן, דאָס זי האָט ניט קיין פיעל נחת פון דיר. שטילענקערהייט קלאָגט זי און וויינט, וואָס דו ביזט אַראָפּ פון דרך־הישר.

דוד׳ס פּנים איז אָנגעפילט געוואָרען מיט טרויער בשעת ער האָט דאָס געהערט.

— איצט דערצעהל מיר וועגען דיינע שטרעבונגען. ביזטו גע־גאַנגען צום עקזאַמען? —

— די ערשטע זעקס חדשים האָב איך געלערענט פלייסיג און פיעל פאַרשריטע געמאַכט, אָבער נאָכדעם האָט דער הונגער מיר גענומען שטערען פון לערנען. די גימנאַזיסטען, וועלכע האָבען מיר געשטיצט, זיינען זיך צופאַהרען. דער איינציגער וואָס איז דאָ פאַרבליבען, מיין לעהרער, האָט זיך פיעל משתדל געווען צו באַקומען עפּעס אַ שטיצע פאַר מיר, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. פון דאַמאָלסט אַן האָב איך זיך שוין מעהר ניט געקענט אָפּגעבען מיט׳ן לערנען.

— און — האָט דוד נאָך אַ קורצע פּויזע פאָרטגעזעצט — איך האָב די צוויי יאָהר געלערענט דעם גאַנצען גימנאַזיע־קורס, אָבער...

— „אָבער“? —

— היינטיגען זומער האָבען מיר, איך און ראַטבאַרג, געגאַנגען זיך עקזאַמינירען, און זיינען דורכגעפאַלען —

— דו האָסט ניט געקענט ענטפערען? — האָט יוסף פאַרוואונדערט געפרעגט.

— דו וועסט זיך נאָך פיעל מעהר וואונדערן, ווען דו וואָלסט געוואוסט, אין וואָס איך בין דורכגעפאַלען — אין רוסישע גראַמאַטיק! האָב ניט געהאַט קיין גערולד גוט איינצוחזר׳ן די גראַמאַטיקע.

— ווען האָט איהר אייער עקזאַמען געהאַלטען? —

— ענדע מאַי — האָט דוד אומעטיג געענטפערט.

— וואָס דענקסטו איצט צו טאָן? —

— די ניט־גוטקייט און ביטערקייט איז נאָך ניט אַריבער פון מיין מויל. קום, לאָמיר אַריינגעהן אין אַ קראָם און דו וועסט מיר קויפען אַ גלאָז סעלצער־וואַסער —

— איך שיק שוין ברענגען אַ פלעשעל סעלצער־וואַסער —

— שיק!

יוסף האָט אַ קלונג געטאָן. דער משרת איז גלייך אַריין און יוסף האָט איהם געהייסען ברענגען אַ פלעשעל סעלצער־וואַסער.

דוד האָט גענומען אַרומשפּרייזען איבער׳ן צימער הין־און־צוריק, ביז דער משרת האָט געבראַכט די סעלצער־וואַסער.

— און וואָס דענקסטו צו טאָן איצט? — האָט יוסף איבער־געפּרעגט, נאָכדעם ווי דוד האָט אויסגעטרונקען עטליכע גלעזער סעלצער־וואַסער.

— דעם אמת געזאָגט, דענק איך די לעצטע טעג גאָרניט. מיין מוח איז דורכאויס פּוסט, כאָטש די האַרץ רוהט ניט. איך טראַכט מעהר ניט וועגען די קומענדיגע טעג, נאָר לעב מיט דער פאַרגאַנגענהייט, געדענק גוט דעם עקזאַמען. —

— אפשר ווילסטו לאָזען זיך עקזאַמינירען א צווייטען מאָל? —

— ניין, וועל מעהר ניט געהן צום עקזאַמען —

— אויב דאָס איז דיין באַשלוס, פאַרשטעה איך טאַקע ניט צוליעב וואָס דו זיצסט דאָ? פאַרוואָס זאָלסטו אומזיסט ליידען הונגער? פאָהר בעסער צוריק אַהיים, דאָרט וועסטו, לכל הפּחות, ניט הונגערען. די תעניתים דיינע וועלען אפשר מתקן זיין דיין זינדיגע נשמה, אָבער דיין גוף וועלען זיי קיין גוטס ניט ברענגען, זיי וועלען דיינע יאָהרען פאַרקירצען. —

— וואָס וועל איך טאָן אין דער היים? זיין דאָרט צו לאַסט אויף מיינע עלטערען, הערען די קרעכצען פון מיין מאַמע און צוזעהן איהרע טרעהרען? —

א היבשע ווײַלע זיינען יוסף און דוד געזעסען שטיל און ניט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. ענדליך איז דוד אויפגעשטאַנען און גע־זאָגט: „שוין גענוג געזעסען ביי דיר. עס איז שוין שפּעט, באַלד ווערט נאַכט. ווען דענקסטו אָפּצופאָהרען פון דאַנען?“

— וועל דאָ נאָך פאַרברענגען צוויי טעג —

— וועלען מיר זיך נאָך געווים זעהן —

— ווען זאָל איך דיר ערוואַרטען? —

— אין דער פריה, בשעת מיר וועט זיך וועלען עסען —

— איך וועל וואַרטען אויף דיר דאָ אין צימער. —

16.

פון יוסף׳ן איז דוד גלייך געגאַנגען צו ראַטבאַרג׳ן. ער האָט זיך קוים אַרויפגעשלעפּט אויף די טרעפּ ביז ער איז צו־געקומען צו ראַטבאַרג׳ס צימער. דער לעצטער איז געלעגן אויס־געצויגען אויף אַ קליינע קאַנאַפּקע און געדרעמעלט.

דוד האָט זיך געזעצט אויף דעם איינציגען שטול וואָס האָט זיך אין צימער געפונען און אַביסעל אָפּגערוהט זיך.

— וואָס מאַכסטו, קראַנקער?

— ניט שרעקליך! וועל פון די קרענק ניט שטאַרבען; וואָס מאַכסטו?

— פיהל ניט גוט! —

— מיר איז שווער צו זיצען, לאָמיר זיך אַביסעל צולעגען אויף דער קאַנאַפּע און אויסרוהען זיך.

ראַטבאַרג האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און דוד האָט זיך אַוועקגעלעגט.

— ביז ווי לאַנג וועלען מיר זיך אַזוי מאַטערן און ביטער לעבען? — האָט דוד נאָך אַ קורצען שטילשווייגען געפרעגט.

ראַטבאַרג האָט געשוויגען און גאַרניט געענטפערט.

— דערווייל זעה איך ניט קיין עצה ווי אַזוי אַרויסצוגעהן, וועל וואַרטען און זעהן וואָס די צייט וועט מיט מיר מאַכען — האָט ראַטבאַרג שטיל געענטפערט און זיין פּנים איז געווען פול מיט אומעט און צווייפעל.

אַ היבשע צייט זיינען זיי געזעסען שווייגענדיג. יעדער איינער איז געווען פאַרטיפט אין אַ תהום פון נאַגענדע מחשבות. פּלוצלונג האָט דוד אויסגעשריען:

— ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלען?

— איך בין ניט קיין נביא —

— איך וועל אַהיים פאַהרען און לערנען זיך מיין טאַטענס מלאכה. וועל ווערען אַ סטאָליער —

— דאָס איז ווירקליך אַ גוטער פּלאַן — האָט ראַטבאַרג גע־ענטפערט. — הלואי וואָלט איך געקענט דאָסזעלבע טאָן —

— און וואָס דענקסטו צו טאָן?

— דערווייל וועל איך בלייבען דא און לערנען מיט דיינע צוויי תלמידים. פון זייער שכר וועל איך זיך קענען, כאָטש ברוחק, מפרנס זיין, ביז דו וועסט אָנהויבען פאַרדינען געלט, וועל איך דעמאָלט פאָהרען צו דיר. אָבער פון וואַנען וועסטו האָבען דיינע רייזע־קאָסטען? —

— יוסף וועט מיר געבען —

— ווער איז ער דאָס, אַט דער אינגעל? —

— פון מיין שטאָדט, אַ געצערטעלטער בן־יחיד פון רייכע אַריסטאָקראַטישע עלטערן. צוליעב זייערע געשעפטען פאָהרט ער אַרום עטליכע מאָנאַטען אין יאָהר אין פאַרשידענע שטעדט. — זיי זיינען שטיל געוואָרען.

די זון איז פאַרגאַנגען און אַ זיסער אָוועגט, ווי אַלע זומערדיגע נעכט, האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון טאָג. די לעצטע זון־שטראַהלען האָבען זיך דורכ׳ן פענסטער אַריינגע׳גנב׳עט צו ראָטבאַרג׳ן אין צימער אַריין און זיך אויפ׳ן טיר אַ שפּיל געטאָן. ראָטבאַרג איז שווייגענדיג געזעסען אויפ׳ן שטול, אָנגעשפּאַרט די לינקע פּוס אויפ׳ן טיש. דוד איז געלעגען אויף דער קאַנאַפּע, זיין מאָרדע אָנגעלעהנט אויף זיינע פויסטען און פאַרטראַכט געקוקט אויף די שטראַהלען וואָס האָבען זיך געשפּילט אויפ׳ן טיר.

— ראָטבאַרג! איצט ערשט האָב איך זיך דערמאָנט אַז מיין ערשטער באַגעגעניש מיט נ.׳ען און זיין ראָטה, דאָס איך זאָל לערנען אַ מלאכה — האָט דוד איבערגעשלאָגען די דריקענדע שטיל־קייט וואָס האָט אין צימער געהערשט, און אויף זיינע ליפּען האָט זיך באַוויזען אַ ביטערער שמייכעל.

— איך שטעל זיך פאָר — האָט דוד פאַרגעזעצט — ווי שטאַרק ער וואָלט זיך געפרעהט, ווען איך קום צו איהם און דערצעהל איהם וועגען מיין באַשלוס.

— „דו זעהסט? — וואָלט ער מיט שטאָלץ אויסגערופען — מיט צוויי יאָהר צוריק האָב איך דיר אַזוי געהייסען טאָן!“

— און וואָס וואונדערסט זיך? — האָט ראָטבאַרג געענט־פערט — מיר לעבען היינט אין אַן עפּאָכע פון הוילע רעאַקציע. אַלעמענס הערצער זיינען פאַרשטאָפּט און די מוחות — צוטומעלטע.

איצטיגע צייט דערגרונטעוועט מען זיך ניט און מען זוכט ניט אריינצודרינגען אין דער טיעפקייט פון די געדאנקען. בשעת נ. האט דיר געראטען צו לערנען א מלאכה, האט ער זיך ניט פארטיפט צו דענקען וועמען וועסטו ברענגען נוצען אויב דו וועסט ווערען א בעל־מלאכה? ער האט נאר געוואוסט דאס א אידען איז שווער צו דערגרייכען א העכערען ציעל, און דעריבער געפינט ער פאר בעסער, דאס מען זאל אינגאנצען אוועקווארפען בילדונג און בלייבען אומוויסענד, און ער האט זיך ניט באדענקט וועגען דעם נוצען וואס א געבילדעטער ארבייטער קען דער מענשהייט ברענגען. ער קען בשום אופן ניט פארשטעהן, דאס א חוץ דעם וואס מיר האבען ניט קיין חרטה אויף די השכלה און וויסען וואס מיר האבען מיט גרוים מיה ערווארבען, פרעהען מיר זיך מיט דעם, כאטש מיר האבען אונזער ציעל ניט דערגרייכט. אבער לאמיר אזעלכע משכילים און בעלי־עצות ווי נ. צורוה לאזען. זייער טאג האלט ביים פארשווינדען.

.17

דוד איז געבליבען שלאפען ביי ראטבארג'ן. די קאנאפע איז צו קליין געווען פארביידע, האבען זיי אויסגעשפרייט דעם שטרוי־ענעם זאק אויף דער ערד און זיינען אזוי געלעגען און א גאנצע נאכט גערעדט. ערשט בשעת די פויגעלאך האבען זייער פריה־מארגען־געבעט אויסגעזונגען, האבען זיך זייערע אויגען געשלאסען און אפגעשלאפען ביז א שטיק אויפ'ן טאג. אז זיי האבען זיך אויפגעכאפט, האט דוד גערופען זיין חבר צוגעהן מיט איהם צו יוסף'ן.

— דעם אמת געזאגט, האב איך ניט קיין גרוים חשק צו געהן צו איהם — האט ראטבארג געזאגט.

— נארישקייטען! — האט דוד אויסגעשריען — מאך זיך ניט נאריש און קום!

קומענדיג צו יוסף'ן, האט ער זיי אויפגענומען פריינדליך, אבער ראטבארג האט איהם אהן חשק געענטפערט.

— וואָס ווילט איהר עסען? — האָט יוסף געפרעגט — אין אַ רעסטאָראַנט צו געהן איז נאָך צו פריה; ווילט איהר זעמעל און טיי?

— רעכט! — האָט דוד געענטפערט.

— אָבער ברויט־און־פּוטער איז אונז פיעל געשמאַקער — האָט ראָטבאַרג איהם אַהן חשק געענטפערט.

— אויך... — האָט יוסף געשטאַמעלט מיט'ן נאָז.

— ווען דו וואָלסט פאַרשטאַנען וואָס צו רעדען, וואָלסטו דאָך פאַרשפּאָרט „אַריינשטאַמלען" אין אונזערע אויערען.

יוסף'ס פּנים איז ברויט געוואָרען און אויסגעדריקט כעס. ער האָט אָבער גאָרניט געענטפערט.

אַ היבשע ווײַלע האָבען אַלע געשוויגען.

— יוסף! — האָט דוד איבערגעשלאָגען די שטילקייט — איך האָב באַשלאָסען אַהיים צו פאָהרען, אָבער געלט...

— גוט, גוט, איך וועל דיר לייען געלט, — האָט יוסף איהם איבערגעשלאָגען.

— דו ווילסט מיר לייען? אָבער פון וואַנען וועל איך נעהמען דיר אָפּצוגעבען? —

יוסף איז געבליבען אין אַ פאַרלעגענהייט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען איהם, אָבער פּלוצלונג האָט זיך די טיר גע־עפענט, דער משרת האָט אַריינגעטראָגען ברויט און זעמעל מיט פּוטער, און אַ ווײַלע שפּעטער אַ קאָכעדיגען סאַמאָוואַר.

— האַ־האַ־האַ! — האָט יוסף גענומען לאַכען אויף אַ קול — וואָס, דו גלויבסט ניט, דאָס דו וועסט מיט דער צייט זיין אימ־שטאַנד מיר אָפּצוגעבען אַן אַלטען חוב? אַזוי געפאַלען ביזטו ביי זיך?

— איך בין ביי זיך ניט געפאַלען, אָבער אויב איך וועל אפילו אין גיכען אַנהויבען צו פאַרדינען, וועל איך די געלט באַדאַרפען אויף בילכערע זאַכען, ווי צו באַצאָהלען אַלטע חובות.

— וואָס דאַרפט איהר זיך אַמפּערען? — האָט ראָטבאַרג זיך אַריינגעמישט — איך ווייס, דאָס יוסף דענקט ניט אויפצומאַהנען די געלט ביי דיר. ער מיינט עס דיר צו שענקען, נאָר אויף אַן

איידעלען אופן רופט מען א מתנה „הלואה“. ווי דו זעהסט — האט ער זיך געווענדעט צו יוסף׳ן — זיינען מיר ניט קיין אריסטאָ־קראַטען. רעד־זשע בעסער פשוט׳ע קלאָהרע דבורים.

— גוט, זאָל זיין אזוי. — האט יוסף מיט א רויט־פלאַמענדיגען פנים געזאגט — איך גיב דיר די געלט.

— אָבער אויסער די געלט פאר דער רייזע בין איך די בעל־הבית׳טע פון מיין צימער שולדיג צוויי רובעל —

— גוט. איך וועל דיר געבען וויפיעל דו באדארפסט. —
זיי האבען זיך געזעצט עסען און טרינקען.

18.

אין צוויי טעג ארום זיינען דוד און יוסף, באגלייט פון עטליכע באקאַנטע, געגאַנגען צום וואקזאַל. בשעת זיי זיינען צוגעקומען האט מען שוין געקלונגען צום דריטען מאָל. יוסף האט גיך גע־קויפט צוויי בילעטען, דוד און ראַטבארג האבען אריינגעטראָגען די זאכען אין וואגאָן. דוד האט איילענדיג זיך געזעגענט מיט זיינע חברים און פריינט, און ארויף אויף די טרעפּלאך פון וואגאָן. פון לאָקאָמאָטיוו האט מיט א קוויטש ארויסגעשפּארט א פּארע און דער קוימען האט געשפּיגען מיט געדיכטע וואָלקענס רויך. עס האט א פייף געטאָן און די רעדער האבען פּאַמעלאך זיך גענומען דרעהען. אין א ווײַלע שפּעטער האבען שוין די וואגאָנען גענומען לויפען און פליהען. די וואס זיינען געבליבען אויפ׳ן וואקזאַל שיקען פון ווייטענס זייערע ברכות צו די רייזענדע. אנדערע הויבען די היטלען אָדער פּאָכען מיט טיכלאך; יוסף און דוד זיינען אריין אין וואגאָן און זיך געזעצט איינער אַנטקעגען דעם אנדערען. א היבשע צייט האָבען זיי א וואָרט ניט גערעדט. דוד איז צוגע־גאַנגען צום פענסטער, האט אביסעל ארויסגעקוקט און זיך צוריק־געזעצט אויף זיין פּלאַץ.

— מיר איז אזוי אומעטיג און מיין הארץ נאָגט אזוי שטאַרק — האט דוד איבערגעריסען די שטילקייט — דערמאָנענדיג זיך דאָס באַלד וועל איך זיין אין ראפּשאַנסק.

—איך פאַרשטעה דיר און פיהל דיר מיט—האָט יוסף גע־ענטפערט—אָבער מיט דער צייט וועסטו זיך צו דיין לאַגע צוגע־וואוינען.

— און וואָס הערט זיך מיט דעם נייעם דור אין אונזער שטעד־טעל? און די אַלטע זיינען נאָך אַזעלכע פאַנאַטיקער ווי געוועזן?—

— דער נייער דור וועט דיר ניט געפעלען: איז פוסט און אומוויסענד, און די אַלטע זיינען געבליבען ווי געוועזן—

— לייענט מען דאָרט ביכער אין רוסיש?—

— יאָ! יעדער אינגעל און יעדע מיידעל, לייענען רוסיש אויב זיי קענען נאָר באַקומען ביכער.—

— וועלכע ביכער, למשל, לייענט מען?—

— זעלבסטפאַרשטענדליך, ניט קיין טיפע וויסענשאַפטליכע ביכער, נור לייכטע ראָמאַנען און ערצעהלונגען, די מעהרסטע פון פראַנצויזיש איבערזעצט.—

— און די יוגענט האַלט זיך פאַר משכילים און אויפגע־קלעהרטע?—

— זיכער—

דוד איז ווידער פאַרזונקען געוואָרען אין זיינע אומעטיגע גע־דאַנקען. ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין ראַפּשאַנסק, האָט ער מעהר אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

בשעת דער באַהן איז אָנגעקומען אין ראַפּשאַנסק, האָט דער טאָג שוין געהאַלטען אין פאַרגעהן.

— דו שעהמסט זיך ניט צו געהן מיט מיר צוזאַמען אין שטאָדט אַריין?—האָט דוד געפרעגט יוסף'ן, בשעת זיי זיינען אַרויס פון וואָקזאַל—מיינע קליידער זיינען שטאַרק צוריסען און ווי אין אַלע שטעדט, אַזוי אויך ביי אונז, גיבען צוריסענע קליידער ניט קיין כבוד דעם וואָס טראָגט זיי, און געוויס אויך ניט צו דעם, וואָס געהט צוזאַמען מיט איהם.

— איך וועל דינגען אַ פוהר און וועל פריהער ברענגען דיר צו אייער היים און נאָכדעם וועל איך פאָהרען צו מיר—

— פאָהר דו אַליין, איך וועל געהן צופוס.

— וועל איך אויך געהן מיט דיר גליך, און די זאַכען וועל איך אַהיים שיקען דורך אַ טרעגער —

— איך וועל געפינען די וועג אַליין —

— ניין! מיר וועלען צוזאַמען געהן! — האָט יוסף געענט־פערט און זיינע זאַכען איבערגעגעבען צו אַ טרעגער. דוד האָט זיין פּעקעל געטראָגען אין האַנט און אַזוי זיינען זיי די גאַנצע וועג געגאַנגען.

אַלע איינוואוינער פון ראַפּשאַנסק זיינען אַרויסגעקראָכען פון זייערע לעכער. די חדרים־אינגלאַך זיינען באַפרייט געוואָרען פון זייער געפענגעניש און זיי לויפען איצט פראַנק־און־פריי אַרום אי־בער די גאַסען. אידען מיט לאַנגע קאַפּאָטעס איילען זיך אין בית־מדרש צו דאַווענען מנחה; די ווייבער דרעהען זיך אויך אַרום איבער די גאַסען, אַנדערע — צו כאַפּען אַ „קדושה"; אַנדערע — איינצוהאַנדלען קאַרטאָפעל אויף וועטשערע. קליינע מיידלאַך מיט ליימענע שיסלען און טעפּ, געהען קויפען מילך. פאַר די ברונעמער איז אַ גרויסער געזעמעל פון ווייבער מיט דינסטען, אין זייערע הענט האַלטען זיי עמערס, פּעסלאַך און אַנדערע כלים אויף צו שעפּען וואַסער.

די אַלע וואָס האָבען געזעהן יוסף'ן און דוד'ן פאַרבייגעהן, האָבען זייערע אויגען אויסגעגלאָצט און זיך גוט איינגעקוקט אין דוד'ס פּנים. אייניגע האָבען נאָך פון וויטען, איידער יוסף און דוד זיינען צוגעקומען צו זיי, שוין געזוכט צו דערגעהן ווער איז דאָס דער „פרעמדער", וואָס געהט מיט יוסף'ן.

— קיינער דערקענט דיך ניט — האָט יוסף געזאָגט.

— פון וואַנען זעהסטו דאָס? —

— וואָלט מען דיר דערקענט, וואָלט דיין נאָמען זיך שוין געהערט פון איין עק גאַס ביז'ן צווייטען —

— דאָס איז דאָך דוד'ל חנה־ציפּע'ס! — האָבען זיי פּלוצלונג געהערט אַ שטימע הינטער זיי, און אין דער מינוט איז אין גאַס געוואָרען אַ גאַנצע מהומה: „דוד'ל חנה־ציפּע'ס!" — און איידער דוד איז צוגעקומען צום הויז, זיינען שוין זיינע שוועסטער רבקה און שפּרינצע איהם אַנטקעגען געלאָפען.

.19

אַז דוד איז אַריין אין שטוב איז געווען גאַנץ פינסטער. אויסער די קינדער איז קיינער ניט געווען. גרונם איז אַוועק אין בית־מדרש דאַווענען מנחה. חנה־ציפּע איז אויך געגאַנגען הערען אַ „קדושה".

— שפּרינצע! — האָט רבקה גענומען שרייען — וואו זיינען די שוועבעלאַך? גיכער, לויף אָנזאָגען דעם טאַטען מיט די מאַמען. וואו איז דער לאָמפּ?

— אַהן טומעל! — האָט דוד געזאָגט — וואָס איז דער געוויל? איך האָב שוועבעלאַך, און רעדענדיג האָט ער אָנגעצונדען אַ שוועבעלע.

— איצט וועלען מיר זעהן וואָס און וואו צו זוכען. —

— שפּרינצע! — האָט רבקה ווידער גענומען שרייען — פאַרוואָס לויפסטו ניט אָנזאָגען די מאַמען?

— וואָס איז דאָ וואָס אָנצוזאָגען? זי וועט אַהיים קומען וועט זי שוין וויסען. וואָס מאַכט איהר? —

— וואָס זאָלען מיר מאַכען? און וואָס מאַכסטו? —

— איהר זייט אויסגעוואַקסען און געוואָרען גרויסע מוידען — האָט דוד געזאָגט, נאָכדעם ווי רבקה האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ— די שטוב זעהט אוים ווי געווען — האָט איהר עפּעס געלערענט?

— רבקה קען שוין דאַווענען און איך האָב איצט אָנגעהויבען לייענען — האָט שפּרינצע געענטפערט.

— און שרייבען קענט איהר? —

— האָב געלערענט איין „זמן" און קען שוין דעם אלף־בית —

די טיר האָט זיך אויף גיך געעפענט, חנה־ציפּע איז אַריין אין שטוב. עטליכע מינוטען האָט זי איהם באַטראַכט פון וויי־טענס און נאָכדעם איז זי אַרויפגעפאַלען אויף זיין האַלז און זיך צעוויינט.

אַ ביסעל שפּעטער איז אויך גרונם געקומען. אין שטוב האָט מען ווי אויפגעוואַכט צו אַ נייעם לעבען.

.20

איינס דעם זייגער נאָך האַלבע נאַכט.

אין שטוב איז שטיל. דוד'ל שלאָפט שוין לאַנג, איז פאַרזונקען אין אַ טיפען זיסען שלאָף. גרונם, רבקה און שפּרינצע שלאָפען שוין אויך; חנה־ציפּע איז די איינציגע, וואָס שלאָפט נאָך ניט. זי איז פאַרטאָן אין פאַרשידענע הויז־אַרבייט.

זי איז צוגעגאַנגען צום לאָמפּ, אויסגעשטרעקט די האַנט און געוואָלט פאַרלעשען. זי האָט זיך אָבער פּלוצלונג אָפּגעהאַלטען. זי האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און זיך אָוועקגעשטעלט נעבען לאָמפּ און אַ פּאָר מינוט אין עפּעס זיך פאַרטראַכט. זי איז פּאַ־מעלאַך צוגעגאַנגען צו דוד'לס געלעגער און אַראָפּגענומען די הענט פון זיין האַרצען, כדי עס זאָלען איהם חלילה קיין שלעכטע חלומות ניט שרעקען, און גענומען באַקוקען זיינע קליידער. אַ פינסטערער וואָלקען האָט פּלוצלונג פאַרדעקט איהר פּנים. זי איז געבליבען שטעהן ווי געפּלעפט, איהר קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעבויגען צו איהר ברוסט און איהרע גרויסע אויגען האָבען אויסגעדריקט אַ שרעק־ליכען יאוש.

אַ לאַנגע צייט איז זי אַזוי געשטאַנען, ניט געבענדיג זיך אַ ריהר און ניט וויסענדיג וואָס מיט איהר איז. נאָכדעם האָט זי זיך אַביסעל דערמוטיגט, איז צוגעגאַנגען צו איהר בעט, האָט פויל אויס־געטאָן די קליידער און זיך אָוועקגעלעגט.

— אַהן אָן „אַרבע־כּנפות“! „אַהן אָן אַרבע־כּנפות!“ — האָט זי צו זיך גערעדט — אַט אַזוי, דוד'ל איז איבערגעאַנדערשט גע־וואָרען... אוי, וויינד און וועה צו מיר —

הייסע, זודיגע טרערען האָבען פון איהרע אויגען געפּלאָסען און זי האָט זיך יאָמערלאַך צעוויינט. ....

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיך געהאַלטען אין איין קעהרען פון איין זייט אויף דער צווייטער און ביז אין דער פריה האָט זי גע־האַלטען אין איין קלאָגען און יאָמערען. זי איז אויפגעשטאַנען און איז אָוועק אין בית־מדרש דאַווענען.

אין דעם זעלבען טאָג נאָך, גלייך ווי דוד'ל האָט אָפּגעגעסען, איז חנה־ציפּע צוגעגאַנגען צו איהם, האָט עטליכע מינוט געקוקט

אויף איהם און אַ טייך טרעהרען האָט גענומען פלייצען פון איהרע אויגען.

— וואָס איז דיר, מאַמע? — האָט דוד׳ל דערשראָקען אַ גע־שריי געטאָן און אָנגעכאַפּט איהר האַנט.

— גאָרניט, גאָרניט! — האָט חנה־ציפּע געענטפערט און אָנ־געהויבען וויינען פון דאָס־ניי.

— גיכער, ברענגט אַ ביסעל וואַסער! — האָט דוד גערופען די שוועסטערלאַך.

— איך באַדאַרף ניט קיין וואַסער! — האָט חנה־ציפּע געענט־פערט און ניט אויפגעהערט צו וויינען.

דוד איז געשטאַנען אַ צוטומעלטער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. חנה־ציפּע האָט אַ וואָרט ניט געזאָגט.

אין אַ היבשע צייט אַרום האָט חנה־ציפּע זיך אַביסעל באַרו־היגט. פון איהר האַרצען האָט זיך געהאַלטען אין איין רייסען קרעכצען און זיפצען, און מיט אַ שטילע שטימע, וואָס איז יעדע מינוט אָפּגעהאַקט געוואָרען מיט אַ קרעכץ, האָט זי גע׳טענה׳ט:

— גאָט׳ס צאָרן האָט מיר דערגרייכט. ער באַצאָהלט מיר פאַר אַלע מיינע זינד. ווער האָט זיך גערעכט, דאָס מיין טייער קינד, מיין איינציגע טרייסט אין לעבען, וועט לייקענען אין דעם גאָט פון הימעל און וועט זיין נשמה פאַרקויפען צום שטן.

— ווער האָט דיר אַזוינס געזאָגט? —

— ווער האָט מיר געזאָגט? און וואו איז דיין „ארבע־כנפות“? וואו זיינען די תפילין? האָסט געדאַווענט היינט? — און ווידער האָט אַ קוואַל טרעהרען גענומען פלייצען פון איהרע אויגען.

— האַ! — האָט דוד אַרויסגערעדט. דער שרעק איז פאַר־שוואונדען פון איהם און איז געוואָרען אָנגעצונדען פון אויפרעגונג.

— לאָז מיר, מאַמע, אָפּכאַפּען אַביסעל דעם אָטעם, זיך אָפּרו־הען פון וועג און דאָן וועסטו צייט האָבען מיר צו שטראָפען און מוסר׳ן —

חנה־ציפּע האָט איהם גאָרניט געענטפערט. זי איז אויף גיך אַרויס.

—„דאָס זיינען נאָר די בלומען — האָט דוד צו זיך געזאָגט — די טרויבען וועלען נאָך צייטיג ווערען“.

„עס איז ניט פיין פון דיר — האָט רבקה אָנומעלט אויסגערעדט דוד'ן — ווען אפילו דו זאָלסט מיט דיינע פיהרונגען זיין גערעכט, טאָרסטו די מאַמען ניט מצער זיין; וואָס אַרט דיר, אויב דו וועסט אָנטאָן דעם „אַרבע־כנפות“ אָדער לעגען תפילין? איז אַזאַ קליי־ניגקייט דיר שווער צוליעב־טאָן די מאַמע, וואָס זייט דו ביזט געקומען געהט זי אַרום ווי אַ שאָטען און הערט ניט אויף צו וויינען“.

— דו ביזט נאָך אַ יונג קינד און דו וועסט מיר ניט פאַרשטעהן אפילו אַז איך וועל דיר דאָס דערקלעהרען, דעריבער וועל איך בע־סער ניט ענטפערען דיר. —

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטעהן, דאָס אין די גרויסע שטעדט מאַכען די קינדער די עלטערען ליידען? —

אַ ביטערער שמייכעל האָט זיך געלעגט אויף דוד'ס ליפּען און ער האָט גאָרניט געענטפערט.

— אַ שטיינערנע האַרץ האָסטו, דו אַכזר! דו שעהמסט זיך ניט צו לאַכען פון מיר. איך בין קלענער פון דיר, דאָך בין איך גרייט צוליעב די עלטערען געהן אין פייער און וואַסער, און דו ווילסט אפילו אַזאַ קלייניגקייט ניט טאָן פאַר זיי!

.21

— אַזאַ סוף זאָלען, גאָטעניו, אַלע דיינע שונאים האָבען! — האָט מען נאָכ'ן דאַווענען גערעדט אין בית־מדרש, עטליכע טעג נאָך דוד'ס קומען אין ראַפּשאַנסק — וואָס האָט איהם, למשל, געפעלט, ווען ער וואָלט געגאַנגען אין דרך־הישר און געלערענט תלמוד און פּוסקים? מיט זיין גוטען קאָפּ און אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען וואָלט ער שוין לאַנג געוואָרען רב אין אַ גרויסער שטאָדט, וואָלט געהאַט פּרנסה בריוח און כבוד פון אַלע זייטען; וואָלט געהאַט אי עולם הזה און אי עולם הבא, איז איהם אָבער ניט געפעלען צו זיין אַ רב, — אַ ד אָ ק ט אָ ר האָט זיך איהם געוואָלט זיין, נו, וואָס

האָט ער אויסגעפיהרט? אַזאַ סוף אויף אַלע אפיקורסים געזאָגט געוואָרען! חאַ־חאַ־חאַ! — דוה׳ל דער עילוי איז געוואָרען אַ ס ט אָ ל י ע ר! אַ גוטער אויסטויש!

— און וואָס האָט איהר גערענקט — האָט איינער, אַ שיינקער, זיך אָנגערופען — דאָס דער רבונו־של־עולם וועט צוקוקען זיך צו די האַנדלונגען פון די אפיקורסים און וועט זיי לאָזען טאָן וואָס זייער טריפ׳ענע האַרץ גלוסט? ניין! ער האַלט איין זיין כעס, לאָזט זיי הוליען ביז אַ צייט, אָבער אַז זייער מאָס ווערט פאַרפולט, דעמאָלט באַצאָהלט ער זיי טאָפּעלט וויפיעל זיי האָבען פאַרדינט.

— כי־כי־כי! — האָט אַ דריטער מיט אַ נקמה־געלעכטערל אַרויסגעפּלאַצט — איהם האָט דער הקדוש־ברוך־הוא גאַרניט פאַר־לענגערט. ער האָט איהם ניט געלאָזט וואַרטען, און גלייך ווי ער איז אַוועק פון דרך־הישר האָט ער זיין פסק באַקומען, ער האָט אין ווילנא שרעקלאַך געהונגערט.

— איך קען אָבער בשום אופן ניט פאַרשטעהן — האָט אַ פערטער געזאָגט — די אפיקורסים באַריהמען זיך שטענדיג מיט זייער ברייטער האַרץ און אָפענער האַנט, טאָ ווי אַזוי האָבען זיי אויף אַן אייגענעם ברודער ניט רחמנות געהאַט? איבערהויפּט ווען, דעם אמת געזאָגט, אונזער אפיקורס האָט טייערע פעהיגקייטען.

— די אפיקורסים האָבען אַ רחמנות׳דיגע האַרץ? — האָט דער ערשטער זיך געקאָכט און די פינגער געדרעהט אין דער לופטען — ווי קומט רחמנות צו די וואָס פאַרגעסען אַן גאָט? וואָס דערוועקט זיי צו טאָן גוטס?

— נאָך אויך איצט דערצעהלען די שכנים — האָט אַ פינפטער זיך אָנגערופען — דאָס ער האַלט זיך נאָך ביי זיינע אפיקורס׳ישע נאַרישקייטען, איז מחלל די תורה און היט ניט אָפּ קיין מצוות, איהר פאַרשטעהט? פון די אַלע צרות און יסורים וואָס זיינען אויף איהם געקומען, לערענט ער זיך ניט אָפּ אַ מוסר צו ווערען צוריק אַ איד.

— אָט דאָס זאָגט דאָך די גמרא: „כל באיה לא ישובון, רשעים אפילו אויפ׳ן טיר פון גיהנם טהוען ניט קיין תשובה“ — האָט אַ בטלן זיך אָנגערופען און זיך צולאַכט.

ראַפּשאַנסק, דעם 7טען פעברואַר, ...18.

טייערער ברודער!

א לאַנגע צייט איז אַריבער אַז איך האָב ניט געשריבען צו דיר. איך ווייס אָבער דאָס דו וועסט מיר ענטשולדיגען. קיין וויכטיגע נייעס איז ניט פאַרגעקומען און שרייבען סתם אַזוי פּוסטע בריעף, אָנגעפּילט מיט אויפגעבלאָזענע מליצות, אַזאַ אַרבייט פּאַסט פאַר „השכלה בעל־הבית׳לאַך".

איך בין היינט פריי פון מיין אַרבייט און האָב גענוג צייט צו שרייבען דיר אַ בריעף נאָך מיין וואונש נאָך. איך האָב אויך אַ ביסעל נייעס — דער הויפּט־מאַטעריאַל פאַר אַ בריעף — וואָס האָט ביי אונז פּאַסירט זינט איך האָב דיר געשריבען מיין ערשטען און לעצטען בריעף; דער עיקר איז, וואָס איך בין איצט גוט געשטימט און האָב אַ ווילען צו שרייבען דיר. מעגליך, דאָס מיין בריעף וועט דערפאַר זיין אַ ביסעל צו לאַנג און דיר וועט לאַנגווייליגען איהם צו לייענען, טו דעריבער ווי דיר געפעלט: אָדער לייען אָדער ניט.

אין מיין ערשטען בריעף האָב איך דיר שוין געשריבען, דאָס איך האָב זיך גענומען לערנען מיין פאָטער׳ס מלאכה, אָבער וועגען מיר פערזענליך, וועגען מיינע געדאַנקען, וועגען מיין א י נ ע ו ו י י נ י ג ס ט ע וועלט האָב איך פאַרשוויגען; היינט האָב איך באַשלאָסען צו לאָזען דיר וויסען פון אַלץ...

זעהענדיג דאָס איך געה ווערען אַ בעל־מלאכה, האָבען אַלע געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ משוגע׳נעם: די פאַנאַטיקער האָבען אין מיר געזעהן גאָט׳ס נקמה פאַר דעם וואָס איך האָב אוועקגעוואָרפען דעם לערנען; די פרומע ווייבער האָבען פאַר פרייד געטאַנצט און זיין „הייליגען נאָמען" געלויבט, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען דעם כבוד פון זיין תורה און פאַר מיין „אַפּיקורסות" באַצאָהלט מיר אויף דער וועלט; די עטליכע „משכילים" פון שטעדטעל האָבען, קוקענדיג אויף מיר, זיך געוואונדערט און געצוקט מיט די אַקסלען. מיין מוטער האָט אין די ערשטע טעג טייכען טרערען פאַרגאָסען, זעהענדיג דעם סוף פון איהרע זיסע חלומות וועגען איהר בן־יחיד׳ל, דער עלוי, דער גאון, דער איינער

אין דער וועלט. פון צייט־צו־צייט פלעגן צו מיינע אויערן דער־גרייכן מיין טאַטענס זיפצן און קרעכצן. איך האָב זיך אָבער מיט קיינעם ניט גערעכנט. איך לייקן ניט, דאָס פֿיעלע מאָל פלעגן אזוינע סצענעס מיך אויפרעגן און שטאַרק דערצאָרענען, אָבער אין אַ מינוט שפּעטער פלעג איך אַליין לאַכן פון מיין שוואַכקייט צו לעגן אַכט אויף דעם זשומען פון פליגן; אָבער יעדער איינער איז עלול אויפגעבראַכט צו ווערן, אויב אין זיינע אויערן האַלט דער זשומען פון פליגן אין איין הוזשען. איך האָב שוין ניט איין מאָל געהאַט באַשלאָסן אויפצוגעבן די אַרבייט און אַוועקפאָהרען אין אַן אַנדער שטאָדט, אָבער באַטראַכטענדיג מיין לאַגע, פלעג איך לאַכן פון אַזעלכע נאַרישקייטען און האָב געזעהן זיך אַלץ מעהר צו פאַרפאַלקאָמען אין מיין אַרבייט.

די ערשטע צייט בין איך געווען עלענד און איינזאַם, האָב מיט קיינעם ניט געהאַט צו טאָן און אין קיין שום געזעלשאַפט ניט געקומען. קענסט לייכט פאַרשטעהן, ווי אַנגענעהם מיר איז געווען צו לעבן איינזאַם אין אַ קליין פּינסטער שטעדטעל, ווייט פון מיינע אמת׳ע פריינט און חברים, זעהען אַרום זיך קליינע מענשעלאַך, גייסטיג קליין, און קליינע נשמות, וועלכע קוקען אויף מיר פון דער הויך, און האָב אפילו ניט אַ בוך צו לייענען.

אזוי זיינען אַריבער די ערשטע חדשים פון מיין זיין דאָ. נאָכדעם האָב איך גענומען זוכען די געזעלשאַפט פון דער היגער אינטעליגענץ, האָפענדיג דאָס איך וועל אין זיי געפינען אינטערעס און וועל מיינע אומעטיגע געדאַנקען צושלאָגען. איך האָב זיי אָבער גלייך אַוועקגעוואָרפען און מעהר ניט געוואָלט וויסען פון זיי. צוקוקענדיג צו זייער לעבען, האָב איך זיי געזעהן אַלס די אמת׳ע קרבנות פון דער השכלה. זיי לאַכען אויס און שפּאָטען אָפּ פון די פאַרעלטערטע אידעאַלען פון זייערע פאָטערס, אָבער קיין נייע אידעאַלען פאַרמאָגען זיי ניט.

זייער פרייע צייט פאַרשווענדען זיי אויף טרינקען, קאָרטען־שפּילען און נאָך אַזעלכע וויכטיגע ענינים. זייער האַנדלונג איז ניט קיין רעזולטאַט פון טראַכטען און דענקען, נאָר פּשוט, ווייל זייערע קעפּ זיינען פּוסט און די הערצער קאַלט, אָהן אַ שום מענש־

ליבען געפיהל, אָהן אַ פּלאַם און אָהן וואַרימקייט. דער שטענ־דיגער הויפּט־געשפּרעך זייערער איז — מיידלאַך. יעדער איינער האָט אַן אַנדער קיצעלדיגע מעשה צו דערצעהלען פון זיין פּוסטען לעבען און קיין אַנדער זאַך אינטערעסירט זיי ניט. און די דאָזיגע לייט לעזען דאַך וויכטיגע ביכער! היינט וואו איז די פּרוכט פון זייער לעזען? מיר וואונדערט שטענדיג אויף זיי: וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס לעבען אָהן אַ טיעפען געדאַנק און אָהן אַן אידעאַל?

איך האָב זיי איבערגעלאָזען און האָב גענומען זוכען אינטערעס אין אַ גאַנץ אַנדער געזעלשאַפט. איך האָב גענומען באַזוכען דעם בית־מדרש און באַקענט זיך מיט די אָרים־בחורים וואָס לערנען דאָרט. איך האָב כמעט אַלע פון זיי געפונען אַנגעשטעקט מיט דער השכלה. אייניגע פון זיי האָבען שוין באַוויזען זיך אַנצור־לייענען מיט שמ״ר׳ס ראָמאַנען, אַ פּאָר — אויך מיט העברעאישע ביכער. זיי זיינען אַלע „בלאָנדזשענדע נשמות״ אין עולם התוהו. די זיסטע טרוימען זייערע זיינען — בלישטשענדע קנעפּלאַך, אוני־ווערזיטעטען און נאָך אַזעלכע פאַנטאַזיעס. צווישען זיי האָב איך געפונען אַזעלכע, וואָס זיי אַליין ווייסען ניט וואָס זיי ווילען און צו וואָס צו שטרעבען. זיי פיהלען אַ שרעקליכע פּוסטקייט, פיהלען — דאָס עס פעהלט זיי עפּעס; אָבער וואָס דער עפּעס איז — ווייסען זיי ניט. איך האָב זיך זעהר דערפרעהט מיט די אומגליק־ליכע באַשעפענישען, וואָס ווייסען זייער אומגליק און פיהלען זייער פּוסטקייט. איך האָב געזעהן, דאָס ביסלאַכווייז דערוועקט זיך אין זיי דער פאַרשלאָפענער ווילען; זיי זוכען עפּעס, בלאָנדזשען און טאַפּען אין דער פינסטער, און ווי אַנגענעהם מיר איז זיי אויס־צושטרעקען אַ האַנט און ווייזען זיי די ריכטיגע וועג צו זייער ענטוויקלונג.

צוערשט האָב איך גענומען לערנען מיט זיי רוסיש און חשבון, און פון ציית צו צייט זיך מתווכח געווען מיט זיי איבער פאַר־שידענע ענינים, און צו מיין גרוים פרייד האָב איך געזעהן דאָס איך האָב אַ ברייט פעלד צו אַרבייטען, אַ ניט־באַאַקערטע פעלד, וואָס וועט מיט דער צייט געבען גוטע און שעהנע פּרוכט.

איך האָט געוואָלט זיי ראַטעוען, דאָס זיי זאָלען פאָהרען קיין ווילנא און דאָרט זיך נעהמען צו בילדונג. איך האָב געדענקט, דאָס אויפעפענענדיג זייערע אויגען אַ ביסעל, איז אויך געקומען די צייט, דאָס זיי זאָלען אָנהויבען צו לערנען ביי דעם בעסטען לעהרער — דאָס לעבען. דאָרט וואָלטען זיי ניט געפעהלט קיין צרות און פּלאָגעניש, אָבער די צרות וואָלטען געווירקט אויף זיי אויפ־צועפענען די אויגען און וויסען אויף ריכטיג וואָס זיי האָבען צו טאָן. איך האָב זיך אָבער באַדענקט און חרטה געהאַט אויף דעם. עס קען זיין דאָס ניט פון קלוגשאַפט האָב איך דאָס געטאָן, נאָר ווייל איך האָב פאַר זיך אַן אַ נ ד ע ר צ י ע ל געזעהן.

טראַכטענדיג בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז די בעסטע זאַך פאַר זיי צו טאָן איז, צו לערנען זיי אַ מלאכה, פון וואָס זיי וועלען זיין אימשטאַנד זיך מפרנס צו זיין, און צו דערזועלבער צייט וועל איך זיי פאַרפאָלקאָמען אין רוסיש און חשבון. איך האָב זיי פאַרגעלעגט מיין פּלאַן, און די מעהרסטע פון זיי איז ער גע־פעלען. דריי האָבען שוין מיט אַ חודש צוריק אָנגעהויבען ביי מיין פאָטער זיך לערנען סטאָלעריי, און דריי אַנדערע בחורים, לערנען אַנדערע מלאכות. די בעלי־מלאכות פון אונזער שטעדטעל (שלעכטע און נידערטרעכטיגע מענשען!) האָבען ניט געוואָלט לערנען מיט זיי אומזיסט און פאַר יעדען איינעם געפאָדערט פינף־און־צוואַנציג רובעל. מיין פאָטער איז דער איינציגער געווען, וואָס האָט גאָרניט פאַרלאַנגט און לערענט מיט זיי אָהן געלט. נאָך פיעל מיה און שתדלנות איז מיר געלונגען צו באַקומען אַ פּלאַץ פאַר נאָך צוויי בחורים ביי מיינעם אַ באַקאַנטען, גראָדזינסקי (ווי איך דענק איז ער דיר ניט פרעמד; איך האָב איהם איינינע מאָל באַזוכט אין ווילנא), וואָס האָט נאָך זיין חתונה אויפגעעפענט ביי אונז אַ שוך־פאַבריק. איך האָב ווידער גענומען קומען אין דער געזעלשאַפט פון אונזערע משכילים, און גענומען זיי פאַראינטערעסירען אין מיין אַרבייט, געפאָדערט פון זיי, דאָס זיי זאָלען מיך באַהילפיג זיין צו באַקומען געלט פאַר די איבעריגע בחורים. מיר האָבען פאַר־רופען אַן אספה, און צונויפגעקליבען אַ דרייסיג רובעל. די סומע איז אָבער צו קליין און ניט גענוג צו באַזאָרגען אַלע בחורים, האָבען

מיר פאַררופען נאָך עטליכע אספות, וואָס האָבען — אגב — גאָר־ניט אַריינגעבראַכט, און עטליכע פון אונז האָבען דעריבער זיך אונטערגענומען צו געהן פון הויז־צו־הויז און קלייבען געלט. אַזוי האָבען מיר צונויפגעזאַמעלט אַ זיבעציג רובעל. מיט דער דאָזיגער סומע האָבען מיר באַזאָרגט אַלע בחורים. מיר האָבען די בעלי־מלאכות פאַרזיכערט צו באַצאָהלען זיי ביסלאַכווייז, צו פופצעהן רובעל פאַר יעדען איינעם. מיר האָבען צוליעב דיעזען צוועק גע־גרינדעט אַ פאַראיין, וואָס יעדער איינער צאָהלט אַ קליינע סומע וואָכען־געלט.

באַזאָרגענדיג מיט אַ תכלית די בית־מדרש־בחורים, האָב איך געזעהן, דאָס אין שטאָדט געפינען זיך אַנדערע אומגליקליכע און עלענדע נפשות, וואָס נויטיגען זיך אין הילף און קיינער זאָרגט ניט פאַר זיי. דאָס זיינען די קליינע פאַרלאָזענע יתומים. איינינגע האָבען יאָ אָן אָרימען, אַלטען, קראַנקען טאַטען אָדער אָן אַלטע קראַנקע מאַמען, אָבער די מעהרסטע זיינען אין גאַנצען יתומים — אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען. בייטאָג זיינען זיי פאַרשפּאַרט אין דער תלמוד־תורה און ביי־נאַכט — ביי זייערע אָרימע קרובים. די דאָזיגע קינדער — ניט זיי לערנען און ניט זיי ענטוויקלען זיך קערפּערלאַך. דאָס איינציגע וואָס מען לערענט מיט זיי אין דער תלמוד־תורה, איז קלעפּ, וואָס דער אומוויסענדער מלמד זשאַלע־וועט זיי ניט. אַט די דאָזיגע קינדער וואַקסען אויס גראָב און אומוויסענד, מיט שרעקליכע פאַרדאָרבענע מדות. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט: די קינדערלאַך האָבען אפילו ניט אַ שטיקעל טרוקען ברויט, און דער הונגער ברענגט זיי, אַריינצולעגען זייערע פינגער אין פרעמדע קעשענעס. וואָלט איך מיט מיינע אייגענע אויגען אַזוינס ניט געזעהן, וואָלט איך זיכער ניט געגלויבט דאָס אַזאַ זאַך קען פּאַסירען. דו קענסט דאָך מיר און דו ווייסט דאָס איך בין ניט סענטימענטאַל, איך בין ניט לייכט אויפצו־רעגען זיך, אָבער זעהענדיג, ווי אַ זיבען־יעהריג קינד האָט זיין קליין הענטעל אַריינגערוקט אין אַ פרעמדער קעשענע, און ניט קענענדיג אַריינרוקען טיעף, האָט ער זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, געהויבען זיך, כדי צו קענען אַרויסבאַקומען וואָס ער האָט

געזוכט, — אַט דאָס בילד האָט מיר אַזוי שטאַרק אויפגערעגט און מיינע נערוועו דערשיטערט.

איך האָב זיך געווענדעט צו עטליכע נכבדים פון שטאָדט און געבעטען זיי, דאָס זיי זאָלען מיר העלפען אויסווירקען ביי די ראשי־הקהל צו באַקומען עטליכע רובעל פון דער קאָראָבקע, אום צו דער־ציהען די קינדער און לערנען זיי אַן אַרבייט, אָבער די „רחמנים בני רחמנים" האָבען דאָס ענטזאָגט.

יאָ! אונזערע ברידער, די אידען, זיינען „רחמנים בני רחמנים", זייער האַנט איז אָפען און זיינען שטענדיג גרייט צו געבען זייער ביסען דעם אָרימאַן — זאָל ער זיך מיט דעם ביסען אפילו דערווער־ווערגען זיך...

מיט צוויי וואָכען צוריק האָבען מיר ווידער פאַררופען אַן „אספה", צו וועלכער מיר האָבען געלאַדען די גאַנצע „אַריסטאָקראַ־טיע" פון שטאָדט — סיי די פרייע און סיי די פרומע. די לעצטע האָבען באַוויזען דאָס זיי זיינען אַזוי קלוג פונקט ווי זיי זיינען גוט, און גאָרניט געקומען. די ערשטע אָבער, צווישען זיי כמעט די רייכסטע פון שטאָדט, זיינען אַלע געקומען און זיך פאַרשריבען צו צאָהלען וועכענטליך. פיעלע האָבען אויך געגעבען שעהנע נדבות. דאָס מאָל איז אונז געלונגען צונויפזאַמלען זיבעציג רובעל אויף אַ מאָל, אַ חוץ וואָס די וואָכען־געלט וועט אַריינטראָגען אַ פופציג רובעל. איצט בין איך זעהר צופרידען, וויסענדיג דאָס איך בין אימשטאַנד צו טאָן עטוואָס פאַר די אומגליקליכע נפשות. איך בין די טעג שטאַרק באַשעפטיגט מיט מיין אַרבייט, דערצו מוז איך אויך צונויפנעהמען אַלע אָרימע קינדער אויף איין פלאַץ און מיט זיי אַנהויבען עפּעס צו לערנען. דערווייל בין איך דער איינציגער וואָס איז גרייט צו ברענגען אַ קרבן פאַר די קינדער, אָבער מיין אַרבייט ערלויבט מיר ניט פיעל צייט צו פאַרשווענדען בייטאָג, און איך ווענדע זיך דעריבער צו דיר מיט אַ פאָרשלאָג, דאָס דו זאָלסט קומען צו מיר. וועסט מיט מיר צוזאַמען אַרבייטען ביי מיין טאַטען און וועסט מיר באַהילפיג זיין סיי פיזיש און סיי גייסטיג.

שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך האָב דיר געוואָלט שרייבען, דאָס דו זאָלסט קומען צו מיר, אָבער ניט קענענדיג אַליין גוט די אַרבייט, האָב איך ווענינ פאַרדיענט און די סומע וואָלט ניט גע־קלעקט פאַר אונז ביידען. איצט פאַרדין איך פיעל מעהר און עס וועט סטייען פאַר אונז ביידען אויף ברויט און וואַסער, אַז דו וועסט אויך אָנפאַנגען פאַרדינען, וועלען מיר אויך האָבען אויף פליש.

וואָלט איך איצט געהאַט מיט זיך געלט, וואָלט איך דיר געשיקט אויף הוצאות הדרך. איך פאַרמאָג אָבער איצט ניט אפילו איין פרוטה. זעה צו באַקומען דיינע רייזע־קאָסטען און קום גלייך צו פאָהרען. איידער דו וועסט אַרויספאָהרען, שרייב מיר אַ פּאָסט־קאַרטעל.

מיין געזונט האָט זיך פיעל פאַרבעסערט. איך בין איצט פיעל קרעפטיגער. דעם גאַנצען טאָג בין איך פאַרנומען מיט דער אַר־בייט, און מיין הארץ איז פאָלקאָם רוהיג. די נאַרישע פאַנטאַזיעס האָב איך שוין אינגאַנצען פאַרגעסען. די לעצטע טעג בין איך זעהר צופרידען מיט מיין אַרט לעבען. אויב דאָס וועט לאַנג אָנהאַלטען— ווייס איך ניט. דערווייל וויל איך ניט בעסערס, און איך האָף אַז אויך דו, ווען דו וועסט קומען אַהער, וועסטו זיין צופרידען. אַזוי בלייבט עס, מיר וועלען זיך אין גיכען זעהן. קום וואָס גיכער.

דוד גרינבערג.

אין צוויי טעג אַרום האָט דוד באַקומען אַ פּאָסט־קאַרטעל:

„דוד! האָב דערהאַלטען דיין לאַנגען בריעף און דורכגעלייענט איהם אין גאַנצען. דו האָסט געקענט אַ ביסעל מקצר זיין. אויף הוצאות־הדרך פעהלט מיר ניט. אין צוויי טעג אַרום וועל איך אָנקומען. וואַרט מיר אָפּ ביים וואָקזאַל“.

ראָטבאָרג.

.1892

די עגונה

.1

— זיידינקע, איך בעט אייך, גיט מיר אויף הוצאות און איך פאהר נאך היינט אוועק צוריק אין ווארשא. — האט געזאגט א יונגערמאן פון א יאהר פיער־און־צוואנציג, פון מיטעלען וואוקס מיט א פאר לאנגע, בלאנדע וואנסען און מיט א קורץ־געשוירענע בארד.

— ווי שעמסטו זיך דאס ניט, האט געענטפערט אן אלטער מאן, שוין איבער זיבעציג, הויך און פול, מיט א ברייטע פאטרי־ארכאלישע שיווליכע בארד, אין מיטען פארשווארצט פון טאבאק, — ווי שעמסטו זיך דאס ניט? דו ביזט אזא יונגערמאן, דו ביזט פריש און געזונט און א טייערער בעל־מלאכה, בעטסטו אויף הוצאות ביי מיר, אן אלטען, שוואכען און ארימען מענשען...

— זיידינקע, גלויבט מיר, איך וועל אייך אפשיקען מיט גרוים דאנק.

— יע, פטור, געוויס, דו געדענקסט, ווי דו האסט מיר אנומעלט אפגעשיקט פון ווארשא?

— באשר יעמאלט איז...

— וואס איז? — האט דער אלטער געפרעגט און אויסגעשטעלט זיינע אלטע אויגען גלייך דעם אייניקעל אין געזיכט אריין.

דער אייניקעל האט ניט געפונען וואס צו ענטפערען. ער האט אין פארלעגענהייט, מיט אראפגעלאזטע אויגען, גענומען מיט דער רעכטער האנד דרייהען זיין לינקע וואנס. ער האט עפעס א מורמעל געטאן אונטער דער נאז און איז אנטשוויגען געווארען.

זיי זיינען א ווײלע ביידע געשטאנען שטיל. ענדליך האט דער זיידע געפרעגט:

— זאג מיר: וואס ציהט דיך אזוי אין ווארשא?

— וואָס ציהט מיר אַזוי אין וואַרשאַ? — האָט דער יונגערמאַן איבערגעפּרעגט און אַ שיין פון האָפנונג האָט איהם אַ שטראַהל געטהאַן אין די אויגען, ער האָט אויפגעהויבען די אויגען און איבערגעטראָגען די האַנד פון דעם לינקען וואַנס צום רעכטען: — וואָס ציהט מיר אין וואַרשאַ? דאָרט וועל איך גוט פאַרדינען. דאָרט אַז איך האָרעווע, ווייס איך, לכל הפחות, אַז מען וועט מיר גוט באַצאָהלען פאַר מיין אַרבייט...

— און פאַרוואָס האָסטו ביז אַהער ניט פאַרדיענט?

— ווער? איך? איך האָב געהאַט מיינע אַכט רובעל אַ וואָך...

— און אַז דו האָסט געהאַט דיינע אַכט רובעל אַ וואָך, אַכט רובעל אַ וואָך! — האָט דער אַלטער געזאָגט, אויסציהענדיג די לעצטע ווערטער און טייטענדיג מיט'ן רעכטען ציינגפינגער אין דער לופט: — טאַ וואו זיינען דיינע פאַרדינסטען? דו גערענקסט שוין אַ פּנים ניט, ווי דו ביזט אַהער אַראָפּגעקומען? אַ פּיצעל בגד איז דאָך אויף דיר ניט געווען. ווען איך זאָל דיר ניט מאַכען די פּאָר הויזען — וואָלסטו דאָך ניט געהאַט אין וואָס אַרומצוגעהן... ניין, יעקיל, דו האָסט ניט וואָס צו זשאַלעווען וואַרשאַ, אַז פון אַזעלכע גרויסע פאַרדינסטען האָסטו אויף זיך קיין בגד ניט געקענט אַרויפציהען.

— אָבער דערפאַר האָב איך געוואוסט וואָס אַ לעבען איז! מען האָט געלעבט אַ גוטען טאָג, — האָט יעקיל ווייטער גערעדט, באַטש דער פונק האָפנונג, וואָס האָט זיך ביי איהם אָנפאַנגס אָנגעצונדען, האָט זיך אויסגעלאָשען און ער האָט איצט מעהר פאַרהיט וואַרשאַ'ס כבוד, ווי זיינע אייגענע אינטערעסען. נור דער זיידע האָט איהם איבערגעהאַקט:

— אַזאַ יאָהר אויף די וואָס ווינשען מיר בייז, מיט אייער שכל און אייער תכלית! געהערט? — האָט דער זיידע אויסגעשפּריזט ביידע הענט אין דער לופט און אויף זיין געזיכט האָט זיך געזאָלט ווייזען אַ שמייכעל, נאָר צוליעב זיין אַלטקייט האָט מען דעם שמייכעל ניט געקענט באַמערקען, מען האָט דאָס נור דערקענט אין דעם טאָן, מיט וועלכען ער האָט די לעצטע ווערטער

ארויסגערעדט: געהערט? מען לעבט דארט א גוטען טאג! וואס, אויף א טשיקאוועסט, איז דער גוטער טאג? (ביי דער פראגע איז דער אלטער מאן געווארען ערנסט) דו האסט דארט אודאי געגעסען א גוטע שטיקעל פלייש אדער א גוטע שטיקעל פיש אין דער וואכען? הא? חא־חא־חא! ניחאי וואלסטו זיך כאטש שעמען דאס ארויסצוברענגען פון מויל!

דער זיידע און יעקיל זיינען אויף א רגע אנטשוויגען געווארען, נור באלד האט דער אלטער ווייטער אנגעהויבען:

— נו, זאג אליין, דו ביזט דאך ניט אזא גראבער נאר: איז דאס א תכלית? שטעל זיך פאר דו ביזט שוין אין ווארשא און דו לעבסט א גוטען טאג. גוט. און וואס וועט זיין דער סוף? דו וועסט דארטען אפזיין ווייטער עטליכע יאהר און דו וועסט ווייטער אראפקומען ווי א דייטשעל, ווי א גאלעדריגע. דו פארגעסט, אז דו ביזט שוין מעהר ניט קיין קינד. דיר געהט שוין דאס פינף־און־צוואנציגסטע יאהר. שוין צייט, כלעבען, דו זאלסט זיך באטראכ־טען און אנהויבען פיהרען א שטאט ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד.

— וואס פאר א שטאט זאל איך פיהרען?

— וואס פאר א שטאט! — האט דער זיידע געזאגט מיט א זויערע מינע: — דיין פיהרונג איז אויך א פיהרונג פון א אידיש קינד! אין דיינע יאהרען, כלעבען, איז שוין צייט צו האבען שכל. מען האט חתונה, ווי אלע אידען פיהרען זיך, מען נעהמט א ווייב און מען ווערט א שטיקעל בעל־הבית.

— חתונה האבען! — האט יעקיל אויסגערופען מיט א גע־לעכטער. — וואס האב איך זיך צו איילען! וואס! איך וועל פאר־זאמען צו נעהמען אויף זיך א הויקער? וואס ארט מיר, אז איך לעב דערווייל רוהיג, אהן קאפדרעהעניש!

— אדם א מענש, קאטשקע ריהר זיך: זיין לעבען איז אויך א לעבען! ניט האבען אויף זיך קיין רעכטען בגד, זיין אהן א צובראכענעם שילינגער אין קעשענע, זיין נע־ונד, וואו א טאג, וואו א נאכט, בעטען א נדבה ביי׳ם זיידען — איז טאקע א לעבען, וואס מען קען מקנא זיין!

יעקיל האָט גאָרניט געענטפערט. זיין געזיכט האָט אויס־געדריקט אומצופרידענהייט.

— נור מחשבות׳ן, פיהר מיט דיין אייגענעם שכל. איך האָב דיר געגעבען אַן עצה ווי פאַר דיר איז גוט. איך, ווי אַ זיידע, בין מחויב צו זאָגען. ווייטער טהו ווי דו פאַרשטעהסט. איך ווייס? אפשר זייט איהר קליגער! — מיט די לעצטע ווערטער האָט זיך דער אַלטער שווער אויפגעהויבען פון בענקעל און געפרעגט יעקלען צי ער פאַרבלייבט אין שטוב.

— איך געה אויך אין גאַס! — האָט יעקיל געענטפערט און איז אַרויס גלייך מיט׳ן זיידען.

דער זיידע איז אַוועק צו זיך אין קראָם און יעקיל האָט זיך געלאָזט געהן, פאַרטראַכטערהייט, אין אַ צווייטער גאַס.

2.

— נו! — האָט יעקיל גערעדט צו זיך אַליין: — נו! אויף דער עלטער איז ער קאַרג געוואָרען! אַרויסרייסען פון איהם אַ גראָשען איז ווי פון הינטישע ציין... וואָס קען איך איצט טהאָן אָהן געלד! ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דאַנען! דער שוואַרץ־יאָהר האָט מיך געשטופּט פאָהרען אַהער. צו ווען? וועמען האָב איך דאָ און וואָס האָב איך דאָ?

איז דער זיידע ניט גערעכט? — פאַלט איהם באַלד אריין אַ צווייטער געדאַנק. איך האָב געהאַט אַזעלכע פאַרדינסטען אין וואַרשא — ניחאַי וואָלט איך זיך זאַפּאַסעווען צום ווענינגסטענס מיט אַ גוטען זייגער, מיט אַ רינג, און וואָס פאַר אַ ווערדע איז דאָס דאַמאָלסט געווען צו קויפען! איך וואָלט איצט פאַרשפּאַרט זיך צו בעטען ביים זיידען און אויסהערען זיינע מוסר און סוף־כל־סוף וועל איך זיך מוזען אָפּשטעלען דאָ.

דאָ, דאָ! — רייצט זיך יעקיל אויפ׳ן קול מיט זיך אַליין: דאָ — דאָ און אַרבייטען ביי איצע־זעליג׳ן.

— און פּלוצלונג לעבען אָפּ אין זיין מאָרך אַלע עראינערונגען פון די פינף יאָהר, וואָס ער האָט געטערמינעוועט ביי איצע זעליג׳ן. פאַר זיינע אויגען שטעלט זיך פאָר אַן אַלטע הילצערנע שטיבעל,

אינעווענינג איז פינסטערלאַך, די לופט פאַרשטיקט, די ווענט, די סטעליע פאַררויכערט, פאַרשמירט, אויפ׳ן פּאָדלאָגע איז אַ גאַנצער מיסטקאַסטען, אין שטיבעל איז שטענדיג אַ ליאַרם, אַ געפּילדער, אַ רעש. איצע זעליג גריזשעט זיך מיט׳ן ווייב, דאָס ווייב מיט די קינדער, די קינדער צווישען זיך, און די מענשען מיט די לעהרן־אינגלאך באַזונדער. אַלץ שילט, אַלץ זידעלט, אַלץ סטורכעט זיך.

אָט זעהט ערביים גרויסען רוסישען אויווען יאחנע׳ן (איצע זעליג׳ס ווייב); זי שטעהט און קאָכט אַ גרויסען טאָפּ גרויפּען מיט קאַרטאָפליעס, די הענט זיינען איהר דיק פאַרשמירט (יעקלען טרייסעלט אָפּ ביי דער ערינערונג), די אַרבעל פּאַרקאַשערט און זי קאָלופּעט זיך אין אויווען. נאָר אָט טרעט זי אָפּ אויף אַ ווײַלע, און שמחה׳צקע, און פּסח׳קע און חאַצקעלע קריכען פּלוצים אַרויס ווי פון אונטער דער ערד, זיי שטעהען שוין ביים אויווען און שלעפּען דעם טאָפּ און כמעט מיט גאַלע הענד שלעפּען זיי די קאָכעדיגע קאַרטאָפעל פון דאָרטען.

איהם גיט ווייטער אַ טרייסל־אָפּ. ער געדענקט זעהר גוט, ווי נאָכדעם, ווען אַלע קינדער האָבען זייערע לאַפּעס אָפּגעטונקט אין טאָפּ, פלעגט מען דאָס עסען דערלאַנגען צום טיש.

ניין, דאָס אַלץ איז געווען רעכט אַמאָל, אָבער ניט איצטער. איך קען אַזוי חזיר׳יש ניט לעבען! ניטאָ אַמאָליגע יאָהרען!

און פּלוצלונג גיט איהם אָפּ מיט אַ וואַרימקייט ביי דער ערינערונג פון וואַרשעווער לעבען. פאַר זיינע אויגען שטעלט זיך פאַר וואַרשאַ מיט אַלע איהרע קאַפע־שאַנטאַנעס, גערטנער, בעדער און אַזוי פרעהליכע הייזער. ער דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט אָפּט מיט קאָלעגעס אָפּהוליענען שבת׳דיגע טעג, מאַכען אָפּט וועטשערוואוקעס, ווי ער פלעגט מיט באַקאַנטע מאַכען לוסט־נעכט, שפּאַצירען איבער וואַרשעווער גאַסען. ביי די עראינערונגען הויבט איהם דאָס האַרץ אָן צוצופּען און איבער זיין גאַנצען קערפּער פאַרשפּרייט זיך אַ ליידענשאַפטליכער שוידער.

ניין! איך וועל דאָ ניט פאַרבלייבען, באַדאַי איך זאָל שטאַרבען, מוז איך זיך ציהען נאָך וואַרשאַ. ניט פאַר מיר איז די חזיר׳שע ליטאַ. פאַר מיר איז נור וואַרשאַ אַ שטאָדט.

נאָר זיי אַ בריה און פאָהר מיט ליידיגע הענט! טענה׳ט ער ווייטער צו זיך אין אַ רגע אַרום: גוט, רעכט! איך קוועל אויף זיך אַליין. וואָס בין איך געפלויגען אַהער? מיט וועמען האָב איך זיך געוואָלט זעהן? מיט׳ן ליעבען און טייערען זיידען?...

און אַמאָל איז דער זיידע דאָך פאַרט בעסער געווען. ער האָט זיך מיט מיר און מיט׳ן ברודער אינטערעסירט. נאָכ׳ן פאָטער׳ס טוידט האָט ער מיר אָפּגעגעבען צו אַ בעל־מלאכה, בערעלען — אין תלמוד־תורה און האָט אויף אונז השגחה געגעבען. נאָכדעם, ווען איך האָב געדאַרפט דאָס ערשטע מאָל פאָהרען קיין וואַרשאַ האָט ער מיר געגעבען אויף הוצאות: „דיין פאַר רובעל וועלען דיר צונוטץ קומען דאָרטען. באַהאַלט זיי גוט“. האָט דער זיידע צו איהם געזאָגט און מיטגעגעבען איהם אַ טעפּעלע פּוטער, אַ גרויסען קעז און אַ גרויסען ראַזאַוואַנעם ברויט... און איצטער, אויף דער עלטער איז ער געוואָרען אַזאַ קורח!...

נור אפשר...— האָט יעקיל אַליין מיט זיך גענומען איבערלעגען נאָכדעם ווי די עראינערונג וועגען גרויסען קעז און ראַזאַוואַנעם ברויט האָט אַ וואָרף געטהאָן אין זיינע אויגען אַן אנדער ליכט אויפ׳ן זיידען — אפשר איז דער זיידע טאַקע גערעכט? אפשר איז אַ פּלאַן חתונה צו האָבען, מאַכען פאַר זיך אַ וואַרשטאַט און נעהמען פיהרען עפּעס אַ לעבען מעשה בעל־הבית? דאָ איז פאַרט אַן אייגענע שטאָדט, אַלע זיינען באַקאַנטע מענשען; דאָ האָב איך אַ קרוב, אַ גואל — און וועמען האָב איך דאָרטען?

וואָס איז טאַקע דער תכלית צו זיצען אַזוי? וואָס וועל איך אויסזיצען?

יעקיל האָט אויפגעהויבען די אויגען און אַ קוק געטהאָן אַרום זיך. די פּיס האָבען איהם אַהן זיין ידיעה געבראַכט צום מיהל, ניט ווייט פון שטאָדט. פון ביידע זייטען, רעכטס און לינקס, האָט גערונען ראַפּשאַנסקער שטילער, געקרימטער טייכעלע, ערטערווייז באַוואַקסען מיט אַ הויכען אַהיר און געמורמעלט עפּעס אין דער

שטיל. ניט ווייט פון ברעג האט געשוואומען א קאטשקע מיט איהרע קליינע קינדערלאך; דא האט זיך א פליעסקע געטאן א קליין פישעלע און פון צווייטען זייט האט זיך געהערט א חוכא־וטלולא פון קליינע קינדער, וואס האבען זיך געבאדען „אין מיהל“.

יעקיל קוקט און קוקט, און פלוצים גיבען א שווים ארויס פון זיין מארך פארשידענע סצענעס פון זיינע קינדערשע יאהרען.

אט זעהט ער זיך א קליין קינד. ער האט ניט לאנג געענדיגט די פרשה חומש און לויפט ארויס פון חדר מיט אלע איבעריגע קינדער ווארעמעס עסען, נאר אנשטאט דעם צו געהן אהיים, לאזט ער זיך צוזאמען מיט אלע חברים לויפען צום מיהל; דארט פאלט ער אריין אין טייך, פויזשעט אויף אלע פיער און שרייט צו די חברים, זיי זאלען קוקען ווי ער „שווימט“. פון טייכעל געהט ער ארויס בלוי ווי א מילץ און, ווי א יונגער זשערעבטשיק, לאזט ער זיך לויפען נאקעט, בארפוס איבער׳ן גרויסען סענאזענץ, האלטענדיג דעם קאפ אנגעבויגען פריהער אין איין זייט, דערנאך אין צווייטען, אויסצוטרייסלען דאס פארבליבענע וואסער פון די אויערען.

די סצענע ווערט פארשוואונדען און איהר ארט פארטרעט א צווייטע. דער פאטער, עליו השלום, איז שוין געשטארבען און ער איז שוין דאמאלסט געווען אונטער׳ן זיידענס השגחה. ער איז דאמאלסט געווען א לערן־איינגעל און געשלאפען און געגעסען שבתים ביים זיידען. ס׳איז אקארשט נאכ׳ן קוגעל, די פעטקייט ליגט נאך אין מויל און ער לויפט געשווינד אין זיין איבערגעניצעווועטע וואטאווע קאפאטקעלע צום גליטש, אויפ׳ן זעלביגען טייכעל. אלע ראפשאנסקער ווייסע־חברה׳ניקעס זיינען שוין דא, און אויפ׳ן טייכעל איז א „ליהודים“. יעקיל מאכט א התחלה מיט א „שמע ישראל“ און חברה דערפרעהט זיך מיט איהם. מען שטעהט „שמונה־עשרה“ און מען זאגט „ויאמר דוד“ און מען פאלט „כורעים“ אדער מען גיט זיך בכיון א ווארף און אלע וואס לויפען איהם נאך הויבען זיך אן קלייען איינער איבער׳ן צווייטען און עס ווערט א „קעז“. עס ווערט שוין פינסטערלאך און א פארפראדענער, רויט ווי א בוראק, מיט פייער פלאמענדיגע אויערען רייסט ער זיך מיט געוואלט

אַפּ פון טייכעל און געהט אין בית־המדרש; ער גנבֿ'עט זיך אריין שטילערהייט, דער זיידע זאָל איהם ניט באַמערקען און פאַררוקט זיך אין אַ ווינקעל נעבען אויוועז. נור דער זיידע מיט די פאַררוקטע שפּאַקולען אַרויף אויפ'ן שטערן קוקט שוין לאַנג אויס די אויגען אויף איהם, זוכט איהם באַלד אַפּ, כאַפּט אָן פאַר'ן פאַרפרוירענעם אויער (אוי, אוי, אוי, איז דאָס געווען אַ וועהטאָג!) און ער דרעהט און דרעהט:

— אַ פיינער תנא ברא! אַ וואַזשנער סענאַטאָר! אַ גאַנצען טאָג ליגט מען אַפּ אויפ'ן טייך? קראַנק איז אַזאַ גרויסער גוי צו זאָגען שבת אַ שטיקעל תהלים, מעביר־קריאה זיין די סדרה!

— פּ־ז־ז־ז־ר! — זינגען צו אַלע זיינע חברים־באַדיונגען, זע־הענדיג ווי דער זיידע רייסט איהם פאַר'ן אויער...

די עראינערונגען ריהרען אָן אַ געוויסע סטרונע ביי יעקלען אין הארצען און ביי איהם אינעווענינ עפענעט זיך אויף אַ קוואַל פון לידער...

די לידער זיינען ווייט ניט ענהליך צו יענע, וואָס ער האָט געהערט אין די קאַפע־שאַנטאַנעס: דאָס זינגען זיינע אָרימע, עלענדע יאָהרען, אָבער ווי זיס, ווי דערקוויקענד זיי זיינען.

— וואָס איז טאַקע דער תכלית אין וואַרשאַ? גוט, איך לעב אַ גוטען טאָג, אָבער וואָס וועט זיין דער סוף דערפון? דער זיידע איז טאַקע גערעכט!

יעקיל האָט נאָך אַ קורצע ווייל אַרומגעשפּאַצירט נעבען מיהל, באַטראַכט זיינע אַמאָליגע באַקאַנטע ערטער און האָט זיך מיט אַ פרעהליכען הארצען אומגעקעהרט אַהיים.

.3

נאָך מעריב איז יעקיל געקומען צום זיידען עסען וועטשערע. דער זיידע איז צוגעגאַנגען צום פריפּעטשאָק, אַרויסגענומען אַ ליי־מענע שיסעל מיט אַ פּאָר הילצערנע לעפעל, האָט אַראָפּגעשלעפּט פון שטריקעל, וואָס איז געהאַנגען איבער'ן אויוועז, אַ ברודיג־לאַכען לייוועטענעם טישטוך, האָט עס פאַרשפּרייט אויפ'ן טיש און אַנידערגעשטעלט דאָס שיסעל. דערנאָך איז ער ווייטער גע־גאַנגען צום פריפּעטשאָק, האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָן מיט מילכיגע לאַקשען און אַוועקגעשטעלט איהר לעבען טישעל אויפ'ן שלאָפ־באַנק.

— איך זעה גאָר ניט. — האָט דער זיידע געזאָגט: — גיב דו א קוק, יעקיל, די פּאַן איז פול צו ניט?

— ניין! זי איז ניט פול. — האָט יעקיל געענטפערט.

— מסתמא האָט שוין פּעסיע געגעסען. פאַרשפּאָרט דערווייל מיר אַן ארבייט צוטראָגען איהר אין קראָם דאָס עסען. גיב דאָס שיסעל, וועל איך אַריינגיסען.

— לאָזט מיר, וועל איך אַריינגיסען. — האָט יעקיל געזאָגט.

— אַך! — האָט דער אַלטער מיט אַ זיפץ אָפּגעטראָטען די בכורה פון אַריינגיסען אין שיסעל. — אַך, אויף דער עלטער איז מען שוין גאָר קיין מענש ניט! מען זעהט ניט און מען הערט ניט און מען איז שוין ניט דאָס, וואָס געווען.

— נו, יעקיל, וואָס רעכענסטו צו טאָן? — האָט דער זיידע געפרעגט, אָפּזופּענדיג אַ פּאָר לעפעל.

— וואָס רעכען איך? איך האָב על־כל־פּנים וואָס צו רעכענען, אַז איך בין אָהן אַ גראָשען ביים לייב און זעל.

— אויב אַזוי דאַרפסטו דאָך נעהמען עפּעס טאָן. אַרומגעהן לעדיג, פאַרלעגט אַ האַנד אויף אַ האַנד איז גאָר קיין פּלאַן ניט. — מיט די ווערטער האָט דער זיידע אָפּגעשמאַצקעט די פּאָר לאָקשען, וואָס האָבען זיך אָנגעקלעפּט אָן לעפעל.

יעקיל האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט, ער האָט נור געמאַכט אַן אונצופרידענע מינע.

— דו שווייגסט? אַ סימן אַז דיר געפעלט דאָס ניט. איך פאַרשטעה גאַנץ גוט, אַז דיר ווילט זיך ניט פאַרדינגען פאַר צוויי רובעלעס אַ וואָך אַרבייטען ביי יענעם מיט נויט־שוויים. — נור דו ביזט דאָך עפּעס אַ מייסטער, מאַך פאַר זיך אַ וואַרשטאַט און דו וועסט פאַרדינען ווי אַ בעל־הבית.

— אָבער איהר ווייסט דאָך, זיידע, אַז איך האָב קיין געלד ניט, טאָ וואָס איז פאַראַן צו רעדען וועגען דעם?

— הער, יעקיל, צו וואָס זאָלען מיר זיך נאַרען? וואָס טויגען מיר די קונצען? לאָמיר בעסער רעדען ריינע דבורים: מיר געפעלט ניט דיין גאַנצער אויפפיהרונג. איך וואָלט דיר, גלויב מיר, פון די לעצטע געגעבען אויף הוצאות קיין וואַרשאַ, נאָר איך זעה,

וואָס ווארשא האָט געמאכט פון דיר; איך זעה, אַז ווארשא האָט דיר אינגאַנצען אַראָפּגעשלאָגען פון וועג; דו האָסט אידישקייט פאַרבראָכען, דו ביזט אַראָפּגעקומען מיט אַ געגאָלטע באָרד, אָהן אַן אַרבע כנפות... איך פאַרשטעה גאַנץ גוט, אַז דו האָסט דאָרט געלעבט מיט הולטאַיעס — וואָרים אויף וואָס קען אַוועקגעהן אַכט רובעל אַ וואָך, אויב ניט אויף הולטאַיעסקע זאַכען? — און דו ביזט אויך אַ הולטאַי געוואָרען... יע, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען?

יע, עס געפעלט מיר ניט דיין גאַנצער אויפפיהרונג. נאָר מילא, וואָס איז געוועזן, איז פאַרפאַלען, אָבער פון איצטער, פון היינט אָן, זעה, שלאָג אַרויס די אַלע נאַרישקייטען פון קאָפּ. דוכט זיך, פון דיין טאַטען, עליו השלום, און להבדיל בין החיים למתים, מיר האָסטו דעם שניט ניט געכאַפּט; דיין טאַטע איז געוועזן אַ פיינער איד, אַ חשוב׳ער מענש, אַ בר־אורין, מילא, דו ביזט געוואָרען אַ בעל־מלאכה, מסתמא איז גאָט׳ס ווילען געוועזן אַזאַ. אַז דיין טאַטע וואָלט געלעבט, וואָלסטו קיין בעל־מלאכה ניט געוועזן, און וואָס מיינסטו? אַ בעל־מלאכה קען ניט זיין קיין מענש? באשר איהר מאַכט זיך אַליין פאַר ניט־מענשען: דו גאָלסט די באָרד, דו טראָגסט קיין אַרבע כנפות — נו, זאָג, אדרבא, פאַרוואָס טוסטו אַזוי? דו ביזט דאָס דער גרויסער אויפגעקלעהרטער? דער גרויסער פילאָזאָף? דער גרויסער נגיד? נו, ווי קען מען אייך האַלטען פאַר מענשען?... יאָ, נאָר וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען?

יא, פאַרשטעהסטו? דו האָסט ניט וואָס צו קוקען אויף די איבעריגע בעלי־מלאכה׳ס. דיין טאַטע, עליו השלום, איז געוועזן אַ פיינער מענש; מיט מיר, ניט צו פאַרזינדיגען, האָסטו זיך אויך ניט וואָס צו שעמען און דו דאַרפסט פיהרען אַ אידישען שטאַט, און אַז דו וועסט זיין דאָ, וועסטו בלייבען, איך האָף צו גאָט, אַ איד. דו וועסט נעהמען אַ כלה מיט נדן. אַ בעל־מלאכה ביזטו אַ גוטער, אַ גע׳פּטר׳טער ביזטו, אַבי־וועד ביזטו אויך ניט — נישקשה! עס וועט זיך געפינען אַ בעל׳ענטע אויף דיר אויך. זאָל איך דאָס פאַרדינען היינטיגס יאָהר, וויפיעל נדן דו וועסט נעהמען; און מיט געלד וועסטו קענען מאַכען אַ וואַרשטאַט; דו

וועסט קענען נעהמען א פּאר מענשען, דו וועסט לעבען רוהיג, שטיל און ארענטלאך.

אונטער דער גאנצער צייט, וואס דער אלטער האט געמוסר'ט, האט ער די לעפעל געהאלטען נאהענט צום מויל און מיט זיינע שטארע אויגען געקוקט יעקלען אין געזיכט אריין. יעקיל איז גע־זעסען מיט אראפּגעלאזטע אויגען, האט געקוקט אין שיסעל און האט א ווארט ניט גערעדט.

— איהר מיינט איך וויים? — האט יעקיל אין א קורצע ווײלע ארום, ווי דער זיידע האט געענדיגט זיין מוסר, געענטפערט שטאמ־לענדיג: — איהר מיינט איך וויים? עפּעס האב איך מורא פאר חתונה האבען!

— א איך מוז חתונה האבען, און מורא האבען איז ניטא פאר וואס. א ווייב איז ניט קיין בער... די לאקשען איז דערווייל קאלט געווארען. זופּ, לאז זיך ניט בעטען, — האט דער זיידע גערעדט שטארק צופרידען.

זיי האבען געענדיגט זופּען די לאקשען. דער אלטער האט זיך ברחבת אנגעשפּארט אן רוקען פון שלאף־באנק, האט ארויסגענומען פון קעשענע די טאבאקערקע, געמאכט א גוטען שמעק טאבאק און געזאגט:

— איך האב שוין א כלה פאר דיר, ווארט נור א ווײלע.

יעקיל האט זיך אויסגעגלייכט און א קוק געטהאן אויפ'ן זיידען מיט א פרעגענדען בליק.

— א מיידעל גאר אן אנטיק, א בריה אויפ'ן גרויסען ארט, דער טאטע איהרער קען פיין לערנען און זי צעהלט א פּאר הונדערט מזומנים. דארף מען בעסער?

— ווער איז זי? — האט יעקיל זיך ניט געקענט איינהאלטען און געפרעגט.

— ווער זי איז! זעהסטו? אויף דעם קען איך דיר ניט ענט־פערען. ס'איז נאך א פראגע, אויב דארטען וועט מען וועלען, — האט דער זיידע געענטפערט און אריינגעשאטען אין נאז א גרוי־סען שמעק טאבאק.

דער זיידע האָט איין רגע אפילו ניט געצווייפעלט, אַז פון יענעם צד וועט קיין מניעה ניט זיין. ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער שדכן, וואָס איז צו איהם געקומען פאָרשלאָגען דעם שידוך מיט יעקלען, איז אונטערגעשיקט געוואָרען פון דער כלה'ס פאָטער אליין, נאָר יעקלען האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו געבען אַזאַ ענטפער, כדי צו מאַכען די זאַך ליעבער.

.4

ביי פּלטיאל דעם מלמד אין שטיבעל איז אויפגעראַמט יום־טוב'דיג. די ווענט און די סטעליע זיינען פריש אויסגעקאַלכט. אויף איין וואַנד הענגט אַ קאַרטינקע אַהן אַ ראַם, פאַראַרבעט פון פליגען, וואו עס ווערט פאָרגעשטעלט אַ פאָלק הויכע סאָלדאַטען אין קורצע מונדירען מיט ביקסען אין די הענט. אויף אַ צווייטער וואַנט — אַ לאַנגער „ברכת המזון". די פּאָדלאָגע איז אויסגעשאָטען מיט געלען זאַמד, די ביינקלאַך און די פיסלאַך פון טיש זיינען ריין אויסגעסקראַבעט מיט אַ מעסער און אַרומגעוואַשען מיט אַ נאַסען טיכעל. אַ גרויסער פיערקאַנטיגער טיש איז באַדעקט מיט אַ רויטען סערוועט, איבער'ן טיש הענגט אַ לאָמפּ, באַזוימט מיט רויטען אויסגעשניצטען פּאַפּיר. אויבען־אָן, אין סאַמע ווינקעל, זיצט יעקיל; נעבען איהם — דער זיידע, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויפ'ן טיש, און אַרום זיצען אַ פּאָר מנינים אידען און שמועסען מענינא דעלמא. איינגערע שטעהען ניט ווייט פון טיש און האָרכען צו, וואָס די אַלטע ריידען. מען דערצעהלט פון די אַלטע יאָהרען, פון נאַפּאָלעאָן, פון דער סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה, פון שדים, לצים און מזיקים, און אַמאָליגע ראַפּשאַנסקער בלאָטעס, פון אַ ראַפּשאַנסקען איספּראַווניק, אַ שונא ישראל, וואָס אין זיינע צייטען האָט מען דעם ברוק געמאַכט, פון גוטע אידען און צדיקים און דאָס גלייכען. יעקיל, דוכט זיך, הערט זיך גוט צו, וואָס דער עולם רעדט, ער שמייכעלט ווען אַלע שמייכלען. אין אמת'ען אָבער הערט ער קיין וואָרט ניט. דער קאָפּ טומעלט איהם, פאַר די אויגען שווינדעלט און דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק. דערווייל האָט מען אויפ'ן טיש אוועקגעשטעלט אַ פּאָר פלעשלאַך מיט בראַנפען, לעקאַך

און צוויי קעלעשקעס. דאָס ערשטע גלעזעל גיסט מען אָן פאַר׳ן חתן, דאָס צווייטע פאַר׳ן זיידען. יעקיל זופּט אָביסעל און מאַכט לחיים פריהער צום זיידען, דערנאָך צו אַלע דערבייזיצענדע. דער עולם ווינשעוועט איהם און דעם מחותן און כל ישראל מזל־טוב מיט כל־טוב. די קעלעשקעס דרעהען זיך אַרום טיש פון איין מויל צום צווייטען און מען איז ניט מקפיד צי דער פריהערדיגער טרינקער איז א געזונטער אָדער א קראַנקער. די קעלעשקעס דרע־הען זיך, דרעהען זיך און בלייבען אויף א ווײַלע שטעהן. דער עולם קרעכצט אויף די אַלטע גוטע יאָהרען, וואָס זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען. מען דערמאָנט די יאָהרען נאָך איידער דער אָקציז איז געווען, ווי בראַנפען איז דאַמאָלסט געווען „בזיל הזול" און יעדער אַלטער געפינט עפּעס צו דערצעהלען פון זיינע א קונדס׳עריי פון יענע יאָהרען, ווי מען האָט א שטייגער אָפּגעהוליעט א פּורים, א שמחת בית־השואבה, א שמחת תורה און די אַלטע אויגען ווערען ניי־באַלעבט, אויף די אַלטע געזיכטער גיט ווייטער א שיין א שטראַהל פון לעבען, נאָר באַלד ווערען די אויגען ווייטער דונקעל, די געזיכטער וואָכעדיג און יעדער קרעכצט:

— ניטאָ אַמאָליגע יאָהרען! ניטאָ! לאָמיר ווייטער נעהמען צוביסלאָך.

און די קעלעשקעס דרעהען זיך ווייטער פון איין מויל צום צווייטען. יעדער זופּט פון די שיריים פון דעם פריהער־זיצענדיגען, מען ווינשעוועט ווייטער מזל טוב און כל טוב ביז די קעלעשקעס בלייבען ווייטער שטעהן ביי יעקלען און דעם זיידען.

— און וואָס איז אונזער נשמה, אַ ראָזינקע? — שפּרינגט אַרויס פון דער צווייטער האַלבער שטיבעל, וואָס איז אָפּגעצאָמט מיט ברעטער, זאָסיע די זאָגערקע — וואָס איז? אַז איהר זיינט מאַנס־בילען, קומט אייך דער גאַנצער בראַנפען מיט ביידע קעלעשקעס?

— גערעכט, אויף מיינע נאמנות, גערעכט! — האָט פּלטיאל גע־זאָגט מיט אַ שמייכעל.

— איהר ווייסט גאָר וואָס? איך וועל דערוויים נעהמען שריי־בען די תנאים, — באַמערקט בערל דער שרייבער.

— פּאַפּיר, טינט, אַ פּען! — האָבּן עטליכע אין איין קול אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

— שוין, שוין! — האָט פּלטיאל געענטפערט און געלאָזט זיך זוכען איבערן שטוב. פּלטיאל האָט געפרעגט די כּלה, צי האָט זי ניט געזעהן דאָס פּאַפּיר און טינט, די כּלה האָט געפרעגט דער אינגערער שוועסטער און יענע ווידער ביים פאָטער, ביז מען האָט ענדליך געפונען.

בּערל האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ שיידעל, פון דאָרטען האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָר ברילען און גענומען זיי ווישען מיט זיין רויטען נאָז־טיכעל. דערנאָך האָט ער זיי אָנגעמאָסטען אויף דער נאָז, אַ קוק געטאָן אויפ'ן פייער און אויסגעפונען, אַז זיי פּעהלט נאָך דער לעצטער וויש. ער האָט זיי אַראָפּגענומען פון נאָז, צוגעטראָגען צום טישטוך און מיט אַ ברעג אַ וויש געטהאָן און געזעצט זיך שרייבּען.

— נו, שרייבּט זיך אונטער, — ווענדעט זיך בּערל צו יעקלען.

יעקלען רייסט זיך אָפּ אין האַרצען. ער נעהמט מיט ציטערדיגע הענט דאָס גענזענע פּעדער און מיט געטרייסעלטע אותיות שרייבּט ער אונטער זיין נאָמען.

— וואו איז די כּלה? די כּלה וואו איז? — פרעגט בּערל.

— די כּלה! די כּלה! — שרייען אוים עטליכע קולות פון פּובּליקום.

די כּלה, אַ מיידעל פון שעהנע עטליכע און צוואַנציג יאָהר, מיט אַ שטאַלנעם געזיכט, מיט איינגעפאַלענע באַקען, מיט אַ געלבּליכען שטערן, געהט אַריין צוטומעלט, צושראָקען, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגען צו דער ערד און בּלייבּט שטעהן אין מיטען.

יעקיל גיט ניט־ווילענדיג אַ קוק אויף איהר און לאָזט אַראָפּ די אויגען.

— קום אונטער נעהענטער און זיי מקבּל־קנין! — זאָגט בּערל און דערלאַנגט איהר אַ ברעג פון זיין רויטער פאַטשיילקע.

זי נעהמט דעם ברעג טיכעל און האַלט איהם.

— דו קענסט שוין אָפּלאָזען.

דאס בלוט שפארט איהר אריין אזש אין די אויגען, דער־גרייכט ביז די אויערען. יעקיל ווערט אויך רויט.

— נו, שרייב זיך אונטער.

מיט גרויס מאטערניש סטארעט זי זיך האלטען דאס פעדער פעסט, נור דאס פעדער שפרינגט איבער׳ן פאפיר און די אותיות פון איהר נאמען טאנצען, בוקען זיך, נייגען זיך איינער צום צוויי־טען, פונקט ווי זיי וואלטען אויך עפעס געפיהלט א שמחה.

— שאט, שאט! — האט בערל אויסגעשריען, האט אפגעווישט די בארד און וואנסען און גענומען לייענען די תנאים.

אלע ווייבער האבען זיך ארויסגעשאטען פון דער ווייבערשער מחיצה צו הערען ווי מען לייענט די תנאים.

— טררררראך! — האט זיך פלוצים דערהערט א קלאפ פון ליימענע טעפ, פארצעלייענע טעלער ביי דער סאמע טיהר, ווען בערל האט געענדיגט לייענען די תנאים.

יעקלען האט עפעס א ריס גטהאן אין הארצען און האט זיך אויפגעהויבען גלייך מיט׳ן זיידען. א ווייל האבען זיי איבערגע־ווארט די געסט און יעקיל האט דער כלה איבערגעלאזט א גאלדערן רינגעלע, וואס דער זיידע האט געקויפט פאר דער כלה, און ער איז מיט׳ן זיידען אוועקגעגאנגען פונ׳ם שטיבעל.

— צו־כ־אלדע רוחות! — האט יעקיל געגרעדט מיט זיך, ווען ער האט די נאכט פון תנאים זיך געלעגט שלאפען. — זיי האבען דאס מיר פארדרעהט די קאפ... האב איך זיך פאראכטאגען געריכט, אז היינט זאל איך שוין זיין א חתן? ווי גיך דאס איז געווארען!...

ווי אזוי האבען זיי מיר דאס איינגערעדט טהאן אזא שידוך? זי איז דאך אזא מיאוס׳ע... פ־־פ־פי!

ביי דעם געדאנק איז די כלה פלוצים אויסגעוואקסען פאר זיינע אויגען. ער קוקט אויף איהר שטאלנעם געזיכט, אויף איהר געלען שטערן, אויף איהרע איינגעפאלענע באקען, און איהם טריי־סעלט אפ.

— פי! זי איז דאך אזא מיאוס׳ע!... וואס דארף איך האבען איהרע יחסנות, וואס געהט מיר אן וואס איהר טאטע קען לערנען? זי איז ניט קיין יונגע אויך...

און ביי יעקלען איז מאַרך שווימט מיט אמאָל אַרויס וואַרשאַ. ער זעהט פאַר זיך אַ קליין צימער, ריין און ציכטיג אויפגעראַמט. אויפ׳ן טישעל שטעהט אַ לאָמפּ מיט אַ ווייסען אַבאַזשור. נעבען טישעל, עטוואס אַנגעבויגען איבער אַ טשיכעל, זיצט אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוואַנציג און נעהט אויס אויף קאַנווע. פון צאָפּ זיינען איהר אַרויסגעקראָכען עטליכע לאַנגע האָר און פאַלען איהר אַראָפּ איבער׳ן געזיכט. זי הויבט אַלע ווײַלע אויף די האַנט און מאַכט אָפּ די האָר און ער זעהט איהרע פולע בעקלאַך, איהרע שוואַרצע אויגען, איהר ווייסען און גלאַטען שטערן. אויף די ליפּען שפּילט איהר אַ שמייכעלע: דאָס שמייכעלט זי צו איהם. ער האָט איהר געזאָגט אַ המצאה און זי ענטפערט איהם מיט אַ שמייכעל.

ער דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט שטונדענווייז אָפּזיצען נעבען איהר, צוקוקען זיך צו איהר אַרבייט, דערלאַנגען איהר אָפּט אַ פאָדעם, אויפהויבען פאַר איהר אַן אַראָפּגעפאַלענע נאָדעל און טהאָן נאָך אַזעלכע קליינינגקייטען, ווען ער פלעגט קומען פון דער אַר־בייט צו זיך אויפ׳ן וואוינונג, ווייל ער האָט געוואוינט ביי איהרע עלטערן, און האָט ניט געהאַט קיין חשק אַוועקלאָזען זיין אָרט און פלעגט זיצען אַזוי לאַנג ביז זי איז געזעסען...

— פאַרוואָס האָט ער זיך צו יענע ניט גע׳שדכנ׳ט? וואָס איז ער פון העלער הויט משוגע געוואָרען און געלאָפען קיין ראַפּשאַנסק און אויסגעכאַפּט אַזאַ מציאה? אויב חתונה האָבען האָט ער דאָך געקענט פאַר יענע?

יעקיל דערפיהלט, ווי אין האַרצען רייסט איהם זיך עפּעס אָפּ, עפּעס אַ מין ביטערניש גיסט זיך פונאַנדער איבער אַלע זיינע אינ־געוויד. דער גאַנצער קערפּער ווערט איהם היים און דער קאָפּ ווערט איהם וואַרים.

יעקיל קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדער זייט, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם ליילאַך, מיט וועלכען ער איז צוגעדעקט.

— איך האָב זיך גוט באַנאַרישט, גוט באַנאַרישט! — רעדט יעקיל ווייטער צו זיך אַליין... — נור ווער קען מיר דאָ צווינגען? אַז איך זאָל ניט וועלען, וועט מען מיר דען שלאָגען אין קאָרק?

נאר זי איז דאך א יתומה... שלעכט! איך בין מיאוס אריינגע־פאלען.

יעקיל האט א קראץ געטאן דעם קאפ און ווייטער א קעהר גע־טאן זיך אויפ'ן צווייטען זייט. איהם האט געדאכט, אז מוראשקעס קריכען איבער זיין גאנצען לייב.

אויף דרויסען איז געווען שטיל, עס איז געשטאנען א שעהנער זומערדיגער פריהמארגען, דער טאג־שיין איז געווען בלאס. פון א געסעל האט זיך דערהערט א קוקערעקו פון אלע זייטען. אונ־טערן טיש, נעבען וועלכען יעקיל איז געשלאפען, האט זיך א ראַ־בער־האהן אוועקגעשטעלט, אויסגעגלייכט דאס קעפעל, אפגעלעגט עטוואס אַז א זייט און א הייזעריג קרעה געטהאן.

נאך א היבשע צייט האט זיך יעקיל געווארפען אויף זיין גע־לעגער און איז ענדליך מיט גרויסען טאג איינגעשלאפען.

.5

צוויי טעג נאך תנאים איז יעקיל געגאנגען מיט א וויזיט צו דער כלה. אויסער איהר האט ער אין שטוב קיינעם ניט געטראפען. ער האט איהר געגרייכט די האנט. ווען זי האט אויסגעשטרעקט איהרע, האט זי א ציטער געטהאן און אליין איז זי רויט געווארען.

— זעצט זיך! — האט זי קוים מיט מאטערניש אויסגערעדט.

יעקיל האט זיך געזעצט, האט א פאר מאל א הוסט געטהאן און ניט געפונען ווענען וואס צו רעדען.

— ווארום שטעהט איהר? — האט ער איהר ענדליך א פרעג געטהאן.

— נישקשה, עס מאכט ניט, — האט זי געענטפערט אונטער דער נאז און איז ווייטער רויט געווארען. זי האט זיך געזעצט איהם אנטקעגען און אראפגעלאזט די אויגען צו דער ערד. א היבשע ווײלע זיינען זיי ביידע געזעסען שטיל און ניט געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען.

— ביי אייך איז שטענדיג אזוי שטיל? — האט ער איהר ענדליך א פרעג געטהאן.

— ווי עס מאכט זיך.

ווייטער שטיל.

— ווי א שוטה זיץ איך, אזוי ווי איך וואָלט א וואָרט ניט געקענט ריידען.. וואָס ווער איך אלע ווײלע אזוי רויט?... וואָס האָב איך מורא? — פרעגט זלאַטע (די כלה) ביי זיך אליין און וויל זיך אליין מאַכען קוראַזש. — ער רעכענט מיר געווים פאר א שוטה, פאר א בהמה...

— איהר האָט א צייט געוואוינט אין וואַרשא?

— זיבען יאָהר. — האָט יעקיל געענטפערט און א קוק געטהאָן אויף איהר.

שטיל. זלאַטע האָט זיך געקליבען אויספרעגען איהם וועגען דער שטאָדט, ווי לעבט מען דאָרטען? ווי האָט ער דאָרטען פאַר־בראַכט די צייט? זי האָט שוין געהאַלטען א פאַרטיגע פראַגע: „וואַרשא מוז זיין א שעהנע שטאָדט" און דערצו האָט זי געוואָלט צוגעבען א וויץ: „זי מוז זיין שעהנער פון ראַפּשאַנסק". די ווערטער זיינען שוין געווען פאַרטיג ביי איהר אין מויל, אָבער ווי זי האָט געעפענט דאָס מויל אַרויסצולאָזען זיי, האָבען זיי זיך א קייקעל געטהאָן צוריק צום האַלז און אַראָפּגעגליטשט זיך. זי איז אויף זיך אליין געוואָרען אין כעס און האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פאַרלאָרען.

— אייך מוז זיין אומעטיג צו זיצען אליין א גאַנצען טאָג אין דער היים. — האָט יעקיל קוים אויסגעזוכט אין מאָרך א פראַגע.

— אומעטיג. — האָט זי געענטפערט מיט א ציטערדיג קול.

די טיהר האָט זיך געעפענט און פּלטיאל מיט'ן טלית און תפילין אונטער'ן לינקען אָרים און מיט דער רעכטער האַנד אויף דער מזוזה, האָט זיך באַוויזען אויפ'ן שוועל.

זלאַטע'ן איז אַראָפּגעפאַלען א גאַנצער באַרג פון די פּלייצעס; דער פאָטער מיט זיין קומען האָט איהר א האַלבען לעבען גע־שאָנקען.

— האָט מען דאָס פאַרצייטיגע יאָהרען געהערט? — האָט פּלטיאל געזאָגט מיט א מיאוס'ן געלעכטער, וואָס האָט אַרויסגע־וויזען זיינע עטליכע צעפוילטע ציינער, און מיט ביידע הענט האָט ער גענומען שאָקלען יעקיל'ס האַנט. — האָט מען דאָס פאַרציי־

טיגע יאָהרען געהערט, אַז אַ חתן זאָל זיך פֿאַר דער חתונה זעהן מיט דער כלה?

יעקיל האָט אויך געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל.

— אַז איך האָב חתונה געהאַט, — האָט פּלטיאל ווייטער גע־רעדט, — האָב איך מיין ווייב ניט געקענט ביז אַ לאַנגע צייט נאָך דער חתונה: איך האָב זיך מיט איהר געשעהמט צו ריידען פֿאַר מענשען אין די אויגען שוין אַ צייט, אַ צייט נאָך דער חתונה... און היינט איז אַ נייע וועלט געוואָרען.

— טאַטע, גרייטען דיר צום טיש? — האָט זלאַטע אַ פֿרעג געטהאָן.

— דער חתן וועט אויך עסען! — האָט פּלטיאל געענטפֿערט מיט אַ גליקליכען קול.

— איך דאַנק: איך האָב שוין גגעסען.

— אַט, אַביסעל צובייסען... אַ קאַפּ בראָנפֿען איז נאָך מיר פֿאַרבליבען פֿון תנאים. מיר וועלען מאַכען לחיים.

* * *

ווען יעקיל האָט זיך אָפּגעזעגענט און איז אַרויס, האָט זיך זלאַטע געזעצט צום פֿענסטער מיט אונטערגעבויגענע פֿיס אונטער זיך, דאָס געזיכט האָט איהר געפֿלאַמט, די אויערען רויט.

זי האָט מיט ביידע הענט אונטערגעהאַלטען דעם קאָפּ.

— אוי, אוי, אוי! ווי נאַריש איך האָב מיט איהם גערעדט! אוי, ווי נאַריש, ווי נאַריש!

— נאַריש, נאַריש, נאַריש! — האָט איהר געדאַכט אַז יעמאַנד שושקעט איהר אין אויער אַריין.

— ווי וועל איך איהם איצט קענען קוקען אין פּנים אַריין, ווען ער וועט אַריינקומען? וואו וועל איך זיך באַגראָבען פֿאַר שאַנדע? אוי, ס'אַרא שאַנדע!

— וואָס ביזטו אַזוי צוטראָגען, זלאַטע? — האָט דער פֿאָטער איהר געפֿרעגט צושראָקען, אַריינקומענדיג אין שטוב: — זעה, אויף דיר איז דאָך קיין פּנים ניטאָ!

— גאָרניט, גאָרניט! — האָט זלאַטע געענטפֿערט צומישט.

א גאַנצען טאָג האָט זלאַטע ניט געפונען קיין רוה. וואָס זי האָט געטאָן, איז איהר געפאַלען פון די הענט, קיין מלאכה האָט זיך ניט געקלעפּט און זי איז אַרומגעגאַנגען ווי א צודולטע, א צוטומעלטע.

פאַרמאַטערט, נידערשלאָגען האָט זיך זלאַטע אַריינגעוואָרפען ביי נאַכט אין בעט און איז באַלד איינגעשלאָפען.

און איהר דוכט זיך, אַז זי זיצט נעבען יעקלען, זי קוקט איהם אין זיינע בלויע אויגען. דאָס האַרץ קלאַפּט איהר שטאַרק, ער בויגט זיך אָן צו איהר און גיט איהר אַ קוש אין די ליפּען. זי נעהמט איהם אַרום מיט ביידע הענט און דריקט איהם שטאַרק צו צום האַרצען. זי פיהלט זיך אַזוי גוט, אַזוי גליקלאַך... נאָר פּלוצים גיט ער זיך א ריס אַרויס פון איהרע הענט, גיט איהר א שאָס מיט א געלעכטער אין פּנים אַריין:

— קליינשטעדטעלדיגער נאַר! דו קאָנסט דאָך מיט קיין מענ־שען ניט ריידען, און איך וועל זיין דיין חתן?

מיט די ווערטער גיט ער א בריאַזג מיט דער טיהר און ווערט פאַרשוואונדען.

טויזענד טעמפּע שפּיזען שטעכען איהר אין דער מינוט דורך דאָס האַרץ און זי הויבט אָן צו ראָווען מיט א פאַרשטיקטען קול:
„אוי, אוי, אוי!“

— זלאַטע, זלאַטע! — וועקט איהר פּלטיאל, וואָס האָט פון שלאָף דערהערט איהרע קרעכצען, — וואָס קרעכצעסטו, זלאַטע?

זלאַטע האָט זיך א טשוכע געטהאָן און האָט אויפגעעפענט די אויגען. א פּאָר סעקונדען האָט זי געקוקט אַרום זיך און ניט געוואוסט, אויף וואָסער וועלט זי איז.

— שפּיי אויס, זלאַטע!

זלאַטע פאָלגט, זי שפּייט אויס און ווישט אָפּ דעם שוייס פון געזיכט.

— וואָס האָט זיך דיר גע׳חלומ׳ט.

— איך ווייס אויך ניט, עפּעס האָט מען מיך געשטאָכען...

— זאָל זיין צום גוטען. דו האָסט מסתמא קיין קריאת־שמע ניט געלייענט.

— איך געדענק ניט.

אין עטליכע מינוט ארום איז פלטיאל ווייטער איינגעשלאפען, און זלאטע האט זיך נאך א היבשע צייט געווארפען פון איין זייט אויפ׳ן צווייטען.

.6

צייט די תנאים זיינען פארשוואונדען צוויי מאנאטען. יעקיל איז געזעסען ביי א קליין ווארשטאט ביי פלטיאל דעם מלמד אין שטיבעל, אין יענעם קאמער, וואו די ווייבער האבען זיך געפונען בשעת תנאים. ער איז געזעסען אהן א ראק, די ארבעל פון העמד פארקאשערט. אין איין האנט האט ער געהאלטען א פייל, אין דער צווייטער א שטיק מעש. ארום איהם אויף דער פאדלאגע זיינען געווען צעווארפען האמערס, פיילכלאך, א בויער, א בייגעלע דראט, שטיקלאך צעהאקטע מעש, א רוהרקע צום בלאזען אויפ׳ן פייער און א בלעכענער לייט־לעמפעל. אויפ׳ן ווארשטאט איז געווען צושפרייט א געלער זאמד פון מעש. ניט ווייט פון איהם איז געשטאנען א קאוואדלעצקע.

ער איז געזעסען גאנץ אליין. זלאטע איז אוועק אין גאס, פלטיאל איז געווען אין קלויז, קיין „מענשען" האט ער ניט גע־האלטען. ער איז געזעסען מיט׳ן פייל אין האנט און האט זיך פארטראכט.

— דריי וואכען... ביז פאר דריי וואכען האב איך נאך צייט געהאט... ביז פאר דריי וואכען איז נאך געווען גארניט... אבער איצטער איז אלעס פארפאלען. אפגעשטעלט א חופה — איז גע־פטור׳ט... אדיע, ווארשא!... אדיע, בחור׳שע יאהרען!... איצט בין איך א ראפשאנסקער!...

יעקיל האט מעכאניש א ציה געטהאן מיט׳ן פייל איבער׳ן מעש הין און צוריק און גלייך זיך אפגעשטעלט.

— מרים, מרים! — האט ער אין די געדאנקען אויסגעשריען צו יענעם מילדען בילד, וואס איז פלוצים אויסגעוואקסען פאר זיינע אויגען (מרים איז געווען יענע מיידעל, ביי וועמעס עלטערן יעקיל האט אין ווארשא געהאט זיין דירה). דער אויסגעשריי איז געווען

ווי פון אַ פאַרלאָרענעם, וואָס האָט שוין פאַרלאָרען אַלע זיינע האָפנונגען.

יעקיל נעהמט ווייטער ציהען מיט'ן פייל איבער'ן מעש און פיילט אַ ווײַלע.

— פי, ס'אַראַ מיאוס'ע באַשעפעניש זי איז!... (מרים'ס בילד האָט אין איין וועג אַרויסגערופען זלאַטעס און יעקיל שיקט די לעצטע פראַגע אויף זלאַטע'ס אַדרעס). איצט איז זי נאָך טויזענדער מאָל העסליכער, אַלס צו די תנאים... אין פאַרוק זעהט זי אויס ווי וואַהרע מאַלפע... איך בין אַליין שולדיג... קיינער האָט מיר דערצו ניט געצוואונגען...

יעקיל גיט אַ פייל דאָס שטיקעל מעש און איהם פאַלט איין אַ פראַגע: „וועט ער טאַקע אַזוי פאַרבלייבען אַ ראַפּשאַנסקער?"

— ניין, ניין, טרייסעלט ער זיך גלייך אָפּ מיט אַלע זיינע גלידער, — ניין, איך וועל דאָ פיעל זאַלץ ניט אויפעסען... מיר שטיקט דאָ, מיר איז דאָ ענג!...

יעקיל בלאָזט זיך אָפּ, פונקט ווי פון אַ היטץ.

— איך וועל לויפען, לויפען וועל איך פון דאַנען, לויפען וואו די אויגען וועלען טראָגען...

יעקיל נעהמט פיילען געשווינד דאָס שטיקעל מעש, פונקט ווי ער וואָלט מיט דעם וועלען ווייזען די געשווינדקייט, מיט וועלכער ער וועט לויפען.

ער שטעלט זיך באַלד אָפּ און קרימט זיך אַליין איבער:

— יע, לויפען וועסטו! און וואָס וועלען לייט זאָגען?... פריהער, פריהער, פריהער — דאָס האָסטו אַלץ געקענט טהאָן פריהער אָבער ניט אַצינד. מאַכען לייטישע געלעכטער טאָר מען ניט...

— נור וואָס אַרט דאָס מיך, אַז לייט וועלען לאַכען?... וואָס נעהמט מיר אָן זייער לאַכען, אַז איך וועל דאָ שוין ניט זיין? — טרייסט זיך יעקיל אַליין.

ער ווערט אַ ווײַלע פרעהלאַכער און אַרבייט מיט אַפּעטיט, נאָר באַלד בלייבט ער ווידער דאָ שטעהן.

— נור וואָס וועט זי זאָגען? וועט זי דען קוקען און שווייגען?...

זי וועט דאך מיר יאָגן אומעטום און וועט מאַכן סקאַנדאַלן.... לויף, לויף טאַקע און דו וועסט ברעכן האַלז און גניק.

— אין אַלץ איז דער זיידע שולדיג: ער האָט מיך אַריינגע־פיהרט אין אַזאַ בלאָטע. איהם האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען... איהם האָט זיך געוואָלט, איך זאָל זיין פרום... איך וועל דיר שוין אַנזיין!

יעקיל גיט אַ ציה מיט׳ן פייל איבער׳ן מעש פון אונטען אַרויף און ציהט אַוועק די האַנט מיט׳ן פייל ווייט אין דער לופט פון דעם שטיקעל מעש, פונקט ווי מען מאַכט, ווען מען זאָגט איינעם צו אין נאָכקרימעניש.

די טיר עפענט זיך און זלאָטע, פאַרדעקט איבער׳ן קאָפּ מיט אַ גרויסע פאַטשיילע, טראָגט אַריין אין עק פאַטשיילע עטליכע קוכענס און קען און פוטער אין פּאַפּירלאָך.

— דיר מוז שוין גוט חלש׳ען אין האַרצען? האַ? — האָט זלאָטע געפרעגט פאַרשמאַיעט. — דו וועסט זיך שוין געהן וואַשען, אָדער דו וועסט וואַרטען, ביז איך וועל אַריינכאַפּען אַ גלעזעל בראַנפען?

— איך בין ניט הונגעריג.

— גוט: וועל איך טאַקע אַריינטראָגען אַביסעל בראַנפען.

יעקיל האָט גאָרניט געענטפערט און גענומען פיילען.

7.

אַ יאָהר איז פאַרשוואונדען.

אויף דרויסען איז געשטאַנען אַ שעהנער פריהלינג־טאָג און די זון האָט געטריקענט די ראַפּשאַנסקער בלאָטעס, וואָס דער צו־גאַנגענער שנעע פון דעם ניט־לאַנג פאַרגאַנגענעם ווינטער האָט איבערגעלאָזט. די טירען און די פענסטער זיינען געווען אומעטום אָפען און די פאַרשטיקטע חדרים פאַר אַ גאַנץ ווינטער האָבען זיך געלופטערט.

יעקיל איז געזעסען ביי זיין אַרבייט אין דעם זעלבען וואַרשטאַט און געטאָן פויל זיין מלאכה. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט אַן אַפּאַטהיע, אַ גלייכגילטיגקייט צו אַלעם, וואָס עס קומט פאָר אַרום איהם. דער פריהלינג, וואָס האָט געשפּיעלט אויף דער בלאָטע

אונטערן פענסטער, די העלע ליכטיגע שטראַהלען פון דער זון, וואס האבען באַלויכטען צוויי גרויסע זיילען שטויב ביי איהם אין חדר, האבען, ווי עס שיינט, געהאט אַ קנאַפּע ווירקונג אויף זיין פאַרשלאָפענע נשמה.

— ס׳איז דאך שוין צעהן אזייגער — הערט זיך זלאַטע׳ס קול פון די צווייטע האַלבע שטוב. — ווען וועסטו דאַווענען?

יעקיל איז נאך אַ פּאָר מינוט געזעסען ביי דער ארבייט, נור באַלד אבער האט ער אַנידערגעלעגט די מעש מיט די שער, האט זיך איינגעשפּאַרט מיטביידע הענט אין די באַקעס, אונטערגעהוי־בען זיך אויף די שפּיץ פינגער, אויסגעצויגען אביסעל די פּלייצעס און אַ בעל־הבית׳ישען געניץ געטהאַן. דערנאך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַראָפּגענומען זיין רעקעל פון דער זאַוויעסע. דאַ האט ער זיך ווייטער אויסגעגענעצט און גענומען דעם טלית און תפילין, האט זיי אַנגעטהאַן און אַנגעשפּאַרט זיך מיט די עלענבויגען אַן קאָמאָד.

גלייך ווי ער האט דעם טלית און תפילין אַנגעטהאַן האבען זיך איהם די ליפּען גענומען שאָקלען אָהן זיין דעת און אָהן זיין רצון דערביי. געקוקט האט ער אויף דער וואַנד און מיט די אויגען נאָכ־געיאָגט אַ פליג. אזוי איז ער געשטאַנען עטליכע מינוט, ענדליך האט ער זיך אַ כאַפּ געטהאַן און אַראָפּגענומען דעם של ראש.

אין דער רגע איז זלאַטע אריינגעגאַנגען אין דער ערשטער באַלבער, וואו יעקיל האט געדאַווענט.

— שוין אָפּגעדאַווענט? — האט זלאַטע געפרעגט פאַרוואונ־דערט.

— יאָ! — האט יעקיל געענטפערט פאַרווירט.

— אין איין רגע דאַווענט מען אָפּ אַ גאַנצען דאַווענען? דו האסט דאך איצט ערשט אַנגעטהאַן דעם טלית און תפילין!

יעקיל האט אַ ווײלע געשטאַמעלט און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. איצט האט ער דערפיהלט, אז ער האט נאך גאָרניט אַנגעהויבען צו דענקען וועגען דאַווענען, נאָר מודה־זיין־זיך האט ער אַ ווײלע ניט גע׳פּועל׳ט. ענדליך האט ער געענטפערט:

— איך האָב זיך עפּעס פאַרטראַכט, קען זיין, אַז איך האָב אײַ־בערגעהיפּט אַ שטיקעל.

זלאַטע איז אויף אַ רגע בלייך געוואָרען. אין איהרע אויגען האָט אַ בלישצע געטאָן אַ פייערל:

— דו האָסט זיך פאַרטראַכט? — האָט זי אויסגעשריען מיט אַ הייזעריג קול. — אהאַ, דאָס איז די מעשה! דו האָסט שוין אָנ־געהויבען צו טראַכטען! מיינסט, איך ווייס ניט דיינע מחשבות? אַ קריינק דיר אין האַרצען אריין! די צייט זאָלסטו זיך קייקלען אויף איין זייט, נאָכדעם אויפ׳ן צווייטען, ווי צייט איך וועל דיר ניט לאָזען טראַכטען וועגען זעלדעצקען...

— צו וואָס מישטו דאָ אריין זעלדען?

— זעלדען! — האָט זי איהם איבערגעקרימט זיין וואָרשעווער אויסשפּראַך און ביי דער נאָכקרימעניש איז דאָס מויל איהר גע־וואָרען נאָך אַמאָל אַזוי די גרויס. — מישען זאָל זיך דיר אין האַרצען מיט זעלדעצקען די חצופה׳שקע צוזאַמען. קוקט אויפ׳ן תנא־ברא — ער קען שוין ניט פאַרליידען, אַז מען רעדט צו איהם וועגען זעלדען אַ וואָרט... וואָרט, וואָרט! אַ קלאָג אַ גוטער וועט אייך נאָך ביידען געשעהן! איך וועל איהר כאַפּען אויפ׳ן גאַס, וועל איך איהר מאַכען מיט די בלאַטע צוגלייך. זאָל אַ גאַנצע שטאָדט וויסען, וואָס פאַר אַ טהייערע סחורה דאָס איז. געהן אָפּריידען אַ מאַן פון אַ ווייב!...

— דו וועסט שווייגען צו ניט! — האָט יעקיל׳ס קול געדו־נערט און געציטערט פון אויפרעגונג. — האַלט ס׳מויל! וואָרים...

— איך וועל דוקא ריידען און דו טהו מיר עפּעס. — האָט זלאַטע געענטפערט און צוגעטראָטען נעהענטער צו איהם. — ער האָט געמיינט, אַז איך וועל קוקען און שווייגען, ווי ער וועט זיך שושקען מיט מיידלאַך... איך וועל מאַכען אַזעלכע געוואַלדען און קולות, אַז די גאַנצע שטאָדט וועט זיין אויף.

אַרום די פענסטער האָבען זיך גענומען קלייבען רעדלאַך, יעקיל האָט גאָר ניט געענטפערט, האָט מיט האַסט אַ עפען געטהאָן און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר און איז מיט שנעלע טריט אַוועק אין גאַס.

זלאַטע האָט איהם אַ היבשע צייט נאָכגעשריען און געשאָל־טען, כאָטש ער איז שוין געווען ווייט פון שטוב און ער האָט איהר בשום אופן ניט געקענט הערען. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט גענומען אויסלעגען אַ תוכחה אויף די, וואָס האָבען זיך פון אַרום צוזאַמענגעלאָפען און אַרומגעשטעלט זיך אַרום די פענסטער. שטאָלצע מענשען האָבען זיך באַלד אָפּגערוקט, נאָר ראַפּשאַנסקער באַדיונגען זיינען אויף־צו־להכעיס פאַרבליבען אויף זייערע ערטער און זיינען אַנטלאָפען נור דאַמאָלסט, ווען זלאַטע האָט אויף זיי אַ גאָס געטאָן מיט אַ קענדעל וואַסער. אַנטלאָפען זיינען זיי מיט אַ גרויס הוראַ און זייער געשריי האָט זיך נאָך געהערט אַ לאַנגע צייט. זלאַטע איז געבליבען שטעהן צוקאָכט, פאַרשעמט. אַ פּאָר מינוט האָט זי ווענען קיין זאַך ניט געטראַכט, פּלוצים אָבער האָט זי זיך עראינערט און האָט אויסגעבראָכען אין אַ ביטערן געוויין. מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ אָביסעל אָן אַ זייט, מיט פאַרבראָכענע הענט איז זי שווער צוגעגאַנגען צום באַנק און אַנידערגעזעצט זיך. ביטערע טרעהרען זיינען איהר גערונען איבער די באַקען.

— זעלדעצקע... זי האָט איהם דעם קאָפּ פאַרדרעהט, רעדט זי צו זיך אַליין אין געדאַנקען. — ער איז שוין געווען גאָר ניש־קשה, מען פלעגט שוין פון איהם הערען אַמאָל אַ וואָרט, פּלוצים... אַ פיבער לויפט איהר אדורך איבער׳ן גאַנצען קערפּער. עס גיט איהר אַ שטאָך אין הארצען ווי מיט אַ טעמפּען שפּיז, די גאַנצע אינגעווייד איהרע גיט זיך אַ טרייסעל פון אַ סצענע, וואָס האָט זיך איהר פּלוצים געשטעלט פאַר איהרע אויגען.

ס׳איז געווען מיט עטליכע וואָכען צוריק. עס איז געווען אַ פיינער זומער טאָג, יעקיל איז געזעסען ביי זיין וואַרשטאַט און האָט געשווירען שטילערהייט מעש. זלאַטע איז געזעסען אין אַר־בייט־צימער און געשטריקט אַ זאָק. ס׳האָט זיך געעפענט די טיר און זעלדעצקע משה האצקיל דעם שניידער׳ס טאָכטער איז אריין. זי איז צוגעגאַנגען צו יעקלען און געפרעגט איהם, אויב ער וועט איהר פאַרריכטען אַ רינגעל.

איהר עזות׳דיג צוטרעטען צו יעקלען איז גלייך ניט געפעלען געוואָרען זלאַטען, איבערהויפּט איז איהר ניט געפעלען געוואָרען דאָס זיסע שמייכעלע אויף זעלדע׳ס ליפּען: „וואָס פאַר א רעכט האָט זי צו שמייכלען צו איהם?“

— וועט איהר מיר פאַרריכטען דאָס רינגעלע? — און איהר זיסער שמייכעלע ווערט נאָך זיסער.

— פאַר וואָס ניט? — ענטפערט יעקיל און קעהרט אָפּ דעם קאָפּ פון די מעש אין איהר זייט, און דאָבּיי האָט ער איהר גלייך א קוק געטאָן אין די אויגען: יאָ, יאָ, ער האָט איהר גלייך א קוק געטהאָן אין די אויגען. זלאַטע געדענקט דאָס זעהר גוט, ווייל איהר איז פון דעם בליק זיינעם זויער געוואָרען.

זעלדע׳ס פרַעהליכער שמייכעל און איהר חנ׳עוודיג געזיכט האָט ביי יעקלען אויך ארויסגערופען אויף זיין שטענדיג אומעדיגען געזיכט א פרעהליכע מינע. ער איז גאָר עפּעס ווי לעבעדיג געוואָרען (זלאַטע געדענקט דאָס זעהר גוט!)

— פאַר וואָס ניט? אויף דעריין בין איך דאָך א בעל־מלאכה.

— אָבער איך וויל, איהר זאָלט דאָס מיר שוין מאַכען. — האָט זעלדע געזאָגט מיט א חן־מינעלע און א דרעה געטאָן זיך אויפ׳ן קאָרעק.

— פאַר א שעהנע פריילין וועל איך באַדיי אין מיטען דער ארבייט אָוועקוואַרפען און נעהמען זיך פאַר אייער פּאַטשינקע, — האָט יעקיל געענטפערט מיט א שמייכעל און האָט איהר גלייך אריינגעקוקט אין איהרע גרויסע און סאַרע אויגען...

זלאַטע׳ן האָט פון די ווערטער דאָס גאַנצע בלוט אריינגע־שפּאַרט אין פנים. א העלישער פייער האָט זיך איהר דאַמאָלסט אנגעצונדען אין די אויגען.

— היינטיגע באַלעבעסלאַך קענען אויך געבען קאָמפּלימענ־טען, — האָט זעלדע באַמערקט מיט א פרעהליך געלעכטער.

די טרעהרען הערען אויף צוגיסען פון זלאַטע׳ס אויגען און זי שרייט אויס מיט וואוט: „יע, יע! ער האָט זיך אין איהר פאַר־כּלאָפּעט! נור ניט דערלעבען וועלען זיי ביידע דאָס אויסצו־פיהרען!“

אין א רגע ארום האָט זיך א נייער קוואַל געעפענט אין איהרע אויגען און הייסע, ביטערע טרעהרען האָבען זיך האסטיג געגאָסען איבער איהרע באַקען.

8.

יעקיל איז געגאַנגען האַלב ווי בלאַנדזשענדיג איבער׳ן גאַס. נאָכ׳ן הייסען זומערדיגען טאָג האָט זיך אויפ׳ן דרויסען געפיהלט אביסעל לייכטער. יעקיל וואָלט איצט חשק געהאַט מאַכען א קליינעם שפּאַצירגאַנג הינטער׳ן שטאָדט, נאָר אַליין איז איהם געווען אומעטיג צו געהן און מיט וועמען האָט ער ניט.

ער קוקט זיך אַרום, טאָמער וועט ער באַגעגענען אימיצען, מיט וועמען זיך דורכצוגעהן אָבער ער זעהט נאָר, ווי פון אַלע געסלאַך שיטען זיך אַרויס דאַרע, פאַרהויקערטע, פאַרקרימטע, אָפּגעריסענע אידלאַך. זיי פאַרשפּילען אויפ׳ן וועג זייערע קאַפּאָטעס און איילען זיך צום שולהויף.

— א פאַרפלוכט שטעדטעל! ניטאָ מיט וועמען א וואָרט אויס־צורייעדן. יעדער איינער נורעט זיך אין זיין מייזען־לאָך און ליגט דאָרט באַגראָבען סיי טאָג און סיי נאַכט... מען קען דאָ שטום ווערען.

— האָ, יעקיל! — הערט ער פּלוצלונג א קול פון אונטער דער פּלייצע. — וואָס געהסטו אַזוי פאַרטראַכט?

יעקיל האָט זיך אומגעקעהרט און האָט דערזעהן דעם זיידען.

— אָט, גאָרניט. איך ווייס אויך ניט.

— קום דאַווענען מנחה.

אויף אַזאַ צרה האָט יעקיל זיך ניט געריכט. נאָר מעיז זיין דעם אַלטען האָט ער ניט געקענט און האָט מיט גיכע טריט נאָכ־געשפּאַנט דעם אַלטען.

אין קלויז, וואו ער איז מיט׳ן זיידען אריין, האָט זיך יעקיל געפיהלט אונאַנגענעם. עפּעס האָט ער זיך געפונען פרעמד, ניט אויף זיין אָרט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס טהוט מען מיט די הענט, וואו שטעלט מען זיך, און גערודכט האָט איהם, אז יעדער איינער קוקט אויף איהם, נור געהן צוריק האָט ער ניט געקענט,

כאַטש דער זיידע איז שוין געשטאַנען מיט׳ן געזיכט צום מזרח־וואַנט און פרום געדאַווענט און האָט איהם ניט געזעהן.

צו זיין גליק האָט דער עולם זיך באַלד געשטעלט שמונה עשרה. אַלע האָבען פאַרמאַכט די אויגען און געשאָקעלט זיך מיט כונה. ער איז אַ ביסעל רוהיגער געוואָרען.

תיכף ווי „עלינו״ האָט זיך געענדיגט, האָט יעקיל געמאַכט אַ טריט צו דער טיר, נאָר איצט האָט דער זיידע צו איהם אַ וואונק געטהאָן, ער זאָל אַ ווײַלע אָפּוואַרטען. ער איז ניט־ווילענדיג געבליבען שטעהן און דער אַלטער איז צו איהם צוגעגאַנגען און געהאַלטען איין פאַרציהען מיט איהם אַ שמועס. ערשט דער „רבי״ האָט זיך געזעצט צום טיש זאָגען „עין יעקב״.

— איך דאַרף איצט געהן צום טיש. נאָך מעריב וועלען מיר ווייטער ריידען. נעהם אַן עין יעקב און זעץ זיך אויך צום טיש.

דער אַלטער האָט געהאַט זיין פּלאַץ נעבען רבי׳ן, די רעכטע האַנט פון איהם, און אַזוי ווי די ערטער זיינען געווען מיט חזקות, האָט יעקיל געדאַרפט מאַכען אַן אָרט פאַר זיך ערגעץ אַנדערשוואו. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן ערשטען לעדיגען אָרט וואָס ער האָט דערזעהן, און גענומען אַ ספר. די באַקען זיינען איהם רויט געוואָרען פאַר שאַנדע, ווען ער האָט גענומען בלעטערן דעם ספר און ניט געוואוסט, וואָס ער זוכט. דאָס ערשטע מאָל, זינט ער איז אַרויסגעטראָטען פון חדר, האָט ער זיך געזעצט פאַר אַ טישעל לערנען.

— דאָס איז מיין אָרט! — האָט יעקיל דערהערט הינטער זיך אַ קול.

ער האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ און אַ קוק געטהאָן אַהינטער. פון הינטען איז געשטאַנען שמואל׳קע די קוה און געווישט מיט׳ן פּאָלע די הענט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און געוואָלט אַרויס פון טיש.

— זיץ, זיץ, נור רוק זיך אָפּ אַביסעל, מיר וועלען זיך שוין אויסמיטלען.

יעקיל האָט זיך אַביסעל אָפּגערוקט און שמואל׳קע די קוה האָט פון זיינע הענט אַרויסגענומען דעם „עין יעקב״ און גענומען

מישען. יעקיל האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געוואָלט נעהמען א צווייטען „עין יעקב", נור שמואל׳קע האָט איהם אָפּגעהאַלטען: „מיר וועלען ביידע קוקען אין איינעם". דער „רבי" האָט אָנגעהויבען צו זאָגען און אַלע האָבען געקוקט אין די ספרים און געהערט, געטייטעלט מיט די פינגער און פּאַמעלאַך נאָכגעזאָגט. יעקיל האָט אויך געקוקט, נור ער האָט זיך צוגעהערט אָהן קאָפּ.

מען האָט איצט געלערענט מסכת ברכות און דער רבי האָט איצט געלייענט די מעשה מיט יענעם חסיד, וואָס האָט געגעבען צו אַן ארימאַן א דינר אין א הונגער יאָהר און דאָס ווייב האָט איהם דערפאַר-דער׳צער׳ענט און ער איז אוועק און האָט גענעכטיגט אויף א בית-הקברות, און ער האָט געהערט ווי צוויי רוחות סוד׳ען זיך. זאָגט איינע צו דער צווייטער: חבר׳טע, קום, לאָמיר א שוועב טאָן איבער דער וועלט און הערען מאחורי הפרגוד, וואָס פאַר א פורענות וועט קומען אויף דער וועלט? רופט זיך אָפּ די חבר׳טע: איך קען ניט, איך בין באַגראָבען אין א ראָגאָזשע; געה דו און דו וועסט הערען, וועסטו מיר דערצעהלען. איז איין רוח אוועקגעגאַנגען און האָט אַרומגעשוועבט און איז געקומען צוריק. פרעגט איהר די חבר׳טע: חבר׳טע! וואָס האָסטו געהערט מאחורי הפרגוד? ענטפערט די חבר׳טע: איך האָב געהערט, און אַזוי ווייטער און ווייטער. די געשיכטע האָט יעקלען פאַראינטערעסירט און ער האָט גענומען הערען מיט קאָפּ, מיט נייגעריגע אויגען האָט ער נאָכגעקוקט ווי זיין שכן האָט געטייטעלט מיט זיין פינגער איבער׳ן עין יעקב און האָט ניט איבערגעלאָזט א וואָרט.

ווען דער רבי האָט געענדיגט דעם „שיעור" האָט דער שמש גלייך א קלאַפּ געטהאַן „והוא רחום" און אַלע האָבען זיך געשטעלט דאַווענען מעריב. נאָך מעריב האָט זיך דער זיידע ברחבת אוועקגעזעצט אויף א באַנק, אָנגעבויגען מיט׳ן גאַנצען קערפּער אַן א זייט און איינגעשפּאַרט מיט דאַלאַן פון דער לינקער האַנד אין באַנק און מיט דער רעכטער האַנד פויל געקראַצט זיין האָריגער האַרץ דורכ׳ן שפּאַלט פון טלית-קטן און באַנייעט דעם איבערגעריסענעם שמועס מיט יעקלען.

נאָך מעריב איז זיך דער עולם צעגאַנגען, נור ביי אַ מנין מענשען זיינען זיך פאַרבליבען און זיי האָבען זיך אַלע צונויפגע־קליבען אין איין ווינקעל, ניט ווייט פון יעקלען, און האָבען וועגען עפּעס געשמועסט.

פון דעם געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווינקעל, האָט אַ צעהנטער וואָרט דערגרייכט זיינע אויערן. וואָס פאַר שמועס דאָרטען קומט פאָר האָט ער ניט געקענט כאַפּען, נור פון די איינ־ציגע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער שמועס איז זעהר אינטערעסאַנט. ווען ער זאָל זיך ניט שעהמען וואָלט ער אָפּגעטראָטען פון זיידען און צוגעגאַנגען צום ווינקעל. נור אויפ׳ן זיידען איז אַנגעפאַלען אַ ריידעניש און ער מוז איהם אויסהערען.

פון קלייזעל איז ער אוועק מיט אַ צורייצטען אַפּעטיט און אין דער היים פאַר׳ן שלאָף האָט ער דערפיהלט אַזאַ גרינגקייט, ווי אַמאָל אין די קינדערשע יאָהרען, ווען ער איז נאָך געגאַנגען אין חדר.

אויף מאָרגען איז ער פאַר מנחה צוגעגאַנגען צום זיידען אין קראָם און געגאַנגען מיט איהם צוזאַמען אין קלייזעל. נאָך מעריב האָט ער זיך צוגערוקט צו די פאַרבליבענע בטלנים און צוגעהערט זיך צו זייער געשפּרעך. אַ נייע וועלט האָט זיך דאָ פאַר איהם געעפענט. דאָ איז ער געוואָהר געוואָרען פיעל שעהנע און וואונ־דערבאַרע מעשיות, פון די באָמבע וואָס איז געבליבען הענגען אין דער לופטען אין דעם חסידים מנין און פון די רויטע אידלאַך און פון נאָך פיעל, פיעל אַזעלכע שעהנע, פיינע אידישע געשיכטעס, וואָס באַצויבערען דעם פּשוט׳ן אידען און מאַכען איהם פאַרגעסען אָן די גאַנצע צרה׳דיגע וועלט. דאָ האָט ער געקראָגען די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט׳ן תוגר און מיט׳ן יון, מיט נאַפּאָלעאָנען און מיט ביסמאַרק׳ן און אַזוי ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז האָט ער זיך אריינגעצויגען אין דעם קלייזעל׳שען לעבען און איז געוואָרען אַ שטענדיגער צוהערער פון „עין יעקב“. ער האָט שוין געהאַט זיין „זיץ־אָרט“ נעבען שמואל׳קע די קוה און דערנאָך אין ווינקעל ביים שמועס און ער האָט שוין מעהר זיך ניט געפיהלט ווי אַ פאַרוואָר־

פּענער אין אַ פרעמדער שטאָדט צווישען ווילדע ברואים, און וואָס מעהר ער האָט זיך אריינגעצויגען אין דעם נייעם לעבען, אַלץ מעהר האָט ער פאַרגעסען די קאָפּע שאַנטאַנעס און די וועטשערואווקעס אין ווארשא און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט איהם אָנגעהויבען צו דוכטען, אַז ער איז פון ראַפּשאַנסק קיינמאָל ניט אַרוים. דאָס דאָ איז ער געבאָרען געוואָרען און דאָ וועט ער שטאַרבען.

און זיין לעבען אין שטוב האָט זיך אויך דערפון געענדערט. זלאַטע׳ז, פאַרשטעהט זיך, האָט ער ניט ליעב געקראָגען, נור איצט האָט ער שוין געהאַט מיט איהר וואָס צו ריידען. די נייע איינ־דריקע פון קלייזעל זיינען געווען צו שטאַרק פאַר איהם, אַז ער זאָל זיי רוהיג קענען איינהאַלטען אין זיך און ער האָט געמוזט יעדען מאָל נאָך זיין קומען פון קלייזעל אַביסעל באַפרייען זיין האַרץ פון זיי. ער האָט יעדעס נייעס, יעדען וואונדער איבערדער־צעהלט איהר און זי האָט איהם אויסגעהערט און באַצאָהלט איהם כפל כפלים מיט איהרע מעשיות פון קב הישר, פון מנורת המאור, פון צאנה וראינה און זיי זיינען געווען ביידע צופריעדען.

און אין גיכען האָט יעקיל אויסגעפונען, אַז זי איז אַ גאַנץ גוטע ווייב, אַ איד מוז האָבען אַ ווייב, און וואָס מאַכט דאָס אויס, די צי יענע?

אין עטליכע יאָהר איז יעקיל געוואָרען אַ גליקליכער טאַטע פון עטליכע קינדערלאַך און דאָ האָט ער געבונען אַ נייע „זאַ־יענטשע״: האַטשקען זיי, וואַרפען זיי, האַלטען זיי אין דער הויך אויף איין האַנט און וואָס מעהר דאָס קינד פּלאַטערט אין דער לופטען אַלץ מעהר פאַרגעניגען פאַרשאַפט דאָס איהם. אָבער דאָס האָט זלאַטע ניט געקענט צוזעהן און פלעגט שטענדיג אַרויסכאַ־פּען דאָס קינד פון די הענט.

.9

דער יתום האָט אָקאַרשט געקאַנטשעט זאָגען עלינו קדיש און דער עולם האָט גענומען צוגעהן. דער שמש האָט אַרויסגענומען פון עמוד אַ פּאָר ליכט און פאַרלאָשען. דערנאָך האָט ער קלענער געמאַכט אַביסעל דאָס פייער אין לאָמפּ און צונויפגעקליבען די ספרים פון טיש.

איינינע האָבען זיך אָפּגעשטעלט, ארומגעשטעלט זיך ארום אויוועז און גענומען דערצעהלען נייעס.

יעקיל האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. נייעס איז ער אלע מאָל געווען טשיקאַווע צו הערען.

— ...איך וויים ניט, וואָס פאַר אַ משוגע׳נער זיצט איצט דאָ? ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי אַלט און ניט געהאַט דעם צובראָ־כענעם פוס, וואָלט איך, ווי רעכענט איהר, דאָ געזעסען?—האָט גע־זאָגט יונה צימקע׳ס, אַן אַלטער צעסלער, מיט אַ לאַנגע שיווע באָרד און אַ קאַליקע אויף אַ פוס. — אַ משוגע׳נער נור בלייבט דאָ איצט זיצען, אַז דאָרטען אַ ליאָדע אַ גאָרנישט פאַרדינט אוצרות געלט.

— זאָל איך אַזאָ יאָהר האָבען, ווי יונה איז גערעכט, — האָט איהם אונטערגעהאַלטען שלום יאַנקעל, אויך אַ צעסלער, וואָס האָט נאָך דרייסיג יאָהר אַרבייט דאָך ניט געקענט אויסהאַקען אַ שידוך פאַר זיין עלטערער טאָכטער און פיער מיידען איינע אונטער דער אַנדערער זיינען געווען אויף זיין קאַרק. — וואָס זיצט מען דאָ? אויף וואָס וואַרט מען? דאָרטען זיינען אַזעלכע גליקען, דאַרף מען דאָ זיצען און חושכ׳ן. איהר האָט געהערט, וואָס בערקע יענטע גרונעס שרייבט? אָט דער ברילאַק, וואָס טויג אַ קאָץ דעם עק ניט פאַרבינדען, פאַרדיענט ממון קורח!...

— און שמערקע די מאַד?—האָט זיך אָנגערופען „זויערמילך“,— דאָס איז געווען אַ מענש אָהן אַ נאָמען, און באַוואוסט נאָר ביי זיין צונעמעניש — אָט דער בייזער גערעטעניש — איהר האָט געהערט, וואָס ער שרייבט?...

— פּטור, נו! ווער וויים דאָס ניט? — האָט יונה צימקעס געענטפערט און אַ גלעט געטהאָן זיין לאַנגע, שיווע באָרד. — ער פאַרדינט צוואַנציג טאָלער אַ וואָך. אויף אונזערע געלד איז דאָס אַ קיימאַ־לן פון אַן ערך 50 רובעל אַ וואָך.

— איהר פאַרשטעהט? — האָט זיך ווייטער „זויערמילך“ אָנ־גערופען. — איהר פאַרשטעהט? פופציג רובעל אַ וואָך! — אָט דער שמערקע די מאַד!

יעקיל און נאָך פיעלע אַנדערע האָט גענומען קראַצען די קעפּ.

—וואָס איז דאָ זיך צו וואונדערן? — האָט יונה צימקעס גע־זאָגט רוהיג און אויסגעצויגען זיין באָרד ביז צום טיש — וואָס איז

זיך דאָ צו וואונדערן? אַז דאַרטען אַ ליאַדע אַ גאַרנישט... אַ ליאַדע
אַ גאָר נישט, זאָג איך אייך, פאַרדינט אוצרות.

— אָבער ווייסט איהר, וואָס שמערקע די מאָד טהוט דאַרטען?
האָט געפרעגט „זוויערמילך".

— וואָס טוט ער דאַרטען? אויך אַ דאגה! — האָט יונה צימ־
קעס געענטפערט. — וואָס מען טהוט נור דאַרטען פאַרדינט מען!

— אָבער זיין עובדא איז גאָר ניט קיין געוועהנליכע! — האָט
זיך „זוויערמילך" ווי געבעטען, מען זאָל איהם פרעגען, וואָס איז דאָס
פאַר אַ מין עובדא.

— ער איז דאָך אַ שוסטער! — האָט זיך אַנגערופען איינער פון
די שטענדיגע צוהערער.

— אַ שוסטער! — האָט זוויערמילך נאָכגעקרימט. — איהר האָט
אַ געפיהל אין שמערקעס שוסטעריי? איבערהויפט טאַקע פאַר
אַמעריקא גילטען אַזעלכע לאַטוטניקעס!

— וואָס טהוט ער דאַרטען טאַקע? — האָבען איינינע, וואָס
האָבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען געפרעגט.

— טרעפט, אדרבא.
— אַ פעדלער!
— אַ שטעפער!
— אַ לעבעל־מאַכער!
— אַ הייזקע־נייער!
— אַ פרעסער!

— ניין, איהר וועט בשום־אופן ניט טרעפען, — האָט „זוויער־
מילך" ענדליך רחמנות געקריגען, — ער איז אַ מתים־היטער.

— וואָס הייסט אַ מתים־היטער? — האָבען אַלע אין איין קול
אַ פרעג געטהאָן.

— דאָ איז אַ גאַנצע מעשה, — האָט זוויערמילך געענטפערט
און אַ ריהר געטהאָן זיך אויף זיין אָרט, ווי די נייעס וואָס ער
האָט געהאַט צו דערצעהלען, וואָלט איהם שווער געמאַכט. — אַז
שמערקע איז געקומען אין אַמעריקא איז ער די ערשטע צייט
ארויסגעצויגען געוואָרען אויפ'ן פוד. ער האָט דאַרטען געהאַט
קאַלט און וואָרעם. איינמאָל איז ער אַזוי געגאַנגען אין גאַס אַ

פאַרשמאַכטער, אַ פאַרהונגערטער, געהט צו איהם צו איינער אַ דייטש און פרעגט איהם, צי ער וויל פאַרדינען אַ פּאָר טאַלער? פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט. הקצור המעשה, דער דייטש האָט איהם אַוועקגעפיהרט אין אַ שטוב, האָט איהם דאָרט אַריינגעלאָזט און גלייך נאָך איהם פאַרשלאָסען די טיהר.

שמערקע איז געבליבען שטעהן ניט־טויט ניט־לעבעדיג. וואָס וויל מען דאָ פון איהם האָבען? ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן. ער האָט געמיינט אַז גזלנים אָדער די ניט־גוטע האָבען איהם פאַרפיהרט און האָט מורא געהאַט זיך צו ריהרען פון אָרט. דערנאָך, ווייזט אויס, איז ער אַביסעל סמעליער געוואָרען און געלאָזט זיך געהן איבער'ן שטוב — פּוסט! ער עפענט איין טיהר, אַ צווייטע — פּוסט! ער עפענט אַ דריטע — און ער איז אָפּגעשטאָרבען מיט אַלע גלידער. פאַר זיינע אויגען ליגט אַ מת.

— אַ וועה!

— אַ וועה!

— מילא, וואָס זאָל איך אייך אַפּולע ברייען, — האָט „זויער־מילך" ווייטער פאַרטגעזעצט, — הקיצור המעשה, האָט איהם אָנגע־הויבען צו קלאַפּען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פאַר שרעק און האָט גענומען לויפען צום טיהר; האָט איהר אָנגעהויבען צו רייסען, קלאַפּען; ער האָט גענומען שרייען. נאָר וואו? וואָס? עס האָט איהם געהאָלפען ווי אַ טוידטען באַנקעס.

עס איז כדאי, זאָג איך אייך, נאָז און אויערען אנצושטעלען און צוהערען, ווי פּינע לאה בריינעס דערצעהלט די מעשה. אַ סקרוך געהט איבער איבער'ן לייב הערענדיג! — האָט זויערמילך אין מיטען איבערגעריסען זיין ערצעהלונג.

— פּינע לאה בריינעס דערצעהלט דאָס — איז דאָס געוויס אַ ליגען! — האָבען אייניגע געענטפערט פאַר אַ מאָל און זיך אָפּגע־זיפצט גרינגער. — ער האָט ברוך השם האָלט אויסצוקלערען מעשיות, וואָס ניט־געשטויגען ניט־געפלויגען.

— דאָס איז ניט קיין אויסגעקלעהרטע מעשה! — האָט זויער־מילך געענטפערט ווי באַליידיגט. — איהר זעהט און ווייסט אַלע,

אַז שמערקע די מאַד שיקט איבער דער ווייב אוצרות געלט און פון וואַנען־זשע, פרעג איך אייך, וואָלט ער דאָס גענומען, ווען די מעשה זאָל זיין ניט ריכטיג?

— וואָס זאָל איך אייך אַפּולע ברייען? שמערקע האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז עס העלפט ניט קיין קלאַפּען און קיין שרייען, האָט ער זיך געזעצט נעבען מת און מיט אַ ביטער געוויין גענומען זאָגען תהלים.

אַזוי איז ער אָפּגעזעסען דעם טאָג און די נאַכט. אויף מאָרגען, ס'איז געווען אַ שטיק אויף טאָג, ער הערט ווי עס רוישען קאַרעטעס אין דרויסען און שטעלען זיך אָב נעבען דער שטוב. אין אַ ווײַלע אַרום הערט ער, מען שליסט אָפּ די טיהר.

דער דייטש, וואָס האָט איהם אַריינגעפיהרט אין שטוב, האָט זיך באַוויזען אויפ'ן שוועל און געהייסען איהם אַנשטעלען די פּאָלע.

שמערקע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט דער דייטש מיט דעם, נור ער האָט געפאָלגט און אַנגעשטעלט די פּאָלע, ווי מען האָט איהם געהייסען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען אין שטוב פּריצים און פּריצטעס הונדערטערווייז און יעדער האָט איהם, פאַר־בייגעהענדיג, אַריינגעוואָרפען אין פּאָלע אַ טאַלער, צוויי און נאָך מעהר.

— אַ וועה! ער וועט דאָך דאָרטען ווערען אַן אדיר! — האָט איינער פון די צוהערער אויסגעשריען.

— אַ מיליאָנער! — האָט אַ צווייטער פּאַטאַקעוועט.

— אַ שפּאַס אַזאַ פאַרדינסט! — האָט אַ דריטער מקנא געווען.

— מיט איין שמערקען איז נור אַזוי? — האָט יונה צימקעס געפרעגט מיט אַ שטיקעל פאַרדרוס, וואָס זויערמילך'ס מעשה האָט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט דעם עולם — און וואָס איז מיט בערעלע גרונם תנחום דעם שניידערם? מען שרייבט פון דאָרטען, אַז ער האָט אַן אייגענע שטוב און דער דאָך איז מיט ריינעם גאָלד געדעקט.

— מיט גאָלד גערעקט דער דאַך, הי! אַזאַ באַדיונג געווען דאָ און דאָרטען אַ גאַנצער לייט געוואָרען! — האָבען עטליכע מיט אַמאָל אויסגעשריען.

— איך געדענק נאָך, ווי איך פלעג זיך מיט איהם גליטשען, — האָט יעקיל אַריינגעשטעלט זיין באַמערקונג. — אוי, איז ער געווען אַ באַדיונג!

— פּטור, נו! ווער געדענקט דאָס ניט?

און נאָך לאַנג, לאַנג האָט מען דערצעהלט און איבערדער־צעהלט פיעל מעשיות און גליקען פון אַמעריקא און יעקיל האָט ווייטער געהערט מיט מעהר אינטערעס און געשלונגען יעדעס וואָרט און בשום אופן ניט געקענט זיך אָפּרייסען פון זיין אָרט און פאַר־לאָזען די קלייזעל.

ווען ער האָט זיך ענדליך אויפגעהויבען איז שוין געווען שפּעט־לאַך, נור ער האָט דאָס ניט געפיהלט. ער האָט זיך גאָר־איינגאַנצען געפונען אונטער די איינדרוקען פון די ערצעהלונגען, וואָס ער האָט זיך איצט אָנגעהערט אין קלייזעל.

— אַהן עין הרעה, אַ לאַנגער דאַוונען ביי דיר! — האָט איהם זלאַטע באַגעגענט מיט אַ ברוך־הבא, ווי ער האָט נור געעפענט די טיהר — אַהן עין הרעה!...

— וואָלסטו הערען! — האָט יעקיל אָנגעהויבען מיט אַ צו־פרידענע מינע, ניט הערענדיג וואָס דאָס ווייב רעדט: — וואָלסטו הערען, וואָס מען דערצעהלט זיך אָן פון אַמעריקא...

— שעמען זאָלסטו זיך אין דיין ווייטען האַלז! אַ בעל־הבית וואַרפט אַוועק אַ טיש און שטעלט זיך הערען מעשיות...

— אוצרות גאָלד פאַרדינט מען דאָרטען; דו האָסט געקענט בערעלען גרונם תנחום דעם שניידערס? דו געדענקסט, וואָס פאַר אַ באַדיונג ער איז געווען? היינט האָט ער אַן אייגענע הויז אין אַמעריקא מיט אַ גאָלדערנעם דאַך...

— פיין, מען לאָזט אַוועק אַ טיש מיט אַרבייטער, אַלע דאַרפען וואַרטען, וואָס איז? דער בעל־הבית שטעהט און הערט מעשיות...

— און שמערקע די מאַד? אַט דער שלימ־מזל, האָט דאָרטען מיליאָנעס האָט ער דאָרטען...

— מען רעדט איהם דאָס און ער ענטפערט בוידעם, איז דאָס ווייב ארוים אויפ'ן אויבער. ערב יום־טוב געהט אוועק א בעל־הבית פון א טיש, מען לאָזט איבער אַלעמען זיצען אָהן ארבייט און מען געהט הערען אַלע נארישקייטען פון א בערקען און א שמערקע די מאַד. ווי האָסטו דאָס קיין חרפה און קיין בושה ניט?

יעקיל האָט איצט קוים דערהערט, וואָס דאָס ווייב רעדט צו איהם. ער איז צוגעגאנגען צום טיש און גענומען פּאַרזאָרגען די אַר־בייטער מיט ארבייט.

אין א ווייַלע ארום האָט ער זיך אָפּגעקעהרט פון וואַרשטאַט און געווענדעט זיך צום ווייב:

— דו ווייסט וואָס שמערקע די מאַד טוט דאָרטען אין אמע־ריקא? דו וועסט, זייענדיג אפילו מיט צוואַנציג קעפּ, ניט טרעפען.

— לאָז מיר געמאַך מיט דיין שמערקע די מאַד, — האָט דאָס ווייב געענטפערט האַלב צאַרנדיג, — וואָס געהט מיך אָן וואָס שמער־קען די מאַד טוט דאָרטען, אבי דערוויַיל טוסטו דאָ ניט.

נור יעקלען האָט געפּויזט, און ער איז ניט רוהיג געוואָרען, ביז ער האָט איבערגעגעבען אַלע נייעסען, וואָס ער האָט געהערט אין קלייזעל, פון אלף ביז תיו.

* * *

פון שלאָף האָט זיך יעקיל אויפגעכאַפּט גאַנץ פריה, גלייך ווי ער האָט אויפגעעפענט די אויגען, האָט ער א קוק געטהאָן צו זלאַטען אין בעט:

— זלאַטע, דו שלאָפסט?

— האַ? — האָט זי געפרעגט פאַרשלאָפען.

— דו שלאָפסט, זלאַטע?

— וואָס? — האָט זי געפרעגט — פאַנאַנדעררייסענדיג איהרע פאַרקלעפּטע אויגען.

— דו ווייסט, וואָס איך טראַכט, וואָס איך — ?

— וואָס?

— אפשר גאַר א פּלאַן מאַכען א יאַזדע נאָך אמעריקא אפשר?

— וואָס ביזטו, משוגע, חסר־דעה? קיין אַנדער צייט האָסטו ניט געפונען צו ריידען, ווי נור איצטער? — האָט דאָס ווייב גע־

ענטפערט, אין גאַנצען שוין אַרויסשלאָגענדיג זיך פון שלאָף. — דאָס קינד האָט מיר אַ גאַנצע נאַכט ניט געלאָזט מיט אַן אויג צומאַכען, און, אַז איך האָב קוים איינגעדרעמעלט, קומסטו און וועקסט מיך אויף.

יעקיל האָט זיך אומגעקעהרט אויפ'ן אַנדער זייט ברוגז'דיג.

זלאַטע אָבער האָט שוין מעהר ניט געקענט איינשלאָפען.

— וואָס איז דיר עפּעס פּלוצים אַריין אין מח דאָס פאָהרען? — האָט זלאַטע געפרעגט אין אַ ווײַלע אַרום.

יעקיל האָט אַ היבשע צייט ניט געענטפערט. נאָכהער אָבער האָט ער זיך איבערגעדרעהט צו איהר זייט און געזאָגט:

— גאָרניט פּלוצים. שוין לאַנג קאַרשקעט מיר אין מח אַ געדאַנק וועגען פאָהרען. אומשטיינס געזאָגט, דאָס איז אַ לעבען, איז דאָס? מען געהט קרועה־בלואה, מען עסט קדחת, און וואָס איז דער תכלית? מילא מיר אַליין — גאָרנישט, אָבער די קינדער־לאַך וואַקסען אונטער, הינדלען איז שוין באַלד אַכט יאָהר, איז שוין.

— און דו מיינסט, אַז דאָרטען וואַרטען אויף דיר גליקען? מען שיט דאָרטען מיט געלט, אַבי נעהם נור? דאָ, ניט צו פאַר־זינדיגען, ברויט און וואַסער האָבען מיר, הלואי קיינמאָל ניט ערגער, אי וואָס? נו, מילא.

— דו האָסט געהערט פון שמערקע די מאַד? אַט דער שלימ־מזל'ניק פאַרדינט דאָרטען אוצרות מיט גאָלד, און בערעלע גרונם תנחום דעם שניידערס? דו געדענקסט, וואָס פאַר אַ פּנים, וואָס פאַר אַ צורה דער באַדיונג האָט דאָ געהאַט? און דאָרטען לעבט ער, ווי אַ קיסר. מען דערצעהלט אַז זיין דאַך איז באַדעקט מיט גאָלד! זיין דאַך, דו פאַרשטעהסט?

— און דו גלויבסט עס? מ ע זאָגט, מאַלע וואָס מ ע זאָגט... עט, יעקיל, שלאָג אַרויס פון קאָפּ די אַלע נאַרישקייטען...

— איך האָב אָבער פריהער נעוואוסט, אַז מיט דיר איז ניטאָ וואָס צו ריידען. ס'איז געווען זעהר נאַריש פון מיר, וואָס איך האָב זיך מיט דיר אָנגעהויבען צו באַראַטען. דו ווייסט עפּעס אויך פון אַ וועלט? אַ שלעפּערקע ביזטו געבוירען געוואָרען און אַ

שלעפּערקע וועסטו שטאַרבען, און דו דאַרפסט גאַר בעסערס ניט.

דאָס זויגענדיגע קינד האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט מיט א גרויס געוויין.

דאָס געשפּרעך צווישען מאַן און ווייב איז פּלוצים איבערגע־ריסען געוואָרען.

יעקיל איז נאָך א קורצע ווײַלע געלעגען אין בעט און האָט זיך ענדליך אויפגעהויבען און געזעצט זיך ארבייטען פאַר'ן פייער.

דאָס שטיקעל מעש אין האַנד האָט געשיינט ווי גאָלד און דאָס האָט איהם דערמאָנט אַז בערעלעס דאָך אין אמעריקא... ער וואָלט וועלען כאַטש א קוק טהאָן אויף דעם דאָך!... בערעלע איז געווען א גוטער ברודער... זיי האָבען זיך צוזאַמען געגליטשט... ער וועט זיך דאַרטען געווים דערפרעהען מיט א גוטען ברודער... און אפשר... ווער ווייסט וואָס אַמעריקא האָט שוין פון איהם געמאַכט?... אפשר וועט איהם שוין גאַרניט אָנשטעהן צו ריידען מיט זיינעם א שטעדטעלשען?.. אַז ער וואָלט דעמאָלט אויך געפאָהרען אין אמעריקא און ניט אין וואַרשא, וואָלט ער שוין אפשר אויך געהאַט א שטוב מיט א גאָלדענעם דאָך... ער וואָלט זיך מיט זיינען א שטעדטעלדיגען ניט געשעמט... פּע, עס איז זעהר ניט גוט פון בערעלע'ס זייט, וואָס ער שעמט זיך מיט אמאָליגע באַקאַנטע.

— א גאָלדענער דאָך! — ניט איהם א פּלים אין קאָפּ א שטראָם מיט נייע געדאַנקען — א גאָלדענער דאָך?... פּיעל, אַן ערד, דאַרף קאָסטען אַזאַ מעשה? איז דער דאָך פון קייזערס פּאַלאַץ אויך א גאָלדענער?... און ראָטשילד'ס?...

— געוויס, ענטפערט ער זיך אַליין און איהם טהוט הנאה וואָס זיין אַמאָליגער גוטער ברודער האָט זיך דערשלאָגען צו אַזאַ מדרגה. — א יאָלד מיט ביינער, ווי איך בין א איד!

ער ווערט דורכגעדרונגען מיט א וואַרימען געפיהל צו בע־רעלע'ן. ער האָט געטהאָן א נאַרישקייט, וואָס ער איז געפאָהרען אין וואַרשא און ניט אין אמעריקא, נור אויב ער איז אַמאָל געווען א נאַר, הייסט נאָך ניט, אַז ער דאַרף בלייבען א נאַר. אָבער וואָס וועט זאָגען זלאַטע? זי וועט דאָך ניט לאָזען און מיט איהר וועט

ניט העלפען קיין ריידען און קיין טענה'ן, סיידען אוועק אהן איהר ידיעה...

יעקיל בלייבט א ווײלע שטעהן מיט זיין ארבייט.

— דאס איז א שטיקעל פלאן, אבער...

דער „אבער" גיט איהם א שטאך. איהם דוכט, אז זיינע חברים פון עין יעקב און פון אונטערן אויווען וועט די זאך ניט געפעלען ווערען. דאס איז ניט קיין שטאטיק פון א אידען!

נור באלד גיט ער א מאך מיט דער האנט: זאל זיין וואס עס וויל, ער וועט פאהרען.

און אין גיכען האט ער גענומען מאכען שטילע הכנות צו דער רייזע. דאס הייסט, זוכען פלענער, ווי צו קריגען עטליכע צעהנדליג רובעל אויף הוצאות. אין א פאר חדשים ארום, דאס איז אויסגע־קומען אין די „דריי וואכען", האט ער פארפארטיגט א פעקעל סחורה, און אנשטאט דאס צו פארקויפען צו מרדכי זעליג דעם הענדלער, ווי ער פלעגט אלע מאל טהאן, האט ער היינט אויפגעגע־בען א פראיעקט, אליין צו פיהרען דאס פארקויפען. פאר'ן פאהרען האט ער זיך אויף א ווײלע צוגעזעצט, האט א קראץ געטהאן די פאה, געגעבען די קינדער צו קאפיקעס אויף בולקעלאך און עט־ליכע קושען און אריינגעזעצט זיך אין וואגען.

— זאס זיך נור ניט אין וועג! — האט איהם דאס ווייב נאכ־געשריען, ווען דער וואגען האט זיך אנגעהויבען ריהרען — און קום וואס גיכער צוריק!

— יע, יע, בלי נדר!...

.10

פאר'ן ווארשטאט זיצען דריי ארבייטער און פיילען, פאלירען און לייטען.

זלאטע זיצט אין צווייטען צימער נעבען וויגעלע און ציהט מיט'ן פוס פאר'ן שטריקעל. איהר געזיכט איז פארזארגט און די אויגען קוקען אין דער לופט, ווי פארטראכט אהן מחשבות. צוויי קליינע מיידלאך שטעהען פוןביידע זייטען און האלטען אנגע־שפארט די קעפלאך אויף איהרע קניע און זי גלעט זיי מיט ביידע הענט.

די טיהר האָט זיך געעפענט און פּלטיאל מיט יעקיל׳ס זיידע זיינען אריין אין שטוב. זיי זיינען גלייך אריין אין צווייטען צי־מער, וואו זלאַטע איז געזעסען און האָבען זיך געזעצט אויף א ביינקעל און ניט אַרויסגערעדט א וואָרט. א קורצע ווייל׳ע איז געווען שטיל. פּלוצים האָט זלאַטע אויסגעבראָכען אין א געוויין. דאָס קינד אין וויגעל׳ע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט א געשריי און די צוויי מיידעלאַך פוןביידע זייטען, זעהענדיג ווי די מאַמע וויינט, האָבען אויך אָנגעהויבען צו גיסען טרעהרען.

— וואָס וויינסטו, נאַר? — האָט דער זיידע געזאָגט, — איך זעה דאָ ניט וואָס דו האָסט צו וויינען! ער איז געפאָהרען אין אמע־ריקא — מה רעש? ער וועט דאָרטען אָנקלייבען אביסעל געלד. וואָס, א קאַליקע איז ער? און וועט קומען צוריק.

— הלואי! — האָט פּלטיאל געענטפערט מיט א זיפץ.

— אָבער פאָהרען אָהן מיין ידיעה, מיר ניט זאָגען קיין וואָרט — האָט זלאַטע געזאָגט מיט ביטערע טרערען.

— און וואָס וואָלט געווען, אז ער וואָלט דיר געזאָגט? וואָלט דיר דען געווען איצט בעסער? מסתמא האָט ער געוואוסט, אז דו וועסט איהם ניט לאָזען פאָהרען — האָט ער דיר ניט דערצעהלט. הער מיינע ווערטער, דו וועסט באַלד פון איהם באַקומען א בריעף. פיעל איז, צייט ער איז אוועקגעפאָהרען — זעקס וואָכען?

— צוויי חדשים.

— הער, טאָכטער, זאָרג ניט, מען טאָר ניט זאָרגען, ובפרט אז דאָ איז ניטאָ וואָס צו זאָרגען, אם ירצה השם, דו וועסט א בריעף באַקומען.

א ווייל׳ע זיינען זיי געוואָרען שטיל. זלאַטע האָט געווישט די טרעהרען פון די אויגען און א שטראַהל האָפנונג האָט זיך אין זיי באַוויזען.

— און וואָס איז מכּה די אַרבייט? — האָט דער זיידע גע־פרעגט.

— דערווייל אַרבייטען זיי נאָך. נור, פאַרשטעהט זיך, אָהן זיין השגחה וועט דאָס לאַנג קיין קיום ניט האָבען.

דאָס געשפּרעך האָט זיך ווייטער איבערגעריסען. וואָס איז דאָ פאַראַן צו פרעגען און וואָס איז דאָ פאַראַן צו ענטפערען? דאָס הייסט נור שיטען זאַלץ אויף די וואונדען.

— דער בריעפטרעגער! דער בריעפטרעגער! — האָבען זיך דערהערט עטליכע קולות פון דעם אַרבייט־צימער. זלאַטע איז אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט און איז געלאָפען צו דער טיהר. נאָך איהר זיינען געלאָפען די מיידעלאַך און פּלטיאל און אפילו דער אַלטער זיידע האָט זיך געלאָזט געשווינד געהן מיט'ן שטעקען צו דער טיהר. דער בריעפטרעגער איז אַריינגעקומען און האָט זלאַטע'ן דערלאַנגט אַ גרויסען קאָנווערט. די פאַרבען האָבען זיך איהר אָנגעהויבען צו בייטען, די הענט האָבען געציטערט און האָט ניט געקענט עפענען דעם קאָנווערט. פּלטיאל האָט פון איהרע הענט אַרויסגענומען דעם בריעף און האָט מיט זיינע ציטערדיגע הענט איהם אויפגעעפענט און גענומען לייענען אויפ'ן קול:

„צו מיין טהייערע ווייב מרת זלאַטע תחיה און צו מיינע טהייערע קינדערלאַך זאָלען לעבען.

ערשטענס קום איך אייך צו מעלדען, אַז איך בין אַ דאַנק גאָט געזונד, גיב גאָט דאָס זעלבע פון אייך צו הערען.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז איך בין שוין אין אַמעריקא. וואָס זאָל איך דיר זאָגען? מיר איז אמעריקא ניט געפעלען און איך האָב חרטה אויף מיין פאָהרען. איך בענק אַזוי אַהיים".

זלאַטעס געזיכט איז ליכטיגער געוואָרען און זי האָט מיט'ן פאַרטוך גענומען ווישען די אויגען.

„אויפ'ן שיף האָב איך געליטען סכנת נפשות. איך האָב מיט זיך קיין זאַך ניט געהאַט. איך האָב דיר ניט געוואָלט זאָגען אַז איך פאָהר, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיר ניט לאָזען און איך האָב מיט זיך גאַרניט גענומען. נור איצטער בין איך שוין אַל־רייט. היינטיגע וואָך האָב איך אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין אַ פעקטאָרי און פאַרדין דערווייל אַכט רובעל אַ וואָך, נור איך פאַרהאָף צו גאָט, אַז איך וועל פאַרדינען מיט דער צייט מעהר. זאָרג ניט, מיין ווייב, און איהר, קינדערלאַך, דאגה'ט אויך ניט. אין גיכען וועל איך אייך אַרויסשיקען אַביסעל געלד.

פון מיר דיין געטרייען מאַן יעקיל".

דערנאָך זיינע געגאַנגען געווען גערוסען כסדר צו אַלע פריינד און באַקאַנטע און שכנים, יעדער אויסגערעכנט מיט׳ן נאָמען, און אַלע זיינען געבליבען צופרידען.

— האַ? וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — האָט דער זיידע געפרעגט זלאַטע׳ן — האָב איך דיר ניט געזאָגט: זאָרגט ניט! קלאָגט ניט, עס וועט קומען פון איהם אַ בריעף?

ווען די ערשטע שמחה איז אַביסעל אריבער און זלאַטע איז געקומען אַביסעל צו זיך, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס קינד איז וויגעלע איז הייזעריג געוואָרען שרייענדיג. זי איז צוגעלאָפען צו איהם און גענומען איהם דערצעהלען, אַז פון טאַטען איז אַנגעקומען אַ בריעף און ער וועט באַלד אַרויסשיקען געלט און זי וועט איהם קויפען זעקעלאַך מיט שיכעלאַך און ער דאַרף ניט וויינען.

אין צוויי חדשים אַרום האָט יעקיל צוגעשיקט זלאַטע׳ן אַביסעל געלד. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעשיקט זיין „פּיקטשע“. ער האָט אויפ׳ן פּיקטשור אויסגעזעהן ווי אַן אמת׳ער פּריץ, די באָרד געגאָלט, מיט אַ געפּרעסטען העמד, מיט אַ זייגער, מיט אַ קורצען ראָק און אפילו די קאַמאַשען האָבען זיך געזעהן — זיי זיינען געווען מיט בענדלאַך. זלאַטע׳ן האָט אַביסעל וועה געטהאָן, וואָס דער צלם אלהים איז כמעט אינגאַנצען אַראָפּגענומען פון יעקיל׳ס פּנים, נור צו דערזעלבער צייט האָט איהר הנאה געטאָן וואָס דער פּריץ איז איהר מאַן. אַזאַ לאַנד אַמעריקא! אַנדערש קען מען דאָרטען ניט זיין. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער ווייטער אַרויסגעשיקט אַביסעל געלד און אין פּאַרלויף פון דעם ערשטען יאָהר האָט ער איהר איבערגעשיקט העכער הונדערט רובעל.

.11

און נאָך צוויי יאָהר זיינען אַריבער.

מיעד און פאַרמאַטערט שלעפּט זיך זלאַטע איבער די ראָפּשאַנסקער גאַסען מיט צוויי גרויסע קאַשיקעס אין די הענט. אין איין קאַשיק ליגען אייער און אין צווייטען — געפּענטעטע הינער. דער שוויים גיסט זיך פון איהרע פאַרשוויצטע באַקען; די איינגעגראַבענע אויגען זיינען עטוואָס צוגעשלאָסען און דער קערפּער

אויסגעבויגען אונטער דער שווערער משא. זי פארקירעוועט זיך אין א קליין געסעל און געהט צו צו א קליין שטיבעלע. חנה׳לע, איהר איינגסטע טאכטער, לויפט איהר ארויס אנטקעגען מיט א געוויין.

— וואס? — פרעגט זלאטע קאלט און מיט א שוואכען קול.

— יענטע האט ביי מיר אויסגעמאנטעלט די ברויט, וואס דו האסט מיר געלאזען אין דער פריה — האט זי זיך געקלאגט.

— האסטו איהר ניט געדארפט געבען, — האט זלאטע געענטפערט, אנידערשטעלענדיג די קאשיקעס אויף דער ערד און צוגעזעצט זיך אויפ׳ן בעט, וואס איז געשטאנען נעבען טיהר.

— איך וויל עסען! — האט חנה׳לע זיך צעוויינט.

— עסען! — האט יענטקע אויך נעזאגט מיט א וויינענדיג קול און געקוקט אויף דער מאמען, ווי א זינדיגע.

— וואס ווילסטו? איז פאר דיר קארג, וואס דו האסט ביי חנה׳קען אויסגעמאנטעלט דאס ברויט?

— איך וויל עסען!

— לאזט מיר אפכאפען אביסעל דעם אטהעם.

— עסען! — זיינען ביידע מיידלאך צו איהר צוגעטראטען און אנגענומען איהר פאר׳ן פארטוך.

— רייסט מיר ניט! צופט מיר ניט!

ביידע קינדער האבען גענומען ראווען אויפ׳ן קול:

— עסען!

— נאט, פרעסט! — האט זיך ביי זלאטע׳ן פון האלז ארויסגעריסען א שרעקליכער קול און זי האט אויסגעשטרעקט איהרע ביידע הענט צו די קינדער — פרעסט, גריזשעט מיר!

נור די קינדער האבען ניט אויפגעהערט צו וויינען. זלאטע האט זיך א ווײַלע אפגערוהט און האט זיך דערנאך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום פריפעטשאק צוגרייטען ווארמעס. פון א ביסעל שווארצע מעהל האט זי געמאכט פארפעל און אויסגעקאכט דאס מיט אביסעל אקסענע שמאלץ.

חנה׳לע און יענטקע האבען געקראגען די ערשטע טעלער און זיי זיינען אנטשוויגען געווארען. ווען זיי האבען אויסגעזופט די

לעצטע לעפעל איז אין שטוב אריין אַז ארימאַן. זלאַטע האָט אָנ־געגאָסען א טעלער פאַרפעל און געגעבען איהם, נור נאָכ׳ן ערשטען לעפעל האָט ער די טעלער אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן אויווען און זיך איז דער שטיל אַרויסגערוקט: זיין חלק זופ קען ער אויסקלויבען און דאַרף די קישקע ניט אָנשטאָפּען מיט אַבי־וואָס. זלאַטע האָט גענומען די קאַשיקעס אין די הענט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיהר. פּלוצים האָט זיך די טיהר אַז עפען געטהאָן און גרונע זלמן אשר דעם שוסטער׳ס איז אריינגעלאָפען אין שטוב.

— זלאַטינקע, קרוין מיינער, לעבען מיינער, איך האָב פּאַר דיר אַ גוטע בשורה! היינט האָב איך באַקומען פון מיינעם אַ בריעף און ער שרייבט מיר...

— וואָס? — האָט זלאַטע געפרעגט און דאָס האַרץ איז איהר שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען.

— דו ווייסט דאָך, אַז מיינער איז אין ציגאַגע. דאָס איז אַ גרויסער מרחק פון אַמעריקאַ. ער איז שוין דאָרטען אַ פיינע פּאָר יאָהר, חוץ מיין שאָדען אויף דיר געזאָגט געוואָרען. ער מאַכט דאָרטען ניט שלעכט, גאָרניט שלעכט. ער האָט מיר איצט אויך געשיקט פופציג רובעל. זאָלען מיר אַזויביידע פופציג יאָהר לעבען אין נחת, דערנאָך וועלען מיר בעטען נאָך...

— וואָס שרייבט ער אָבער? — האָט זלאַטע געפרעגט אונגע־דולדיג.

— יאָ, שרייבט ער מיר אַזאַ מעשה: פּאַראַכטאַגען געהט ער אין גאָס און קוקט זיך אַזוי. ווי דענקסטו? דאָרטען איז פאַראַן אויף וואָס צו קוקען, אַ שפּאַס אַזאַ שטאָדט! מיינער איז שוין דאָרטען אַ פיינע פּאָר יאָהר און ער שרייבט מיר, אַז דאָרטען זיינען פאַראַן אַזעלכע גאַסען, וואו ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט, און מיינער איז אַזעלכער, וואָס פאַרשטעהט אין עסק, מען דאַרף איהם שוין קיין פינגער אין מויל ניט לעגען...

— אָבער וואָס שרייבט ער אייך? — האָט זלאַטע ניט אויס־געהאַלטען.

— יע, שרייבט ער, אַז פּאַראַכטאַגען געהט ער אַזוי איבער דער גאַס און אַ פּריץ קומט איהם אַנטקעגען. מילא, גאָרניט, אַ

פריץ געהט, זאָל ער געהן. װעמעס דאגה איז דאָס? קנאָפּ פּריצים זיינען דאָ פאַראַן אויף דער װעלט? ובפרט נאָך אין אַזאַ שטאָדט, װאו מיינער איז. װען מיינער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק װעג, פאַלט איהם איין אין זינען — דו װייסט דאָך, מיינער איז ניט קיין נאַר און אַן אויג האָט ער קיין קאַטאָװעס ניט. נאָך אין די יונגע יאָהרען איז ער אַמאָל געװען אַ שומר אין אַ גאָרטען פון אוגערקעס. דער גאָרטען איז געװען אַזוי גרויס, מיט אַן אויג ניט צו פאַרװאַרפען. זיצט מיינער אַזוי ביי נאַכט אין בודקע. די נאַכט איז געװען אַ ליכטיגע און ער זעהט, אַז עפּעס װייט, װייט, ריהרט זיך אַ קליינינקע זאַך, גרויס װי אַ יאַגדע, ניט מעהר, און װאָס קלעהרט איהר? דאָס איז געװען אַ גנב. ער איז געקומען גנב'ענען אוגערקעס...

— אָבער זאָגט מיר, װאָס שרייבט אייער אשר זלמן. מיר פאַלט אַרויס די נשמה.

— יאָ, — האָט גרונע געענטפערט און אויסגעשנייצט דעם נאָז אין פאַרטוך. — איך װעל דיר שוין מאַכען בקיצור: אַז מיינער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק װעג, פאַלט איהם איין אין זינען, אַז דער פּריץ קומט איהם אויס באַקאַנט. מיינער קלעהרט ניט פיעל, קעהרט זיך אום און געהט נאָך אַ שטיק װעג דעם פּריץ און טראַכט אַלץ, װאו האָט ער איהם געקענט זעהן? פּלוצים האָט ער זיך דערמאַנט, ער איז געװען ניט קיין אַנדערער װי דיין יעקיל!

זלאַטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט. דאָס געזיכט האָט איהר געפלאַמט.

— מיין מאַן, װאָס קלעהרסטו, האָט קיין שהיות ניט געמאַכט. איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם אָפּגעגעבען אַ „שלום־עליכם" און פאַנאַנדערגעשמועסט זיך מיט איהם. ער האָט איהם אַזוי פון הינטען אַרום גענומען טאַפּען און האָט אויסגעפונען, אַז ער פאַרדינט שטיקער גאָלד, ממש שטיקער גאָלד, נור...

— נור װאָס? — האָט זלאַטע געפרעגט, און דאָס געזיכט איז איהר בלייך געװאָרען װי קאַלך.

— נור אַ נכפה זאָל אויסקייקלען די יונגע בעל־הבית'לאָך! איידער זיי פאָהרען אַװעק פון דאַנען זיינען זיי שעהן און פיין,

כשר און גוט; און אז זיי קומען דאָרטען, ווערען זיי גאָר אנדערש. יעקיל — ווער האָט זיך דאָס אויף איהם געקענט ריכטען? נעהמט זיך, דו פאַרשטעהסט, און פאַרליעבט זיך אין א טייטשקע, ימח שמו זאָל זי ווערען.

זלאָטע איז געבליבען ווי פון א דונער געטראָפען.

— נור מיין מאַן שרייבט, אַז דאָס איז ניט אַזאַ גרויסע בייז. דאָרטען, אין אמעריקא, איז אזא זאַך קיין קאַטאָוועס ניט. פאַר אַזאַ זאַך קען מען אָוועק פּאַצוד. פאַרשטעהסט? דו דאַרפסט נור אהין קומען און ער וועט שוין שטעהן פאַר דיר אויף די קניע און בעטען דיר רחמים, דו זאָלסט איהם פּאַצוד ניט אָוועקגעבען. ער וועט דיר אָפּהיטען ווי די שוואַרצאַפּעל פון אויג. דו דאַרפסט נאָר צונויפדראַטעווען אויף הוצאות און, כאַלאָווע, דו וועסט פּטור ווערען פון אַלע דיינע צרות. נור דו זאָלסט איהם טאָקי פריהער אָנלערנען, זאָל ער וויסען ווי צו פאַרליבען זיך אין טייטשקעס, ימח שמו זאָלען זיי ווערען.

— זאָל דאָס אייך פאַררעכענט ווערען פאַר א מצוה! — האָט זלאָטע געענטפערט נאָך א קורצען שווייגען.

* * *

צונויפקלייבען אויף הוצאות איז געווען א שווערלאַכע זאַך. דאָס האָט גענומען א רעכט ביסעל צייט. דערווייל איז אָנגעקומען א בריעף פון זלמן אשרין, אַז יעקיל האָט זיך פון זיינע סטראַ־שונקעס דערשראָקען און איז איז אַנטלאָפען אין דער דריטער אמעריקא.

.1892

פון זאַוואָר אין באַר

(אַ בילד).

.1

— טפררו!

אין אַ שטילע הינטער-געסעל, פאַר אַ קליין הילצערנע הייזעל, וואָס איז ביז'ן פענסטערעל געזעסען אין דער ערד, האָט זיך אָפּ־געשטעלט אַ בעל־עגלה'שע פוהר. דער בעל־עגלה איז אַראָפּגע־שפּרונגען אָפּצעווישען די נאַסע פערד און דער איינציגער פּאַ־סאַזשיר, אַ בלאַסער איד פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט דער לינקער האַנט אויף אַ פּעטליע (טעמבלאַק) פון אַ רויטער טיכעל, וועלכע איז איהם געווען פאַרבונדען איבער'ן האַלז, האָט געוואָרפען אַן אומרוהיגען בליק אויפ'ן איינציגען פענסטערעל פון שטיבעל און מאַטערט זיך מיט דער איין רעכטער האַנט אַרויסצוקריכען פון וואָגען.

— וואַרט, ר' קרוב, איך וועל אייך באַלד העלפען, — זאָגט דער בעל־עגלה, צובינדענדיג די לייצעס צו אַ קראָקווע, וואָס איז אויף אַ היבשע שטיק אַרויס פון נידעריגען דאַך. דער פּאַסאַזשיר דאַך איילט זיך צו שטאַרק, אַז ער זאָל וואַרטען. ער שפּאַרט זיך אָן מיט דער רעכטער האַנט אויפ'ן דריינגעל פון וואָגען און נעהמט קריכען, דערווייל עפענט זיך אויף די טיר און פיער אויסגע־מאָגערטע קינדער, איינס אונטער'ן אַנדערען, לויפען אַרויס מיט אַ געשריי:

— דער טאַטע איז געקומען! טאַטע? מאַמע, דער טאַטע איז געקומען!

זיי זיינען אַלע מיט שמחה צוגעלאָפען צום וואָגען. זיי האָבען זיך דאַך אָפּגעשטעלט אין דער מיט וועג, די אויגלאַך זיינען ביי זיי געוואָרען גרויס, די פּנימ'לאַך אויסגעצויגען. זיי האָט געמוזט

דערשרעקען די רויטע פּאַטשיילקע, אָדער דעם-פּאַטער׳ס שוואַכ־קייט.

נאָך זיי איז גלייך ארויסגעלאָפען א יונג ווייבעל מיט פאַר־קאַטשעטע, נאָך נאַסע הענט, אָקאַרשט פון א באַליע אוועק.

— אשר?! — האָט זי א געשריי געטאָן און די גרויע אויגען האָבען זיך איהר אָנגעצונדען פון פרייד, נאָר באַלד האָט זי דער־זעהן די פּעטליע, האָט דערשראָקען א בליק געטאָן אויף אשר׳ן און די אויגען זיינען איהר פאַרלאָשען געוואָרען.

— וואָס מאַכט איהר? — פרעגט אשר, אראָפּקריכענדיג מיט דער ווייב׳ס הילף פון פוהר.

קיינער ענטפערט ניט קיין וואָרט, זיי קענען ניט די אויגען אָפּרייסען פון דער פּעטליע.

— דאָ דאַרף זיין — זאָגט אשר, ווייזענדיג אויף דער פוהר — א טאָרבעטשקע און א פלאַש מיט וואַסער.

זי נעהמט זוכען אין פּאַלומעשאַק פון וואָגען, און אשר קושט דערווייל די קינדער. — נאָר פּאַוואָליע — בעט ער זיך, — שפּרינגט ניט ארויף... די האַנט...

זי האָט דערווייל אויסגעזוכט די טאָרבעטשקע און די פלאַש. זי נעהמט פון איהם די אויגען ניט אראָפּ, קוקט אויף איהם צו־שראָקען און פרעגט ניט וואָס ער מאַכט. זי פיהלט, אז ס׳איז א צרה געשעהן. זיי געהען אַלע אריין אין שטוב. עס האָקט אריין אין נאָז א ריח פון ברודיגע וועש, פון לויג. ס׳איז דושנע, ס׳שטיקט אין האַלז. אשר זעצט זיך נעבען טיש. זי לעגט אוועק די טאָרבעטשקע אויף א בענקעל נעבען טיר, די פלאַש שטעלט זי אויפ׳ן פענסטער און אַליין שטעהט זי איהם אַנטקעגען און קוקט אויף איהם מיט גרויס רחמנות און פאַרצווייפלונג.

די טיר עפענט זיך און דער בעל־עגלה געהט אריין אָפּנעהמען זיין פוהר־געלט. אשר נעהמט ארויס פון קעשענע די בייטעלע, גיט איהר איבער דער ווייב און הייסט איהר באַצאָהלען פיער גילדען.

דערווייל זיינען די אינגערע דריי קינדער צוגעגאַנגען צו דער טאַרבעטשקע, האָבן איהר פאַנאַנדערגעבונדען, אַרויסגעצויגען אַ טלית־זאַק, דערנאָך אַן אָקראַיעץ אַלט געבייטעלטעם ברויט.

— אַי, געבייטעלטער ברויט! מיר אַ שטיקעל!

— מיר אַ שטיקעל!

— וואָס איז דאָרט? — האָט זיך די וויבעל געווענדעט צו די קינדער.

— געבייטעלטער ברויט, מאַמע! מיר אַ שטיקעל, מאַמע! מיר אַ שטיקעל!

— זולל וסובא׳ס, פרעסער, טריפה העלזער! פרעסען ליגט אייך איצט אין זינען. געזעהן, ווי די היישעריקען אַנגעפאַלען!

נאָר אַזוי מוסר׳נדיג איז זי צוגעגאַנגען צו די קינדער, האָט אָפּגעבראָכען דריי שטיקלאַך ברויט און צוטיילט צווישען זיי. אַ ווײלע האָט זיך אין שטיבעל געהערט אַ טשאַמקעריי. ביי אשר׳ן האָט זיך אַרויסגעריסען אַ שווערער זיפץ פון האַרץ. באַלד זיינען די קינדער ארויסגעלאָפען אויף דרויסען.

דער בעל־עגלה האָט אַרונטערגערוקט די האַנט אונטער דער היטעל און געקראַצט אַ רגע דעם פאָרענט פון קאָפּ, האָט צוגע־ווינשט אַ רפואה שלימה, אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַרויס.

— וואָס מאַכסטו? — האָט זי ענדליך געפרעגט אשר׳ן.

— אַ דאַנק דעם אויבערשטען.

— „זי" איז דיר איצט, חלילה, ערגער, וואָס דו האַלטסט איהר אַין אַ פּעטליע?

— מען האָט מיר געמאַכט אַן אָפּעראַציע.

— וועה מיר, וועה מיר! — האָט זי ביטער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— דו האָסט געליטען גרויסע יסורים? — האָט זי געפרעגט אין אַ ווײלע אַרום.

— אַ דאַנק דעם אויבערשטען, אַבי איבערגעקומען.

זיי בלייבען אויף אַ רגע שטיל. זיי קוקעןביידע עפּעס ווי אַן אַ זייט.

— דו וועסט אפשר עפּעם עסען ? צרות גרויסע; האָי וואָלט עס זיין כאָטש אַ לעפּעל געקעכץ!

— ניין. עסען וויל איך ניט. אַ גלעזעל וואַרימס וואָלט איך איצט געטרונקען.

שפּרינצע האָט געשווינד אויף זיך אַרויפגעוואָרפען אַ פאַטשיי־לע און איז גיך ארויס פון שטיבעל.

אַשר האָט אָהן דעת אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ צו דער פּאָליצע איבער דער טיר. פון אייביג־אָן זיינען דאָרט געשטאַנען: אַ גרויס־סער קופּפערנער טשייניק, עטליכע קופּערנע שאַגאַנציקעס, וואָס האָבען געבלאַנקט ווי אַ שפּיגעל. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ מע־שענע שטויסעל מיט אַ שווערען מערזער. אין גאַנץ געסעל האָט מען געוואוסט, אַז שפּרינצע אַשר׳ס האָט אַ שטויסעל. ווער ס׳האָט נאָר געדאַרפט פון געסעל שטויסען פעפער איז אַהער געקומען לייען. איצט, חושך אויף דער פּאָליצע. ס׳איז דאָרט פּוסט... ס׳פאַר־קוועטשט איהם דאָס האַרץ.

— דוכט זיך... ניין... פאַר מיין אָפּפאָהרען איז נאָך געווען... און אפשר, אפשר איז שוין דעמאָלט געווען אַ תל פון דאָס ביסעל אָרימקייט.

איהם וואָלט עס שוין אַזוי ניט אַרען: יאָ אַ שטויסעל, ניט אַ שטויסעל. נאָר ווי איז איהר צום האַרץ?

אַשר ווייסט גוט, ווי טייער ס׳איז ביי איהר געווען דאָס ביסעל קופּער, וואָס פאַר אַ נחמה עס איז געווען פאַר איהר, אַ שטייגער, שבת ביי טאָג נאָכ׳ן פּעטען וואַרימעס, ווען מען פלעגט זיך צור־לעגען שלאָפען, צו קוקען מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען פון בעט אַקעגענאיבער אויף די ריין־אויסגעשטעלטע קופּער. ס׳אַרא זיסער שמייכעל ס׳פלעגט ליגען ביי איהר אויף די ליפּען. היינט די שטויסעל!

ער דערמאָנט זיך, ווי שפּרינצע פלעגט צו איהם טענה׳ן, ווען אַ שטייגער די שטויסעל פלעגט פּלוצים פאַרפאַלען ווערען, אַ שכנה פלעגט פאַרגעסען אָפּטראָגען און אין שטוב האָט מען זיך גע־דרעהט דעם קאָפּ, מען ווייסט ניט ווער ס׳האָט געליהען און דאָ איז שוין שפּעט, ס׳טרייבט שוין אַריין אין שבת, אַ געוואַלד, אַ ליאַרעם,

אַ געשריי, אַ געפּילדער, שפּרינצע קלה׳ט, קאַרנייעט, און אַז די שטויסעל געפינט זיך, דער כעס געהט איבער, פרעגט ער איהר: פאַר וואָס באַהאַלט זי ניט די שטויסעל? אַ סוף, ווער קיינער ניט נעהמען און זי וועט פאַרשפּאָרען צו שילטען.

— אַז אַך און וועה — זיפצט זי — די גרויסע צדקות וואָס מיר טוען! מען לעבט ווי די בהמות נאָר פאַר זיך און פאַר זיך, אפילו קיין שטויסעל ניט לייהען.

— ס׳אַ פּנים זי האָט געקראַגען. ס׳איז איהר ניט צו דער־קענען.

די טיר האָט זיך געעפענט און שפּרינצע איז אַריין מיט אַ טשייניק טיי אין האַנט.

— דערווייל וועט די וואַסער קאַלט ווערען און דאָ האָב איך נאָך די גאַנצע גרעט צו וואַשען — האָט שפּרינצע געזאָגט, ווען זי האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די פּאַטשיילע, פאַרקאַטשעט די אַרבעל און איז געגאַנגען צו דער באַלייע און גענומען וואַשען.

נאָכ׳ן טיי האָט זיך אָשר אויפגעהויבען, אַרויסגענומען די קראַנקע האַנט פון פּעטליע, מיט׳ן מויל און געזונטער האַנט האָט ער אָפּגעבונדען דאָס טיכעל פון דער קראַנקער, פון פענסטער אַראָפּ־גענומען דאָס פלעשעל מיט קאַראַבאָל וואַסער און געוואָלט באַנעצען דאָס טיכעל, נאָר שפּרינצע האָט אַוועקגעוואָרפען די באַליע, אַפּאָר מאָל אַ ריב געטאָן די הענט פון רעכטען און לינקען זייט אָן קלייד, איז צונעגאַנגען צום טיש און גענומען דאָס טיכעל און פלעשעל.

— אַך! — האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען אַ געשריי, ווען זי האָט דערזעהן די אָפּערירטע האַנט. די אויגען זיינען ביי איהר פון שרעק געוואָרען נאָך אַמאָל אַזוי די גרויס, דאָס מויל האָט זיך איהר אויפגעעפענט און זי איז געבליבען פאַרשטאַרט.

די גאַנצע פויסט פון דער לינקער האַנט איז ביי אָשר׳ן געווען אַראָפּגעהאַקט. דער עלענבויגען האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ שפּיציג שטיק רויטע פלייש און אַ שטרופּ ביים סאַמע עק.

איינינע סעקונדען איז שפּרינצע געשטאַנען שטום.

— אַ בראָד צו מיר! ס׳טוט וועה? זעהר וועה? — האָט זי געפרעגט, ווען זי איז געקומען עטוואָס צו זיך, און מיט ציטערדיגע הענט גענומען נעצען דאָס טיכעל אין וואַסער.

— ניין; ס׳ברענט נאָר.

— וועה מיר! ס׳אַרא יסורים דו האָסט געבאַד געהאַט.

— מען האָט מיר געגעבען אַ שלאָף־טרונק. בינד דאָ צו, אָט דאָ, נאָר ניט שטייף, — האָט אָשר געוויזען אויפ׳ן סוף האַנט.

די גאַנצע איינגעווייד האָט ביי שפרינצען געטרייסעלט, ווען זי האָט פאַרבונדען דאָס טיכעל, די פיס האָבען איהר געבויגען און די קניה האָבען איהר געכאַפּט אַ ציטער. זי האָט מורא געהאַט איהם חס־ושלום צו געבען אַ שטאַרקען דריק. זי איז געווען גרייט צו פאַלען אין חלשות ביי זיינעם אַ ליאַדע קרים.

נאָכ׳ן פאַרבינדען איז זי עטליכע מינוט געשטאַנען אומבאַוועגט. ענדליך האָט זי זיך דערמאַנט, האָט אַ שווערען און ביטערען זיפץ געטאָן און איז ווייטער צוגעגאַנגען צו דער באַליע.

אָשר איז צוגעגאַנגען צום בעט און זיך צוגעלעגט אָפּרוהען פון וועג.

— וואַרט, אָשר, איך וועל דיר פאַרריכטען דעם קישען.

— ס׳איז אַזוי אויך גוט.

— מען האָט דיך לאַנג געמוטשעט? — האָט שפרינצע געפרעגט אין אַ ווייל̀ע אַרום, אָנשפּאַרענדיג זיך מיט די דלאָניעס אָן דעק באַליע און אָפּקעהרענדיג דעם קאָפּ אין אָשר׳ס זייט.

— איך ווייס אויך ניט. אין שלאָף האָב איך ניט געשפירט.

— פאַר וואָס, פאַר וואָס, גאָט גערעכטער, קומט דאָס אונז אַזאַ שטראָף? — איז איהר אויף אַ רגע איינגעפאַלען אַ מחשבה און זי האָט זיך ווייטער גענומען צום וואַשען.

אָשר האָט איינגעדרעמעלט. זי האָט הינטערוויילעכטס געוואָרפען אַ בליק אויף איהם, האָט זיך צוגעקוקט צו זיין בלאַסקייט, צו זיינע איינגעגראָבענע אויגען, צום צורונצעלטען שטערן און איהר האָט געדוכט, אַז דאָס איז ניט איצט געוואָרען, זי האָט געלייענט ביי איהם אויפ׳ן פּנים, וואָס פאַר אַ יסורים ער האָט אין דער לעצטער צייט אויסגעליטען. הייסע טראָפּענס טרעהרען האָבען

זיך געקייקעלט איבער איהר פּנים, זיינען געפאַלען אין באַליע און זיך אויסגעמישט מיט׳ן וואַסער.

— וואו האָט ער גענומען אויף הוצאות? — גנב׳עט זיך איהר אין קאָפּ אריין אַ מחשבה.

ביז רעבּע פאַרנאַכט איז אַשר געשלאָפען און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער גלייך געלאָפען דאַוונען מנחה־מעריב. שפּרינ־צע האָט ביז שפּעט געוואַשען דאָס גרעט. די קינדער האָבען אין אין אָבענד געיענטשעט עסען און דריי, די אינגערע, זיינען יענ־טשענדיג איינגעשלאָפען. איינער, אַ אינגעלע, האָט אָנגעשפּאַרט די קעפּעל אויף די צוזאַמענגעלעגטע הענטלאַך אויפ׳ן טיש, אַ צווייטעס קינד, אַ מיידעלע, האָט זיך צוגעמאַשטשעט אויף דער ערד, די קעפּעל אָנגעשפּאַרט אויף אַ שייטעל האָלץ, אַ דריטעס קינד, אויך אַ מיידעלע, האָט זיך געזעצט אויף אַ פּאָלעניע אָנגע־שפּאַרט אָן דער אייוועלע און זיי זיינען אַזוי איינגעשלאָפען. דאָס פערטע, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר זיבען, איז געשטאַנען נעבען באַליע און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איהרע מלאכות האָט זי שוין גע׳פּטר׳ט. קאַרטאָפעל האָט זי אָנגעשאַבען, די פענדעל אויס־געשייערט, די פאַרפעל צוהאַקט.

אַז שפּרינצע האָט געענדיגט וואַשען דאָס גרעט האָט זי זיך גענומען צו דער וועטשערע, האָט אויף דעם פּריפּעטשאָק פאַנאַנ־דערגעלעגט פייער און צוגעשטעלט אַ פאַן מיט וואַסער און אַז דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען צו זידען, האָט זי אין טאָפּ אַריינ־געבראַקט עטליכע קאַרטאָפליעס און אַז ס׳האָט אויפגעקאָכט האָט זי אַריינגעשיט אַ ביסעל „פּאַספּעליטקע פאַרפעל" און „פאַרווייסט" מיט אַ האַלבע קוואַרט מילך.

ווען די וועטשערע איז פאַרטיג געוואָרען, איז אַשר שוין געווען געקומען פון מנחה־מעריב. מיט פיעל מאַטערניש האָט מען די קינדער אויפגעטשוכעט און פאַרשלאָפענע, פאַרוויינטע, קראַצענדיג זיך, האָבען זיי גענומען זופּען די פאַרפעל. דערווייל האָט זי אויסגעבעט פאַר זיך און די קינדער דאָס בעט און פאַר אַשר׳ן אויבען־אָן די באַנק.

— אפשר וועסטו שלאָפען אין בעט? פאַר די קינדער וועט זיין די באַנק.

— ניין, ניין, — האָט זיך אשר אָפּגעזאָגט, וואָרים אויב אַזוי וואָלט שפּרינצע אויסגעקומען שלאָפען אויף דער גאָלער ערד אָדער זיין אויף אַ גאַנצע נאַכט. די קינדער האָבען מיט אשר'ן ניט גע־קענט שלאָפען, זיי וואָלטען איהם אָנגעריהרט די האַנט.

שפּרינצע האָט די קינדער אויסגעטאָן און געלעגט שלאָפען צו זיך אין בעט. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט צום טיש און גענומען זופען צוזאַמען מיט אשר'ן די וועטשערע.

זי האָט אויסגעפרעגט כסדר פון ערשטען טאָג, ווען ער איז אַוועק אין ווילנא, ביז היינטיגען טאָג און האָט געבעטען, ער זאָל איהר אויסדערצעהלען פון האָר ביז גאָר.

אשר האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען און האָט גענומען דערצעהלען. נאָר ביי די ערשטע ווערטער האָט ער באַמערקט, אַז די אויגען ווערען איהר פאַרגלעזערט.

— געה, שפּרינצע, לעג זיך אָפּרוהען, דו פאַלסט דאָך אויף דער נאָז שלאָפען! — האָקט אשר איבער דעם דערצעהלען — איך וועל נאָך צייט האָבען...

— דערצעהל, דערצעהל, אשר, איך וויל ניט שלאָפען! — רייסט זי מיט געוואַלד אויף די אויגען.

נאָר אשר עקשנ'ט זיך איין און לעגט אָפּ דעם דערצעהלען אויף מאָרגען.

שפּרינצע וויל איהם העלפען זיך אויסטאָן, נאָר אשר זאָגט זיך אָפּ, ווייל ער וויל נאָך ניט שלאָפען. ער האָט זיך אויסגע־שלאָפען ביי טאָג, און ליגען אַזוי איז איהם שווער אויף איין זייט.

שפּרינצע האָט אָנגעשעפּט אַ קענדעל וואַסער, האָט איהר אָוועקגעשטעלט ביי זיך צוקאָפּענס, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די קליידער, געוואַשען די הענט און מיט אַ פאַרשלאָפען קול גענומען זאָגען „המפּיל“ און איז ביי די ערשטע ווערטער איינגעשלאָפען ווי אַ גע'הרג'עטע.

2.

אין שטוב איז געווען זעהר דושנע און אשר איז אַרויס אין דרויסען. עס איז געשטאַנען אַ זומער־נאַכט, די לבנה האָט העל געשיינט, אַ שטילינקער ווינטעלע האָט געבלאָזען. אשר האָט זיך געזעצט אויף דער פּריזבע נעבען שטוב.

ווען ער איז געווען געזונד האָט זעהר ליעב געהאַט צו זיצען זומער נאָך מעריב אויף דער פּריזבע און קוקען אויפ׳ן הימעל. וואָס האָט ער געקוקט? גלאַט אַזוי. ס׳איז אַ נחת צו קוקען אויף גאָט׳ס שעהנע וועלט און צו זעהן די גרויסע וואונדער, וואָס ער האָט באַשאַפען. ווען דער „תיו" איז געווען אויפ׳ן הימעל, פלעגט ער די אויגען פון איהם ניט קענען אָפּרייסען. וואָס פאַר אַ סוד ליגט אין דעם הימעל־כתב? נאָר איצט איז אשר געווען ווייט פון די געדאַנקען. פינסטערע רעיונות האָבען איהם געעגבערט דעם מח: אַ וועשערקע... אַזאַ שוואַכע באַשעפעניש... איהר כח... אַריי־מע קינדערלאַך... לאַנג, לאַנג איז ער אַזוי געזעסען. ענדליך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון שלאָף, און אַ קוק געטאָן אַרום זיך.

אין געסעל פוןביידע זייטען זיינען געלעגען טערנאַווקער איינ־וואוינער און געשלאָפען. די מאַנסבילען אין גאַלע גאַטקעס מיט פאַנאַנדערגעשפּיעלטע העמדער און די ווייבער אין קליידלאַך צו־געדעקט מיט לייליאַכער. די קינדערלאַך זיינען געלעגען קופּקעס־ווייז. פיסלאַך, הענטלאַך, קעפּלאַך זיינען געווען אויסגעמישט. ערטער־ווייז האָבען זיך צוויי קופּקעס פון ביידע זייטען שטיבלאַך, אין שלאָף צונויפגערוקט און האָבען פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון געסעל און ווען עמיצער האָט געדאַרפט דורכגעהן האָט ער אַנדערש ניט געקענט, סיידען אַנטרעטען עמיצען אויף אַ קעפּעל, פיסעל, הענטעל.

אשר האָט זיך אויפגעהויבען פון פּריזבע און איז צוריק אַריין אין שטוב. ער זעצט זיך אויפ׳ן געלעגער און קוקט אויף די צו־נויפגעדרעהטע גרעט, וואָס ליגט נעבען טיר אויפ׳ן בענקעל.

— זי קלייבט זיך מאָרגען „אויפ׳ן טייך".

ער לאָזט אַראָפּ די אויגען צו דער ערד: די פּאָדלאָגע איז „פאַרפּליוכעט", פאַרמיסטיגט. דער בליק זיינער שטעלט זיך ניט

אַפּ. ער שפּרינגט פון איין זאַך איבער אויף דער צווייטער. אַשר הויבט אויף די אויגען צו דער וואַנט און קוקט אויף משה מאָנטע־פיאָרע׳ס בילד, וואָס איז דיק באַדעקט מיט שטויב. קוקט, קוקט און פאַרגעסט כמעט אויף וואָס. נאָר דאַ לאָזט זיך אַראָפּ אַ שפּין פון דער סטעליע גלייך איבער דעם טיש. ער דרעהט זיך אין די שפּינוועבס, אַרבייט מיט די געלע פיסלאַך, וויגט זיך און הוידעט זיך.

אַשר ערוואַכט ווי פון דרעמעל, גיט זיך אַ קראַץ אין קאָפּ און נעהמט זיך אויסטאָן. שווער איז איהם אַראָציהען דעם כאַלאַט. די שטיוועל טוט ער אויס מיט דער הילף פון סטאָלקע פון טיש. ער שפּאַרט זיך אָן איהר איין מיט׳ן טילאַק פון איין שטיוועל און מיט דער צווייטער פוס דריקט ער דעם ווערך ביז די פוס ציהט זיך אַרויס. ער בלייבט זיצען אין אַרבע־כנפות און נעהמט ליי־ענען קריאת־שמע, נאָר באַלד פאַרפּלאָנטערט ער זיך, זאָגט אַוועק ביז „עזרת אבותינו“ און כאַפּט זיך באַלד צוריק; ער הויבט אָן ווייטער זאָגען.

אַז ער האָט געקאָנטשעט קריאת־שמע לייענען האָט ער אויס־געטאָן די איבעריגע קליידער און זיך אַנידערגעלעגט.

שפּרינצע איז אויסגעקומען מיט׳ן פּנים צו איהם. ער קוקט אַ רגע אויף איהר, ער זעהט ווי זי איז אונטער דער לעצטער צייט פאַר׳חושכ׳ט געוואָרען.

— אַן איבערקעהרעניש געוואָרען! ס׳איז קיינעם און קיין זאַך ניט צו דערקענען. און וואָס וועט זיין דער תכלית? דער תכלית— וואָס וועט זיין?

ער טראַכט, צו וואָס קען ער איצט טויגען? צוריק אָנקומען אויפ׳ן זאַוואָד און טאָן פריהערדיגע אַרבייט—קען ער ניט. צו דער אַרבייט דאַרף מען האָבען צוויי געזונטע הענט און ער איז אַ קאַליקע; און צו יעדער אַרבייט דאַרף מען האָבען צוויי הענט. וואָס קען ער איצט טאָן מיט איין האַנט?

— אַלע וועגען זיינען פאַר מיר איצט פאַרשטעלט, סיידען אַנטאָן אַ טאָרבע און געהן איבער די הייזער.

— איבער די הייזער!... איבער די הייזער!...—חוזר׳ט ער אהן דעת מיט זיך.

— אָפּגעהאַרעוועט אַ גאַנץ לעבען; אַזוי פיעל יאָהרען גע־פּראַצעוועט ווי אַן אייזעל, אַרויסגעצויגען געוואָרען אויפ׳ן פּוד און לסוף...

וואָס וועט ער טאָן מאָרגען, אין אַ חודש, אין אַ יאָהר אַרום? נאָר די צוקונפט איז פאַר איהם פינסטער. ער זעהט פאַר זיך קיין זאַך. איהם דאַכט זיך, אַז אויב ניט אין די הייזער געהן, דאַרף ער זיך לעגען און שטאַרבען פון הונגער—ער מיט די קינדער.

— פרעג ביי גאָט קשיות. גליקמאַן, דאַכט זיך, דאַוונט קיין מאָל ניט, רויכערט אום שבת, דאָס ווייב זיינס געהט מיט אייגענע האָר, היט ניט די דריי מצוות. אַז ער עסט ביים גוֹאישען אָפּטייקער מיטאָג ווייסען דאָך אַלע. די דיענסט האָט אַליין דערצעהלט—איז איהם גיט גאָט, און נאָך מיט דער פולער האַנט, און...

אָשר הויבט אָן זוכען חטאים אויף זיך, מפשפש זיין אין זיינע מעשים: גאָט שטראָפט ניט אומזיסט. דאַוונען האָט ער קיינמאָל ניט פאַרפעהלט... יאָ, ער איז אַ מאָל געפאָהרען אויף אַ חתונה און האָט דאָרט גענומען אָן איבעריגען טרונק בראַנפען און זיך פאַר־שלאָפען ביז שפּעט אין דער נאַכט, מנחה האָט ער דערוועיל פאַר־פעהלט, נאָר דערפאַר איז ער געשטאַנען צוויי שמונה־עשרה׳ס אין מעריב. ער לערענט ניט? זאָגט ער ניט קיין תהלים?—ער האָט קיין צייט ניט. אַ גאַנצע וואָך איז ער איינגעשפּאַנט, ווי דער אָקס אין סאָכע, שבת אָבער זאָגט ער אין דער פריה נאָכ׳ן דאַוונען מעמדות און הלכות שבת, נאָך וואַרימעס לערענט ער „עין יעקב“. מענשען קיין טובות טוט ער ניט?—ער קען ניט, קוים וואָס מען לעבט זיך דורך. אויף שבת אַן אורח פלעגט ער אַמאָל יאָ נעהמען... ס׳קען זיין... אפשר...

אָשר׳ן פאַלט אַריין אַ געדאַנק, נאָר ער וויל איהם פאַרשטופּען. ער שעהמט זיך פאַר זיך אַליין: ער האָט ליעב געהאַט שפּרינצען, אַ שטייגער ווען די קינדערלאַך פלעגען איינשלאָפען נאָך אַ גוטע וועטשערע, פלעגט ער איהר האַלזען, האַליובען, קושען.

— אַל תרבה שיחה עם האשה — פאַלט איהם אַריין אַ מאמר פון פּרק.

אַשר פּיהלט זיך ווי אַ גנב ווען מען כאַפּט איהם.

דער פּאַרדים פון זיינע געדאַנקען רייסט זיך פּלוצים איבער.

ער ליגט אַ ווײַלע שטיל און איז אין כעס אויף זיך, פאַר וואָס ער איז געווען אַזוי נאַריש.

נאַר אין אַ ווײַלע פּרוּווט ער אויף זיך מלמד זכות זיין.

— זי איז דאָך אַן אייגען ווייב, און פאַר וואָס?.. פאַר וואָס?...

דער פריהערדיגער געדאַנק קעהרט זיך איהם אום. ער געפינט דעם פּאַרדים.

אויב אַזוי, האָט דאָך גליקמאַן געדאַרפט זיין...

אַשר קען ניט געפינען אַזאַ שטראָף, מיט וועלכען גליקמאַן האָט געדאַרפט ווערען באַשטראָפט פאַר זיינע חטאים.

ער געדענקט, ווי ער איז אַמאָל געשטאַנען מיט גליקמאַנ'ען ביי איהם אין פאָדער־צימער. די טיר האָט זיך געעפענט און אַן אָרימע מיידעל איז אַריין בעטען אַ נדבה. זי איז געווען שלעכט געקליידט, נאָר דאָך איז זי געווען אַ שעהן מיידעל מיט שוואַרצע אויגען, יאָ, מיט שוואַרצע אויגען, ער געדענקט עס גאָר גוט.

— אַזאַ יונגע און געזונטע מיידעל זאָל געהן איבער די הייזער? — פאַרשעהמט איהר גליקמאַן.

— וואָס זאָל איך טאָן — האָט זי געענטפערט — אַז איך האָב ניט קיין אַרבייט.

— אַזאַ שעהנע מיידעל ווי דו קען געפינען אַ שעהנערע פּרנסה ווי געהן איבער די הייזער, אפילו ניט אַרבייטענדיג — האָט גליקמאַן איהר געזאָגט און אַ קניפּ געטאָן איהר אין באַק.

דאָס מיידעל איז אַנטלאָפען.

אַשר טראַכט אַ רגע און קען ניט געפינען אַ תשובה אויף די שאלה.

— מסתמא ווייסט גאָט וואָס ער טוט.

דאָס באַרוהיגט איהם אַ ביסעל. דאָך איז ער מקנא לייטישע מזלות.

— אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל, איז כאַטש צוריים זיך.

* * *

טונקעלע, טרויעריגע סצענעס פון זיין לעבען שווימען ארויס ביי איהם אין קאָפּ.

פון די פריהערדיגע קינדערשע יאָהרען געדענקט ער גאָר ווינ־ציג. ער געדענקט ניט דעם טאַטען און ניט דער מאַמען. דעם טאַטען געדענקט ער עפּעס יאָ, ווי דורך א חלום. ער געדענקט א אידעל מיט א יאַרמאַלקע, א געלע קאַפּאָטע, א לאַנגע מיט א שפּאָלט. עפּעס געדענקט ער אַן אָפענע האַרץ, געדיכט באַוואַקסען מיט שוואַרצע האָר, א שוואַרץ גראָב לייוועטענע העמד מיט בענד־לאַך. ער געדענקט, אַז צום אידען פלעגען קומען קינדער מיט ספרים, זיי פלעגען זיך אַרום איהם פאַנאַנדערזעצען, פלעגען אַלע שרייען און שאַקלען זיך, און דער אידעל פלעגט זיך בייזערען און שלאָגען. ווייטער געדענקט ער, אַז דער אידעל האָט זיך אַמאָל געלעגט אין בעט און האָט געקרעכצט, געקרעכצט. ער האָט איהם עטליכע מאָל צוגערופען צו זיך און געוויינט, קוקענדיג. ווייטער געדענקט ער, אַז דעם אידעל האָט מען אַמאָל אַוועקגעלעגט אויף דער ערד, אונטערגעבעט מיט שטרוי, אַרום האָבען געברענט ליכט און מענשען פרעמדע, איבערהויפּט ווייבער, האָבען געוויינט. מעהר האָט ער דעם אידעל ניט געזעהן.

ווייטער, געדענקט ער, אַז ער האָט געטראָגען א ספר אין האַנט, ער איז מיט נאָך קינדער געזעסען אַרום אַן אַנדער אידעל און יענער האָט זיך אויך געשלאָגען (מיט א פיער־לאַקשיגע צופּלינקע) און פלעגט דערצו נאָך קנייפּען אויך.

ווייטער געדענקט ער, אַז די מומע חיה פלעגט איהם צוזעהן. ביי איהר האָט ער גענעכטיגט, געשלאָפען אין א ווינקעל אויף דער ערד צווישען קאָמאָד און מזרח־וואַנט וואו דער זייגער איז געהאַנגען און געגעסען ביי איהר פרייטאָג און שבת; נאָר דער פעטער נחמן איז געווען זעהר א בייזער: פאַר זיינעם א קוק זיינען איהם די דמים איינגעפאַלען. די מומע האָט אָפט פון איהם געהאַט קאַלט און וואַרים פאַר׳ן „דאַרמאַיעד״.

ווייטער געדענקט ער נאָך א מלמד, א גמרא, א תלמוד־תורה, קלעפּ, פּעטש, השור — אַן אָקס, הבור — א גרוב, המבעה — וועט די גמרא ווייטער מפרש זיין, ההבער — א פייער און א כלומר.

ער געדענקט, ווי אין יענע ליכטיגע טעג איז ער אַרומגעלאָפען אין די בעל־הבית׳ישע הייזער מיט טעפלאַך פאַר פּרושים (חיה, די מומע, איז שוין געשטאָרבען און ער האָט זיך איבערגעצויגען אויף דירה אין בית־המדרש) און האָט געהאַט פאַר די שליחות אַ האַלבען רובעל און פיער גראָשען אַ וואָך. נאָך געדענקט ער אַ ווינטער (אוי, ס׳אַרא פרעסט עס זיינען דעמאָלט געוואַן!) ער איז געשפּרונגען אין צוריסענע שטיוועל איבער דעם שניי. רויטע, ווי בוריקעס, פינגער האָבען זיך אַרויסגעזעהן פון די אָפענע מייד־לער, ס׳האָט געשטאָכען אין די פיס, ווי מיט נאָדלען.

ביים אויווען אין בית־המדרש איז אפילו גוט געווען צו שלאָפען, אַ מחיה, ווארים, „די ביינער געהען גאָר אָפּ“, נאָר האַלבע נאַכט, אַזייגער צוויי־דריי, אָקאָרשט ווי ער איז איינגעשלאָפען מיט אַ פעסטען, רוהיגען קינדערשען שלאָף, הערט ער ווי מען שלעפּט איהם ביי דער האַנט.

— שטעה אויף! שטעה אויף! לאָז זיך אָנוואַרימען!

דער קאָפּ, דוכט איהם, איז אָנגעגאָסען מיט בליי. עס איז איהם שווער אַ הויב צו טאָן זיך, די אויגען זיינען צוגעקלעפּט, קוים וואָס ער רייסט זיי פאַנאַנדער.

— האַ־אַ־אַ? — פרעגט ער מיט אַ פאַרשלאָפען קול.

— שטעה אויף! שטעה אויף!

ער פיהלט, ווי יעדעס וואָרט לעכערט איהם אַריין טיעף אין מח, אַ טעמפּער מעסער שטעכט איהם דאָס לייב, נאָר ער האָט קיין כח ניט אויפצוהויבען זיך און ער דרעמעלט אין אַ רגע ווייטער איין, טיעף איינגעגראָבען אין צוקאָפּענס.

— לאָז זיך אָנוואַרימען, שטעה אויף! — רייסט מען איהם שטאַרקער.

ער עפענט ווייטער אויף די אויגען.

— „אַך, גזלן, גזלן!“ — ווילט זיך איהם אַ געשריי טאָן, נאָר ער רעדט ניט קיין וואָרט. ער הויבט זיך אויף פון געלעגער און קריכט איבער, האַלטענדיג אין איין האַנט דעם אונטערדעקענס, אין דער צווייטער דעם אויבערדעקענס, אויף אַ באַנק.

ס'הערט זיך פּלוצים אין שטיבעל אַ קול.
אַשר ערוואַכט פון זיינע געדאַנקען, גיט אַ קוק צום בעט.
— אַן אָפּעראַציע, וועה מיר! —
פון שלאָף רעדט זי.
אַשר קוקט אַ ווײַלע אויפ'ן בעט און פאַרטראַכט זיך באַלד ווייטער.
ער דערמאָנט זיך דעם טאָג, וואָס ער איז אָנגעקומען אויפ'ן זאַוואָד.
ס'איז געווען בין מנחה למעריב. ער איז געזעסען אין קלויז און האָט זיך צוגעהערט צו אַ שמועס, וואָס איז געגאַנגען ביי דעם אויוון. מען האָט דערצעהלט, אַז אין שטעדטעל איז אַראָפּ־געקומען אַ דייטש און עפענט אויף אַ זאַוואָד פון סעלצער וואַסער. דער דייטש איז „אין גרונט" אַ איד, נאָר ער פיהרט זיך ווי אַ דייטש. מען האָט דערצעהלט זיין גאַנצען יחוס: אין די יונגע יאָהרען איז ער גאָר געווען אַן אָרים־בחור און אַ רייכער שווער האָט איהם גענומען פאַר אַן איידעם, האָט איהם געגעבען עטליכע טויזענט רובעל נדן, נאָר דאָס געלט האָט ער גע'פּטר'ט כמעט ווי אין גאַנצען און איצט עפענט ער אויף מיט דאָס לעצטע ביסעל געלט דעם זאַוואָד.
— אין שטעדטעל וועט דערווייל אַריינקומען אַ שטיקעל פּרנסה, מענשען וועלען געפינען אַ שטיקעל אַרבייט.
אויף מאָרגען איז אַשר געגאַנגען צום דייטש בעטען אַרבייט.
— צו דער אַרבייט דאַרף מען זיין אַ געזונטער און איהר זייט דאַר און געל, — האָט איהם גליקמאַן, דער דייטש, געענטפערט.
— אַ געזונטער בין איך.
אַשר'ן האָט שוין לאַנג דערעסען דאָס לעבען אין קלייזעל און האָט אַלץ געזוכט מיטלען ווי זיך צו באַפרייען. ער האָט גע־וואָלט אָנקומען צו אַ בעל־מלאכה, נאָר קיינער האָט איהם ניט געוואָלט נעהמען אַהן געלט און דעריבער האָט ער זיך דערפרעהט, וואָס ער האָט געקראָגען אַן אָרט אויפ'ן זאַוואָד.
זיין אַרבייט אויפ'ן זאַוואָד איז געווען צו דרעהען די ראָד און ער האָט געהאַט צעהן גילדען אַ וואָך שכירות. די שכירות איז איהם

געווען איבער געגוג: אַ מענש אָהן עלטערן, אַ בחור, און וואָס האָט ער געדאַרפט?

— אומשטיינס געזאָגט, די גרויסע „פּאַטראָוועס" וואָס אַזוינער דאַרף האָבען!

אין דער פריה, נאָכ'ן דאַווענען, „געכאַפּט" אַן עק הערינג פאַר אַ גראָשען מיט אַ פונט ראַזאָווענעם ברויט, ביי טאָג איז מען אויפ'ן זאַוואָד, אַ גלעזעל לימאַנאַדע קאָסט קיין געלט און פאַר זיך מאַכט מען גאָר אַ גוטע גלעזעל, סאָק זשאַלעוועט מען ניט, מיט ברויט איז דאָס גאָר אַ מחיה, לייט צאָהלען דאָך פאַר דעם גוטע געלט...

און ביי נאַכט האָט מען אויף דער דירה וועטשערע: לאַקשען, פאַרפעל, גרויפּען, זופּ, וויפיעל דו ווילסט!

— אַ גוטע בעלת־הבית'טע געהאַט!

אין דער פריה, האַלב זעקס אַזייגער, האָט זי איהם שוין געוועקט:

— אָשר! אָשר! שוין באַלד זעקס! שוין צייט צו געהן אויפ'ן זאַוואָד!

און צעהן אַזייגער ביינאַכט, אַז ער פלעגט קומען אַהיים פון דער אַרבייט, פלעגט ער שוין געפינען די וועטשערע פאַרטיג.

— אַן עהרליכע אידענע געווען!

ביי אָשר'ן ווייזט זיך אַ שמייכעל אויף די ליפּען. ער דערמאַנט זיך אַ פרייטאָג צו נאַכט.

ס'איז געווען אַקאָרשט נאָך צימעס. ער האָט געהאַלטען אין בענשען און גערדרעמעלט זאַגענדיג.

— וואָס שנויצעסטו! בענש אָפּ און גע'פּטר'ט.

ער עפענט אויף די אויגען, קוקט אויף די בעל־הבית'טע פאַרוואונדערט, נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך. בענשט ווייטער און דרעמעלט ווייטער גלייך אײַן.

— שנויצע! — הערט ער די בעל־הבית'טעס קול, האַלב אין כעס.

ער עפענט ווייטער אויף די אויגען.

—בענש אָפּ, וועל איך מיט דיר עפּעס רעדען.

דער דרעמעל ווערט פאַרשוואונדען, ער בענשט אָפּ און וואָרט מיט אומגעדולד, וואָס וועט זי זאָגען. „דאָס איז ניט קיין גלאַטע מעשה".

ער איז געזעסען אויבען־אָן, זי צום טיר זייט. די פענסטער זיינען געווען פאַרפרוירען, נאָר אויבען זיינען די ברעגעס שויבען געווען אָפּגעגאַנגען און פון אַ ווינקעל האָט אויף זיי געקוקט אַ בלאַסע לבנה. אין דריי רעהריגען סטאַקאַן האָט זיך איין ליכטעל פאַרלאָשען און אַ בלויער שנירעלע רויך האָט זיך געהויבען, טרייס־לענדיג זיך אין אַלע זייטען, אין דער הויך.

ברײנע איז געזעסען מיט די פיס אָנגעשפּאַרט אָן סטאָלקע און מיט די האַנט אויף די פיס, אָנגעבויגען מיט'ן קערפּער מעהר צו אַשר'ן. אויפ'ן קאָפּ איז ביי איהר געווען אַ טשעפּטשיק אַרומ־געזעצט מיט סיטצענע בלומען, דער שטערן און די באַקען פול מיט טיפע קנייטשען.

— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען? — זאָגט זי צו איהם באַזאָרגט, צושאָקלענדיג צו יעדעס וואָרט מיט'ן קאָפּ. — דו ביזט מיר געפעלען. דו ביזט אַן אָרענטליכער בחור, ניט ווי די היינטיגע שלועס, דו ביזט אַ פרומער און אַ סטאַטעטשנער... איך וועל דיר גאָר רעדען אַ שידוך.

— וואָס רעדט איהר, ברײנע, — ענטפערט אַשר מיט אַ זיפץ — ווי קום איך צו אַ שידוך? וועלכע מיידעל וועט וועלען פון מיר הערען? אַז איך פאַרדין סך־הכל צעהן גילדען אַ וואָך? מיט וואָס איז מען מפרנס אַ ווייב?

— דער הענט־ניט־געוואַשענער איז אַ מפרנס, ניט אַ מענש, — זאָגט ברײנע שטרענג, — אַז ער גיט לעבען, וועט ער געבען צום לעבען, מען דאַרף נאָר אויף איהם האָפען. ער שפּייזט, ווי אין די הייליגע ספרים שטעהט געשריבען, פון דעם קליינינקען ווע־רימעל ביז דעם גרויסען וויזעל־טיר... דו ווייסט מיט וועמען איך וויל דיר ריידען?

ער שטעלט אוים אויף איהר אַ פּאָר אויגען און וואַרט.

— איך וועל דיר רעדען מיט שפּרינצען...

— איך וויים? — שטאַמעלט ער און דאָס האַרץ זיינס צאַ־פּעלט — איך וויים? נאָר זי וועט ניט וועלען.

— איך האָב דאָך אויך אַ שטיקעל דעה. זי איז דאָך עפּעס מיינע אַ קרובה.

איהם שטעלט זיך איצט פאַר איהר בילד, ווי זי האָט דעמאָלט אויסגעזעהן: אַ שטשופּלע מיט גרויסע גרויע אויגען, מיט בלאָנדע האָר, פאַרפלאָכטענע אין צוויי לאַנגע צעפּ. דאָס געזיכט איידעל, בלייך, מיט אַ קליין מיילכעל, און פלעגט ביי יעדעס וואָרט מיט אַן אומבאַקאַנטען רויט ווערען ביז די אויערען.

— אַ פיינע מיידעל געוועןן! נעבאַך! זי איז איצט פאַר־חושכ׳ט געוואָרען, ס׳איז איהר גאָרניט צו דערקענען.

זי פלעגט אַ מאָל קומען צו דער מומען. ער האָט צו איהר גרויס חשק געהאט, נאָר ער האָט זיך געהאַלטען נידעריגער פאַר איהר: וואָס טויג אַ בחור וואָס קען ניט פאַרדינען? נאָר ברײנע האָט זיך גענומען צום שדוך און זי האָט אויסגעפיהרט.

— שווער געוועןן צו לעבען מיט די שכירות.

די ערשטע פאַר יאָהר נאָך דער חתונה איז נאָך געוועןן ווי־עם־איז. גליקמאַן האָט איהם תיכף נאָך דער חתונה מוסיף געוועןן צעהן גילדען אַ וואָך, נאָר אַ פאַר יאָהר נאָך דער חתונה האָט שפּרינצע מיט מזל געבוירען אַ קינד, און אין אַ יאָהר אַ צווייטע און דערווייל איז די הוצאה געוואָרען גרעסער. פיעל האָט זיך שפּרינצע געמאַטערט לעבען מיט דריי רובעל אַ וואָך „מענשען גלייך". פיעל האָט זי געקאָרגט, געשפּאָרט, כדי ס׳זאָל זיך אָפּ־שטעלען אַ גראָשען אויף... אַז די בייזע שעה זאָל ניט זיין. און די בייזע שעה האָט זיך געטראָפען גאָר אָפט: דאָ רינט ביי אַ קינד פון אויערעל, דאָ קאָוועטשעט זיך אַ צווייטע מיט אַן אויי־געלע, דאָ מאַכט זיך אַ מכה׳לע און דעם פעלדשער גיט יעדעס מאָל אַ צעהנער.

— דאָס איז אַ פּרנסה! פאַר צוויי טריט אַ צעהנער! נתעשר ווערען זיי!

איהם פאַלט איין אַ געדאַנק: פיעל האָט ער געהאָרעוועט פאַר אַ צעהנער.

ביי איהם אין מאָרך שווימט אַרוים אַ זומער־טאָג. ער איז געשטאַנען אַהן אַ קאַפּאַטע ביי דער קאָקאַרניצע, האָט מיט דער פוס געדריקט די דעק, דער גאַז האָט זיך געצאַפּט אין פלעשעל. אין חדר איז קיהל, כאַטש אין דרויסען ברענט די זון. די פּאָד־לאָגע איז נאַס, ערטערווייז ליגען שטיקלאַך גלאָז פון געפּלאַצטע פלעשלאַך. די פלאַש, וואו ער צאַפּט דעם גאַז ווערט פול, דער באַלץ זעצט אַראָפּ דעם קאָראַק און ער כאַפּט פאַרדראַטעווען די פלאַש... טררראַך! די פלעשעל ווערט צושפּרונגען, אַ שטיק גלאָז גיט אַ זעץ אין בעלקע אַריין, ער פיהלט אַ שטאַרקען זעץ אין האַנט. ער גיט אַ קוק: אויפ׳ן דאַליאַן פון גראָבען פינגער ביז אַראָפּ, איז אַ גרויסער שניט, דער דאַליאַן שפּאַלט זיך אויף העלפט, אין שניט ליגען שטיקלאַך גלאָז; ער קאָלופּעט זיי אויס, בלאָזט אויס און וואונדערט זיך, וואס קיין בלוט זעהט זיך ניט.

— אַ דאַנק גאָט! אַהן סכנות! אפילו קיין בלוט זעהט זיך ניט.

נאָר פונדעסטוועגען כאַפּט ער אַראָפּ פון טישעל וואָס שטעהט דערביי, אַביסעל פּאַקוליעס, פאַרוויקעלט דעם שניט, נעמט ווייטער אַ פלעשעל און שטעלט איהם אונטער דעם קראַן. מיט דער פלעשעל ענדיגט ער, כאַפּט אַ צווייטע; די אַרבייט געהט פלינק, ער איז געוואוינט אין איהר. ער אַרבייט זיך איין און פאַרגעסט שוין גאָר אַן שניט. נאָר אַרבייטענדיג ווערט ער אַביסעל דערהיצט און פּלוצים... פּ־פּ־ף! — אַ שטראָם בלוט גיט אַ שווישטש אַז דער ערד. ער ווערט נשתומם און ווייסט ניט וואָס דאָס איז אַזוינס. ער כאַפּט זיך אַהן דעת צו דער האַנט און ווערט פון שרעק בלייך ווי קאַלך. די גאַנצע האַנט איז רויט פון בלוט. אַ שטראָם וואַרים בלוט זעצט איהם גלייך אַריין אין פּנים. ניט מיט זיין קול גיט ער אַ געשריי, דער קאָפּ הויבט איהם אָן צו דרעהען, דאָס האַרץ דריקט ווי מיט קליעסטשעס, די כחות געהען איהם אוים און ער פאַלט ווי אַ סנאָפּ אַן דער ערד.

ער הערט ווי די איבעריגע אַרבייטער לויפען צו איהם צו. דער בעל־הבית געהט אויך באַלד אַריין און זאָגט:

— אַהן בייז! אַהן בייז!

און מעהר געדענקט ער ניט.

אַז ער האָט אויפגעעפענט די אויגען האָט ער נעבען זיך דער־זעהן גרשון־תנחום דעם פעלדשער, די האַנט איז געווען פאַרווי־קעלט מיט געלע וואַטע, ס׳האָט זיך אַרום שניט געזעהן פאַרבאַקטע בלוט.

— ס׳אַרא טרעוואַגע איהר האָט דאָס אָנגעמאַכט! אַ נאַוועגע איז דען איינצושניידען זיך אַ האַנט? פע, חלשות מאַכען אַזעלכע העויות! — לאַכט גרשון־תנחום.

אַשר האָט זיך אויפגעהויבען פון טאַבורעטקע, וואו מען האָט איהם אַנידערגעלעגט ווען ער איז געפאַלען, איז צוגעגאַנגען צו דער קאַרקאַרניצע און האָט זיך ווייטער געשטעלט אַרבייטען.

— איך מאַך טאַקע אַ ווענען פון אַזא נאַרישקייט! אַ שניט— אַ טייערע מעשה! אַ נאַווינע דעם אידען קוגעל עסען!

און כדי ניט צו זיין קיין נאַר, נעהמט ער אַרבייטען שנעלער, מיט כל הכחות בריה׳ט ער זיך צו אַרבייטען ווי תמיד.

ער דערהיצט זיך ווייטער אַביסעל. אַ נייער שטראָם בלוט הויבט אָן מיט אַ שווישטשעריי צו פליסען, ס׳האָט אַראָפּגעשטויסען די וואַטע, ס׳האָט אַראָפּגעשמיסען דאָס שטיק פאַרגליווערט בלוט און דאָס בלוט שווישטשעט און שווישטשעט. אַ קעלט איז איהם אַרי־בערגעגאַנגען איבער׳ן לייב.

— געוואַלד, ראַטעוועט! — שרייט ער אויס מיט די לעצטע כחות.

גליקמאַן קומט באַלד אַריין אויפ׳ן געשריי, הייסט ברענגען אַ דראָשקע. די אַרבייטער העלפען אַשר׳ן אַרויפזעצען, גליקמאַן זעצט זיך אויך אַנידער און הייסט פיהרען צום דאָקטאָר.

גליקמאַן שטייגט פריהער אַראָפּ און געהט אַריין צום דאָקטאָר. דער דראָשקאַז העלפט אַשר׳ן אַראָפּקריכען און פיהרט איהם אַריין אין שטוב. אַשר לאָזט זיך אַראָפּ אויפ׳ן ערשטען שטול און וואַרט. מיט דער רעכטער האַנט דריקט ער דעם שניט, דאָס בלוט זאָל אַזוי ניט פליסען, נאָר ס׳העלפט ניט.

ס'איז געווען איבער עטליכע מינוט, קיינער געהט ניט אַרוים. ער פיהלט ווי מיט יעדען מינוט געהען איהם אויס די כחות. ער וואַרט נאָך אַ פּאָר מינוט, שטיל, קיינער באַווייזט זיך ניט.

— חאַ, חאַ, חאַ! אָן קופיל נאַ סיעם אי אַסטאַלסיאַ בעז טשעטיריאַק; מי יעוואָ פּראַוואַזיאַלי פּערסידסקים מאַרשעם...— ער דערקענט דעם בעל־הבית'ס קול.

— אַ שוואַרץ יאָהר אויף איהם. איצט האָט ער זיך אויסגע־קליבען דערצעהלען מעשיות.

ער פּויזשעט צו צו דער טיר, גיט מיט דער פּוס אַ'בריאַזג אין איהר:

— ראַטויטשי.

די דיענסט לויפט אַרוים ניט־טויט ניט־לעבעדיג פון צימער.

— אַ יעזוס מאַריע!

זי כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַר'ן קאָפּ, דערזעהענדיג ווי די גאַנצע פּאָדלאָגע איז פאַרגאָסען מיט בלוט.

זי פאַרהאַקט צוריק דערשראָקען די טיר און כאַפּט זיך אַריין אין צימער.

— יאַ קוואַם ס'באַלנים, — הערט אָשר ווייטער דעם בעל־הבית'ס קול.

ער הערט אַ סקריפּ פון אַ שטול, עמיץ גיט זיך האַסטיג אַ הויב און געהט געשווינט צו איהם אַרוים.

דער דאָקטאָר באַטראַכט איהם אַ רגע.

— אָן אָדער איז איבערגעריסען.

אַ קעלט געהט איצט אָשר'ן איבער'ן לייב. שרעקליכע יסורים האָט ער דעמאָלט געליטען, ווען דער דאָקטאָר האָט מיט אַ פּאָר־בייגט זילבערנעם שפּיזעל געדרוקט איהם דורכ'ן שניט אין האַנט, זוכען דעם אַנטלאָפענעם אָדער. אַ צייט, אַ צייט האָט ער געזוכט, געריסען, געצופּט דאָס רויטע פלייש מיט'ן שפּיזעל.

די כחות געהען איהם אויס און קראַפטלאָז פאַלט ער אונטער דעם דאָקטאָר'ס הענט.

אַז ער האָט אויפגעעפענט די אויגען, איז דאָס בלוט געווען איינגעהאַלטען. נעבען זיך האָט ער געזעהן שפּרינצע'ן.

— איצטער איז אָהן אַ געפאַהר.

שפּרינצע איז מיט איהם אַוועקגעפאָהרען אַהיים, האָט איהם אַריינגעלעגט אין בעט און ער איז איינגעשלאָפען.

3.

— אַן עבירה, ס'ברענט נאָך דאָס פייער, מען דאַרף פאַרלעשען.

אַשר הויבט זיך אויף געלעגער, הויבט אָן צו בלאָזען אויפ'ן בלעכענעם לעמפּעל. עס ווערט פינסטער.

ער ליגט שטיל.

ער דערפיהלט, אַז ס'בייסט איהם ביים אויער, ער שאַרט מיט דער האַנט איבער'ן קישען, טאַפּט אַן קליינע ברואים'לאך און וואַרפט זיי אויף דער ערד.

זיי האָבען מיך שוין „אָפּאַנעוועט", מען טאָר ביי טאָג ניט שלאָפען.

נאָר באַלד פאַרגעסט ער די ברואים'לאך. די איבערגעריסענע געדאַנקען הויבען ביי איהם אָן ווייטער צו אַרבייטען.

— באַנדאַרעס! באַנדאַרעס! זיי האָבען מיר די האַנט איבערגעפיהרט! ווען זיי וואָלטען מיך ניט גענאַרט, זיי זאָלען מיך ניט געוועזען טרייסטען אַז ס'איז אָהן סכנות, וואָלט איך די האַנט אפשר געהאַט.

ער דערמאָנט זיך, אַז חדשים־לאַנג האָט ער זיך געמוטשעט מיט די האַנט, בלויז פלעגט זיך אָפּט אַרויסרייסען און ער האָט די האַנט אויפגעהערט צו פיהלען. גוטע פריינד אפילו האָבען איהם געראַטען ער זאָל פאָהרען אין אַ גרויסע שטאָדט, נאָר „ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער".

אויף דער „הייסער" שעה, אַז דער חלף איז נאָך געלעגען אויפ'ן האַלז, וואָלט זיך נאָך געפונען אַ מיטעל, אָבער דער דאָקטאָר און דער פעלדשער האָבען געצויגען. דער לעצטער גראָשען, וואָס מען האָט נאָר געקענט אויסקוועטשען איז אַוועק און וואָס האָט ער געזאָלט טאָן?

— אַן אָרימאַן טאָר גאָר ניט זיין קראַנק.

אַשר׳ן דוכט זיך, אַז די סבה זאָל געווען טרעפען אַ נגיד, וואָלט ער אַרויס בשלום פון אומגליק. דער ווילנער דאָקטאָר האָט איהם געזאָגט, אַז לכתחילה האָט מען דאָס נאָך געקענט פאַרכאַ־פען, מען האָט דעם אָדער געקענט אָראָפּקוועטשען מיט אַ מאַשינקע, נאָר ער האָט זיך געכאַפּט צו שפּעט און דער אָדער האָט דערווייל אָנגעהויבען צו פוילען.

ביי אַשר׳ן איז שוין קיין ספק ניט, אַז אַ נגיד וואָלט אַרויס בשלום פון אומגליק.

פרעג ביי גאָט קשיות! דאַכט זיך, צו וואָס דאַרף אַ נגיד די האַנט? ער קען אַ קאַליקע אויך זיין דער זעלבער גביר, איז איהם גאָר לייכט זיך צו ראַטעווען, און מיר, וואָס ביי אונז איז דאָס האַנט דאָס גאַנצע לעבען...

אַשר רייסט איבער די מחשבה. ער האָט מורא, ער זאָל ניט פאַרזינדיגען מיט איהר קעגען דעם אויבערשטען.

— שלעכט אַן אָרימאַן צו זיין, — רייסט זיך ביי איהם אַרויס אַ זיפץ — אַן אָרימאַן זאָל גאָרניט געבוירען ווערען!

ער חשבונ׳ט מיט זיך: וואָס טויג אַזאַ לעבען, אַז ווי נאָר אַ האַר, איז שוין ניטאָ מיט וואָס זיך צו ראַטעווען — גלייך טראָג די קישעלאָך צום מלוה.

זי האָט נאָך נערעכענט אויסלייזען די קישעלאָך... זי האָט זיי נאָר פאַרזעצט... זאָל שמחה׳צקע דער גנב אַזוי לעבען, ווי זי וועט שוין די קישעלאָך אָנזעהען... הויב זיך אָן מיט פּראָצענט־ניקעס!

אויף זיין פּנים גיסט זיך פאַנאַנדער אַ טרויער. ער קעהרט אָפּ דאָס געזיכט צום פענסטער און קוקט אַ ווייל אויף דרויסען.

ס׳הויבט אָן צו טאָגען.

— היינט וועט אַקוראַט זיין זיבען וואָכען.

ס׳איז געווען תיכף נאָך פּסח. דער וועג האָט געלאָזט. פון צוגאַנגענעם שניי און אייז זיינען אומעטום געשטאַנען גרויסע לוזשעס. אַשר׳ן איז געבליבען איין ברירה: נאָר פאָהרען אין אַ גרויסע שטאָדט. קיין גראָשען געלט האָט ער ניט געהאַט ביים לייב און זעל; מיט וואָס פאָהרט מען?

אשר'ן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וועג: געהן צו גליקמאַנ'ען בעטען הילף. נאָכ'ן דאַוונען איז ער אַוועק צו איהם.

אַז ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער גליקמאַנ'ען ניט גע־טראָפען. די דיענסט האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז איצט אין שטאַל.

אשר איז אַראָפּ אַהין.

גליקמאַן איז געשטאַנען אין שלאָפ־ראָק און אין טופליעס און האָט מיט דער האַנט געגלעט דער ראַבער קיהעלע ביים האַלז. איין אַרבייטער איז געשטאַנען ביים צעבער פאַרמישטע קלייען.

ביי אשר'ס אַריינגעהן האָט זיך גליקמאַן צו איהם געווענדעט מיט אַ פרעהליך קול.

— פינף טעג נאָכאַנאַנד האָט זי קיין זאַך אין מויל ניט גע־נומען. עס איז שוין דאָ געווען אי אַ וועטערינאַר, אי אַ קאָנאָוואַל און ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען, און שטעלט אייך פאָר, איצט קומט אַריין דאָס מיידעל און זאָגט מיר, אַז די קיהעלע עסט.

— יאָ, — האָט זיך גליקמאַן געכאַפּט אין אַ ווײַלע אַרום — וואָס מאַכט אייער האַנט?

— קלאָגען גוטע — ענטפערט אשר מיט אַ זיפץ — איך מוז איהר ווייזען אַ גרויסען דאָקטאָר.

— קיין נאַרישקייט איז דאָס ניט.

פויזע.

— איך בין... — האָט אשר אָנגעהויבען שטאָמלענדיג און גע־קראַצט זיך אין דער פּאַטילניצע — איך בין טאַקע מכח... די גאַנצע צייט בין איך ביי אייך ניט געווען, איך האָב געמיינט, אַט... נאָר איין גאָט ווייסט... ניטאָ אַ גראָשען אויף הוצאות... פון שטוב איז שוין אַלץ פאַר'משכונ'ט.

גליקמאַן איז שטיל אַרויס פון שטאַל, אשר נאָך איהם. זיי זיינען אַריין אין שטוב.

אַריינקומענדיג אין „זאַל" האָט אשר זיך געשטעלט מיט דרך־ארץ נעבען אַ שטול און האָט זיך ניט געזעצט, כאָטש גליקמאַן האָט איהם געבעטען זיצען.

גליקמאַן איז אַריין צו זיך אין שלאָף־צימער און איז אין א ווײַלע אַרום אַרויס צוריק מיט א פֿאַנאַנדערגעוויקעלטען רובעל אין דער האַנט און האָט דערלאַנגט אשר'ן.

— וואָס וועל איך מאַכען מיט איין רובעל? — פֿרעגט אשר, און איהם ווערגט יעדעס וואָרט.

— ליעבער פֿריינד, און וואָס קען איך העלפֿען? קיין געלט שמיד איך ניט, קיין קאָנטראָבאַנד... קאָזנאַטשייסטוואָ איז ביי מיר אויך ניט. מען געהט אַריין אין איין הויז, אין א צווייטע... און מען האָט אויף הוצאות...

דאָס לעצטע ביסעל בלוט שפּאָרט אשר'ן אין צורה, די גאַנצע אינגעווייד גיט זיך איהם א טרייסעל. א רגע שטעהט ער צו־מישט און ווייס ניט וואָס צו טאָן.

דערנאָך האָט ער זיך א דרעה געטאָן, ער האָט עפּעס גע־וואָלט זאָגען, נאָר די צונג האָט איהם ניט געדיענט, די ווערטער האָבען זיך איהם אַראָפּגעקייקעלט אין האַלז.

דעם רובעל האָט ער ניט גענומען. ער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז געשווינד אַוועק, פּונקט ווי יעמאַנד וואָלט איהם נאָכגעיאָגט.

אין א פּאָר שעה אַרום איז אשר שוין געווען אונטער דער שטאָדט, האָט אין דער רעכטער האַנט געהאַלטען א גרויסען שטע־קען און האָט אויפ'ן וועג וואָס פֿיהרט נאָך ווילנע, געבראָדזשעט אין בלאָטע.

אויפ'ן גאַסטינעץ האָט ער געטראָפֿען פֿויערשע פֿורלאָד. פּאָר עטליכע קאָפּיקעס האָבען זיי איהם אונטערגעפֿיהרט א שטיק וועג, און אַזוי האָט ער זיך אויפ'ן דריטען טאָג דערשלעפּט קיין ווילנע.

אין שטאָדט איז ער אַריינגעקומען מיעד, שלאָף, האָט זיך קוים דערפֿרעגט אויף טערנאָווקער אכסניא און קוים זיך דער־שלעפּט אהין.

די בעלת אכסניא האָט איהם אויסגעפֿרעגט „פֿון האָר ביז גאָר", האָט פֿיעל צער געהאַט פֿון זיין לאַגע.

— א כשר'ע אידענע! זאָל דאָס איהר צו א מצוה גערעכענט ווערען.

זי האט איהם עצות געגעבען וואס ער זאל טאן, וואו ער זאל געהן און האט ביי איהם ניט גענומען קיין אכסניא־געלט.

ער געדענקט ווי נאך דעם זעלבען טאג איז ער געגאנגען נאכ־פרעגען אויף זאוואדען פון סעלצער־וואסער. דארט האט ער זיך באקענט מיט די ארבייטער, האט זיי דערצעהלט פון זיין אומגליק, זיי האבען איהם געשטיצט, ווי ווייט זיי האבען נאר געקענט.

— פארט ברידער! דאכט זיך ארימע לייט און פון דאס לעצטע האבען זיי פאר מיר געפונען. איין גאט טאקע זאל זיי נאר באצאהלען.

זיי האבען איהם איין עטליכע טעג ארום אריינגעבראכט אין „הקדש“.

ער געדענקט ווי אויף מארגען נאך זיין אנקומען אין „הקדש“, האט מען איהם אריינגעפיהרט אין א שטיבעל. די אלע וואס האבען זיך דארטען ארומגעדרעהט, זיינען געווען אין ווייסע פאר־טיכער. מען האט איהם עפעס געגעבען צו אטעמען. דער קאפ איז איהם געווארען שווער, האט זיך אנגעהויבען צו דרעהען, נאר פלוצים איז איהם גרינג, פרעהלאך, פון שמחה האט ער אנגע־הויבען צו שפרינגען און הויבען זיך אין דער הויך. ער פליהט ארום אין אויר און הויבט זיך אלץ העכער און העכער. אויפ׳ן הארץ איז אזוי לייכט, אזוי גרינג!

ווען ער האט גענומען עפענען די אויגען, האט איהם געדוכט, אז ער פאלט אין א תהום; ער פאלט שנעל, עס שווינדעלט אין די אויגען, עס פארכאפט דער אטעם; אט, אט ווערט ער גע׳הרג׳עט.

ער הויבט מיט אלע כחות אן צו שרייען.

אין א ווייל֞ע ארום האט ער די אויגען געהאלטען אפען, איז געווען צוטומעלט און האט ניט געוואוסט אויף וואסער וועלט ער איז.

ער קוקט זיך ארום פארוואונדערט.

ער זעהט: ער ליגט אין בעטעל, צוגעדעקט מיט א ליילאך, ניט ווייט פון איהם ליגט נאך איינער, אויך צוגעדעקט מיט א ליילאך. וואס איז דאס אזוינס? וואס טו איך דא? ווי קומט ער

אָהער? ער קוקט אויבען אויף די וואַנט און קוועטשט מיט די פּלייצעס.

עס געהען איבער נאָך עטליכע מינוט.

— האַ! דאָס איז דער הקדש!...

ער דערפיהלט אַ שטאַרקען וועהטאָג אין האַנט. ביז איצט האָט ער אַזאַ וועהטאָג ניט געפיהלט.

ער גיט אַ קוק: די האַנט איז פאַרבונדען מיט אַ ווייסע, אין קליינינקע לעכעלאַך, סטיינגע.

דאָס איז ניט זיין טיכעל. פריהער איז ער געווען מיט אַן אַנדערע פאַרוויקעלט.

די האַנט איז איהם שווער.

ער פּרואווט איהר אויפהויבען — זעהר שווער. ער הויבט אויף די געזונטע — גרינג.

ער קוקט אַ ווייל אויף די האַנט און איהם דאכט זיך, אַז די קראַנקע איז קירצער.

— עט, ס'דוכט זיך; פון וועהטאָג וועט זי ווערען קירצער?

ער פּרואווט צורוקען איין האַנט צו דער צווייטער.

קירצער, אויף נאמנות קירצער!

ער וואונדערט זיך, וואָס פון וועהטאָג איז איין האַנט געוואָרען אויף אַזאַ שטיק קירצער.

אַט וואָס וועהטאָג איז!

אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען איבערגעלעגט דעם באַנדאַזש און ער האָט דערזעהן די אָפּערירטע האַנט, האָט ער געגעבען ניט מיט זיין קול אַ געשריי:

— אוי! וואָס וועל איך איצט טאָן?

אשר דערמאָנט זיך די סצענע, ווי גליקמאַן איז געשטאַנען נעבען דער קוה און האָט איהר געגלעט דעם האַלז.

— אַ מענש איז נאָך ערגער ווי אַ בהמה. פיעל מאָל איז גליקמאַן געקומען צו מיר געוואָר ווערען? אפילו איין מאָל אויף אַפּעסען האָט ער מיר ניט געגעבען.

— נאַ דיר, מענש, דיינע יחסנות.

אשר איז מקנא דער בהמה.

— וואָס האָט מען פון איהר? אַ ביסעל מילך — אַ טייערע מעשה! פאַר פיער גראָשען האָט מען אַ גאַנצע קוואַרט מילך, אַ חילוק אָבער פון אַ מענשען...

— אַז אָרימאַן איז ער דאָך אָהער אַראָפּגעקומען, האָט געהאַט זיין אייגענס עטליכע הונדערט רובעל און איצט איז ער דאָך רייך ווי קורח, ער האָט אַ מטמון מיט גאָלד.

— אָט איז דער מענש אַ גרויסער יחסן!

אָשר קוקט דורכ'ן פענסטער אויף דרויסען: דאָס פענסטער, דער הימעל, די גאַס איז בלוי. אַלע שלאָפען; ס'איז שטיל, נאָר עפּעס פון דערווייטענס דערגרייכען צו איהם שווערע טריט איבער'ן בריק און אַז אַלטער שברים־הוסט. עס גיט ערגעץ אַ האָן אַ קרעה און באַלד דערהערט זיך פון אַלע זייטען שטאַרט אַ לאַנגער קוקעריקו.

אָשר קעהרט אָפּ דעם קאָפּ און קוקט צום בעט. די קינדער ליגען צונויפגעדרעהט: איינס ביי איהר אויפ'ן האַרצען, צוויי צופוסענס און איינע ביים זייט. ס'רייסט זיך ביי איהם אַרויס אַ שווערער, אַ ביטערער זיפץ:

— נעבאָך, עופה'טשקעס.

אַ היבשע צייט איז ער געלעגען און איז ענדליך איינגעשלאָפען.

* * *

עטליכע חדשים האָט זיך אָשר אַרומגעדרעהט איבער די גאַסען און האָט ניט געוואוסט צו וואָס צולעגען די געזונטע האַנט, נאָר עפּעס אין אַ פינסטערע נאַכט איז געשטאָרבען דער קעסטעל־היטער פון טערנאָוועקער באָד און אָשר האָט פּאַרטראַטען בהסכם כולם די שטעל. פון יעדען קעסטעל נעהמט ער אַ צווייער און גליקמאַן גיט איהם צוויי קאָפּיקעס און האָט דערפון ביז אַ גילדען אכט־ניין שכירות אַ וואָך.

.1893

דער נייער פּראַצענטניק

1.

אויפ׳ן וועג פון גניעלאַווקע נאָך ביעלאַווקע שלעפּט זיך אַ בעל־עגלה׳שע פור. אין וואָגען זיצען צוויי אידעלאך פון מיטעלע יאָה־רען, אָנגעטאָן אין שבת׳דיגע בגדים און אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג מיט אַ בלייכען געזיכט, מיט לאַנגע האָר, מיט אַ פאַר־טראַכטען בליק.

דער יונגער מענש איז געקליידעט פראַנטיש, דאָס געזיכט איז צורודערט, די אויגען בלאָנדזשען אַרום אין אויר.

אויף דרויסען שטעהט אַ שעהנער פריהלינגס־טאָג. די לאַנקעס זיינען באַדעקט מיט׳ן יונגען גראָז, די בוימער מיט פרישע בלעטער; אויף די פעלדער געהט איצט קאָכעדיג די אַרבייט, די פּויערען אַקערען, באַראַנעווען, זייען, „שפּאַנען״ היו און צוריק באָרוועס, מיט די איינגעבויגענע רוקענס אין די שוואַרץ־גראָב לייוועגטענע העמדער און „תחתונים״.

מענדעל (דער יונגערמאַן) קוקט אין דער לופט און דאָס האַרץ איז איהם ניט רוהיג. זיין גאַנצע אינגעווייד טרייסלען זיך, עפּעס איז ביי איהם אינווענינ אַ צונויפמישעניש פון שרעק און נייגע־ריגקייט. עפּעס שרעקט ער זיך פאַר דער אומבאַקאַנטער נקבה. אין געזעלשאַפט פון נקבות איז ער נאָך קיינמאָל ניט געוועזן; עפּעס אַמאָל האָט ער יאָ געפּרואווט רעדען מיט אַ פריילין, איז ער טאַקע די גאַנצע צייט פון זייער געשפּרעך געווען רויט און האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן מיט די הענט.

ער האָט שטאַרק חרטה, וואָס ער האָט געהערט דער מאַמען פאָהרען זיך זעהן; ס׳זאָל זיך ווענדען אָן איהם, וואָלט ער זיך שוין אומגעקעהרט צוריק. נאָר דאָך ציהט איהם „אהין״, ער וואָלט „איהר״ ווילען זעהן, נאָר „זי״ זאָל ניט וויסען אַז ער איז ער, נאָר גלאַט אַזוי.

וועגען וואָס רעדט מען מיט איהר? רעדען אפילו קען ער און דוקא קלוג רעדען, אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט מיט זכרים, אָבער דאָ, ערשטענס, איז „זי״ אַ נקבה און מיט איהר דאַרף מען מסתמא רעדען גאָר אנדערש, אפילו זי איז אַ געבילדעטע... נאָר זי זאָל ניט לאַכען. נקבות זיינען עפּעס לאַכעדיג. ווען ער געהט אין גנילאָווקע פאַרביי אַ שטוב, וואו עס געפינט זיך אַ פרייליין, הערט ער כמעט שטענדיג אַ חוכא וטלולא. איהם אַרט עס אפילו ניט זעהר, אָבער דאָך איז עס ניט אנגענעהם. און צווייטענס, גלייך אַנהויבען רעדען קלוג — קען מען דאָך ניט, מען מוז דאָך פריהער עפּעס סתם רעדען און דאָ, אין מילי דעלמא, איז ער גאָר אַ גע־הרג׳עטער.

דער פאָטער איז אַ סוחר, פאָהרט אוים אַ שטיק מדינה, באַ־געגענט זיך אָפט מיט מענשען, ער איז געוועהנט צו פּוסטע גע־שפּרעכען, ער קען געבען אַן עצה, ווי אָנהויבען צו רעדען. נאָר ווי פרעגט מען איהם? סטייטש! ער זאָל אַזאַ זאַך פרעגען ביים פאָטער! ניין; אַז דער פאָטער זאָל זיך אַליין אָנשלאָגען מיט זיינע עצות, און ער, כלומר׳שט, וועט ניט וועלען — אַזוי וואָלט געווען גוט.

מענדעל פיהלט, אַז דאָס האַרץ פאַלט איהם שיער אַרוים. ער ווערט אין כעס אויף איהר, וואָס זי האָט נעלערענט רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש.

— אַ פּראָסטע מיידעל איז גאָרניט, ער וואָלט איהר געזאָגט עטליכע פראַזען, זי וואָלט אויפגעעפענט דאָס מויל און גע׳פּטר׳ט גאָר אָהן קונצען... און „די״ — די איז אודאי אָנגעלייענט מיט נייע ביכלאַך. מען דאַרף נאָר קענען מיט איהר רעדען... צום שוואַרץ יאָהר! נויטיג טאַקע דאַרף אַ אידישע טאָכטער די בילדונג.

דאָס פערדעל געהט אַלץ ווייטער, ווייטער, דער וועג צו איהר ווערט אַלץ נעהענטער. דאָס האַרץ קלאַפּט אַלץ שטאַרקער, דאָס בלוט פליסט אַלץ גיכער, און ער איז זיך נאָך אַלץ ניט פאַרטיג מיט אַ געשפּרעך.

ער פיהלט זיך ווי אַ פאַר׳משפּט׳ער; ער האָט זיין גיהנום לע־בעדיגערהייט. ער וואָלט אַ האַלב לעבען אַפּגעגעבען, גליקליך וואָלט

ער געוועןָ, ווען ס'זאָל זיך איצט מאַכן א סבה, דאָס פערדעל זאָל פאַלן און פגר'ן. ער, צי דער פאָטער, זאָלן פּלוצים עפּעס קראַנק ווערן, אַבי נאָר מען זאָל ניט דערפאָהרען אַהין.

אָבער דאָס פערדעל גייט זיך זיין וועג. „זי" ווערט אַלץ נע־העטער.

די זון האַלט ביים אונטערגעהן, זי שטעהט האַלב פּאַרזונקען אין בלויען וואַלד. דער טאָג ווערט באַלד פאַרשוואונדען פון דער־ווייטענס זעהט זיך, ווי די לעצטע שטראַהלען שפּיעלען זיך אויפ'ן שפּיץ פון א קלויסטער, אויפ'ן דאַך פון א שוהל, אויף די פליגלען פון א ווינט־מיהל.

— דאָ? — רעדט מענדעל קוים אויס, און דאָס האַרץ צאַפּעלט און צאַפּעלט...

— ניין. דאָס איז קיידאַנאָווקע, פון דאַנען איז נאָך א מייל דריי ביז ביעלאָווקע.

מענדיל ציהט אָפּ דעם אָטעם; א שווערער באַרג האָט זיך איהם אָראָפּגעקייקעלט פונ'ם האַרץ.

2.

אויפ'ן וועג פון פּריאַנסק קיין ביעלאָווקע שלעפּט זיך א בעל־עגלה'שע פוהר. דער פוהרמאַן געהט פאַזע וואַגען. אין וואַגען זיצען צוויי פאַרשווינדלאַד: א אידעל פון א יאָהר פערציג און א פריילייין פון א יאָהר אַכצעהן, א בלאָנדינקע מיט געקרייזעלטע האָר, מיט א לאַנגליכען שטערן, מיט גרויסע בלויע אויגען, מיט א לאַנגליכען נאָז און דינע ראָזע ליפּען.

דאָס געזיכט איז בלייכלאַד און זי מאַכט אַן איינדרוק פון א ווען וואָס איז ערצויגען געוואָרען אויף בולקעס און קאָטלעטען און פרעמד פון אַרבייט.

זי זיצט און קוקט ווייט, ווייט אויפ'ן האָריזאָנט. זי זיצט, דאַכט זיך, רוהיג, נאָר אינוועניג איז איהר דאָס האַרץ ניט שטיל. זי פיהלט, ווי אָפּט לויפט עפּעס דאָרט איבער, ס'גיט א צאַפּעל און ס'ווערט פּלוצים ענג, די ברוסט הויבט זיך האַסטיגער, עפּעס האָט זי ווי מורא — ניט מורא, עפּעס א צונויפמישעניש איז דאָרט. זי איז מיט מאַנסביל אפילו געוועהנט; צו זיי אין הויז געהען אַריין

יונגע מענשען, אַ מאַנסבילשע צורה שרעקט איהר ניט. זי קען זיך האַלטען אין אַ געזעלשאַפט, נאָר דאָרט זיינען פּריאַנסקער קאַוואַ־ליערען, אומשטיינס געזאָגט, יענע גאַס־מעסטער, — לעדיג־געהער, פּוסטע־פּאַסניקעס, פאַר זיי דאַרף מען אויך וויסען, ווי זיך צו האַלטען. אָבער דאָ... ער איז דאָך אַ פּאָעט...

און זי קוקט אויפ׳ן האָריזאָנט און זעהט דאָרט אַ שעהן בילד: דאָס געזיכט איז בלאַס, ניט פול, דער שטערן מיט גרויסע, שיעפּע ווינקלען, לאַנגע, געקרייזעלטע לאָקען פאַלען ביז די שולטערן, די אויגען שוואַרצע, פאַררי‍סען צום הימעל, „ער״ שטעהט פאַרקלערט, צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט שטעקען אין זשילעט, אין דער לינקער — אַ פּאַפּאַראָס, דער בלויער רויך, ווי אַ דין שנירעלע, ציהט זיך, ציהט זיך אין דער הויך...

— מיר זיינען שוין ניט ווייט פון ביעלאָוועקע, זעה, לאַה׳נקע, דו זאָלסט אַקאָרשט מיר ניט מאַכען קיין בזיונות, — זאָגט דער אידעל לאַכענדיג, נאָר אין זיין טאָן הערט זיך עטוואָס אַ זאָרגעניש, ער איז דאָך עפּעס ניט אַבי־וועלכער, — מען זאָל דיך ניט אָננעהמען פאַר אַ קליין־שטעדטעלדיגע.

זי שמייכעלט אויך אויף דעריין, כאָטש דאָס האַרץ איז ניט רוהיג.

— נו, פּאַפּאַ, לעהרען מיך אויס וואָס צו רעדען.

דערווייל פאַנגט זי אָן מסדר זיין זיך מיט אַ געשפּרעך.

וועגען ליטעראַטור, פאַרשטעהט זיך, וועט זיין דאָס גאַנצע געשפּרעך, נאָר ער זאָל ניט פאַרקריכען אין דייטשע ליטעראַטור. דאָרט איז זי גאָר בלינד. זי ווייס אפילו פון היינע׳ן, בערנע׳ן, נאָר בלויז די נעמען. פון שילער׳ן ווייס זי, אַז ער האָט אָנגע־שריבען „די גלאָקע״, „די רויבער״. זי זינגט זאָגאַר זיין:

„אָן דער קוועלע זאַס דער קנאַבע״

און פון געטהע׳ן, אַז ער האָט אָנגעשריבען „פויסט״, נאָר דאָס ווייס זי ניט פון בוך...

פאַר אידישע און רוסישע ליטעראַטור האָט זי ניט קיין מורא. האָט געלייענט דעם „מסתרי פאַריז״, „אהבת ציון״, „התועה בדרכי החיים״; אויף רוסיש האָט זי געלייענט פיעל פערעוואָדען פראַנ־

צוויזישע. אויך האָט זי דורכגעלעזט פּושקינ׳ען, אַ פּאָר זאַכען טור־געניעוו׳ס און טאָלסטאָי׳ס (אין אַנאַ קאַרענינאַ, ווען זי געהט זיך באָדען, זאַמיעטשאַטעלנאַ ריכטיג פאַרגעשטעלט איהרע געדאַנקען !)

— ס׳וועט זיין פון וואָס צו רעדען !

— היינט ווייטער, קיין מחויבת צו וויסען וויפיעל ער, איז זי דאָך ניט. פאַר איהר איז דאָס אויך איבער געווג. עס זעהט זיך פון גאָר נאָהענט אַ דערפעל.

— פון דעם דאָרף האָבען מיר נאָך פיער וויאָרסט. באַלד וועט זיך שוין זעהן ביעלאָווקע. — זאָגט דער פאָטער.

דער מוטה לאָזט איהר אין גאַנצען אָפּ, אַז אומבאַוואוסטער פּחד גנב׳עט זיך צו איהר אַריין אַלץ מעהר און מעהר.

אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען זיי שוין געווען אין ביעלאָווקע.

3.

ביידע מחותנים האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין דער אכסניא, ווי מען האָט פריהער אָפּגערעדט אין אַ בריעף.

די מחותנים האָבען זיך גלייך פאַנאַנדערגערעדט. ביידע האָבען אַ חוץ דעם שידוך פון וואָס צו רעדען, ביידע זיינען סוחרים, פאָהרען אויס אַ וועלט, באַגעגענען זיך מיט מענשען, זיי דאַרפען פריהער ניט קלעהרען, וואָס צו רעדען, ס׳רעדט זיך שוין ממילא. היינט דער שדכן — דער שדכן האָט פאַרשריען אַלעמען, חתן־כלה האָבען זיך קוים איבערגעוואָרפען מיט אַ וואָרט, איז דאָס האָבען זיי איינער דעם אַנדערען ניט געהערט.

דער משרת פון דער אכסניא האָט דערווייל געמאַכט פאַרטיג דעם סאַמאָוואָר, דערלאַנגט צום טיש און די געסט האָבען זיך גע־זעצט טרינקען טיי.

דערווייל איז דער ערשטער שרעק ביי חתן־כלה אַריבער און ביז זיי האָבען זיך אויסגעקליבען שפּאַצירען ; זיין, ווי מען זאָגט, אונטער פיער אויגען, איז זי אין גאַנצען געקומען צו זיך.

ווען זיי זיינען אַרויס אויפ׳ן שפּאַציר, איז געשטאַנען אַ שעה־נע זומערדיגע נאַכט, איינע פון יענע זומערדיגע נעכט, וועלכע ענדערען זיך מיט קיין זאַך ניט פון אַ שעהנעם, קיהלען פריה־

מאָרגען. די ווייסע לבנה לייכט אַזוי העל, כאָטש „געלט צו צעה־לען", די לופט איז פרייער, נאָר פיעל וואָרימער ווי אויפ׳ן פריה־מאָרגען. אין צפון־זייט איז דער הימעל העלער ווי אומעטום: „דאָרט טאָגט שוין".

חתן־כלה זיינען ארויס אונטער דער שטאָדט, אויפ׳ן וועג האָ־בען זיי געטראָפען ביעלאָוואָקער בחורים און מיידלאַך שפּאַצירען. חתן־כלה זיינען געגאַנגען שטיל.

זי האָט באַמערקט, ווי ער איז אומרוהיג, אַמפּערט און דאָס האָט איהר גע׳חנפ׳עט.

— טשודנאַיאַ נאָטש! — האָט זי ענדליך איבערגעריסען די שטילקייט.

— אַ וואָהרע פּאָעטישע נאַכט! — האָט ער אויך געענטפערט אויף רוסיש.

דערווייל האָט זיך דאָס געשפּרעך פאַרבונדען. ביי איהר איז די צונג אויסגעשאַרפט, די אויסשפּראַכע ריין, קיינע ווערטער פעה־לען איהר ניט, ווי עס ווייזט אויס, איז זי געוועהנט צו רעדען רוסיש.

ער איז באַלד אַראָפּ אויף אידיש. אָנפאַנגס האָט ער זיך גע־מאַטערט „האַלטען מיט איהר פלאַץ", האָט דעם „ר" געאידישט, ד. ה. אַרויסגערעדט פון האַלז און ביי יעדען וואָרט באַטראַכט די דעקלינאַציאָן און קאָניוגאַציאָן, האָט זיך געקלאָגט, וואָס ביי זיי אין שטעדטעל איז ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדען אויף רוסיש, ס׳ליגט נאָך אויף אַלעמען דער שרעקליכער פאַנאַטיזמוס, נאָר באַלד האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָס איז אַ שווערע מלאכה און האָט בעסער גענומען רעדען אויף מאַמע־לשון און גע־פּעפערט דאָס געשפּרעך מיט פיעל רוסישע פראַזען, מיט אייניגע פראַנצויזישע און דייטשע ווערטער. זיי האָבען זיך באַלד ווייטער אומגעקעהרט צו דער נאַטור. איצט האָט ער פריי אַרויסגערעדט זיינע געדאַנקען. ער האָט פון זיינע אייגענע רעד געקראָגען גרויס התפּעלות און דעקלאַמירט לכבוד דעם פריהלינג אַ שיר, וואָס ער האָט אַליין אויפגעשריבען. זי איז געווען ענציקט פון שיר. ער איז מוטיגער געוואָרען, האָט גענומען אָטעמען פרייער, מיט׳ן פולען

מויל שעפּען די לופט, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט פּאַרפיומע פון איהר קלייד. פון איהר נאָהענטקייט האָט דאָס יונג־פרעהליכע בלוט איהם געגומען זידען, דער קאָפּ איז אַוועק אַ קאַרעהאָד און דאָס האַרץ איז געשפּרונגגען גאָר אַן אומבאַקאַנטען טענצעל...

ער וואָלט איצט אָפּגעגעבען אַ האַלב לעבען פאַר איין קוש, כאָטש איין אומאַרמען, נאָר ער האָט ניט געוואוסט, צי עס פּאַסט.

איצט האָט זיך איהם דאָס מויל צוגעשלאָסען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו רעדען.

זיי זיינען געגאַנגען אַ היבשע צייט שטיל. זיי איז אויסגע־קומען אַראָפּגעהן פון אַ בערגעל און אַראָפּשפּרייזען אַ קליין גריבעל; זי האָט געמאַכט אַ פאַלשען שריט און איז שיער געפאַלען, ער האָט איהר אַ כאַפּ געטאָן, נאָר צו דער ארבייט איז ער ניט געווען גע־שיקט און האָט איהר אָנגעגריפען מיט דער לינקער האַנט פאַר'ן בוזעם,—אַן עלעקטרישער טאַק איז איהם פּלוצים איבערגעלאָפען אי־בער'ן לייב. פאַר די אויגען איז איהם ראַפּטום געוואָרען שוואַרץ און אַ העלישער פייער האָט זיך אָנגעצונדען אין מאַרך.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען, האָט איהר ניט געקענט קוקען אין געזיכט. ער האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון איהר, כדי זי זאָל ניט באַמערקען, ווי דאָס גאַנצע לייב ציטערט אויף איהם.

דאָס געשפּרעך האָט זיך שוין מעהר ניט געקלעפּט. זיי האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט צו דער אכסניא און זיי זיינען אַזוי שטיל דערגאַנגען ביז נאָהענט צו דער שטוב.

זאָגען איהר, ווי שטאַרק ער האָט זיך אין דער קורצער צייט אין איהר פאַרליבט? יאָ, ער מוז זאָגען!

— שוין צוריק? — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ קול פון איינעם, וואָס שווייגט אַ לאַנגע צייט און פּלוצים כאַפּט ער זיך, צי ער האָט דעם קול ניט פאַרלאָרען: שוין צוריק?

נאָר ס'איז שוין געווען היינט צו שפּעט צו שפּאַצירען און דעריבער האָבען זיי אָפּגעלעגט דאָס געשפּרעך אויף מאָרגען.

אין צפון זייט איז דער הימעל אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער געוואָרען, די לופט איז געוואָרען קיהלער.

זיי זיינען באַלד צוגעגאַנגען צו דער אכסניא און אריין אין שטוב.

.4

מענדעל איז א געבאָרענער פון גנילאָוקע. זיינע עלטערען זיינען איינע פון די שעהנסטע דאָרטיגע בעלי־בתים. זיין פאָטער, בערעל זלמנ׳ס, איז א „האַלב־פאַרציײטיגער״, א איד א בר־אוריין, א פרומער, לערענט אַלע אין דער פריה א בלאַט גמרא, איז א חבר אין חברה ש״ס, האָט א חזקה פון אבות־אבותיו אויף דער פתיחה צו נעילה און אין דער לעצטער צייט האָט מען איהם אָנגעהויבען מכבד צו זיין, ער זאָל לייענען דעם חזן „על דעת המקום״ צו „כל נדרי״. שבת עסט ביי איהם דער שעהנסטער פרוש. ביי איהם אין שטוב קריגט מען די גרעסטע נדבה; ביי איהם איז, ווי מען זאָגט, „אַן אָפענע הויז״.

בערעל איז א איד א סוחר. ער פאָהרט אפילו אין „גינספריק״ ניט, נאָר אין א ווייטע רוסישע שטאָדט מאַכט ער אָפט א רייזע און שטעלט צו די קרעמער: זאַלץ, הערינג, הירש, רייז.

און בערעל טאָקע האָט א סוחר׳ישען אויסזעהן: ער איז ניט הויך, ניט נידעריק, קיילעכדיג, עטוואָס בויכיג און מיט א רונדער באָרד.

בערעל שעהרט חס־ושלום ניט דעם באָרד, נאָר די קיילעכדיג־קייט קומט פון זיין רגילות, וואָס ער האָט — קייען דעם באָרד אין מויל און אפּהאַקען די שפּיצען מיט די צייהן.

געקליידט איז ער ניט גאָר אידישלאָך, די פאות עטוואָס אָרונ־טערגענומען, דער ראָק אביסעל געקירצט, די הויזען איבער די שטיוועל.

— וואָס זאָל מען טאָן? מען באַגעגענט זיך מיט מענשען.

מיט דער ווייב, סטירצן, לעבט בערעל גאַנץ צופרידען. זי איז, ווי מען זאָגט, א אידינע אין ספּאָדיק, האָט גאָר א מאַנסבילשען מוח, דאָס געשעפט מיט די קרעמער פיהרט זי אין גאַנצען. אַלע מאָנטאָג פאַרנאַכט, נאָכ׳ן מארק־טאָג, געהט זי מיט א קליין לע־דערנעם זעקעל, איינמאָהנען געלט פאַר דער סחורה.

מענדעל איז א שטיקעל בן־יחיד. קיין בָרידער האָט ער ניט, נאָר ער האָט צוויי אינגערע שוועסטער. צו זיי אַלע דריי געהט אין שטוב א לעהרער: מען לערענט די מיידלאָך אויפשרייבען אַז

אדרעס, מאַכען אַ שטוביגען חשבון און מענדלען צו קאָפּ פון אַלע „שבע חכמות" און „שבעים לשון".

— היינטיגע צייטען! אַהן דעם קען מען זיך ניט באַגעהן.

און מענדעל טאַקע איז אַ געראָטען קינד. אַלע מלמדים זאָגען פה אחד ביי אַ גלעזעל בראַנפען צום „פאַרהערען", אַז ער האָט אַ „מיניסטערשען קאָפּ".

מענדעל איז שוין צוויי יאָהר געוואָרען בר־מצוה. ער האָט אַ סאַמעטענעם אויסגענעהטען תפילין־זעקעל, תפילין קליינע פון עור אחד, טראָגט זיי אַלע אין דער פריה, אַ חוץ, פאַרשטעהט זיך, שבת, אויפ'ן רעכטען צייג־פינגער איז, און פון בית־המדרש. דאָרט האָט ער אַ „שטאָדט" אין מזרח־וואַנט, דאַוונט שטיל, פיין, אַ מאָל געהט ער אַ שטייגער, זאָגט אַ חזנ'ישע שטיקעל. פרייטאג־צו־נאַכט דאַוונט ער אַמאָל פאַר'ן עמוד און די מאַמע קוקט פון פענסטערל פון דער וויבערשער שוהל, קוקט און קלייבט נחת. עס איז אַ ברכה פאַר גאָט און אַ בענשונג פאַר לייט.

געהן — געהט מענדעל זעהר ווייך, ניט געאיילט, ניט געלומ־פערט, אַהן רעש. ער איז זיכער, דאָס ער וועט ערגעץ ניט פאַרזאַ־מען, וועט אַלעם געפינען פאַרטיג און האָבען צו דער צייט.

אין שטוב לערענט ער גוי'איש: רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, חזר'ט די לעקציאָנען, שפּילט זיך מיט די שוועסטערלאך; אין קלייזעל, ווידער, לערענט ער, להבדיל אלף הבדלות, גמרא. ביז ניט לאַנג צוריק האָט מיט איהם געלערענט אַ פרוש, נאָר איצט לערענט ער שוין „פאַר זיך" „יבמות". אַ שעה—צוויי אין טאָג לערענט ער צוזאַמען מיט אַן אָרים־בחור, אַ חבר, „נדרים מיט'ן ר"ן", לייענט דעם „המליץ", השכלה־ביכלאך, שמועסט, דיספוטירט, שטיפט מיט אָרים־בחורים און הערט אַמאָל צו מעשיות אונטערן אויוון.

מענדעל איז גאַנץ צופרידען מיט זיך, מיט דער וועלט. ער טראָגט ניט אין האַרץ קיין קנאה, קיין שנאה אויף קיינעם. פאַר־קעהרט, מען איז איהם מקנא. אָרים־בחורים קוקען אויף איהם מיט פאַררייסענע אויגען. זיי זיינען איהם מקנא אַלץ: וואָס ער געהט שעהן אָנגעטאָן, דערצו נאָך מאָדיש, וואָס ער האָט גומענע קאַלאָשען, אַ פיינעם שטעקעל מיט אַ שעהן ביינערנע סקאָפקע, וואָס ער

טראָגט אַ קאַפּעליוש און אַ געפּרעסטע העמד, וואָס ער קען דינגען אַ לעהרער און לערענט זיך בפרהסיא גוי׳איש, וואָס ער שרייבט אַליין אוים, אויף זיין אייגענעם נאָמען, דעם „המליץ״, און וואָס ער עסט צו זאַט. ער ווייסט עס און עס טוט איהם שטאַרק הנאה.

צווישען די אָרים־בחורים שמ׳ט ער אַלס גוטער ברודער, זאָגט זיי פון קיין טובה קיין מאָל ניט אָפּ, טוט פאַר זיי, וואָס נאָר מעגליך איז: פעהלט וועמען אַ טאָג, סטאַרעט ער זיך אויסזוכען, קלייבט אמאָל נדבות אויף אַ פּאָר שטיוועל פאַר אַן אָרים־בחור, דעם „המליץ״ האָבען אַלע פריי צו לייענען, מען קריגט אויך אַ מאָל ביי איהם אַ השכלה־ביכעל.

די אָרים בחורים פיהלען זיך אין בית־המדרש, ווי אונטער זיין פליגעל. ער פאַרשטעהט עס און דאָס קיצעלט איהם ביי דער נשמה.

מיט איין וואַשיליסקער בחור האָט מענדעל ניט געלעבט גוט. דער וואַשיליסקער איז געווען „ווייט אריינגעפאָהרען״ אין דער השכלה. פאַר איהם איז געווען „אַנטפּלעקט״ אַלע סודות פון דער השכלה־וועלט און האָט נאָך דערצו געשריבען לשון־קודש ווי אַ וואַסער.

פון שרייבען לשון־קודש האָט נאָך מענדעל ניט געוואוסט. לשון־קודש איז נאָר אַ שרייבערשע זאַך, האָט ער גערעכענט. אַ ראיה האָט ער געהאַט דערפון, וואָס אַלע לשון־קודש׳דיגע סוחר׳ישע בריוולאַך, וועלכע ער האָט געשריבען ביים טאַטען, זיינען געווען מעהר ווי האַלב פון זשאַרגאָן. אי־וואָס — גינצבורג׳ס בריוועשטעלער? איז ער (גינצבורג) דאָך טאַקע אַ שרייבער.

דער וואַשיליסקער אָבער האָט איהם אין גאַנצען אַראָפּגעשלאָגען פון שליאַך. ער איז דאָך געוויס קיין שרייבער ניט און פונדעסטוועגען שרייבט ער לשון־קודש. און אַז דער וואַשיליסקער קען, פאַר וואָס זאָל ער ניט קענען?

און מענדעל האָט זיך גענומען צו לשון־קודש. דער „שיעור״ פון „יבמות״ וואָס ער האָט אַלע טאָג פאַר זיך געלערענט און „נדרים״ וואָס ער האָט צוזאַמען מיט׳ן חבר געלערענט, זיינען געגאַנגען באַלד קאַפּוט. אין קלויז פלעגט ער נור קומען דאַווענען און אַ ביסעל

שמועסען. ווייטער איז ער גאַנצע טעג געזעסען אין דער היים און געהאָרעוועט אויפ׳ן שרייבען לשון־קודש. אָבער די האָרעוואַניע איז געווען אומזיסט. מענדעל איז אפילו געווען באַהאווענט אין תנ״ך, נאָר די ווערטער האָט ער ניט געהאַט אויפ׳ן זכרון. ער האָט יאָ געפּרואווט אויפזעצען צוזאַמען עטליכע פסוקים, נאָר ער האָט אַליין געפיהלט, אַז ס׳טויג ניט.

איצט, אַז מענדעל האָט געלייענט אַ ביכעל, האָט ער באַ־טראַכט יעדעס וואָרט, יעדען אויסדרוק און האָט זיי טיף אַריינ־גענומען אין זין.

אַזוי איז אַוועק אַ האַלב יאָהר צייט, אַ גאַנץ ווינטער. די מאַמע פלעגט איהם אָפט טרייבען אין בית־המדרש, נאָר איהם איז געווען זעהר שווער צו זיצען אַן איבעריגע ווייַלע דאָרט, ווּיסענדיג, אַז דאָ געפינט זיך איינער, וואָס האַלט זיך גרעסער פאַר איהם. נאָך פסח האָט ער זיך אַמאָל געזעצט צום טיש און גענומען שרייבען אַ בריוועל. דער בריוועל האָט געדויערט ביי אַ וואָך צייט, נאָר אָבי ער האָט איהם אויפגעשריבען. ער האָט באַוויזען דעם בריעף דעם פאַטער. דער פאַטער האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען פון דער מליצה. פון פאַטער׳ס שבח איז מענדעל ביי זיך שטאָלצער געוואָרען און איז גלייך אַוועק אין בית־המדרש. אין בית־המדרש איז ער אַריין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און איז צוגעגאַנגען צום חבר, מיט וועלכען ער האָט צוזאַמען געלערענט „נדרים“ ניט לאַנג.

— שאַרפע מליצה! שאַרפע מליצה! — האָט דער חבר גע־דרעהט פאַרוואונדערט מיט׳ן קאָפּ.

פון חבר׳ס שבח איז מענדעל נאָך שטאָלצער געוואָרען. אַ רגע האָט ער זיך געשלאָגען מיט׳ן געדאַנק און איז תיכף טאַקע צו־געגאַנגען צום וואַשיליסקער.

דער וואַשיליסקער האָט איהם אַריינגעלאַכט גלייך אין פּנים אַריין.

— אויף דעם בריוועל האָט איהר דאָס געהאָרעוועט אַזאַ לאַנגע צייט?

מענדעל איז בלייך געוואָרען ווי קרייד, באַלד רויט ווי א ציי־מעס און באַלד ווייטער בלייך, און האָט ניט געפונען וואָס צו ענטפערען.

— איהר האָט אויפגעקליבען ווערטער פון תנ"ך, פון די בלעטער, פון די ביכלאך און איהר האָט עס אַלץ צוזאַמענגעזעצט. ס'האָט אַ טעם, אַ ריח? מען קען דאָך בשום אופן ניט פאַרשטעהן, וואָס איהר ווילט זאָגען.

— איהר לייענט דאָס בלעטער און ביכלאך! — האָט דער וואָ־שילישקער געענדיגט מיט אַ שמאָך.

דאָס איז שוין געווען צופיעל. מענדעל איז אין גרוים כעס אוועק פון בית־המדרש און טויזענד פלענער, ווי זיך נוקם צו זיין אין וואַשילישקער, האָבען זיך געביטען ביי איהם אין קאָפּ. דאָ איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אָפּנעהמען ביים וואַשילישקער די טעג, אָדער גאָר אַרויסטרייבען איהם פון שטעדטעל.

— ס'טייטש! אַזאַ קליינער שנעק, פון אַ פרעמדער שטאָדט, אַ טאָג־עסער, לאַכט מיר אין פּנים!

און אַזוי ווי אָפּנעהמען די טעג, אַרויסטרייבען פון שטעדטעל, האָט זיך ניט געוועגדעט אָן מענדלען, איז איהם אויף אַ רגע איינ־געפאַלען, מוציא שם־רע זיין אויף איהם, נאָר די מחשבה האָט ער באַלד פאַרשטויסען: ניין, ניין! זאָל ער בלייבען. איך וועל קיין פּאַרלאָסט ניט טאָן, נאָר איך וועל זיך פעסט נעהמען צו לשון־קודש און באַווייזען איהם, אַז איך וועל שרייבען בעסער פאַר איהם.

5.

ס'איז אַוועק אַ קיילעכדיג יאָהר. מענדעל איז מיט'ן קאָפּ און פּיס אריין אין דער השכלה. ער האָט געלערענט תנ"ך, געחזר'ט גאַנצע מאמרים פון השכלה־ביכלאך, פון די צייטונגען און גע־שמועסט וועגען שרייבען און שרייבער.

און כאָטש מענדעל האָט געהאַט אַ פאַרבאַהאַלטענעם כעס אויף דעם וואַשילישקער, דאָך פלעגט ער אָפט קומען אין בית־המדרש און צוהערען זיך צו זיינע מעשיות אין דער ליטעראַרישער וועלט.

ס'איז שווער צו באַשטימען, פון וואַנען האָט דער וואַשילישקער געשעפּט זיינע ידיעות; צי האָט ער טאַקע אַליין געהערט אין

אַנדערע בתי־מדרשים אין פרעמדע שטעדט, אָדער גאָר פּראָסט: ער האָט געפּלוידערט. נאָר ווי דאָס איז, די אָרים־בחורים, ווי אויך מענדעל, האָבען געגלויבט אין זיינע ווערטער תורת אמת.

אויף דרויסען איז געשטאַנען חודש מאי. דער טאָג איז געווען היים. סנאָפּעס שטראַהלען האָבען זיך געשאָטען דורך די גרויסע דרום־פענכטער אין בית־המדרש.

אויבען־אָן אין בית־המדרש נעבען מזרח־וואַנט שטעהען אָנ־געשפּאַרט אויף סטענדערס דער וואַשילישקער, מענדעל, זיין חבר פון „נדרים" און די איבעריגע אָרים־בחורים און הערען דעם וואַ־שילישקער׳ס אַ מעשה. זיי שטעהען אַלע אָנגעשפּאַרט און שאָקלען זיך צוזאַמען מיט די סטענדערס איינער קעגען דעם צווייטען...

— ... אַז ער איז אַרויס אויף דער סצענע און געזונגען: „שטעה אויף, מיין פאָלק!" — האָט דער עולם מיט אַמאָל אָנגעהויבען צו פייפען. איהר דאַרפט וויסען, אַז דאָרט איז דער עולם פאַרברענטע חסידים און פון גרויס עגמת־נפש האָבען איהם אָפּגענומען די הענט און די פיס.

— אלא מאי איכפת ליה, אַז מען פייפט?

— הערט איהר? על־פּי זאָקאָן, אַז מען פייפט־אויס אין טע־אַטער מוז מען אויפהערען צו שפּילען, ווארים דאָס איז אַ סימן, אַז דעם עולם געפעלט ניט.

— איז דאָך אַ קשיא, פאַר וואָס האָט ער גאָר אָנגעהויבען זינ־גען אַזאַ ליעד, ווען ער זעהט, אַז אַרום זיינען חסידים?

— אָט דאָס איז טאַקע די מעשה. ביי זיי (משכילים) איז ניע פאַ טשאָם דאָס לעבען, אַבי נאָר אַרויסרעדען אָפען, וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

אַלע הערצער קלאַפּען פעסטער. עס דערוועקט זיך אַ גרויס רחמנות אויף די אַלע, וואָס ליידען על קדוש הדעה.

אַ היבשע צייט שווייגען אַלע. יעדער קוקט אַראָפּ צו דער ערד, זיי שעהמען זיך פאַר זיך זעלבסט, פאַר וואָס איז ביי זיי ניטאָ אַזאַ גבורה.

— ער איז געזונט געוואָרען?

— ניין; ער היום ליגט ער צו בעט.

— ער שרייבט שוין מעהר ניט?

— ער אליין קען ניט שרייבען, נאר ער האלט נעבען זיך א מין פיסמאוואדיטעל. ער דיקטעוועט און יענער שרייבט.

אלע זיפצען אפ.

— דעם „וואנדרערער" האט איהר געלייענט? — פרעגט ווייטער דער וואשיליסקער.

— פטור, נו? — ענטפערען אלע אין איין קול.

— איהר ווייסט ווער ס'האט איהם געשריבען?

— א חדוש מעשה!

— א שאלה!

— איהר האט לייענענדיג גארניט באמערקט? — פרעגט דער וואשיליסקער.

אלע ענטפערען אונטער דער נאז: „ניין" און ס'פארדריסט זיי שטארק, פארוואס זיינען זיי אזעלכע עם־הארצים און האבען דארטען קיין זאך ניט באמערקט.

— אז איהר וועט לעזען נאך א מאל, כדי צו לייענען נאך א מאל, לייענט וועט איהר עס באמערקען, וועט איהר זעהן, אז דער פערטער טייל איז געשריבען ניט מיט די זעלבע פעדער, וואס די פריהערדיגע דריי טייל.

אלע קוקען אויף איהם פארוואונדערט. די אויגען זייערע פרעגען די סבה דערפון.

— דעם פערטען טייל האט ער שוין אליין ניט געשריבען. א ברודער זיינער האט פאר איהם געענדיגט.

קיינער לאזט ניט ארוים א פארע פון מויל.

אייניגע סעקונדען שווייגט דער וואשיליסקער און פאנגט באלד ווייטער אן דערצעהלען.

— די מעשה איז אזוי: דעם ספור האט ער געשריבען מיט הארץ, דאס קען יעדער לייכט פארשטעהן: דאס גאנצע בלוט קאכט, ווען מען לייענט דאס ביכעל. איהר האט איהם געלייענט גלייכגילטיג?

אַלע שאָקלען מיט די קעפּ אויף אַ צייכען, אַז ניט גלייכ־גילטיג.

— אַז ער האָט געקאָנטשעט שרייבען דעם סוף דריטען טייל איז עס געווען פאַר מיטאָג. ער איז געזעסען פאַר׳ן שרייב־טיש און געשריבען. די לעצטע סצענע דאָרט איז זעהר שרעקליך. פון גרויס עגמת־נפש איז איהם דאָס האַרץ צופּלאַצט געוואָרען און איז, זיצענדיג אויפ׳ן שטול, אויסגעגאַנגען.

— ברוך דיין האמת! — רייסט זיך ביי אַלעמען אַרויס אַ געשריי.

— צו מיטאָג — דערצעהלט ווייטער דער וואַשילִיסקער — האָט דאָס ווייב זיינס געגרייט צום טיש און וואַרט אויף איהם. זי וואַרט אָפּ אַ היבשע צייט — ער געהט ניט אַריין. זי געהט צו צום קאַ־בינעט, עפענט שטיל אויף די טיר און גיט אַ קוק אינעווייניג; זי זעהט ער זיצט אויפ׳ן שטול, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ עטוואָס אַהינטער אויפ׳ן רוקען פון שטול.

— ער מוז זיין פאַרטראַכט! — איז ביי איהר געבליבען.

זי האָט זעהר שטיל פאַרמאַכט צוריק די טיר. ער האָט מסתמא ניט ליעב געהאַט, מען זאָל איהם שטערען אין שרייבען.

זי האָט זיך ווייטער געזעצט צום טיש און וואַרט. ס׳איז איהר אָבער מאוס און נמאס געוואָרען וואַרטענדיג.

זי געהט ווייטער אונטער צום קאַבינעט, עפענט אויף די טיר: ער זיצט ווי פריהער, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויפ׳ן רוקען פון שטול. זי רופט איהם שטיל — ער ענטפערט ניט. זי געהט אונטער נעהענטער, גיט איהם אַ ריהר פאַר׳ן אַרבעל. ער שווייגט.

דאָ האָט זי זיך געכאַפּט, אַז ער איז טויט.

די אָרים־בחורים זיפצען זיך אָפּ און פאַרבייסען די ליפּען, שאָקלענדיג מיט די קעפּ.

— אָט וואָס הייסט שרייבען! — זאָגט מענדעל.

— אַז ס׳וואָלט געווען אַזאַ גרינגע זאַך, ווי מען מיינט, וואָלטען אַלע געווען שרייבער. — ענטפערט דער וואַשילִיסקער.

און נאָך פיעל, פיעל אַזעלכע מעשיות דערצעהלט מען אויבען־אָן און די יונגע הערצלאַך קלאַפּען מעכטיג און דאָס בלוט פליסט

שנעל, פונקט ווי אַ מאָל פון די מעשיות וואָס מען פלעגט דער־צעהלען אונטער'ן אויווען.

6.

מענדעל האָט טאָג־טעגליך געשריבען. וואָס? — האָט איהם ניט אויסגעמאַכט, אַבי נאָר שרייבען. ביי איהם אין מוח האָט זיך אויפגעקליבען אַ גאַנצער לעקסיקאָן ווערטער, אויסדריקע, מאמרים און האָט אויסגעאַרבייט אַ סטיל אַ־לאַ־ישעיה, געמישט מיט פרעמדע ווערטער פון די בלעטער. די פרעמדע ווערטער זיינען איהם געווען אַלץ מעהר באַליבט, וואָס וועניגער ער האָט זיי פאַרשטאַנען. אין קלייזעל, צווישען די אָרים־בחורים, איז איהם אַרוים אַ שם פאַר אַ בעל־מליצה. אפילו דער וואַשיליסקער האָט שוין אויך מודה געווען, אַז מענדעל באַזיצט די שפּראַך.

נאָר די קנאה, וואָס האָט זיך איין מאָל אריינגע׳גנב׳עט אין האַרץ, האָט אינעווענינ געגריזשעט און געטאַטשעט. איהם איז געווען וועניג וואָס אין בית־המדרש איז ער באַוואוסט פאַר אַ בעל־מליצה. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע אידען זאָלען וויסען, אַז מנחם־מענדעל ב״ר דובער בק״ק גנילאָוועקע שרייבט לשון־קודש צום באַוואונדערען.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך איהם פאַרגלוסט אַוועקשיקען אַ קאָרעספּאָנדענציע אין „המליץ“. נאָר פון וואָס שרייבט מען?

מענדעל האָט זיך גענומען גראָבען אין די בלעטער פון „המליץ“, זעהן, פון וואָס באַשטעהען די קאָרעספּאָנדענציעס. האָט גענומען לערנען דעם קאָרעספּאָנדענץ־לשון און האָט שוין ביי זיך געהאַט אויסגעאַרבייט אַ געוויסען סגנון פאַר יעדען צופאַל, וואָס וועט נור טרעפען אין גנילאָוועקע. ווי אויף צו־להכעים, זיינען אָבער קיינע צופעלע ניט געווען.

— אַ פאַרפלוכטע שטעדטעל! אפילו אַ צופאַל אויף אַ מינדסטע קאָרעספּאָנדענציע טרעפט דאָ ניט.

מענדעל איז שטאַרק מקנא אַט יענע קאָרעספּאָנדענטען, וואָס ביי זיי אין די שטעדטלאך טרעפען אָפט מחלוקת׳ען, גנבות און רציחות; ס׳טרעפט אַ מאָל אַ מעשה אין מקוה. מען קען שרייבען

פון תּלמוד־תּורה, ביקור־חולים און דאָ, אין גנילאָוזקע, פיהרט זיך גאַרניט ווי אין לייטישע שטעדט.

ער האָט זיך ווייטער גענומען גריבלען אין די אַלטע בלעטער און זיין זוכען איז געווען ניט אומזיסט: ער האָט געפונען אַ קליינע קאָרעספּאָנדענציע, וואו עפּעס אַ „שרה אשת טובים" מאַכט פאַרווירפע איהרע שטעדטעלדיגע, פאַר וואָס זיי לערנען ניט לשון־קודש.

— ביי אונז לערענט מען דאָך טאַקע ניט לשון־קודש! — האָט מענדעל מיט גרויס שמחה אויסגעשריען. נאָר אין אַ ווײַלע ארום איז איהם די שמחה געוואָרען געשטערט.

— פון איהר קען זיין האָט מען צוגענומען די קאָרעספּאָנדענציע ווייל זי איז אַ זי, אַ נקבה, אָבער פון מיר?

דער רעדאַקטאָר פון בלאַט, וואָס האָט זיך איהם שטענדיג גע־מאָהלט אין אַן ענגעל געשטאַלט, האָט איצט ביי איהם אַ פּנים פון אַן אַלטען... שלעפּער.

— פע, חלשות! בפני קהל עם ועדה זאָל מען נעהמען מאַכען מיט אַמיידעל אזעלכע מחזקות! ער האָט גאָר קיין בושה ניט און שרייבט פאַר טויזענד לעזער אַ הערה און פרעהט זיך, וואָס אַ מיידעל שרייבט. טאַקע אַ גרויסע שמחה!

ס׳איז שוין ווען ביי איהם געבליבען אונטערצושרייבען אַ נקבה׳שען נאָמען, אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט: ווער וועט איהם דערנאָך גלויבען, אַז ער וועט זאָגען: „אני שלמה"?

נאָר נאָך אַ לאַנגען באַדענקען איז ביי איהם געבליבען אונ־טערצושרייבען זיין אייגענעם נאָמען. אַ גאַנצע וואָך איז ער אַפּגעזעסען אין שטוב און געהאָרעוועט אויף דער קאָרעספּאָנדענציע. ענדליך, ווען ער האָט איהר געהאַט פאַרטיג, האָט ער איהר באַ־וויזען דעם ווישיליסקער און אַז ער האָט געקראָגען זיין הסכמה, האָט ער איהר אוועקגעשיקט אין רעדאַקציאָן.

מיט גרויס אומגעדולד האָט ער ערוואַרטעט דעם טאָג, וואָס לויט זיין רעכענונג נאָך, האָט די קאָרעספּאָנדענציע געדאַרפט זיין געדרוקט. מיט ציטערדיגע הענט און מיט אַ גרויס קלאַפּעניש אין האַרצען האָט ער פאַנאַנדער געעפענט דעם בלאַט — ניטאָ, ניטאָ!

ער זוכט אין „פאסט־קאסטען" — אויך ניטא.

ער איז גלייך געלאפען אין בית־המדרש און באוויזען דעם בלאט דעם וואשיליסקער.

— ווארט נאך א טאג, צוויי, אז ס'איז ניטא אין „פאסט־קאס־טען" איז א סימן, אז ס'וועט זיין געדרוקט.

מענדעל האט געווארט א טאג, צוויי און דריי און די קאר־רעספאנדענציע האט זיך אלץ ניט געדרוקט און אין „פאסט־קאסטען" איז אויך קיין ענטפער ניטא.

— וואס זאל עס באדייטען? — פרעגט ער דעם וואשיליסקער.

— זאג אקארשט, ווי האסטו געשיקט די קארעספאנדענציע?

— וואס הייסט: ווי?

— זאקאזנאיע, אדער ניין?

— מיט איין מארקע. — ענטפערט מענדעל מיט א קול פון א זינדיגען.

— אט דאס איז די מעשה. אין א רעדאקציאן שיקט מען ניט בריעף ניט־זאקאזנאיע, פארשטעהסט? אויף פאסט רעכענט מען, אז אין די בריעף, וואס געהען אין א רעדאקציאן, ליגט געלט אדער שוה כסף, ווארים אהין געהען ניט פוסטע בריעף, אבער אלס גע־שעפטס־בריעף, איז פראסטע בריף רייסט מען אויף, לאפוקי אבער א זאקאזנאיעם טאר מען ניט אויפרייסען.

ס'איז אבער שוין געווען פארפאלען. נאך א מאל שרייבען האט ער שוין ניט געוואלט.

7.

ס'זיינען איבערגעגאנגען נאך א פאר יאהר צייט און מענדעל האט אלץ געלייענט לשון־קודש ביכלאך און געהארעוועט אויף שרייבען. איצט באשעפטיגט ער זיך שוין ניט מיט קארעספאנ־דענציעס: ער שרייבט שוין שירים! ער האט דערפיהלט, אז די מוזע האט איהם א קוש געטאן, ער האט געמאכט מיט איהר חבר־פאווער און האט איהר גענומען קיצלען.

און דער פעקעל שירים זיינער האט גענומען וואקסען פון טאג צו טאג. מענדעל האט באזונגען יעדע זאך: א געבורטס־טאג, א ברית, אלע ימים טובים; ער האט באזונגען די זון, די

לבנה און די שטערן. אויך האט ער באקלאגט ישראל׳יקען, האט געמאכט איכה׳ס אויף גלות־השכינה, אויף חורבן בית־המקדש און נאך און נאך דאס גלייכען. ער האט שוין זאגאר א פאעמע אנ־געהויבען צו שרייבען אין דער לעצטער צייט, נאר דאס לעגט ער אפ אויף שפעטער.

— דערווייל דארף מען באוואוסט ווערען אין דער ליטעראטור.

ער האט זיינע שירים געשיקט אין אלע רעדאקציעס און האט זיך חדשים־לאנג געפלאגט מיט׳ן ווארטען אויף אן ענטפער און ווי אויף צופוקעניש האט ער קיין ענטפער באקומען — ניט שלעכטס און ניט גוטס. ענדליך האט ער אמאל ערהאלטען פון א רעדאקטאר א קארטעל, וואו ער איז איהם מודיע, אז זיינער א שיר וועט קירצליך זיין געדרוקט.

צייט ער האט ערהאלטען די קארטעל, איז ער ביי זיך אויס־געוואקסען אין די אויגען דריי מאל אזוי די הויך. ער האט פאר־לאזט לאנגע האר: „פאר א משורר פאסט ניט געהן געשוירען“. ער האט אפטער גענומען שפאצירען אונטער דער שטאדט און פארגעניגען האבען פון דער נאטור.

די ערשטע צייט האט ער געקוועטשט מיט די פלייצעס און געוואונדערט זיך, וואס געפינט מען אין דער נאטור, נאר ביס־לאכוויים, ביסלאכוויים איז ער אלץ מעהר ־תפעל געווארען פון איהר און האט געגלויבט באמונה שלמה, אז ער איז באצויבערט פון איהר.

ער שטעהט שוין מיט א פוס אויפ׳ן פארנאס.

— שווער איז נור דעם ערשטען שריט צו מאכען. איצט אבער... און ער איז געוועזן גערעכט...

אין א האלב יאהר ארום האט זיך געדרוקט אין דעם זעל־בען זשורנאל א צווייטער שיר זיינס און אין א יאהר ארום — א דריטער.

איצט איז געקומען די צייט, ער זאל זיך נעהמען צו דער פאעמא.

ער וואלט זיך שוין טאקע גענומען צו איהר, אבער זיינען געקומען שדכנים און גענומען איהם דרעהען דעם קאפ.

.8

מענדעל איז געווען ווייט ניט נאַריש און גענוג געבילדעט צו פאַרשטעהן, אַז די שדכנים־וועלט איז שוין לאַנג פאַרשוואונדען, מען האַנדעלט שוין מעהר ניט מיט מענשען ווי מיט בהמות, אַ כלה, קויפט מען ניט אויפ׳ן טאַרג. וועד רעדט, אַלס משורר, פּאָעט, פאַסט געווים ניט חתונה האָבען דורך אַ שדכן; ער האָט דורכאויס גע׳חלומ׳ט פון אַ פאַרליבעניש, נאָר זיי אַ בריה און פאַרליב זיך, אַז אין גאַנץ גנילאָוועקע איז אפילו ניטאָ איינע, וואָס זאָל אין איהם אָנצינדען דאָס העלישע פייער פון ליעבע.

דאָך זיינען שדכנים אַלע טאָג געגאַנגען.

— איך וועל ניט חתונה האָבען דורך אַ שדכן, — האָט מענדעל פעסט ערקלעהרט טאַטען און מאַמען. — היינט מאַכט מען שוין ניט קיין געשעפטען מיט חתן־כלה.

— וואָס רעדסטו, מיין קינד? — האָט די מוטער געפרעגט צור־שראָקען: היינט האָט מען שוין גאָר קיין חתונה ניט?

— איך וועל חתונה האָבען, אָבער אויס ליעבע.

און טאַקע אין דעם זעלבען טאָג נאָכ׳ן שמועס האָט בערעל, רעדענדיג מיט אַ שדכן, געזאָגט איהם אַזוי:

— מיין מענדעל, איהר פאַרשטעהט דאָך אַליין, איך דאַרף מיט אייך דען פיעל רעדען? די לחכימא ברמיזא, איז דאָך ניט פון די פאַרצייטיגע. ער זאָגט, פאַרשטעהט איהר מיך, אַז חתונה האָ־בען, ווי אַמאָל מען פלעגט חתונה צו האָבען, וויל ער ניט, ווי זאָגט ער דאָס? מיט חתן־כלה מאַכען מען היינט קיין געשעפט ניט. וואָס זאָגט איהר צו היינטיגע קינדער? האָ? זיי זיינען קליגער פאַר די טאַטעס? יאָ, מחשבות׳ן, ער זאָגט, ער וויל חתונה האָבען אויס ליעבע, איהר פאַרשטעהט, ר׳ מענדעל, מען דאַרף אייך קיין פינגער אין מויל ניט לעגען... זוכט איהם אויס אַ כלה, פאַרשטעהט, אַזוינס, וואָס ער זאָל זיך אין איהר פאַרליעבען. וואָס זאָל מען טאָן? היינטיגע קינדער...

— פּטור, צי פאַרשטעה איך? מען דאַרף מענדלען פיעל רע־דען, האָ? ניט איין שדוך, גאָט צו דאַנקען, האָב איך אויסגע־

פיהרט. איך האָב שוין אַ כלה טאַקע אַזוינס, וואָס איז... איהר וועט מיר, ר׳ בער, אייביג דאַנקען.

— אָבער ער וויל, אַז ער זאָל זיך פאַרליבען...

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ בער, וואָס בין איך עפּעס אַ אינגעל? מענדעל פאַרשטעהט אַ געשעפט. פיעל רעדען דאַרף מען איהם ניט. איך זאָג אייך אַ כלה, ער וועט מיר די הענט קושען, אָבי איך זאָל איהם נאָר רעכט מאַכען דעם שדוך. פאַרלאָזט זיך אויף מיר!

און בערעל האָט געהייסען דערלאַנגען בראַנפען און פאַרבייסען און מען האָט גענומען צו „קאָפּ“ און מען האָט זיך געדונגען וועגען נדן און געבליבען איז אויף צוויי טויזענט רובעל פון דער כלה׳ס צד און פינף הונדערט פון חתנ׳ס צד.

— נו, אַ כלה! זאָג איך אייך, — רעדט דער שדכן ביים ביסעל בראַנפען און דרעהט מיט׳ן קאָפּ, — אַ מיידעל אַ צאַצקע, שעהן ווי די וועלט, קלוג ווי דער טאָג, אַ וואויל געלערענטע, גאָר ניט ווי אַ אידיש קינד, הן אין לשון־קודש, איהר הערט, ר׳ בער, אַ מיידעל לשון־קודש, וואָס איז דאָס ווערט? הן אין רוסיש, דייטש, פראַנ־צויזיש, אַ מלומדת זאָג איך אייך, די וועלט האָט עס ניט, היינט איז זי אַ בריה... ווער האָט דאָס כח אויסצודערצעהלען איהרע מעלות? איך זאָג אייך...

און געבליבען איז, אַז חתן־כלה זאָלען זיך אויפפאָהרען אין ביעלאָווקע זעהן זיך.

9.

ביי נאַכט, צו טיי, האָט בערעל מענדלען דערצעהלט פון זיין געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט׳ן שדכן און האָט גערעכענט משמח זיין איהם מיט דער בשורה, אַז מען האָט שוין אָפּגעזוכט פאַר איהם אַ כלה, ווי ער אַליין פאַרלאַנגט.

נאָר צו בערעל׳ס גרויס פאַרוואונדערונג האָט מענדעל אפילו איצט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזא כלה.

— וואָס זשע דען ווילסטו? — האָט געפרעגט בערל פאַרוואונ־דערט.

— איך וויל חתונה האָבען אוים ליעבע.

— האָב איך דאָך דעם שדכן געבעטען, אַז ער זאָל דיר אויס־זוכען אַזאַ כּלה.

—דאָס איז עפּעס אַנדערש, — האָט מענדעל געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

מענדעל איז געווען אין אַ פאַרלעגענהייט, ער האָט ניט גע־קענט געבען צו ערקלעהרען, וואָס הייסט חתונה האָבען אויס ליעבע. איבערהויפּט איז איהם געווען שווער דאָס צו טאָן, ווייל ער אַליין האָט ניט געוואוּסט ריכטיג וואָס איז זיין באַגעהר. אין גנילאָווקע געפינט ער ניט קיין ליבענדע און אויב אַ שדכן זאָל זיך טאַקע ניט אַריינמישען, טאָ ווי אַזוי וועט קומען די קאַץ איבער'ן וואַסער? ער וועט דאָך ניט פאָהרען איבער דער וועלט זוכען אין וועמען זיך איינצוליבען?

— מיין זוהן! — האָט זיך צו איהם געווענדעט די מוטער: — טו דאָס מיר, מיר נויטען דאָך דיר ניט חס־ושלום. קלויב אויס אַ כּלה, ווי דיר אַליין געפעלט, מיר פּרימושען דיר ניט, אַז דו זאָלסט ניט אַנדערש ווי חתונה האָבען מיט דער כּלה, מיט וועלכע דו דאַרפסט פאָהרען זעהן זיך, וועט זי דיר ניט געפעלען ווערען, וועט זיך געפינען אַן אַנדערע, לאָז דער מאַמען פון דיר אביסעל נחת האָבען. פאָהר מיט'ן טאַטען — וועט זי דיר געפעלען, איז מה טוב, אויב ניט — איך אויך ניט קיין בייז.

— זעהן זיך מעגסטו דאָך אַלענפאַלס, וואָרים ממה־נפשך, וועט זי דיר געפעלען, אָדער, ווי מען רופט עס ביי אייך, פאַרליבען, איז דאָך אודאי גוט. אַלאַ וואָס? טאָמער ניט, איז אויך ניט קיין גרויס אומגליק. דאָס איז דאָך ניט סחורה, וואָס מען שניידט אָפּ.

— גוט, גוט! איך וועל פאָהרען, איך וועל פאָהרען! נאָר איהר וועט זעהן, אַז אומזיסט לעגט איהר הוצאות. — האָט מענדעל געענטפערט מיט האַרץ.

10.

די נאַכט נאָכ'ן זעהן זיך האָט מענדעל פאַרבראַכט אומרוהיג. ער האָט זיך געשליידערט, געוואָרפען אין בעט, געקעהרט זיך פון איין זייט אויפ'ן צווייטען און האָט זיך געמאַטערט איינשלאָפען, וואָרום אַז ער דערשלאָפט ניט אַ נאַכט, איז ער אויף מאָרגען

צוקראַכען און דערפאַר האָט ער איצט זעהר, זעהר מורא געהאַט, נאָר ווי אויף צו־להכעיס איז איהם דער שלאָף אין קאָפּ ניט גע־קראָכען.

וואָס טהוט זי איצט? פרעגט ער יעדער מינוט, צייט ער האָט פון איהר אָפּשייד גענומען. און יעדער מינוט ענטפערט ער זיך זעלבסט אויף זיין פראַגע.

איצט רעדט זי מיט איהר פאָטער, זי רעדט וועגען „איהם". אַה! פיעל וואָלט ער איצט געגעבען, ער זאָל קענען הערען וואָס זי רעדט. אז ער וואָלט געקענט זיין, אַ שטייגער, אַ רואה ואינו נראה, וואָלט ער שטיל אויפגעעפענט די טיר און געגאַנגען פּאַ־מעלאַך, געזעצט זיך נעבען איהר און צוגעהערט יעדעס וואָרט.

איצט, מסתמא, טוט זי זיך אויס...

דאָ פאַרכאַפּט איהם אַזש דער אָטעם.

איצט וואָלט ער דאָס גאַנצע לעבען אָפּגעגעבען ער זאָל נאָר עטליכע מינוט זיין אַ רואה ואינו נראה.

צו טיי האָט מען איהם אויפגעוועקט. ס'איז שוין געווען גוט שפּעט; ער האָט זיך היינט געוואַשען לענגער ווי אַלע מאָל, האָט זיך געזייפט די צורה, דעם האַלז, די הענט ביז'ן עלענבויגען, האָט זיך לאַנג פאַרקאַמט און האָט געהאַט גרויס קלעמעניש, וואָס דער „טשופּ" ליגט ניט גוט. מעשה שטן, האָט איהם גערעכט, געהט היינט די שטענגעלע אויך ניט גלייך. נאָר מעהר פאַר אַלץ האָט איהם פאַרשאַפּט עגמת־נפש דער פּריטשטשיק, וואָס איז איהם איבער נאַכט אַרויסגעשפּרונגען אויפ'ן נאָז. אַ היבשע צייט האָט ער געקוקט אין שפּיגעל אויפ'ן פּרישטשיק און האָט זיך זעהר גע־קרענקט. ענדליך איז ער מיט'ן טואַלעט פאַרטיג געוואָרען און איז אַרויס צו טיי.

אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געגאַנגען שפּאַצירען מיט דער כלה.

אָנפאַנגס איז ער געווען צושראָקען, האָט זיך מיט יעדעס וואָרט געוואָרגען, נאָר וואָס ווייטער איז ער אַלץ מעהר מוטיג געוואָרען, ווייל דאָס געשפּרעך איז אַריבער צו דער העברעאישער ליטעראַטור.

דאָ איז ער געווען אויפ׳ן פערד. פון דער ליטעראַטור איז ער גלייך אַראָפּ אויף סמאָלענסקינ׳עו, פון איהם אויפ׳ן „שמחת חנף“ און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן קאַפּיטעל „אהבה ותאוה“.

— ...קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט אמת׳ע ליעבע, אפילו געטהע, וואָס ער איז דאָך דער אבי אבות המשוררים, האָט אויך, במחילת כבודו, איהר ניט פאַרשטאַנען. וואָס הייסט? ביי איהם קומט אויס, אַז די מיאוס׳ע... תאוה — איז ליעבע. ליעבען טאָר מען ניט אויף אַזאַ אַרט. די ליעבע דאַרף זיין ריין, אָהן שלעכטע מחשבות. די ליעבע ווערט יאָ אויסגעפיהרט, ניט אויסגעפיהרט — די ליעבענדע דאַרפען אייביג בלייבען ביי זייער ריינעם געפיהל...

און לאַנג, לאַנג נאָך האָט ער גערעדט אויף דער זעלבער טעמא. דערנאָך האָט ער פאַרפיהרט אַ רעד וועגען פּאָעטען.

— ביים פּאָעט ווערט די ליעבע געבוירען פּלוצים, מיט אַ מאָל. ס׳איז גענוג, אַז ער זאָל זיך איין מאָל באַגעגענען מיט אַ געטין, און דאָס פייער פון ליעבע צינדט זיך גלייך אָן.

דאָס איז שוין געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז ער איז אין איהר פאַרליעבט, נאָר זי האָט עס ניט פאַרשטאַנען, אָדער געמאַכט זיך ניט פאַרשטעהענדיג.

— זי פאַרשטעהט געוויס — איז איהם אריבער אַ מחשבה אין קאָפּ — נאָר זי פאַרלאַנגט מסתמא...

געוואוסט האָט ער שוין פון די זשאַרנאַלישע אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, אַז אין דער גרויסער וועלט פיהרט זיך, דאָס דער ליעבענדער פאַלט, ביים ערקלעהרען זיך אין ליעבע, אויף די קניע. ער וואָלט עס געטאָן, נאָר ערשטענס האָט ער ניט געוואוסט, צו ס׳איז פּאַסיג אונטער׳ן פרייען הימעל, טאָמער דערזעהט עמיצער, און צווייטענס האָט ער אָנגעטאָן אַ נייעם גאַרניטור, וועט ער איינשמוצען די הויזען, און דריטענס האָט ער ניט געוואוסט די צערעמאָניע ביים פאַלען, ווי דאַרף מען האַלטען דעם קאָפּ? וואָס טוט מען מיט די הענט?

איז ער געוואָרען פאַרצווייפעלט, האָט זיך אין גאַנצען פאַרלאָרען און האָט ניט געוואוסט, וואָס ווייטער צו רעדען.

פּלוצים איז אויף איהם אַ נייע הויט אַרויסגעצויגען געוואָרען. ער האָט זיך דערמאָנט אַ נוסח פון ערקלערען זיך אין ליעבע. ער האָט עס ערגעץ געלעזען.

— ביי אייך געפינט זיך מיינע אַ זאַך — האָט ער זיך צו איהר געווענדעט.

— וואָס? — האָט זי געפרעגט פאַרוואונדערט.

— מיין האַרץ! — האָט ער געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אוי־גען, און איהם האָט געדאכט, אַז ער דערוועגט זיך מיט די צוויי ווערטער. דערביי האָט איהם דאָס גאַנצע בלוט אַריינגעשפּאַרט אין פּנים.

זי האָט אויף דעריין געשוויגען און אויך אַראָפּגעלאָזט די אוי־גען. דאָס בלייכע געזיכט איהרע האָט זיך באַדעקט מיט אַ ראָזע פאַרב.

— שתיקה כהודאה — אַז מען שווייגט, איז אַ גוטער סימן...

אַ היבשע שטיק זיינען זיי געגאַנגען שטיל. ענדליך האָט זי איבערגעריסען די שטילקייט און האָט איהם געפרעגט, וואָס האָט ער אין איהר געפונען?

— אַליץ, אַליץ! — האָט ער געענטפערט מיט היץ און אַ קוק געטאָן איהר אין די אויגען: שעהנקייט, קלוגהייט, בילדונג...

צוריקגעהענדיג האָט ער איהר דערצעהלט, מיט וואָס פאַר אַ רעיון ער איז אהער געפאָהרען. ווי ער האָט ניט געוואָלט פאָה־רען, ווי די מוטער האָט איהם קוים איינגעבעטען, און ער האָט דערביי געלאַכט פון זיך.

אין דער אכסניא זיינען זיי אַריין פון שפּאַציר גליקליכע איבער גליקליכע.

11.

דער שדוך איז געפּעלען געוואָרעןביידע צדדים. מען האָט קיין שהיות ניט געמאַכט, באַלד געמאַכט אַ קנין און די מחותנים זיינען פאַנאַנדערגעגאַנגען.

ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָהרען, האָט אָנגעהויבען צו ווערען פינסטערלאַך.

— ווי געפעלט דיר, מענדעל, די כלה? — האָט איהם דער פאָטער געפרעגט.

מענדעל האָט נאָר אַ שמייכעל געטאָן.

— איהר, יונגוואַרג, מיינט, אַז די טאַטעס זיינען שוין גאָר נאַראָנים, זיי פאַרשטעהען גאָרניט — האָט דער פאָטער געזאָגט, קוקענדיג אין מענדעל'ס זייט און צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

מענדלען איז איצט געווען זויער אויפ'ן האַרצען. אין דעם איין טאָג האָט ער זיך צו איהר אַזוי צוגעבונדען, אַז ער האָט שיער זיך ניט פאַנאַנדערגעווײנט ביים געזעגענען זיך מיט איהר.

ער האָט איצט גענומען באַטראַכטען די אַלע ווערטער, וואָס ער האָט מיט איהר גערעדט און האָט געפונען, אַז פיעל פון זיי זיינען געווען זעהר קלוג געזאָגט, איבערהויפּט דאָס געשפּרעך וועגען ליעבע.

— דער געדאַנק איז אפילו ניט קיין אייגענער, אָבער מען דאַרף דאָך קענען אַרויסגעבען.

און אויף פיעל ווערטער האָט ער חרטה געהאַט, און איהם האָט געקלעמט דאָס האַרץ, וואָס ער האָט זיי ניט באַטראַכט, איידער ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט פון מויל.

נאָר מעהר פון אַלץ האָט איהם געקרענקט זיין אומגעלומפּערט־קייט. זיין קעהר, זיין ריהר איז דאָך ריכטיג אַ פּטרנ'ישען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אומגעשיקט ער האָט איהר אין אָבענד, ביים ערשטען שפּאַציר, אַריבערגעהענדיג די רינע, אונטערגעהאַלטען, און איז רויט געוואָרען.

— אבי געפעלען געוואָרען! — טרייסט ער זיך.

— פאַרט אַ פּטרן! — רייצט ער זיך אַליין.

ער בלייבט אויף אַ ווײלע זעהר טרויעריג.

באַלד אָבער פאַלט איהם איין אַ געדאַנק, אַז צוליעב זיין אומגעשיקטקייט איז ער איהר טאַקע געפעלען געוואָרען, וואָרים דאָס ווייזט אויף געזעצטקייט.

— איז איהר דען אַ נאָווינע צו זעהן היינטיגע געשיקטע פּוסטע פּראַנטען?

ביי דער המצאה ווערט איהם פרעהליכער. דאָס האַרץ געהט איהם אָפּ.

דאָך, אַזוי וואָלט ער זעהר ווע̇לען וויסען די כּללים פון אַ היינטיגען קאַוואַליער. מען זאָגט, אַז אויף דערויף זיינען פאַראַן באַזונדערע ביכלאַך. נאָר ווי באַקומט מען אַזאַ ביכעל?

איבערהויפּט וואָלט איהם צוניץ געקומען, ווען מען וועט איהם, מענדלען, אָפּאַכטען אויף אַ יום־טוב צו דער כּלה. געווים וועט מען איהם דאָך פיהרען אין געסט און דאָרט דאַרף מען וויסען, ווי זיך צו האַלטען.

— מיר וואָלט עס ניט אויסגעמאַכט, נאָר איהר? זי האָט דאָך דאָרט אַ קרייז פון פוסטע פראַנטען און ביי זיי אין די אויגען פאַרלירט מען דעם גאַנצען חן, אַז מען ווייסט ניט קיין „פּאָליטיק“.

דער וואָגען האָט אַ טרייסעל געטאָן. ער האָט זיך מיט'ן פאָטער אָפּגעקלאַפּט די קעפּ.

דער וועג ווייטער איז געווען פאַרזייט מיט שטיינער און דער וואָגען האָט געטרייסעלט, מענדעל האָט זיך אָנגעהאַלטען אַן דעם דרענגעל.

— מיר זיינען שוין נעבען קיידאַנאָוו̇קע, באַלד איז די שטעד־טעל, — האָט דער פאָטער צו איהם געזאָגט.

12.

— זיי האָבען מיר אַראָפּגעלופּעט די הויט, צוויי טויזענט קערבלאַך, דו ביזט ווערט אַזאַ חתן? — האָט זיך געוועגדעט דער פאָטער צו ליזאַ'ן מיט אַ פרעהליכע מינע, פאָהרענדיג צוריק אַהיים.

— אַז דו גיסט, איז דאָך אַ באַווייז אַז איך בין ווערט.

ליזאַ איז געווען זעהר פרעהליך. דער אָבענד איז געווען זעהר אַ שעהנער. אויפ'ן הימעל איז געשטאַנען די זעלבע לבנה וואָס נעכטען ביים שפּאַציר. זי האָט זיך דערמאָנט זיין אומגעשיקט־קייט... און האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — פרעגט איהר דער פאָטער.

— גלאַט אַזוי! — האָט זי פון איהם פאַרלייקענט.

ליזאַ׳ן הויבט אַזש אין דער לופט פון וואָגען. זי וויל וואָס גיכער קומען קיין פּריאַנסק און וואָס גיכער דערצעהלען איהר חבר׳טע, טהעאָפּיליען, וואָס פאַר אַ חתן זי האָט אויסגעזוכט.

זי האָט שטאַרק הנאה פאַרשטעלענדיג, ווי ווייט ס׳וועט טהעאָפיליע׳ן קרענקען, ווען זי וועט זיך אויסהערען, אַז דער חתן איז אַ פּאָעט.

— וואָס האָט זי אַריינגעכאַפּט — אַ שטיקעל אַדוואָקאַטעל? אַ טייערע מציאה! היינט איז די סחורה גאָר אַ ביליגע.

ליזאַ דערמאָנט זיך, ווי ריכטיג אין אַזאַ זומער־נאַכט איז זי געזעסען ביי דער לעצטע אויפ׳ן באַלקאָן און פאַנטאַזירט, קוקענדיג אויף דער בלאַסער לבנה, וועגען „איהם”. זיי האָבעןביידע געהאַפּט קריגען דאָקטוירים און גע׳חלומ׳ט פון אַ רייכען לעבען, מיט „וועטשערעס”, בעלער, קאַרעטעס, קוטשערס...

— וואָס איז, לעאָן וועט ניט זיין קיין דאָקטאָר? ער איז דאָך שוין אין זיבעטען קלאַס גימנאַזיע. דו האָסט געזעהן מיט וואָס פאַר אַ אויגען ער האָט אויף מיר געקוקט? ווי ער האָט מיך גערדריקט די האַנט? — פרעגט ליזאַ ביי טהעאָפאָליע׳ן.

— און גריגאָרי? איבער אַ יאָהר ענדיגט ער דאָך דאָס גימנאַזיום. ער אוכאַזשעוועט מיר דאָך שוין צוויי יאָהר. דו האָסט געזעהן? מיט קיינעם טאַנצט ער ניט, נאָר מיט מיר. — ענטפערט מיט אַ פראַגע טהעאָפיליע.

און זיי האָבען ביידע שטאַרק געהאָפּט אויף לעאָנ׳ען און גריגאָריי׳ן און זיס־גע׳חלומ׳ט פון אַ גאָלדענעם צוקונפט, ביז זיי האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז אין פּריאַנסק זיינען פאַראַן נאָך „באַרישניעס”, וואָס מעגען פרעטענדירען אויף לעאָנ׳ס און גריגאָריי׳ס ליעבע.

איצט ווייסט זי, אַז דאָס איז געווען אַ קינדער־שפּיעל, נאָר אַ פיינע שפּיעל, און יענע צייט איז איהר זעהר באַליעבט.

.13

ליזאַ׳ס עלטערען זיינען געווען פּראָסטע מענשען פון נידעריגען שטאַנד. דער פאָטער, גרשון־חיים, איז געווען אַ פּראַקטישער אידעל ניט קיין נאַר. ער האָט גענומען האַנדלען טאַקע בלויז מיט פינף

פינגער, נאָר די צייט איז איהם אָוועק גוט און ער האָט אויפגע־קליבען אַ קאַפּיטאַל.

געזעהן האָט ער, אַז אין פּריאַנסק לערענט מען ביי די פּני העיר (ער פּלעגט זיי רופען „פּיאַנע העיר") די קינדער און ער האָט געוואָלט, אַז זיינע טעכטער (מיט קיין זין האָט איהם גאָט ניט געבענשט) זאָלען אויך אַלץ לערנען און אַלץ קענען.

ליזאַ'ן האָט ער צו זיבען יאָהר געשיקט אין חדר צום „מיי־דעלשען רבי'ן" לערנען עברי, דערנאָך צום אינגעלשען רבי'ן לער־נען תנ"ך, דערנאָך האָט ער געדונגען אַ לעהרער אין שטוב און געהייסען איהם, ער זאָל איהר אויסלערנען אַלץ, „וואָס ער קען אַליין".

— לאָה'קע האָט אַ מאַנסבילשען קאָפּ, זי באַנעהמט אַלעס — האָט גרשון־חיים גערעדט צו דער וויב צופרידען.

— אָבער זעה ס'אַראַ פּנים זי האָט! זי איז דאָך אויסגע־סאַכנעט, דאָס עסען געהט איהר גאָר ניט אין קאָריץ און דאָס איז אַלץ פון דיין לערנען... וויים איך, וואָס דו ווילסט פון קינד? — ענטפערט גרונע, דאָס וויב, פאַרזאָרגט.

גרונע האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן, צו וואָס דאַרף אַ מיידעל לערנען. מילא אַ מאַנסביל — ווי קען זיין אַנדערש? אָבער אַ מיידעל? זי האָט נאָר געקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

דער פאָטער אָבער האָט פון ליזאַ'ס קענטעניש געקליבען נחת. אַ שטייגער אָבענד־צייט צו טיי, ווען דער קאָפּ איז ריין פון עסקים, פּלעגט ער נעהמען איהר „פּאַרהערען"; ער פּלעגט אַרויסנעהמען פון בוזים־קעשענע אַלע זיינע וועקסלען, אוסלאָוויעס און איבעריגע פּאַפּירען און איהר געבען צו לייענען. זי האָט געלייענט ווי אַ וואַסער, נאָר ביי די נעמען און פאַמיליעס זיך אָפּשטעלען. ער האָט עס שוין געוואוסט און אין די שווערע ערטער איהר אונטערגעזאָגט.

און ליזאַ איז געוואָרן אַ געראָטען מיידעל, האָט באַנומען אַלעס, וואָס דער לעהרער האָט מיט איהר גערעדט, און אויפ'ן פערצענטען יאָהר איז זי געווען באַהאַוונט אין תנ"ך און געוואוסט רוסישע גראַמאַטיק פון טאַוועל צו טאַוועל.

אין דער צייט האָט זי זיך באַקאַנט מיט טהעאָפּילי׳ען און זיי זיינע געוואָרען חבר׳טעס.

ביי טהעאָפּילי׳ען אין שטוב האָט זי געזעהן אַ ניי לעבען. דאָרט האָט מען זיך געפיהרט פריי. די מאַנסביל זיינען געזעסען אָהן היטלען, די ווייבער געגאַנגען אין אייגענע האָר. דאָרט פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען יונגע לייט און מען פלעגט שפּילען אין קאָרטען, פּפאַנדען און פאַרבראַכט די צייט גאַנץ פרעהליך.

דעם ערשטען מאָל אויף איהר לעבען האָט זי דערהערט, אַז מען רופט איהר שוין פריילין; ס׳רעדען מיט איהר יונגע לייט, ווי מיט אַ באַרישניע און פון ערשטען טריט אין דעם הויז זיך גענומען באַנוצען מיט אַלע פּריווילעגיעס פון דעם שעהנעם געשלעכט.

ביי ליזאַ׳ן אין הארץ האָבען זיך אָנגעהויבען דערוועקען נייע געפיהלען, זי האָט אָנגעהויבען קוקען אויפ׳ן פּוץ און שעה׳ס־ווייס מיט טהעאָפּילי׳ען חלומ׳ען וועגען „איהם“.

און זיי האָבען איינע פאַר דער צווייטער אויסדערצעהלט ווער ס׳האָט אויף זיי געקוקט, ווער ס׳האָט שטייף געדריקט די האַנט, ווער ס׳האָט אַנגאַזשירט טאַנצען, מיט וועמען וועלען זיי שפּאַצירען, געפרעגט איינע ביי דער צווייטער, ווי געפעהלט איך דעם? א. ז. וו.

אין אַ קורצע צייט אַרום איז ביי זיי געבליבען, אַז מען דאַרף זיך לערנען אַביסעל דייטש און פראַנצויזיש.

אַ האַלב יאָהר צייט האָבען זיי גע׳חזר׳ט די לעקציאָנען צו־זאַמען און דערנאָך אָוועקגעוואָרפען דאָס לערנען אין גאַנצען.

— גע׳פּטר׳ט מיט׳ן לערנען.

איצט האָבען זיי ביידע מיט מעהר התמדה גענומען לעזען ראָ־מאַנען און געקליבען זיך פון די ביכער העראָען. ליזאַ׳ן איז געווען געפעלען אַ שאַטין און טהעאָפאַליע׳ן אַ בלאָנדין און האָבען איינע דער צווייטער פאַרגינט פונ׳ם גאַנצען הארצען.

ניט אזוי אָבער איז געווען מיט די לעבעדיגע העראָען. זיי האָבען געוואוינען יעדען וואָרט וואָס מען האָט געזאָגט דער אָדער יענער און טאָמער האָט איינע אָנגעצעהלט ביי זיך אַ צעטעל מעהר ווערטער, וואָס אַ קאַוואַליער האָט איהר גערעדט, איז איהר די צווייטע געוואָרען אַ דם־שונא, איבערהויפּט האָט די קנאה־שנאה

דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע, ווען קיין פריאנסק פלעגען אראָפּפאָהרען צו גאַסט צוויי גימנאַזיסטען אין שפּאָגעל־נייע מונ־דירען מיט מעשענע קנעפּלאַך — לעאָן און גריגאָרי. ליזאַ׳ן האָט אנפאנגס געדאכט, אַז לעאָן און גריגאָרי באַשעפטיגען זיך נאָר מיט טהעאָפּיליע׳ן, און, פאַרקעהרט, טהעאָפּיליע׳ן האָט געדאכט, אַז זיי גיבען זיך אָפּ נאָר מיט ליזאַ׳ן — זיי זיינען גרייט געווען דעמאָלט איינע די אַנדערע „אויפעסען״, נאָר דאָך איז צו קריעג ביי זיי חס־ושלום ניט געקומען. זיי האָבען זיך, ווי פריהער, גע־קושט און געהאַלזט, און נאָך פיעל ווארימער געקושט און שטייפער געהאַלזט. ס׳איז אין דעם קושען און האַלזען געלעגען אַ סוד...

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען טהעאָפּיליע׳ן גענומען רעדען שדוכים און זי איז געוואָרען אַ כלה.

ליזא האָט זיך מיט איהר זעלטענער באַגעגענט און אָפּגעגעבען זיך מעהר מיט לעזען. זי האָט געלעזען אַלץ וואָס ס׳איז נאָר אריינ־געפאַלען אין האַנט, סיי רוסישע, סיי לשון־קודש׳דיגע — אַבי נאָר מעשיות.

פריאנסקער קאַוואַליערען האָבען איהר ניט געלאָזט „סקוט־שאַיען״, איבערהויפּט די שותפות׳דיגע וואָס זי האָט געהאַט מיט טהעאָפּיליע׳ן, האָבען איהר איצט מעהר „אוכאַזעט״. אייניגע פון זיי זיינען איהר געווען געפעלען, און איינער, מאַקסים איוואַנאָוויטש, טאַקע גאָר געפעלען, נאָר מעהר ניט אַלס קאַוואַליער, אָבער ניט אַלס חתן.

שלעכטע צינגער האָבען געמורמעלט, אַז ביי איהר מיט מאַק־סים איוואַנאָוויטש׳ן איז עפּעס אַ מין ליעבע, נאָר אויף דעריין קען זיין אַן עדות די שטילע לבנה אָדער די שטומע בוימער וואָס האָבען געזעהן זייער קושען, האַלזען און געהערט זייער שווערען, אָבער יענע שווייגען.

שדכנים זיינען לעדיג ניט געזעסען, זיי האָבען געבראָכען דעם קאָפּ און געזוכט איהר באַשערטען.

און אַז מען זוכט געפינט מען; זיי האָבען געטראָפען, אַז איהר באַשערטער זיצט אין גנילאָווקע.

.14

ביים קנין האָט מען אָפּגערעדט, אַז די חתונה זאָל מען פּראַווען גלייך נאָכ׳ן פּריזיוו, באַטש מורא האָבען איז ניט געווען פאַר וואָס. מענדעל איז דאָך אַ פּערווע לגאַטניק, נאָר נאָכ׳ן פּריזיוו איז פאַרט זיכערער.

אונטער דער צייט האָבען חתן־כלה געשריבען איינער דעם אַנדערען ליעבע בריעף אויף ראָזע פּאַפּיר. ער האָט געשריבען מיט פּייער אויף עטליכע בויגעלאַך יעדען בריעף און באַוויזען, אַז ער האָט אַ גרויסע ידיעה אין חכמות חצוניות. אין פּילאָזאָפיע איז ער אַ גאַנצער בן־בית, האָט געמישט אפּלטון, סאָקראַטעס, אַריסטאָטלעס, רמב״ם, שפּינאָזע, מענדעלסאָן. אויך האָט ער אָפּט געפּעפּערט די בריעף מיט שירים און אין יעדעס שיר האָבען זיך פון די ערשטע אותיות פון יעדער שורה צוזאַמענגעשטעלט לאה גרינבלאַט און מנחם מענדעל צוקערזים. די ערשטע אותיות זיינען געווען געשריבען סופר׳יש און ניט אין ערד נאָך גרעסער, אָלס די איבעריגע.

אויך האָט זיך מענדעל דערווייל גענומען צו דער גרויסער פּאָעמא, נאָר אַזוי ווי די בריעף האָבען ביי איהם אוועקגערויבט די גאַנצע צייט, אַ שפּאַס איז דאָס שרייבען בריעף צו אַ כלה! איז די פּאָעמא געגאַנגען זעהר שלאַף. ער האָט אפילו דעם פּראָלאָג נאָך ניט געהאַט געענדיגט. דאָס האָט איהם זעהר לייד געטאָן, ווייל ער האָט געוואָלט אָפּדרוקען די פּאָעמא פאַר דער חתונה אין אַ באַזונדער ביכעל און שיקען איהר דער כלה אַ מתנה אין אַ ראַשקאָשנעם בונד. נאָר מילא? וועט ער עס טאָן נאָך דער חתונה.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער פּריזיוו. ער האָט באַצייטענס אָנגעהויבען צו האָרעווען אויף אַ שיר: „על הגאולה והתמורה“, דער שיר האָט געזאָלט זיין אַ קרוין אויף די קינדערשע און בחור׳שע יאָהרען. ער האָט טאַקע אויף איהם דאָס לעבען אוועקגעלעגט און ביז צום סאַמע פּריזיוו האָט ער איהם געהאַט פאַרטיג.

דעם פּריזיוו האָט ער גע׳פּטר׳ט גרינג, מען האָט געמאַכט אַ מזל־טוב און ער האָט זיך גלייך געזעצט איבערשרייבען דעם גאַנצען שיר מיט קליינע סופר׳ישע אותיות אויף דאָס בעסטע פּאַפּיר, וואָס ער האָט נאָר געקראָגען אין שטעדטעל. ער איז מיט׳ן שיר געווען זעהר צופרידען, נאָר איין זאַך האָט איהם באַנק געטאָן, וואָס ער קען ניט מאָלען: צום שיר האָט זיך זעהר און זעהר געפּאַסט עפּעס אַן אויסמאָלאַכטס. די כלה איז געווען פון דעם שיר ענטציקט. דער מחותן האָט זיך געצאַצקעט און געטראָגען אַלע באַקאַנטע ווייזען. פּריאַנסקער מבינים האָבען ממש די פינגער געלעקט פון איהם און האָבען זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען, וואָס אין איין טאָג האָט דער חתן באַוויזען אַזאַ בריה׳שאַפט און אָנגעשריבען אַזאַ גרויסען שיר.

.15

די חתונה, כאָטש מען האָט איהר אָפּגעלעגט גלייך אויף נאָכ׳ן פּריזיוו, האָט זיך אָפּגעצויגען, ווי ס׳פּאַסירט אָפט ביי קליינע סוחרים מחותנים, ביז זומער; אויף פּסח איז מענדעל געווען אָפּגעאַכט אין פּריאַנסק און איז זעהר געפעלען געוואָרען דער שוויגער. זי האָט לכבוד דעם גאַסט געמאַכט געראָטענע קניידלאַך און כרעמזלאַך, וואָס עד היום ליגען זיי נאָך מענדלען אין מאָגען.

אין געסט געהן האָט מענדעל זעהר קיין חשק ניט געהאַט, נאָר ניט געהן איז געווען אונמעגליך, דעריבער איז ער טאַקע געגאַנגען, נאָר ער האָט זיך מיט קיינעם ניט אריינגעלאָזט אין אַ געשפּרעך און איז געזעסען אין אַן ערהאַבענע פּאָזע.

ליזאַ׳ן האָט די פּאָזע זעהר געפרעהט: ווייסט, אז ער איז ניט גלייך מיט אַלעמען.

אויף מאָרגען נאָך פּסח האָט מען דאָס געלט איינגעלעגט און אָפּגעלעגט אויף ל״ג בעומר די חתונה. ער איז גלייך אָפּגעפאָהרען.

אויף ל״ג בעומר איז דעם חתן׳ס צד געקומען אין פּריאַנסק און אָפּגעשפּיעלט די חתונה. די כלי־זמר האָבען זיך פון הויט געריסען געפעלען ווערען דעם חתנ׳ס צד מיט׳ן שפּילען, דער

בדחן האָט אויסגעשאָטען אַלעס וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַבי נאָר אַרויסרופען אַ שמייכעל ביים חתן אויפ׳ן געזיכט. דער עולם טאַקע האָט זיך געקייכט פון געלעכטער און לאַנג, לאַנג האָט מען געהאט צו דערצעהלען פון דער חופה־וועטשערע.

מענדעל האָט זיך אַפּגעשטעלט נאָך דער חתונה אין פּריאַנסק. ער איז אַנגעקומען אויף קעסט צום שווער.

און אַזוי ווי אין גנילאָוועקע בחור׳וויים, אַזוי אין פּריאַנסק איי־דעמ׳וויים, איז ער געווען אַ ברכה ביי ווייבער. אַלע אין דער פריה, אַזייגער נייז, האָט מען איהם געזעהן געהן מיט׳ן טלית־זאַק אונטער׳ן אָרעם אין קלויז; שבת צו מפטיר פלעגט ער זינגען אַזוי זיס די הפטורה, אַז די שוויגער האָט זיך פּשוט געשמאָלצען פון נחת, זיצענדיג אויבען אין דער ווייבערשער שוהל און צוהערענדיג זיך צו זיין זיס קול. דערפאַר אָבער האָבען די אויגען אַרויסגעשפּאַרט פון קנאה ביי די שכנות, וואָס האָבען זיך מיט זייערע „בנים״ ניט געהאט וואָס איבערצונעהמען.

מענדעל האָט גיך קונה־שם געווען, אָבער צוליעב איהם האָבען שטאַרק געליטען פרעמדע, אומשולדיגע מענשען, אַ שטייגער די יונגע חברה׳ניקעס, וואָס האָבען גאָט אין גאַנצען פאַרלאָזען, זיינען אַרויסגעצויגען געוואָרען גלייך נאָך מענדעל׳ס קומען.

— זעהסט? — טענה׳ט אַ מוטער מיט איהר „טייערען בנ׳על״ — גרשון חיים׳ס איידעם איז אַ סך אַ שעהנערער מענש פאַר דיר, וואָס ער פאַרמאָגט אין זיין פּיאַטע, פאַרמאָגט ניט דיין גאַנץ נאַריש קאָפּ. עפּעס אַ וועלט קלינגט דאָך מיט איהם, ער איז דאָך עפּעס, ווי רופט מען דאָס? איז איהם פּאַסט געהן אַלע טאָג אין קלויז, און דיר לאָזען דיינע קענטעגישען ניט זיין קיין איד. וואו איז דיין שכל? ס׳אַראַ צורה, ס׳אַראַ פּנים דו האָסט ביי לייטען! אַלע חוזק׳ען, מען מאַכט דאָס טודליקעס פון דיר... אוי ס׳אַראַ ביטערער אויסגאַס איז אויף דיר געשעהן! לייטישע מזלות, פרעג קשיות! מיט וואָס בין איך דאָך אַזוי זינדיג, מיט וואָס איז מיין בויך אַזוי פאַרשאָלטען, אַז אויף מיינעם אַ קינד זאָל מען טייטען מיט די פינגער?

— איך רעד שוין ניט פון קיין שום זאַך — ערקלעהרט א צווייטע מוטער איהר זוהן. — ס'איז דאָך גלאַט בעסער צו פיהרען אַ אידישען שטאַט. וואָס פעהלט, למשל, גרשון חיים'ס איידעם? ער האָט גענומען אַ גרויסען נדן, האָט אַ שעהנע ווייב, האָט אָנ־מעטום כבוד, ווייסט וואָס אַ לעבען איז און וואָס האָסטו פון דיין ניט־פרומקייט?

— זעהסט, איך פרעג, זאָל עס נאַר צו קיין בייז־וואונדער ניט זיין, — האָבען צווישען זיך גערעדט די פרומע ווייבער. — פאַרוואָס קומט עס דער חצופה'שקע אזא מאַן אַ בריליאַנט? זי געהט מיט אייגענע האָר און ער איז אזא כשר קינד?

און דער שאָטען וואָס איז געפאַלען פון איהר האָט נאָך גרע־סער געמאַכט זיין ליכטיגקייט.

16.

מענדעל איז אַקאַרשט געקומען פון קלויז, האָט אַנידערגעלעגט דעם טלית־זאַק אין עס־צימער אויפ'ן טיש און אַ קוק געטאָן אין ספּאַלנע.

ליזא וואַשט זיך איין.

ער האָט דערווייל גענומען שפּאַצירען איבער'ן זאַל, פאַרלעגט איין האַנט אַהינטער און מיט דער צווייטער גלעטענדיג דאָס באָרד וואָס האָט ניט לאַנג אָנגעהויבען צו שפּראָצען. ער איז הינטער־וויילעכטס צוגעגאַנגען צו דעם גרויסען שפּיגעל, האָט זיך אַ וויילע באַטראַכט פון ביידע זייטען און ווייטער געגאַנגען.

די טיר פון ספּאַלנע האָט זיך געעפענט און ליזא איז אַריין אין זאַל. אויפ'ן געזיכט ביי איהר ליגט אַ פרישקייט, פון רייבען מיט'ן האַנטוך שפּיעלט דאָס בלוט אין די וואַנגען, די בלוזע נאָך ניט אין גאַנצען פאַרשפּילעט. אין אַזעלכע מינוטען איז זי געווען העכסט גראַציעז. מענדעל האָט אויף איהר גלייכגילטיג ניט גע־קענט קוקען, דאָס האַרץ האָט געצאַפּעלט.

זיי האָבען זיך באַגעגענט מיט אַ שמייכעל.

— דו האָסט שוין געטרונקען טיי?

—יא.

— קען מען פרישטיקען?

—יא.

זיי זיינעןביידע אריין אין עס־צימער און געזעצט זיך ניט ווייט איינער פון צווייטען.

ער האט באמערקט ביי איהר אין די ווינקלען־ליפען א שפור פון צייהן־פראשעק.

— דו ביזט אין מעהל איינגעריבט — זאגט ער מיט א גע־לעכטער.

— וואו?

ליזא באמערקט דעם טלית־זאק אויפ'ן טיש.

— אין קלויז געהסטו דורכ'ן מארק אדער דורך קיידאנאוו־קער גאס?

— דורך קיידאנאווקער.

— דו געהסט דאך פארביי טהעאפיליע'ס שטוב, זעהסטו איהר אמאל דורכ'ן פענסטער?

— אין קלויז געהענדיג זעה איך איהר קיינמאל ניט, נאר צוריק זעה איך איהר א מאל; היינט האב איך איהר אויך גע־זעהן.

דאס בלוט האט ליזא'ן פאנאנדערגעגאסען זיך איבער'ן גאנצען געזיכט. זי האט מיט די אויגען גענומען עפעס זוכען אויפ'ן טיש.

ליזא איז געווען זעהר אומצופרידען מיט מענדעל'ס געהן אלע טאג אין קלויז דאוונען. וואס הייסט? זי האט חתונה געהאט מיט אן ארים־בחור? זי האט זיך שוין עטליכע מאל צוגעקליבען זאגען איהם, נאר זי פועל'ט עס ביי זיך ניט. ס'טייטש! זי וועט איהם לערנען? אז ער טהוט, מסתמא ווייס ער וואס ער טהוט, דאך האט איהר זיין אויפפיהרונג געקלעמט.

זי האט געזעהן ווי טהעאפיליע לעבט. ביי זיי אין שטוב איז פריי, אימער פרעהליך, ביי זיי קריגט מען שבת א סאמאוואר, א באקאנטער קען קומען רויכערען א פאפיראס, אין א תענית קריגט מען וואס צובייסען, א ווינטיסט אדער א פראפעראנסיסט געפינט דארט שטענדיג א פארטנער; מיט איין ווארט: דארט לעבט מען.

און טהעאָפּיליע ווייס דאָך, צו וואָס פאַר אַ לעבען ליזא האָט געשטרעבט; איצט דאַרף זי זעהן ווי מאַקס (מענדעל) געהט אַלע טאָג מיט'ן טלית־זאַק אונטער'ן אָרעם אין קלויז...

ליזא פאַרשטעהט, אַז מאַקס טוט עס ניט פון פרומקייט וועגען. אָבער עס קען דאָך זיין אַז טהאָפּיעלע פאַרשטעהט עס ניט.

ליזאַ מאַכט האַרץ און פרעגט מענדלען, קוקענדיג אָן אַ זייט:

— וואָס צווינגט דיר געהן אַלע טאָג אין קלויז? דו ביזט דאָך ניט קיין פאַנאַטיק, האַ? ניט קיין פאַנאַטיק?

ביי די לעצטע ווערטער האָט ליזא אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ צו איהם און געקוקט איהם גלייך אין די אויגען. אין איהר קוק איז געווען א מין געבעט, אַ מין יסורים.

— איך מוז, מיין לעבען, געהן אַלע טאָג אין קלויז. ווען איך זאָל אפילו ניט וועלען, מוז איך געהן. איך בין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דאָס גאַנצע פאָלק. אויף מיר קוקט... ווי זאָל איך דאָס דיר זאָגען?... נו, דו פאַרשטעהסט דאָך אַליין. אַז דער פעבעל וועט זעהן, אַז איך דאַווען ניט, קען דערפון אַרויסקומען אַ... אַ... אַ קלקול. ערשטענס פאַרלירט די גאַנצע ליטעראַטור איהר צוטרוי ביים פאָלק. אַ חילוק איצט וועסטו הערען ווי מען רעדט דאָ אין שטעדטעל: ער איז דאָך געווים א געלעהרטער און דאָך האָט איהם די בילדונג ניט געשאַדט. פאַרשטעהסט? און צווייטענס, מוז מען פאַר'ן המון האָבען אַ בייטש. די אמונה איז א טייערע זאַך פאַר'ן פּראָסטען מענשען, מען טאָר איהם ניט ווייזען אַ ביישפּיל פון ניט־פרומקייט. ביי איהם קען זיין רעכט, אַז מען מען דאַרף ניט דאַווענען מעג מען שוין טאָן כל דבר אָסור, מען מעג גנב'ענען, גזל'ענען, מיט איין וואָרט: מען מעג טאָן אַלעס: עבדא בהפקירא ניחא ליה (דער קנעכט וויל א הפקר לעבען, דאָס איז אַ משל אויפ'ן עם־הארץ), וואָס איז? ער האָט עפּעס אַ פאַרשטאַנד? ער האָט עפּעס אַ מענשליכען געפיהל?

די טיר פון קיך האָט זיך געעפענט און די דינסט־מיידעל האָט אַריינגעטראָגען בולקעס, אייער, זאַלץ, לעפעלאַך און בעכערלאַך.

ליזאַ'ן איז אַראָפּגעפאַלען אַ שווערער שטיין פון האַרץ.

— זיין פרומקייט איז נאָך טייערער פאַר ווענעם ניט־פרומ־קייט.

זיי האָבען זיך גענומען צום אָנבייסען.

די מיידעל האָט אַריינגעטראָגען סאַלפּעטקעס און אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש.

— און ווידער דאַרפסטו וויסען, מיין לעבען — האָט מענדעל געזאָגט, ווען ער האָט געהאַלטען ביים אַראָפּשלינגען דעם לעצטען ביסען — דו דאַרפסט וויסען, אַז ניט זיין פרום איז גאָר קיין קונץ ניט...

— די ליפּען זיינען ביי דיר איינגעריכט אין געלכעל — האָט ליזא איהם אויפמערקזאַם געמאַכט.

— ניט זיין פרום איז ניט קיין קונץ, — האָט ער גערעדט, אַפּווישענדיג מיט די סאַלפּעטקע די ליפּען: — באַטראַכט אַלע דיינע פריאַנסקער קוואַליערען, באַטראַכט זייער ניט־פרומקייט, וועסטו זעהן, אַז זיי זיינען אַלע גראָבע חמורים. זיי וועלען בשום אופן ניט קענען דערווייזען, אַז מען דאַרף ניט זיין פרום. וואָס איז? ווער פון זיי האָט געלייענט שפּינאָזאַ'ן? זיי פאַרשטעהען דען וואָס זיי טוען? אַט גלאַט, זיי ווילען זיין פריי, און אין דעריין שטעקט זייער גאַנצע בילדונג. נאָר וועגען זיי פּאַסט מיר גאָר ניט צו רעדען. נעהם אפילו דאַרווינ'ען (ביי מיר איז פאַראַן אַ קליין ביכעלע, „תולדות אָדם", פון נפתלי הלוי, דו וועסט עס אין אַ האַלבע שעה איבערלעזען, דאָרט ווערט געבראַכט דאַרווינ'ס שיטה), נעהם אפילו דאַרווינ'ען — לייקענט ער אויך ניט אין דער השגחה. דו פאַרשטעהסט? דאַרווין איז אַ מאמין, גלויבט אין גאָט, און דיינע פריאַנסקער זיינען אפּיקורסים! וכדאי בזיון וקצף (אַ קלאַג אַ גוטער צו זייער פּנים).

דאָס געשפּרעך האָט נאָך לאַנג געדויערט. זיי זיינען איבער־געגאַנגען פון עס־צימער אין זאַל און האַלטענדיג איהר ביי זיך אויפ'ן שויס, האָט ער נאָך מיט איהר אַ היבשע צייט געשמועסט פון דעם ענין.

.17

ליזא האָט געוואוסט, אַז איהר מאַקס שטעהט מיט צוואַנציג קעפּ העכער פאַר אַלע איהרע פּריאַנסקער, נאָר דאָך איז איהר צייטענווייס געווען זעהר ניט פרעהלאַך. די אַלע קאַוואַליערען וואָס האָבען איהר נאָך אונאַזשעוועט פאַר דער חתונה, האָבען איצט קיין מאָל צו איהר פאַרשמעקט, אפילו מיט טהעאָפּיליע'ן האָט זי זיך אויך באַגעגענט זעלטען. אַליין געהן אהין האָט ניט געפּאַסט, און מאַקס האָט ניט געוואָלט געהן.

און מיט זיינע באַקאַנטע, אָדער ריכטיגער געזאָגט, מיט זיין באַקאַנטען, ווייל סך הכל האָט מענדעל אָפּגעזוכט אין גאַנץ פּריאַנסק נאָר איין באַקאַנטען וואָס פלעגט אַמאָל צו זיי אויף טיי קומען, איז איהר געווען שרעקליך אומעטיג. ערשטענס איז דער באַקאַנטער געווען שוין אַ בן חמשים (פופציג יעהריגעל אידעל), צווייטענס פלעגט ער סאָפּען מיט דער נאָז און פון דעם סאָפּען האָט איהר אַזש געגודיעט, דריטענס פלעגט ער שנייצען די נאָז אויף דער פּאָדלאָגע און ווישען מיט'ן טישטוך, פערטענס איז זייער גאַנצער געשפּרעך דאָס רוב באַשטאַנען אין ווייזען בקיאות אין תנ"ך און דקדוק.

מענדלען אָבער איז געווען זעהר פרעהלאַך. אין קלויז האָט ער ממש געלעבט, ביי די אָרים־בחורים איז ער געווען אַ שטיקעל מלך. זיי האָבען יעדעס וואָרט זיינס געשלונגען און ער פלעגט זיך אָפּט מיט זיי פאַררעדען, אַז ער פלעגט פאַרגעסען אָן מיטאָג־שטונדע.

אין שטוב האָט ער געמאַכט הכנות צו דער פּאָעמע, האָט זיך אַלץ געקליבען שרייבען, האָט געביסען די הענטעל, געשריבען און געמעקט און פאָרט ניט געהאַט פאַרטיג דעם פּלאַן.

ס'איז דערווייל אַריבערגעלאָפען אַ יאָהר נאָך דער חתונה. גע־פּטר'ט אַ יאָהר קעסט. דער שווער האָט דערווייל געבראַכען דעם קאָפּ און געזוכט אַ געשעפט פאַר איהם. נאָר היינטיגע צייטען וואַלגערען זיך ניט קיין געשעפטען, ס'איז ניטאָ פאַר וואָס זיך צו כאַפּען.

— וואָס טוט מען? — פרעגט איהם דער שווער האַלב־פאַר־טראַכט — ס'איז שווער אויסצוזוכען עפּעס אַן עסקל און מען מוז דאָך פאָרט אָנהויבען צו טראַכטען וועגען אַ תכלית. אַט איז שוין אַ יאָהר קעסט אַוועק, דאָס צווייטע יאָהר וועט אויך גיך אַנטלויפען. די צייט שטעהט ניט אויף אַן אָרט און וואָס טוט מען?

—הם... — האָט מענדעל געשטאַמעלט. דאָס געשפּרעך וועגען אַן עסק האָט איהם זעהר ניט געשמעקט. דאָס איז עפּעס גאָר אַ וואָכעדיגע זאַך און, ווידער, וואָס ווייסט ער?

— מיין זאַך איז נאָר די פעדער און וואָס געהערט דעם גע־שעפט — דאַגה'ט איהר.

דריטהאַלבען טויזענד רובעל איז דאָך עפּעס אַ שטיקעל קאַ־פּיטאַל. אַ מאָל איז גאָר גרינג געווען מיט אַזאַ סכום אויסזוכען אַ שטיקעל פּרנסה. אַז איך האָב אָנגעהויבען צו האַנדלען האָב איך קיין דריטהאַלבען רובעל ניט פאַרמאָגט. אפילו דאָ ניט לאַנג האָט מען געקענט פיין לעבען, און היינט וואָס? הונדערט מיט פופציג רובעל איז אָנגעוואַקסען... ניין, ס'איז ניט קיין פּלאַן האַלטען דאָס געלט אין באַנק, — האָט דער שווער ווייטער גערעדט אָדער גע־חשבונ'ט מיט זיך אַליין, ניט קוקענדיג גאָר אין מענדעל'ס זייט: — ניין, אין באַנק איז קיין פּלאַן ניט צו האַלטען דאָס געלט...

— איך ווייס? — האָט מענדעל געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— דערוואייל דאַרף מען דאָס געלט צוטיילען אויף גרעסערע פּראָצענט. ווי דאָס איז, אַלץ בעסער ווי אין באַנק. — האָט דער שווער אַלץ גערעדט ווי צו זיך.

פּראָצענט שמעקט זעהר ניט מענדלען. סטייטש? ער וועט ווערען אַ פּראָצענטניק? ער, וואָס אויף איהם קוקט דאָס גאַנצע פאָלק, פון איהם לערענט מען זיך מדות, זאָל ער... און ווידער ער האָט אַליין געדרוקט אַ שיר, וואו ער לאַכט אויס פּראָצענט־ניקעס, היינט גלאַט, די גאַנצע ליטעראַטור איז געגען פּראָצענטני־קעס, ער קען דאָדורך פאַרלירען דעם גאַנצען שם, וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער איצט האָבען, אַז דאָס פּובליקום וועט זיך דערוויסען, אַז דער משורר אַליין איז אַ פּראָצענטניק.

— אַ פּראָצענטניק ווערן? — האָט מענדעל אַ געשריי געטאָן, ווי עמיצער וואָלט איהם אַ ביס געטאָן — מען וועט דאָך מיך אויסלאַכען.

— ווער וועט אויסלאַכען? — האָט דער שווער געפרעגט פאַרוואונדערט.

— ס׳טייטש ווער? — האָט מענדעל געענטפערט און אַ הויב געטאָן זיך פון שטול. ער איז שטיל צוגעגאַנגען צו זיין שרייב־טיש און גענומען דאָרט עפּעס זוכען.

דער שווער און ליזא האָבען אויף איהם געקוקט פאַרוואונדערט.

מענדעל האָט אַ ווײַלע געזוכט, האָט ענדליך פון פּעקעל כתבים אַרויסגעצויגען אַ העפט און איהם איבערגעגעבען דעם שווער מיט די ווערטער:

— לייענט, וועט איהר זעהן.

ליזא האָט גענומען דעם העפט און אָנגעפאַנגען לייענען אויפ׳ן קול. דער שווער האָט זיך צוגעהערט:

...ווער פאַרליערט געלט גאָר טשאַקענדיג
מאָהנט אויף ביי יענעם קנאַקענדיג,
און פיהרט די הלואה דריידלענדיג
און צאַפּט דאָס בלוט בנעימות׳דיג,
פרעסט פליש און ביין?
— ר׳ צעמפּעלע בן גרשון *).

געלייענט האָט ליזא דעם שיר אין לשון־קודש. מענדעל האָט דערווייל שפּאַצירט איבער׳ן שטוב הין־און־צוריק, פאַרלעגט די הענט אַהינטער און געקוקט, ווי פאַרטראַכט.

— רעד קלאָהרע דבורים, איך פאַרשטעה ניט וואָס דו ווילסט, — האָט דער שווער געענטפערט, אַ קוועטש טאָענדיג מיט די פּלייצעם.

---

*) און אונז דאַכט, אַז מענדעל האָט דעם שיר אַרויסגע׳גנב׳עט פון אַ זשאַרגאָניש ביכעל, און איבערזעצט אין לשון־קודש.
— אָנמערקונג פון הבחור הזעצער.

— ס׳טייטש? מען זעהט ניט קלאָהר אַרויס וואָס איך וויל? איך אַליין לאַד — נאַד ווי? אַזוי טיעף־סאַטיריש, עס שטעקט דאָך אין צעהנטען ריפּ. באַמערקט די עטליכע פערזען:

וועד פארלייעט געלט גאָר טשאַקענדיג א. ז. וו.

— בכן? — האָט דער שווער געפרעגט.

— בכן? — האָט איהם מענדעל איבערגע׳חזר׳ט — בכן? טאָ ווי אַזוי וועל איך אַליין איצט ווערען אַ פּראַצענטניק?

דער שווער האָט אַ שמייכעל געטאָן און געדרעהט מיט׳ן קאָפּ:

— מאַך זיך ניט נאַריש...

— האַ, האַ, האַ! — האָט ער זיך געווענדעט צו ליזאַ׳ן מיט אַ געלעכטער. — ער האָט געלאַכט, ער האָט געשריבען!...

— מאַלע וואָס מען לאַכט! — האָט ער זיך געווענדעט צו מענדלען — דו האָסט טאַקע געשריבען גאַנץ פיין, אָבער צום גע־שעפט האָט דאָס ניט.

— ניין, פּאַפּאַ! — האָט ליזא געענטפערט — שרייבען דאַרף מען ערנסט, ובפרט נאָך אַ משורר. דער דיכטער שרייבט ניט פון קאָפּ. ער שרייבט נאָר דעמאָלט, ווען ער איז באַגייסטערט.

— באַגייסטערט־באַשמייסטערט, לאָזט מיר געמאַך. אייך איז גרינג צו רעדען, ווייל איהר האָט אַלץ פאַרטיגע. איהר האָט נאָך געפּרואווט פאַרדינען אַ רובעל. איהר מיינט, אַז מען ברעכט אַלץ אויס פון פינגער... אַך! איך וואָלט אויך געוועזן אַזא בריה, איך וואָלט אויך געשריבען און געלאַכט, אַז עמיצער וואָלט מיר פאַר־זאָרגען מיט אַלע מיינע הצטרכות.

— טוט וואָס איהר ווילט! — האָט מענדעל איבערגעריסען דעם שווער אין רעדען — טוט וואָס איהר ווילט. איך וועל זיך ניט מישען.

קירצלאַך טאַקע האָט דער שווער דאָס געלט פון באַנק אַרויס־גענומען און צוטיילט עס אין בטוח׳ישע הענט, סך הכל אויף צוועלף פּראַצענט.

— איך האָב געטאָן ווי איהר אַליין פאַרלאַנגט, — האָט זיך דער שווער געווענדעט אין עטליכע טעג אַרום צו מענדלען און ליזאַ׳ן — איך האָב צוטיילט דאָס געלט אין בטוח׳ישע הענט אויף

קליינע פּראָצענט. אַלץ בעסער ווי אין באַנק. דערווייל וועל איך פּרואוועז ווייטער זוכען פאַר איך אַן עסק. אפשר וועט גאָט העלפען.

18.

מענדעל האָט אַלץ געמאַכט הכנות צו דער פּאַעמע און נאָך פּאַרט דעם פּלאַן ניט געהאַט פאַרטיג.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען. ליזא איז מיט מזל פאַרגאַנגען אין טראַגען. דער שווער האָט דערווייל אויסגעזוכט אַ חתן פאַר דער אינגערער טאָכטער.

— הייגטיגע צייטען, כל זמן דו האַלסט זיך אויף די פיס — פּטר אַרויס דעם חמץ פון שטוב.

ליזא איז אַריין אין די הויכע חדשים. דאָס צווייטע יאָהר קעסט האָט זיך געענדיגט און די אינגערע שוועסטער האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל אַפּראַמען די שטוב...

דער שווער האָט אויסגעזוכט פאַר׳ן פאַר פאָלק אַ דירה און מענדעל איז געוואָרען פאַר זיך בעל־הבית.

ער איז געוועזען זעהר צופרידען מיט זיין נייער לאַגע. ס׳איז בעסער צו זיין אַ בעל־הבית פאַר זיך. ער האָט פאַרפּוצט אַ קליינעם צימער מיט וואַלוועלע קאַרטינקעס און נאָך אַנדערע שמאַכטעלייען, איז שעה׳נלאַנג געשטאַנען איבער זיי און געקליבען נחת.

ס׳וואָלט אַלץ געוועזען גוט, נאָר ליזא האָט איהם פאַרשאַפט אומאַנגענעמלאַכקייטען: עס האָט איהר אַלץ גענודיעט און געקערט — פון די ווייבער איז טאַקע ניט אויסצוהאַלטען, אַז עס לא היה זיינען די נשים.

אַ מאָל, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, האָט זי זיך געקלאָגט אויף אַ וועהטאָג אין בויך. נאָך זייער חשבון איז אויסגעקומען, אַז זי איז שוין אויף דער צייט. זיי האָבען שוין ערוואַרט, אָט־אָט... ער איז אַוועק, ווי זיין שטייגער איז געווען, אין קלויז, און זיך פאַרזעסען לענגער ווי אַלע מאָל.

ער האָט געקוקט אין אַ גמרא, געקרייזעלט זיך דעם טשופּ אויפ׳ן קאָפּ איבער׳ן שטערן, און די מחשבות זיינע זיינען געווען עט־עט ווייט פון דער גמרא, פון קלויז...

ער האָט פאַנטאַזירט וועגען דעם קינפטיגען זון.

די פּאַעמע וועט ער „איהם" ווידמענען, וואַרט... וואָס פאַר א נאָמען זאָל ער איהם געבען? נאָר דאָס איז אַ שפּעטערדיגע זאַך. אָט דאָס איז אַ גרעסערע דאגה: וואָס מאַכען פון איהם? א רב? א דאָקטאָר? ליזאַ וועט קיין רב ניט וועלען — און טאַקע רבנים... נאָר א דאָקטאָר; נאָר „ער" וועט שוין ניט זיין גלייך צו אַלע דאָקטוירים, ביי איהם וועט זיין אי תורה, אי השכלה...

— לשון־קודש וועט זיין ביי איהם די מוטער־שפּראַך. ס'קען זיין, ער זאָל אויך זיין א משורר. אז דער טאַטע איז א משורר, זאָל דער זוהן ניט זיין? א דאָקטאָר א משורר איז גאָר שעהן!

און נאָך א לאַנגע צייט איז מענדעל געזעסען און גע'חלומ'ט וועגען זוהן, און אז ער האָט ערוואַכט פון זיינע געדאַנקען האָט ער זיך געכאַפּט, אז דער זייגער איז שוין צוועלף, און ער איז גיכער ווי אַלע מאָל געלאָפען אַהיים.

אין דער היים האָט ער געטראָפען ליזאַ'ן נאָך אין בעט. זי איז געלעגען און געקרעכצט. נעבען איהר איז געזעסען די שוויגער, די שוועגערין האָט אויך אַרומגעפּאַדעט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

א נס וואָס די שוויגער האָט זיך דערמאַנט, אז מענדעל האָט נאָך ניט געפרישטיקט, אז ניט וואָלט ער אָפּגעהונגערט גאָט ווייסט ווי לאַנג.

ליזאַ, ווי אַן ערשטלינג, דערצו נאָך אַן אויסגעפּיעסטעטע, איז שווער געגאַנגען צו קינד. גאַנצע דריי טעג האָט זי געגוואַלדעוועט. די שטוב איז געווען פול מיט איהרע קולות. מענדלען האָט זי פון זיך געטריבען, האָט איהם אויפ'ן אויג ניט אַרויפגעלאַזט און גע־שאָלטען מיט טויטע קללות. די אַקושאָרקע האָט געראַטען אַראָפּ־ברענגען אַן אַקושאָר־דאָקטאָר. אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען ווי די שאָטענס, קיינער האָט ניט געגעסען, קיינער האָט ניט געשלאָפען. אויפ'ן דריטען מעת־לעת, אָווענד־צייט, האָט ליזאַ מיט מזל גע־בוירען... א מיידעל.

אַלע האָבען ניי אויפגעלעבט, א שווערער באַרג האָט זיך אַראָפּ־געקייקעלט פון די פּלייצעס.

ליזא האָט נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכ'ן קימפּעט אָפּגעקרענקט. נאָר אַ דאַנק גאָט, אַבי אַרויס פון סכנה.

אויף דער הייסער שעה האָט קיינער ניט באַמערקט, ווי דאָס געלט ווערט פאַרשוואונדען. נאָר ווען די סכנה איז אַריבער, ליזא האָט זיך פאַפראַוועט, האָט זיך מענדעל געכאַפּט וואָס פאַר אַ לאָך ס'איז געוואָרען ביי איהם אין טאַש. פון די גאַנצע פראַצענט, וואָס ס'האָט זיך אויפגעקליבען די פאָר יאָהר, איז אפילו אַ שי־לינגער ניט געבליבען און ווי אויף צו־להכעיס איז די הוצאה גע־וואָרען גרויס. עס זיינען באַשאַפען געוואָרען נייע באַדערפעניש. מענדעל האָט זאָגאָר ערשט איצט אַרומגעקוקט וואָס הייסט אַ הוצאה, ליזא'ן האָט מען געדאַרפט פּעלענגעווען, זויגען אַליין האָט זי ניט געקענט, מען האָט געדונגען אַן אַם. די רובעלס זיינען געלאָפען ווי פליגען. אויף מענדלען איז פּשוט אַן אימה אָנגעפאַלען, איבערהויפּט ווייל ער האָט אַליין געדאַרפט פיהרען די הוצאה. ליזא האָט זיך אין בעל־הבית'שקייט ניט געמישט. אַלע מינוט, אַלע רגע רייסט מען איהם ביי די פּאָלעס: גיב דאָס, גיב יענעס.

„גאָלדענע בערג אפילו וועט מען אויך אויפעסען", האָט מענ־דעל זיך דערמאַנט, ווי די מאַמע פלעגט טענה'ן, ווען זי פלעגט רעדען וועגען אַזעלכע, וואָס עסען פון גרייטען.

מענדעל האָט שטאַרק גענומען טראַכטען וועגען צוקונפט. יעדער רובעל וואָס ער פלעגט אויסגעבען, פלעגט איהם אויסרייסען אַ שטיק האַרץ און אָנגעוואָרפען אויף איהם אַ שרעקליכע אימה.

שרעקליך איז איהם געווען דער געדאַנק וועגען צוקונפט. און דאָ קוקט ער אַרום זיך, און ער זעהט אויף די ווענט די קאַרטינקעס, אַלערליי שמאַכטעלייען אין צימער, ער זעהט ווי ליזא איז בלייך און קראַנק, ער קוקט אויף דאָס יונגע קינד — און דאָס האַרץ ברעכט איהם נאָך מעהר; ער זעהט, אַז לעבען אַבי־ווי קען ער ניט. ער דאַרף האָבען אַ סך מעהר ווי אַ צווייטער, ער מוז האָבען אַ געוויסען קאָמפאָרט אין לעבען...

— יאָ, ער מוז האָבען. ער איז ניט אַבי־ווער. די נאַטור אַליין האָט איהם געשטעלט העכער פון אַנדערע.

און פון וואַנען וועט ער עס נעהמען?

אַ פּאָר חדשים האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט די מחשבות. ער איז אַרומגעגאַנגען ממש אָהן אַ קאָפּ. ער איז אַראָפּ פון געזיכט, און כּשר׳ע ווייבער, וואָס האָבען פון איהם די אויגען ניט אַראָפּגענומען, האָבען געפונען, אַז אַזאַ גינציגער מאַן ווי מענדעל איז, איז גאָר ניטאָ. צייט פון איהר קימפּעט איז ער אַ האַלבער מענש געוואָרען, און פאַר וואָס קומט עס דער אפּיקורס׳טע אַזאַ גוטער מאַן?

דערווייל האָט דער שווער אָפּגעפּראַוועט אַ חתונה ביי דער אינגערער טאָכטער, און גענומען דעם נייעם איידעם צו זיך אויף קעסט.

— איצט, קינדערלאַך, דאַרף מען זיך נעהמען צו אייך. — האָט דער שווער געזאָגט מענדלען און ליזאַ׳ן — מען מוז דאָך אויסזוכען עפּעס אַ מחיה. אַזוי איז דאָך גאָר קיין פּלאַן ניט.

— וואָס זשע זאָל מען טאָן, אַז קיין געשעפט מאַכט זיך ניט?

— איך ווייס? — האָט מענדעל געשטאַמעלט — איך ווייס?

— געשעפטען וואַלגערען זיך איצט ניט און ווידער וועט מענדעל ניט טויגען צום עסק. דער נייער איידעם, זעהט איהר, איז אַ כוואַט, אַ, אַ, אַ! ער איז אַ גוטער חויכע, מיט איהם איז שוין קיין דאגה ניט; וואָס ער וועט טאָן, וועט ער האָבען זיין חיונה בשפע. מען דאַרף זיין גאָר אַנדער מענש, מען דאַרף זיין אַ טוער, אַ קאָך, אַ ברען און ער איז (אויף מענדלען) אַ בע, אַ מע, ניט דערצו איז זיין מויל, ניט דערצו איז זיין קעהר און זיין ריהר און ניט דערצו איז ער געבוירען געוואָרען.

— דו האָסט געזעהן ווי ער זעצט זיך? — האָט דער שווער גערעדט צו ליזאַ׳ן — אַ האַלבע שעה דויערט ביי איהם פּאַרקאַשערען די פּאָלעס, בלאָזט אויפ׳ן בענקעל... ניין, מענדעל איז ניט געבוירען קיין סוחר, ער דאַרף גאָר האָבען אַ רייכען שווער מיט אייביגע קעסט.

— אַריינזעצען זיך אין שמוץ איז בעסער? — האָט ליזאַ געפרעגט האַלב אין כעס.

מענדעל איז געזעסען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען. פון איין זייט האָט איהם יעדעס וואָרט געשטאָכען אַזש אין צעהנטען ריפּ:

פֿאַר וואָס איז ער דאָס טאַקע אַזאַ שלימזל? נאָר פֿון צווייטען זייט האָט איהם געקיצעלט: צו נאַרישע חומר׳ישע זאַכען טויג איך טאַקי ניט; דערפֿאַר, דערפֿאַר אָבער בין איך שטאַרק אין עולם האצילות (גייסטיגע זאַכען), אפילו ער, דער שוועהר, וואָס איז דאָך אַ פּראָסטער מענש, פֿאַרשטעהט עס אויך.

— אַז מען איז אַ מענש, — האָט דער שווער ווייטער גע־טענה׳ט — געפֿינט מען שטענדיג דאָס שטיקעל חיונה ובפֿרט נאָך מיט אַן אייגענס פֿון דריטהאַלבען טויזענט רובעל; איז ניט דאָס, איז אַן אַנדער זאַך, לייט מאַכען געשעפֿט מיט פֿינף פֿינגער און מאַכען גאָר ניט שלעכט. מיט וואָס האָב איך אָנגעהויבען צו האַנד־לען? נאָר דאָס איז אַלץ געררעדט, אַז מען איז אַ מענש. וואָס דאַרפֿט איהר אַ גרינגערע זאַך, ווי געבען געלט אויף וואַכער? וואָס קען נאָך זיין גרינגער ווי דאָס, האַ? און דאָך דאַרף מען זיין דערצו אַ מענש, אַז ניט קען מען בלייבען גאָר גיך אָהן אַ העמד!

ביי מענדלען אויפ׳ן געזיכט האָט זיך געלעגט אַ שאָטען. איהם האָט זיך זעהר געוואָלט אַ געשריי טאָן: מען דאַרף קענען זיין אַ בלוט־צאַפּער, אַ פּיאַווקע. איבערהויפּט האָט איהם פֿאַרדראָסען, וואָס דער שווער פֿארשטעהט אַזוי מענשליכקייט. נאָר געשריען האָט ער ניט, ווייל אין דער לעצטער צייט איז איהם אַליין שוין פֿיעל מאָל אַרויף אויפ׳ן געדאַנק וואָכער, און ביי איהם איז שוין געבליבען אַ שמועס טאָן מכח דעם מיט׳ן שווער. נאָר דאָך, דער שווער האָט פֿריהער וועגען דעם אָנגעהויבען צו רעדען איז דאָס איהם געפֿעלען. ער האָט זיך איצט געפֿיהלט ווי אַ מאַרטירער, ווי איינער, וועלכען מען צווינגט טאָן אַ זאַך וואָס ער וויל ניט. ער האָט איצט אמת־געליטען דערפֿון און געגלויבט באמונה שלמה, אַז ער בלייבט ריין, ער פֿאַרשמוצט ניט זיין נאָמען דעם ליטעראַ־רישען און אויב ער וועט יאָ ווערען אַ וואָכערניק, וועט ער גאָר אַ קנאַפּע שולד האָבען אין דעם.

—וואָס פֿאַר אַ בריה׳שאַפֿט דאַרף מען דאָס האָבען צו וואָ־כער? — האָט ליזא געפֿרעגט מיט אַ באַליידיגטען טאָן.

— מען דאַרף טויגען דערצו. דאָס איז אויך אַ געשעפט, און נאָך זעהר אַ שווערער געשעפט, — האָט גרשון חיים געענטפערט — קיין גוטער איד זאָל אַזעלכע געשעפטען ניט קענען, מען דאַרף האָבען צו טאָן נאָר מיט אָרימע פּרייכער, וואָרים ווער ליגט אויף וואַכער? אַן אָרימער שוסטער, אַ שניידער, א. ד. גל. און מיט זיי דאַרף מען וויסען ווי זיך צו פיהרען, מען דאַרף זיך קענען מיט זיי באַגעהן, אַז ניט, אַז ניט קענען זיי אָוועקלאָזען גאָר גיך מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער.

ס׳איז אַ ווײַלע געוואָרען שטיל. מענדעל איז געזעסען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען און געשפּילט פּיאַנע אויף די קניע. ליזא האָט מיט די אויגען עפּעס ווי געזוכט אויפ׳ן טיש און דער שווער האָט געקוקט פאַרטראַכט אין דער לופט.

— קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ — האָט דער שווער ענדלאַך ערוואַכט — דו זאָלסט נאָר זיין אַ מענש, וועסטו האָבען פון וואַכער אַ גוטע שטיקעל ברויט.

מענדעל האָט געשוויגען, האָט נאָך טיפער אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ, און ליזא האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ גרויסע בריה׳שאַפט שטעקט אין וואַכער.

— בלייבט עס אַזוי — האָט דער שווער געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון שטול. — מען דאַרף געבען צו וויסען, אַז דאָ קריגט מען אַ הלואה אויף וואַכער און דערווייל אָפּנעהמען דאָס געלט פון איצטיגע לוים.

.19

— דו שלאָפסט, ליזא?

— וואָס איז?

— דו ווייסט וואָס פאַר אַ פּלאַן מיר איז איינגעפאַלען?

ליזא האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט׳ן עלענבויגען און אַ קוק געטאָן אין זיין זייט.

די בלאַסע שטראַהלען פון דער לבנה, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַלט פון פענסטער, זיינען געפאַלען אין צימער און באַלויכטען אַ ווינקעל.

מענדעל איז געלעגען אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אַן ראַנג בעט און אַרויסגעקוקט מיט׳ן קאָפּ אין דער לופט צו ליזאַ׳ן.

— וואָס פאַר אַ פּלאַן?

— איך האָב דאָ מיט זיך גוט דורכגעטראַכט דעם ענין פון וואָכער און האָב געפונען, אַז מען קען בלייבן אַ פיינער מענטש אפילו זייענדיק אַ וואָכערניק; ווער וועט דאָס מיר הייסן שינדען ביי יענעם די הויט? וועל איך זיך באַגעהן אָרענטלאַך, ניט אַזוי?

— פאַר וואָס ניט? מען קען זיין אַן אָרענטליכער מאַן, — האָט ליזאַ איהם אונטערגעהאָלפען.

— אַז מען זאָל גוט באַטראַכטען, קען דער וואָס גיט וואָכער ברענגען נוצען אויך. אָט, למשל, אַן אָרימער מענטשעל דאַרף נויטיג האָבען עטליכע רובעל צו זיין אַרבייט, וואָס קען ער טאָן אַז ער זאָל ניט קריגען? און ער קען זיך דאַך טאַקע אויסציהען אין גאַס, ווייל קיינער וועט דאַך ניט געבען, און מיט די עטליכע רובעל וואָס מען גיט איהם אויף וואָכער ראַטעוועט מען דאַך איהם דאָס לעבען, און ער פאַרשטעהט געוויס, אַז מיט דער הלואה טוט מען איהם אַ טובה.

— געוויס אַ טובה.

— און דאַך אַזוי פּאַסט מיר ניט האָבען געשעפטען מיט אָרימע פרייבער, היו נקיים מד׳ ומישראל — מען דאַרף זיין יוצא פאַר אַ וועלט נאָך מעהר ווי פאַר גאָט; איך וואָלט אַ סך רוהיגער געווען ווען איך זאָל אַליין זיך מיט דעריין ניט דאַרפען באַשעפטיגען.

— טאַקע ווי קען מען דאָס מאַכען?

— דאָס איז טאַקע דער פּלאַן וואָס איך האָב געפונען. דו קענסט ברוך דעם סרסור? וועלען מיר איהם מאַכען פאַר אונזער סרסור, זאָל ער מיט די לוה׳ס רעדען, זאָל ער ביי זיי מאָהנען און איך זאָל דערפון גאָר ניט וויסען.

— אַ גוטער פּלאַן, כ׳לעבען.

און מיט ברוד׳ן וועסטו זיך שוין אַליין איספּראַווען. קיין גרויסע אַרבייט איז דאָס ניט.

— איך ווייס?

— דו וועסט מאַכען אַ ביכעלע און איינצייכענען אַלע וואָך צו יעדער סדרה דאָס געלט וואָס דו וועסט איהם געבען און וואָס ער וועט דיר ברענגען, און איך וועל זיך דעריין גאָרניט מישען. דיר געפעלט ער, ביזטו מרוצה?

— איך ווייס?

— די אַרבייט איז ניט קיין גרויסע. וועט ער ברענגען — וועסטו פֿאַרשרייבען, און אַז ניט — ניט.

— מילא, איך קען פּרוּווען.

אויף מאָרגען האָבען זיי פֿון פּלאַן דערצעהלט דעם שווער.

— איך האָב גאָר אַנדערש ניט גערעכענט — האָט דער שווער גרשון חיים אויף דעריין געענטפֿערט — דו ווייסט על־כל־פּנים וועמען אַנשלאָגען געלט?

— אָבער איך וועל זיך דעריין ניט מישען. ליזאַ וועט פֿיהרען דאָס ביכעל.

— זאָל זיין ליזאַ, זאָל זיין דו, וואָס מאַכט עס אויס? אַבי דאָס געשעפֿט זאָל אַוועק כשורה.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען שוין אין שטעדטעל גע־וואוסט, אַז ביי מענדעל גרשון־חיים׳ס קען מען קריגען געלט אויף וואָכער, און אַז ברוך איז זיין סרסור.

* * *

מענדעל איז געוואָרען אַ וואָכערניק. נאָר ער האָט זיך ניט געענדערט. ער האָט ווי פֿריהער ליעב אַריינקוקען אין אַ ספֿר, מתוכח זיין מיט אָרים־בחורים, דיספּוטירען מיט דעם איין באַקאַנ־טען משולם׳ען און זיך קלאָגען ביינאַנד אויף דער השכלה.

נאָר איצט שפּאַצירט ער אָפֿטער אַרום מיט אַ שטעקעלע אי־בער דער גאַס. אויך איז ער איצט געוואָרען אַ ביסעל פֿולער, מען קען האָפֿען, אַז מיט דער צייט וועט ער ווערען אַ בעל־כּרס (אַ גרויס־בויכיגער), אַ בכבוד׳יגער איד.

קיין זאָרג פֿאַר חיונה האָט ער ניט. ער האָט זיינע הצטרכות בשפֿע און ס׳בלייבט נאָך אַ גראָשען אין קעשענע.

ליזאַ האָט געבוירען ניט לאַנג נאָך אַ קינד, נאָר ווייטער אַ מיי־דעל. דערפֿון האָט ער טאַקע אַ ביסעל צער.

דאָס וואָכער־ביכעל פֿיהרט ליזאַ, נאָר אין קימפּעט, פֿאַר „אין ברירה", האָט מענדעל אַליין געשריבען.

ס׳וואָלט אַלץ געווען גוט. נאָר איין קלעמעניש האָט ער פֿון שרייבען: די פּאָעמע איז נאָך אַלץ ניט פֿאַרטיג.

.1894

דער סאָוועסט איז פאַרפאַלען

(נאָך שטשעדרין).

אין קיין חברה, אין קיין געזעלשאַפט, אין קיין געשעפט האָט מען ניט באַמערקט, אַז דער סאָוועסט *) איז פאַרפאַלען געוואָרען. חברה־לייט האָבען ווי פריהער געמאַכט אסיפות און געזוכט טאָן טובות פאַר דער שטאָדט; געבילדעטע לייט האָבן זיך ווי פריהער מפלפל געווען אין געזעלשאַפטען און מיט פייער גערעדט, דיספּוּ־טירט וועגען וויכטיגע זאַכען, וועגען שאלות וואָס שטעהען ברומו של עולם, ד. ה. וואָס אויף זיי שטעהט די גאַנצע וועלט; סוחרים האָבען ווי פריהער געהאַנדעלט, גע׳מסחור׳ט, גע׳עוסק׳ט, און קיינער האָט זיך ניט געכאַפּט, אַז דער סאָוועסט איז ניטאָ, קיינעם איז אפילו אויפ׳ן געדאַנק ניט אַרויפגעגאַנגען צו פרעגען: וואו? אין וועלכע מדבריות בלאָנדזשעט אַרום דער סאָוועסט?

און דער סאָוועסט האָט דערווייל געהאַט אַ כף־הקלע, וואָס דער גרעסטער רשע אויפן עולם האמת וועט ניט אויסשטעהן; מען האָט איהם, דעם סאָוועסט, געשליידערט פון איינעם צום צווייטען, פון איין שטאָדט אין דער צווייטער און קיינער האָט ניט געוואָלט אָפּהאַלטען איהם ביי זיך, געבען איהם אַ שטיקעל אָרט ביי זיך, נאָר יעדער האָט זיך געסטאַרעט און געזעהן וואָס גיכער פון איהם פּטור ווערען, פּונקט ווי דער סאָוועסט וואָלט זיין אַ קאָנטראַבאַנד, אַ פאַלשע סחורה.

אַ מאָל איז יעפים נאַאומאָוויטש, דער איינציגער לעהרער פון שטעדטעל, געגאַנגען אונטער דער שטאָדט אויף אַ שטונדע. ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט, טרויעריגע געדאַנקען האָבען זיך איהם געמישט אין קאָפּ: די באַלעבאַסטע בעט דירה־געלט, דער קרעמער

*) סאָוועסט — געוויסען.

ווייל ניט באַרגען מעהר און אויף די שטונדען איידער מען ציהט אַרויס דעם גראָשען קריכט אַרויס די נשמה און צום אומגליק האָט ער די לעצטע אָבענדען אַ ביסעל, אַ היבש ביסעל, פאַרשפּילט אין קאָרטען (מען טאָר מיט די חברה־לייט ניט שפּילען, ביי זיי איז געלט גאָר ניט און איך ציטער איבער'ן גראָשען און אין קאָרטען איז דאָס אַ גרויסער חסרון. נאָר וואָס טוט מען? אַז איך זאָל ניט שפּילען, פאַרליר איך געזעלשאַפט), ראַפּטום שטעלט ער זיך אָפּ... איהם דוכט, אַז ער איז איבערגעגאַנגען איבער אַ שמאַטע, ער קערט זיך אום און דאָס האַרץ שפּרינגט איהם פון שמחה, אַ קשיא אויף אַ מעשה, ס'קען גרייליך זיין עפּעס אַ געווינס... ער געהט צו נעהענטער — אמת, אַ שמאַטע ליגט צונויפגעדרייט, ער גיט זיך געשווינד אַ בויג און כאַפּט איהר אָן מיט אַ גרויס קלאַפּונג אין האַרצען, ער וויל איהר פאַנאַנדערוויקלען, נאָר ער דערהערט פּלוצים הינטער זיך טריט. ער רוקט געשווינד אַריין די שמאַטע אין קעשענע און וויל געהן ווייטער אויף דער שטונדע, נאָר די פיס עפּעס הויבען זיך ניט, דער גאַנצער קערפּער ווערט איהם שווער און דער קאָפּ טומעלט, איבער'ן האַרצען גיסט זיך פאַנאַנדער אַ ביטערקייט און ניט ווילענדיג גיט ער זיך אַ פרעג: וואָס טו איך? וואו געה איך? איז דאָס ניט קיין פאַרברעכען וואָס איך געה איצט לערנען מיט קינדער, ווען איך ווייס ניט, וואָס פאָדערט פון מיר לעהרעריי. ווי לערענט מען און וואָס לערענט מען? בין איך דען ניט אַ גזלן ביי מיינע שילער, אַז איך רויב ביי זיי, דורך מיין אומוויסענהייט, אַוועק דאָס בעסטע און טייערסטע זאַך — די צייט? ניין, איך טאָר ניט געהן אויף די שטונדען, מען דאַרף זיך אַליין זעצען לערנען, אָבער ניט לערנען יענעם. מיט די ווערטער האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אין שטאָדט, נאָר דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין מציאה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, זעהן צו געהט ניט אימיצער, האָט אַרויסגעצויגען די שמאַטע פון קעשענע און פאַנאַנדערגעוויקעלט איהר — ער זעהט: דער סאַוועסט ליגט דאָרט.

— פע! — האָט יעפים נאַאומאָוויטש געגעבען אַ געשריי און האָט שוין געוואָלט אַ וואַרף טאָן די שמאַטע, נאָר די האַנט האָט

איהם עפּעס ניט גערינט; פאַרקערט, זי האָט נאָך צוזאַמענגע־קוועטשט די שמאַטע.

דער לעהרער יעפים נאַאומאַוויטש (אויף פּראָסט אידיש: חיים נחומ׳ס), איז מיט איניגע יאָהר צוריק געווען אַן ארים־בחור, האָט געלערענט אין אַ קלויז און געקוועטשט די באַנק. נאָך פּלוצלונג האָט אין קלויז אריינגעשיינט אַ שטראַהל פון „השכלה“. חיים האָט איבערגעלייענט אַ פּאָר השכלה־ביכלאַך ווי דער שטייגער, דעם „אהבת ציון“, „אשמת שומרון“, און איז געוואָרען אַן אמת׳ער משכיל. געוויינלאַך, פאַר זיין השכלה האָט מען איהם גע׳רודפ׳ט, מען האָט איהם אָפּגעזאָגט די „טעג“ און כדי צו דערהאַלטען דאָס לעבען, האָט יעפים גענומען באַשעפטיגען זיך מיט לערעריי. ער האָט געלערענט אַלץ, וואָס נאָר מען האָט געפאָדערט, אי לשון־קודש, אי רוסיש און ביז איצט איז איהם קיין מאָל ניט ארויף אויפ׳ן געדאַנק, אַז ער באַגעהט אַ פאַרברעכען מיט זיין לעהרעריי. נאָר איצט, געפינענדיג דעם סאָוועסט, האָט ער זיך אַ ביסעל פאַר־טראַכט וועגען זיין פּרנסה.

— ביטער, איך וועל דאַרפען שטאַרבען פון הונגער, אויב איך וועל איהר, די שמאַטע איבערלאָזען ביי זיך — האָט יעפים ווייטער גערעדט צו זיך — אוועקוואַרפען, דערלאָזט דאָס האַרץ ניט, האַלטען איז ווייטער שלעכט...

ער איז אַ היבשע צייט אַזוי געגאַנגען, ביז ער האָט דערזעהן פון דערווייטענס, ווי מען העגגט ארויס אַ פאַנאַר איבער בערל׳ס שיינק.

— אַ פּלאַן, כ׳לעבען, — האָט יעפים אויסגעשריען פון שמחה — מען דאַרף איהר אונטערוואַרפען צו בערלען.

ביי דעם געדאַנק האָט ער אָנגעהויבען געהן מיט שנעלע טריט ביז ער איז געקומען צום שיינק. ער האָט געעפענט די טיר און איז אריין אינעווייניג.

ס׳האָט איהם אין נאָז אריינגעהאַקט אַ זויערקייט. יעפים האָט זיך געזעצט נעבען אַ טישעל און געבעטען אַ גלאָז ביער. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די דערבייזיצענדע. דאָ זיינען געזעסען אַ פּאָר אידלאַך, האָבען געטרונקען זעהר לאַנגזאַם אַ גלאָז ביער און האָבען

זיך גע׳סוד׳עט. דאָרטען ווידער, זיינען ביי אַ צווייטען טישעל געזעסען אייניגע ארום אַ גראַפינקע מיט בראַנפען און האָבען שוין גערעדט צו הויך. ביי אַ דריטען טישעל איז געזעסען נאָך איינער, שוין גוט שכור, און האָט געדרעמעלט. פון אַ דערבייאיגען צימער האָט זיך געהערט אַ רעש, אַ ליאַרעם. דאָרטען האָבען פויערען זיך געקריגט, געזידעלט. בערעל איז געזעסען אונטערגע־שפּאַרט מיט׳ן קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט, דאָס היטעל איז געווען פאַררוקט צום פּאַטילניצע, דער זשילעט פאַנאַנדערגעשפּילעט און האָט געוואָרפען אַן אויג אויף אַלעמען.

יעפים האָט אָפּגעהיט, ווען בערל האָט זיך געאיילט געבען רעשטע, איז שטיל צוגעגאַנגען צו איהם און שטילערהייט אַריינ־געוואָרפען אין זיין קעשענע די שמאַטע, און איילענדיג באַצאָהלט פאַר׳ן ביער, און איז וואָס גיכער אַנטלאָפען פון שיינק.

* * *

בערל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ניט־טויט ניט־לעבעדיג. — גע־וואַלד! ווער איז דאָ געווען אין שטוב? — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — און איהר, שכורים, — האָט ער זיך געווענדעט צו די געסט וואָס זיינען געזעסען אין שיינק, — וואָס זיצט איהר דאָ? איהר האָט דען ניט קיין הייזער? וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָט, וואָס מענשען בעלי־בתים געהען אַוועק פון אייגען ווייב און מען ליגט אין שיינק. געוויס זיצען זיי און הונגערען און איהר פרעסט, זויפט און טרינקט דאָ. אַרויס פון דאַנען, פּיאַניצעס! אייער פוס זאָל זיך דאָ ווייטער ניט יאַווען! איהר הערט? איך וועל אייך די פיס צוברעכען!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קולות? — האָט זיך בערציכע אַרויס־געכאַפּט פון אַ צווייטען צימער, וואו זי האָט זיך גע׳חשבונ׳ט מיט די פויערען, אויפ׳ן הויבער: — ווער ליאַרעמט עס, האַ? דו, נאַר! דו מאַכסט דאָס אַן די קולות? וואָס שרייסטו? דער בויך טוט דיר וועה? צו אַלע שוואַרצע יאָהר!

— שווייג, דו מרשעת! איך וועל ניט דערלאָזען, אַז ביי מיר אין שטוב זאָלען פּאַסירען אַזעלכע מיאוס׳ע זאַכען. איך וועל ניט פאַרקויפען די נשמה פאַר די פּאָר גראָשען וואָס איך האָב פון די

פּיאַניצעס. ניין! איך וועל זיי צוטרייבען פון דאַנען, ווי די הינט.

— ווען ביזטו דאָס געוואָרען אַזאַ צדיק? אפשר קלייבסטו זיך גאָר ווערען אַ מגיד? נאָר שאַ! וואָס שטעקט עס דאָרטען ביי דיר אין קעשענע?

בערל האָט אַפּגעקערט דעם קאָפּ צו דער קעשענע, האָט אַריינ־געגרוקט די האַנט און אַרויסגעצויגען פון דאָרט די שמאַטע. ער וויקעלט איהר פאַנאַנדער און הויבט אָן צו שרייען, ווי אַ שלאַנג זאָל איהם אַ ביס טאָן.

— אַי! אַי! שלעכטס! דער חברה׳מאַן אליין איז דאָ!

— שאַ, שריי ניט! גיב מיר איהר אָפּ, וועל איך זיך מיט איהר איספּראַווען, — האָט בערציכע געזאָגט און אַרויסגענומען פון זיינע הענט די שמאַטע.

די בערציכע איז געוואָרען רויט ווי צונטער, איז אַריינגעלאָפען אין צימער וואו די פויערען זיינען געזעסען און האָט אָפּגעגעבען אַ ביטעלע געלט, וואָס אַ שכור׳ער פויער האָט ניט לאַנג אַרויס־געוואָרפען פון קעשענע. באַלד איז זי אַריין צוריק און געכאַפּט דעם פּאַלומעשאַק מיט פיש, האָט אַ וואָרף געטאָן אָן דער ערד: דאָס איז דאָך סם! דאָס איז דאָך ניט קיין פרישע!

— וואָס טוסטו, משוגע׳נע? — האָט בערל איהר גע׳מוסר׳ט מיט כעס — וואַרף אַוועק די פּאַסקודנע שמאַטע! דו וועסט דאָך מאַכען, אַז מיר וועלען אָנטאָן אַ טאַרבע און געהן איבער די הייזער בעטלען נדבות!

מיט די ווערטער איז ער אונטערגעגאַנגען צו איהר, האָט אַ ריס געטאָן פון איהר די שמאַטע און האָט איהר אַריינגעלעגט אין קעשענע צו געצלען, וועלכער איז געזעסען שכור ביי אַ טישעל און געבראַפּעט.

* * *

געצל איז אַ שניידער, אַ איד פון מיטעלען שטאַנד. ער האָט אַ מאָל געפירט אַ גאַנץ פיינעם שטאַט און איז געווען אַ חשוב׳ער מענש אין שטאָדט. ווי זאָגט מען עפּעס? אַ פיינער בעל־הבית, ניט קיין פּראָסטער, פאַרשטעהט אַ שטיקעל „עין יעקב“, איז אַ גוטער בעל־קורא און שבת אַ מאָל אָוועקגעלעגט אַ בעל־תפלה׳שען

דאַוונען אין שניידערשען קלויז גאָר אויפ׳ן פיינעם אַרט, נאָר ער האָט געהאַט אַ אומגליק צו ווערען אַ קהל׳ס־מאַן און פון דעמאָלט אַן האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין שכרות. ער פלעגט אָפט אַוועקוואַרפען דעם טיש און שמאַיען, אומשטיינס געזאָגט, מיט קהל׳שע עסקים, ד. ה., אַרומשלעפען זיך מיט די פיינע לייט, מאַכען באַרישלאַד אויף קהל׳שען רעכענונג און געבען וואו מען דאַרף אַ חתימה. אַנפאַנגס האָט איהם דאָס ווייב גע׳מוסר׳ט און געבעטען זיך, ער זאָל ניט אַוועקוואַרפען דעם טיש מיט אַרבייט, ער זאָל ניט פאַרשווינדען גאַנצע נעכט, און האָט איהם מוחל געווען די פּאָלקעס געלט, וואָס ער פלעגט איהר די ערשטע צייט ברענגען פאַרוויקעלט אין אַ פּאַפּיר, נאָר באַלד האָט איהר געצל געגעבען צו ערקלעהרען, אַז ער איז ניט אַבי־ווער און האָט פיינט, אַז מען זאָגט איהם דעות.

— ביי מיר, ביי מיר פרעגט מען ניט אַ דעה! — האָט געצל זיך געקלאַפּט מיט׳ן מיטעלסטען פינגער פון דער רעכטער האַנט, ווען ער איז געווען אַ ביסעל „אונטער געשנאַסקעט“ — ביי מיר פרעגט מען אַ דעה און עפּעס „קעקערע לייט פון דיר“! האַלט מויל, וועט זיין בעסער!

דאָס ווייב האָט געזעהן, אַז איהם וועט קיינע רייד ניט העלפען, האָט זי אַוועקגעלאָזט די לייצעם — זאָל זיך פיהרען ווי ס׳פיהרט זיך!

געצל האָט אין שיינק דערפיהלט עפּעס אַ שווערע משא, האָט פּאַוואָליע פאַנאַנדערגעריסען די אויגען, האָט אַ ווײַלע געקוקט אַרום זיך און איז פאַרשעהמט אַרויס פון שיינק.

אויפ׳ן וועג האָט ער זיך אין גאַנצען אויסגעניכטערט, און ווען ער איז אַריין אין שטוב האָט זיך ביי איהם ניט אָפּגעשטעלט אַ שפּור פון שכרות.

— זיי מיר מוחל, מיין לעבען, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב זיך געגען דיר געפיהרט ניט אָרענטלאַך! — האָט געצל זיך געווענדעט מיט אַ צובראָכען האַרץ צו זיין ווייב — איך האָב דיר פאַרשוואַרצט דיינע יאָהרען, איך האָב דיר געמאַכט די גרעסטע בזיונות, זיי מיר מוחל! איך שווער ביי מיין אידישקייט, אַז איך וועל

מעהר שוין ניט טרינקען, קיין קאַפּ בראַנפען וועט ניט אַריין אין מיין מויל, איך וועל שוין מעהר ניט אוועקגעהן ביי נאַכט פון שטוב. און איהר, קינדערלאַך, מיינע ליבינקע, זיסינקע קינדערלאַך, זייט מוחל אייער טאַטען, וואָס האָט אייך אַזוי פיעל חרפות אָנ־געמאַכט.

נאָר דאָס ווייב און די קינדער האָבען גאָרניט געענטפערט. דאָס ווייב האָט זיך געשעהמט „כבושת גנב" פאַר די אַרבייטער און האָט אַ מורמעל געטאָן אונטער דער נאָז, ווי איינער זאָגט: דער בראַנפען רעדט פון איהם. נאָר געצל האָט איהר ניט אָפּגעלאָזט, זי זאָל איהם מוחל זיין.

— גוט, גוט, גוט! — האָט דאָס ווייב איהם געענטפערט גיך, כדי ניט צו מאַכען לייטישען געלעכטער — גוט, גוט, איך בין דיר מוחל, נאָר געה לעג זיך שלאָפען.

די צורה האָט ביי געצלען געשיינט פון גרוים פרייד. נאָר, אָ, גאָט׳ס וואונדער! ווי ער האָט נאָר אויסגעטאָן די קאַפּאָטע צו לעגען זיך שלאָפען, איז ער גאָר געוואָרען אַן אַנדער מענטש. אַ נס וואָס דאָס ווייב האָט באַלד משלח געווען די אַרבייטער; אַז ניט, וואָלט זי לאַנג די אויגען ניט געקענט ווייזען פון חרפה. געצל האָט גלייך פאַרגעסען וואָס ער האָט דאָ ניט לאַנג גערעדט און איז פון העלער־הויט לוסטיג געוואָרען, אַזוי לוסטיג, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעט און איז אַוועק איבער׳ן שטוב אַ „קאַזאַצקע"; פון גרוים לוסטיגקייט האָט ער געכאַפּט זיינע אַ טאָכטער, אַ מיידעל פון אַ יאָהר פערצעהן, און האָט איהר אויך מיטגעשלעפּט טאַנצען.

אין שטוב איז געוואָרען אַ יללה. אַלע קינדער האָבען זיך פאַנאַנדערגעוויינט און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט איהם אַריינגעלעגט אין בעט און ער איז איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען האָט זיך געצל אַליין געקליבען אַרויסגעהן אין גאַס און ווי נאָר ער פלעגט אָנטאָן דעם אויבער־בגד, פלעגט ער באַלד חרטה קריגען און בלייבען זיצען אין שטוב. זעקס אַזייגער פאַרנאַכט האָט ער זיך געווענדעט צו די אַרבייטער, אָנטאָענדיג דעם אויבער־בגד:

— געהט, קינדערלאך, אהיים, גענוג שוין צו הארעווען. עס קלעקט צוועלף שעה אין טאָג צו ארבייטען. אייערע שכירות האט איהר פארדינט גאַנץ כשר...

די ארבייטער האָבען איהם אָנגעקוקט פארוואונדערט. ס׳טייטש? וואס הייסט אזוי פריה אוועקלעגען די נאָדעל? באלד האָבען זיי איינער צום אנדערן געוומען ווינקען אויף א צייכען, אז געצל איז ניט ביים דעת...

— אויף וואס ווארט איהר נאָך? — האט געצל ווייטער גע־פרעגט — צי דען ווייסט איהר ניט, אז פּאַ־זאקאנו דארפט איהר ארבייטען ניט מעהר ווי צוועלף שעה? איך בין ביז איצט געווען א פאדליעץ, איך האב גע׳גזל׳ט אייער צייט. איך האב דעם זאקאָן ניט געהיט. איהר האט נעבאך אויף מיר אוועקגעלעגט אייערע כחות אומזיסט.

די ארבייטער האָבען ניט געמאכט קיין שהיות, האָבען זיך לאנג ניט געלאזט בעטען, האָבען געשווינד אריינגעשטאָכען אין די קלאפּעס די נאָדלען, פארצויגען מיט די פאָדים, געכאפּט אויף זיך די אויבער־בגדים און געוואָלט שוין ארויסגעהן. ערשט געצל׳ס ווייב האט געעפענט די טיר און איז אריין אין שטוב.

— וואס איז דאס אזוינס? וואס איז פאר א יום־טוב? — האט זי געפרעגט פארוואונדערט.

— איך הייס זיי געהן אהיים. זיי האָבען שוין גענוג געארבייט...

— דו ביזט משוגע, צי חסר־דעה? וועלכער באלעבאס טרייבט די ארבייטער פון שטוב?

— אָבער וואס פאר מחויבים זיינען זיי צו ארבייטען פאר דיר? א מענש איז ניט קיין בהמה, מען טאר ניט ארבייטען מיט איהם ווי מיט אן אָקס. גענוג צוועלף שעה צו הארעווען. דער זאקאָן פארבאָט אונז באגעהן זיך אזוי מערדעריש מיט מענשען, מעהר ווי צוועלף שעה איז ניט ערלויבט צו ארבייטען.

די ארבייטער האָבען שוין מעהר ניט געווארט און האָבען זיך גלייך ארויסגערוקט פון שטוב.

זיי האָבען געהערט הינטער זיך, ווי זי האט געצל׳ען געגעבען די גאָב. „ס׳וועט איהם אין האלז ניט קריכען“, האָבען זיי צווישען

זיך געערדט און מיט זיך גערעשעט, אַז ער, געצל, איז טאַקע ניט ביים גלייכען שכל...

געצל האָט אין שטוב גענומען די שליסעלאַך פון קאַמאָר און האָט אָנגעהויבען שלעפּען פון דאָרט שטיקער סחורה.

— העלפט מיר, קינדערלאַך, מען דאַרף די שטיקלאַך סחורה אָפּטראָגען. דאָס איז דאָך גע׳גנב׳עטע. איך וועל קיין תקומה ניט האָבען פאַר אַזעלכע געלט, אוי־וועה איז מיר, איך האָב פאַרזינ־דיגט מיינע יאָהרען.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זיך דאָס ווייב צו איהם גע־ווענדעט. — נעכטען פלוצלונג פון דער העלער הויט געהסטו אריין און הויבסט אָן צו בעטען, איך זאָל דיר מוחל זיין. אין אַ מינוט אַרום ביזטו געגאַנגען משוגע׳נערווייז טאַנצען. ניט לאַנג נעהמסטו און צוטרייבסט די אַרבייטער פון טיש. איצטער שרייסטו, מען זאָל אַוועקטראָגען די שטיקלאַך סחורה, שפּעטער וועסטו אַליין נעהמען און יתר׳עווען — טוט עס אַזוי אַ בר־דעת? זאָג, וואָס איז דאָס מיט דיר?

— איך וויל זיין אַן עהרליכער מאַן! איך וויל ניט זיין קיין גנב! — האָט געצל געענטפערט — געכאַפּט די שטיקער סחורה און אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

זוכענדיג קליין־געלט אין די קעשענעס, האָט געצל געפונען די באַקאַנטע שמאַטע. ער וויקעלט איהר פאַנאַנדער און גיט אַ קוק — דער סאָוועסט ליגט דאָרט.

— אַזוי איז די מעשה! אָט פון וואַנען דער העכט שטינקט! — האָט געצל אויסגעשריען — וואָס טוט מען איצט?... יאָ, כ׳לעבען, אַ גוטער פּלאַן. נאָר צו ר׳ חיים׳ען אין קעשענע איינגעהען (געצל האָט אין אַרבייט געהאַלטען אַ פּאָר הויזען פאַר ר׳ חיים דעם מלוה), אָט וועט ער האָבען צו זינגען און צו זאָגען!

געצל האָט באַלד אויסגעפיהרט זיין פּלאַן און אָפּגעטראָגען די הויזען ר׳ חיים׳ען.

* * *

ר׳ חיים איז געווען אַ מלוה. איינער פון די פּרומסטע מענשען אין שטאָדט. אַלע טאָג נאָכ׳ן דאַווענען פלעגט ער לערנען אַ בלאַט

גמרא; אין „שמע ישראל” צו קריאת־שמע, פאַרגעהן זיך אויף אַ האַלבער שעה און שמונה־עשרה האָט ביי איהם געדויערט, ווי פיעל דער אידישער גלות. אין שטאָדט האָט מען איהם גערופען „תזזכרו”, ווייל אויסער איהם איז ניט געווען נאָך איינער אין שטעדטעל, וואָס זאָל אַזוי קוועטשען דעם „זין” פון „תזכרו”, ווי ער. ווי ר׳ חיים האָט אָנגעטאָן די הויזען, האָט ער אָנגעהויבען פליהען ווי אַ משוגע׳נער און שרייען ווי ניט מיט זיין קול:

— איך בין אַ ראַזבוינִיק, אַ וואַלד־גזלן! איך האָב אוועקגע־קוילעט פיעל צעהנדליגע מענשען, איך האָב אומגליקליך געמאַכט פיעל פאַמיליעס; יתומים און אַלמנות וויינען איבער מיין קאָפּ און ביי מיר, גזלן, ליגען זייערע בלוטיגע געלט. אוי, רבונו של עולם, אַ גנב וואָס כאַפּט אַראָפּ נעבאַך אַ שטיקעל ברויט צו שטילען דעם הונגער פינסטערט אין אָסטראָג, און איך, רוצח, וואָס קוילע אוים מענשען אין די גאַסען אין מיטען העלען טאָג, געה אַרום פראַנק און פריי. אין אָסטראָג, אין קאַטאָרגע איז מיין אָרט.

ביי די ווערטער האָט ר׳ חיים גענומען דעם שליסעל פון זיין אייזערנעם קאַסטען, אַרויסגענומען פון דאָרט אַגרוים פּאַק וועקסלען, שטרי חובות, איספּאָלניטעלני ליסטען און אָנגעהויבען זיי צו סאָר־טירען און האָט אַלץ געמורמעלט אונטער דער נאָז: איך בין אַ מערדער, אַ קוילער, אַ ראַזבוינִיק.

די טיר האָט זיך געעפענט און יענטע, ר׳ חיים׳ס פרוי, איז אַריין. זי הערט ווי ער מורמעלט: מערדער, קוילער, ראַזבוינִיק.

— וואָס איז? וואָס איז? — האָט געפרעגט יענטע דערשראָ־קען — ווער איז דער מערדער? אודאי בערקע דער הולטאַי, דער אפיקורס?

— איך, איך, איך אַליין בין אַ מערדער, אַ קוילער, אַ ראַז־בוינִיק!

— וואָס רעדסטו? אוי־וועה איז מיר! — האָט יענטע פאַר־בראָכען די הענט — גוואַלד, אידען, ראַטעוועט!

— שאַ! שריי ניט אַזוי! איך בין ניט משוגע. מאַך ניט קיין גוואַלדען. איך בין אַ מערדער, נאָר האָב קיין מורא ניט, איך קוילע אהן אַ מעסער. איך האָב אוועקגעקוילעט אַזוי פיעל נפשות! אַט

איז בערקע׳ס וועקסעל, ער איז שוין אויסגעצאָהלט און איך האָב נאָך געהאַט אַ האַרץ און געוואָלט אַנגעבען, ווען מיר קומט ניט אַ גראָשען אויף איהם.

— ס׳טייטש דיר קומט ניט? וואָס רעדסטו? און די פינף־און־צוואַנציג רובעל, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט שולדיג איז קיין געלט ניט?

— וועלכע פינף־און־צוואַנציג רובעל — האָט ר׳ חיים געענט־פערט מיט אַ קרענקליכען קול — קנאַפּ פּראָצענט האָב איך ביי איהם איבערגענומען? די פינף־און־צוואַנציג רובעל זיינען דאָך ניט פון קרן, זיי זיינען דאָך שוין פון פּראָצענט. אוי, איך בין אַ מערדער, אַ קוילער!

— וואָס פאַר אַ מערדער, וואָס פאַר אַ קוילער ביזטו? — האָט יענטע געפרעגט פאַרוואונדערט — צי דען איז פּראָצענט ניט קיין געלט?

— מעג אָבער אַ איד נעהמען פּראָצענט? — האָט ר׳ חיים גע־ענטפערט מיט כעס — דאָס איז דאָך אַקוראַט ווי עסען חזיר, אַ־אַ־אַ־וי־י, וואָס פאַר אַ ביטערע עבירה דאָס איז.

— דו נעהמסט דאָך אַ שטר־חוב!

— דו ביזט אַ אידענע און ווייטער גאָר ניט! און מיט אַ שטר־חוב מעג מען נעהמען פּראָצענט? ווע מען וויל מען עס אָפּ־נאַרען — גאָט? אוי, איך בין אַ רמאי!

— ס׳טייטש? אַלע פרומע אידען זיינען דאָך מלווים, מסתמא מעג מען דאָך נעהמען פּראָצענט.

— פרומע אידען! — האָט ר׳ חיים איבערגע׳חזר׳ט איהרע רעד — פרומע אידען, מסתמא זיינען זיי אַזוי פרום ווי איך. ווי קען מען זיין פרום, אַז מען זויגט ביי יענעם דאָס בלוט. אוי, איך בין אַ בלוט־צאַפּער, אַ פּיאַווקע.

יענטע האָט נאָר געצויגען מיט די פּלייצעס פון גרויס וואונ־דער און האָט זיך געזעצט אַן אַ זייט. ר׳ חיים האָט זיך ווייטער גענומען צו סאָרטעווען די וועקסלען.

— יענטע! שיק רופען יחיאל דעם שמש.

אַ מינוט צייט האָט זי זיך באַדענקט, פאָלגען וואָס ער הייסט, צי ניט. עפּעס האָט זי געהאַט אַ צו־גרויסען חשד, אויב ער איז ביי זיין גאַנצען פאַרשטאַנד, נאָר חיים האָט באַלד איבערגע׳חזר׳ט זיין בקשה און זי איז גלייך אַרויס רופען יחיאל׳ן.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און יחיאל מיט יענטען זיינען אַריין אין שטוב.

— ר׳ יחיאל! — האָט זיך אונזער פּראַצענטניק געווענדעט צום שמש. — ר׳ יחיאל, זייט אַזוי גוט און רופט מיר צונויף אַט די מענשען, וואָס שטעהען דאָ אויסגערעכענט אויפ׳ן צעטעל. אָבער ניט זאַמט פּיעל. איך וועל אייך גוט באַלוינען.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ביי ר׳ חיים׳ען געווען פול די שטוב. ווען אַלע, וואָס זיינען געווען אויסגערעכענט אין צעטעל זיינען צונויפגעקומען, האָט זיך ר׳ חיים אוועקגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען מיט אַ ציטעריג קול:

— רבותי! איך ווייס, ווי איהר אַלע האָט מיך פיינט; איהר האַלט מיך פאַר אַ ראַזבוינִיק, פאַר אַ בלוט־צאַפּער, און איך בין זיך מודה ומתודה בפני קהל ועדה, אַז איך האָב גע׳גזל׳ט, געראַבעוועט, געצאַפּט דאָס בלוט. נאָר איצט וויל איך חוזר בתשובה זיין און וויל פאַרריכטען מיינע חטאים; איך וויל פאַרבעסערען מיין וועג, און כדי צו באַווייזען, אַז איך מיין דאָס מיט׳ן גאַנצען האַרצען, גיב איך אייך אַלעמען אַוועק די וועקסלען, די איספּאָלניטעלני ליסטען, די שטרי־חובות, אויף וועלכע איך האָב דעם קרן אָפּגענומען; קיין פּראָצענט רעכען איך ניט און איך פאַרלאַנג פון אייך, אַז איהר זאָלט מיר אַלע מוחל זיין.

און ער האָט מיט ציטעריגע הענט און מיט אַ קלאַפּונג אין האַרצען אָנגעהויבען פאַנאַנדערטיילען די וועקסלען.

— נאָר אַזוי ווי איך פיהל, אַז מיט דעם אַליין בין איך נאָך ניט יוצא; ביי מיר שטעלען זיך אָפּ אָרימע געלטען וואָס איך קען ניט אַוועקגעבען, ווייל די, צו וועמען די געלטען געהערען, זיינען שוין אויפ׳ן עולם האמת, דעריבער וויל איך געבען אַ נדבה טויזענד רובעל אויף צו מאַכען אַ תלמוד־תורה פאַר אָרימע קינדער, און

איהר, ר׳ יחיאל, קלויבט היינט אויף אַן אסיפה, וועל איך דאָרטען געבען דאָס געלט.

שפּעט ביי נאַכט האָט ר׳ חיים זיך אומגעקעהרט פון דער אסיפה. א היבשע צייט איז ער נאָך געזעסען פאַרטראַכט ביים טיש, און דאָס האַרץ האָט איהם ניט געקענט שטילען, וואָס ער האָט אַזאַ גרויסע סומע געלט אַרויסגעלאָזען פון די הענט. נאָר ענדליך איז ער געוואָרען רוהיגער און האָט שוין גענומען פאַרגעניגען האָבען פון זיין צדקה, און האָט מיט שמחה דערצעהלט יענטען, ווי ער האָט ביי דער אסיפה אויסגעצעהלט אויפ׳ן טיש די גאַנצע טויזענד רובעל, נאָר ווי ער האָט זיך געלעגט שלאָפען, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט ווי א קליין קינד.

— אוי, וועה צו מיר! וואָס האָב איך דאָ היינט געטאָן? די גזלנים האָבען דאָך מיר היינט צוראַבעוועט! אַזוי ווי די היישערי־קען זיינען זיי באַפאַלען אויף מיין גוטס און האָבען מיך בדיל־הדל געשטעלט. וואָס פאַר א משוגעת איז דאָך אויף מיר אָנגעקומען? ווי נעהם איך פון העלער הויט און גיב אוועק די שלעפער מיין כשר־פאַרדינטע רובעל? אוי! אוי! אוי! אַזוי פיעל געלט! — האָט ר׳ חיים גענומען שרייען, רייסענדיג זיך פאַר די האָר— אַ־ז־ו־י פ־י־ע־ל־ל ג־ע־ל־ט!...

יענטע איז געלעגען און האָט א וואָרט ניט גערעדט. זי האָט מורא געהאַט א פּיפּס צו טאָן, וואָרים אין אַזעלכע מינוטען האָט ר׳ חיים געקענט הרג׳ענען א מענשען פון כעס.

* * *

ר׳ חיים האָט זיך ניט אַזוי גיך געכאַפּט, אַז דער סאָוועסט איז ביי איהם פאַרנעהט אין קעשענע. אַלע אין דער פריה פלעגט זיך אויף איהם אַרויפציהען א נייע הויט. ער פלעגט ווערען גוט, מילד, זיין שטוב איז געוואָרען אָפען פאַר צדקה, יעדער האָט געקענט קריגען ביי איהם א גמילות־חסד, נאָר ביי נאַכט... ביי נאַכט פלעגט ער צוארבייטען מעשים. ענדליך אָבער האָט ער דעם סאָוועסט דערטאַפּט ביי זיך אין קעשענע און ער האָט קיין שהיות געמאַכט און גלייך אָפּגעשיקט צום ב... רבי׳ן מיט ח״י גולדען פּדיון. דער ב... רבי פלעגט ווייזען גרויסע מופתים. מען איז צו

איהם געפאָהרען פון ארבע פנות העולם. שטומע האָט ער געמאַכט, ווערליג מען האָט געזאָגט, ריידענדיג, טויבע — הערענדיג, בלינדע — זעהענדיג. מיט איין וואָרט: מיט זיינע מופתים האָט די וועלט געקלונגען.

ווען דער ב... רב האָט דעם סאַוועסט צוזאַמען מיט דעם פדיון ערהאַלטען, איז דעמאָלט געווען פול די שטוב. איינע, אַ יונג ווייבעל, איז געקומען בעטען אויף קינדער; אַ צווייטע — עפּעס אַ רפואה צו אַ קרענק; דאָרט איז געשטאַנען אַן אפיקורס'ל און געוואָלט זיך מתודה זיין אויף זיינע חטאים און פאַרלאַנגט, אַז דער רבי זאָל איהם אַרויסגעבען אַ תשובה, ווייל קינדער, רחמנא לצלן, האָבען זיך ביי איהם ניט געהאַלטען (און וואָס טוט אַ פאָ־טער ניט צוליב קינדער?). און דאָ ווידער איז אַן עגונה געקומען בעטען, דאָס דער רבי זאָל איהר אומקעהרען פון די ווייטע לענדער איהר מאַן, וואָס איז שוין העכער צוואַנציג יאָהר פאַרפאַלען גע־וואָרען. און נאָך פיעל זיינען געקומען בעטען ביים רבי'ן הילף.

— וואָס בעט איהר, קינדערלאַך, ביי מיר? וואָס בין איך עס, אַ גאָט, וואָס איך קען יעדען געבען זיין פאַרלאַנג? איך בין אַ מענש ווי אַלע מענשען, און איך וויים ניט מעהר פון אַלעמען. איך קען קיין נסים ניט אויפטאָן, וואָרים נסים זיינען ניט אין די הענט פון אַ בשר ודם. און דאָס וואָס איך קלינג אין דער וועלט פאַר אַ בעל־מופת, האָבען דאָס נאַראָנים אויסגעקלערט. איך האָב קיין מופת קיינמאָל ניט באַוויזען, ווייל איך קען עס ניט באַווייזען.

— ניין, רבי'ניו! איהר מוזט אונז העלפען! — האָבען זיך די ווייבער געבעטען און אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

— איך זעה, אַז נאַראָנים טאָר מען קיין קלוג וואָרט ניט זאָגען, און וואָס מעהר איך וועל אייך מדחה זיין, וועט איהר אַלץ מעהר קריכען, ווייל איהר מיינט, אַז איך זאָג דאָס מחמת ענייוות, דעריבער שווער איך אייך, אַז איך קען קיינעם ניט העלפען, און איך האָב אויף מיין לעבען קיין מאָל קיין מענשען ניט גע־האָלפען. זעהט איהר, איך האָב אַ מאָל געמאַכט שטיק קונצען, איך האָב כלומר'שט באַוויזען מופתים, אָבער דאָס זיינען קיין מופתים ניט געווען. אַז איך האָב איינעם אויסגערעכענט זיינע

חטאים, האָב איך דאָס מעהר ניט ווי געפּרואווט טרעפֿען, און איך האָב טאַקע טויזענדער מאָל ניט געטראָפֿען, נאָר דעם מאָל וואָס איך האָב געטראָפֿען האָט מען דאָס אין דער וועלט פֿאַנאַנדער־געטראָגען פֿאַר אַ גרויסען מופת.

אַלע וואָס זיינען געווען אין שטוב, האָבען זיך פֿאַוואָלינקע גענומען אַרויסרוקען.

* * *

דער בעל־מופת האָט דעם סאָוועסט אָפּגעשיקט דורך דעם גבאי צום רב.

ביים רב אין שטוב זיינען דעמאָלט געווען עטליכע קצבים, אַ פּאָר שוחטים מיט אַ ריאה שאלה. איין קצב האָט געבלאָזען די ריאה, אַ צווייטער האָט געגאָסען אויף איהר לעבלאַכע וואַסער, וואו דער רב האָט אָנגעוויזען. אַ שוחט האָט מיט זיינע פֿאַרשפּיצ־טע נעגעל געצויגען פֿאַוואָלינקע אַ דין הייטעל (סירכא) פֿון דער ריאה, און דער רב איז געשטאַנען גלעטענדיג זיך פֿאַר׳ן באָרד און צוגעקוקט צו דער אָפּעראַציע.

דער קצב, וואָס האָט געבלאָזען די ריאה, האָט נאָכגעקוקט דעם שוחט מיט פֿייערדיגע אויגען, דאָס געזיכט איז בלייך, די הענט ציטערען, דאָס הארץ קלאַפּט — אַ שפּאָס איז דאָס? די וואָך חיונה הענגט אויף אַ הייטעלע! און ניט נור די וואָך, נאָר אויך די קומענדע וואָך וועט אין שטוב זיין אַ הונגער. די קינדער וועלען רייסען פֿאַר די פּאָלעס: עסען! און צושטילען זייער הונגער וועט מען זיי דאַרפֿען מכבד זיין מיט קלעפּ.

— אומזיסט, — רעדט אוים דער רב — ס׳וועט ניט העלפֿען.

דאָך, דער שוחט פּרואווט ווייטער ציהען די הייטעלע, אַ קשיא אויף אַ מעשה! אפשר, אפשר וועט זיך די סירכא אָראָפּנעהמען.

אין דער מינוט האָט דער גבאי אַריינגעלעגט צום רב אין קעשענע דעם סאָוועסט און האָט זיך גלייך אַרויסגערוקט.

אויפ׳ן רב׳ס בלאַסע, אויסגעווייקטע געזיכט האָט זיך באַוויזען אַ רויטער פֿלעק. דאָס הארץ האָט איהם פֿאַרקוועטשט און ער האָט זיך געשעהמט פֿאַר זיך אַליין.

— אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ שאלה דאָס איז! — האָט דער רב מיט זיך אַליין גערעדט — פּיעל זיינען זיך נוהג מקיל זיין אין דער שאלה, נאָר איך בין מחמיר, ווייל איך וויל יוצא זיין לכל הדעות. מעג איך דאָס אָבער נעהמען אָרימע בלוטיגע געלט און טאָן מיט זיי כאדם העושה בתוך שלו? איך בין דאָך ניט ווערט דעם נאָמען מענש וואָס איך טראָג, איך בין דאָך אַ גנב, וואָס איך ביז ניט חס על ממונו של חברי...

די קצבים האָבען וועניג וואָס פאַרשטאַנען פון די אַלע רעד וואָס דער רב האָט מיט זיך גערעדט, נאָר בשעת ער האָט געהייסען אַפּרייסען דעם „גנב" *) האָבען זיי איהם אַ וויילע פאַרוואונדערט אנגעקוקט, ווי איינער זאָגט, ווי קומט עס צו דיר? נאָר זיי האָבען, פאַרשטעהט זיך, קיין שאלות־ומענות ניט געמאַכט, האָבען פאַר־קאַשערט די פּאַלעס און „היידאַ"!

אין שטאָדט האָט מען אָנגעהויבען מורמלען, אַז דער רב איז עפּעס... איבערהויפּט די יונגע לייטלאַך פון בית־המדרש, וואָס האָבען געזוכט סמיכה׳לאַך, האָבען געמורמעלט, אַז דער רב איז פשוט... אַ... מאכיל טרפות... זיי האָבען באַוויזען שוואַרץ אויף ווייס און דערביי געדרעהט מיט די פינגער, אַז אין יורה דעה שטעהט בפירוש טרפה אויף וואָס דער רב האָט געזאָגט: כשר.

ענדליך האָט דער רב געפונען ביי זיך דעם סאָוועסט, נאָר אויפהאַלטען איהם ביי זיך האָט דער רב ניט געוואָלט.

* * *

אַ היבשע צייט האָט זיך דער סאָוועסט אַרומגעוואַלגערט ביז ער איז אַריינגעפאַלען צו אַ קאַוואַליער אַ פּראַנט.

אַזעלכע קאַוואַליערען־פּראַנטען רופט מען אויף פּראָסט אידיש: „באַלעבאַטישע בחורים". צו פערצעהן יאָהר ענדיגען זיי זייער בילדונג, זיי רעכענען זיך פאַר געבילדעטע, ווייל זיי רעדען זעקס ווערטער אויף רוסיש מיט פינף גרייזען און לייענען פראַנצויזישע פערעוואָדען פון פּאַל־דע־קאָק און דאָס גלייכען. ביז דער חתונה

---

*) אויף דער ריאה איז פאַראַן אַ שטיקעל לונג, וואָס מען רופט „גנב". אַז מען רייסט אָפּ דעם גנב איז אַ סימן אויף כשר.

געהען זיי אַרום שלינק און שלאַנק און טונקען ניט איין, ווי מען זאָגט, אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער, קיין דאגת חיונה האָבען זיי ניט, ווייל די עלטערן פאַרזאָרגען זיי מיט עסען, שוכען און קליידען. טאָג אַזוי נאַכט באַזוכען זיי פריילינס (אויך באַלעבאַטישע) אָדער, ווי זיי רופען דאָס אויף זייער לשון: זיי געהען מיט וויזיטען, און מען באַלאַקעט אַפּ טעג מיט נעכט, מען לערנט זיך טאַנצען, אויך שפּילט מען אין פאַנדען, אין קאָרטען און דאָס גלייכען.

צו אַזאַ מין פראַנט האָט מען אין ראַק אַריינגעלעגט דעם סאָ־וועסט. ער, דער פראַנט, איז אָוועקגעלאָפען אַ היים און האָט אָנגעהויבען שרייען מיט אַ משונה׳דיגען קול:

— אַרימער, אומגליקליכער פאָטער! טראָג אַרוים אויף דער גאַס מיינע מלבושים, פאַרקויף זיי פאַר פיעל מען וועט געבען. איך דאַרף קיינע טייערע קליידער ניט, איך בין אַ פּראָסטער מענש, דאַרף איך געהן ווי אַלע פּראָסטע מענשען און איך טאָר זיך צו זיי אויך ניט גלייכען; זיי פאַרדינען און איך ניט. געוואַלד, צו וואָס לעבען אַזעלכע מענשען ווי מיר זיינען, אויף דער וועלט! צו וואָס טויגען מיר? קיין זאַך קענען מיר ניט, קיין זאַך וויסען מיר ניט און מיר לעבען נאָך שעהנער און בעסער פאַר די וואָס קענען און וויסען. ניין, איך קען ניט פאַרטראָגען אַזאַ מאוס לעבען! אוים ביעלאָרוטשקאַ! איך מוז ווערען אַן אַרבייטער און אַרבייטען גלייך מיט׳ן טאַטען און לעבען, ווי דער סאָוועסט הייסט.

נאָר ווי ער האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם ראָק, האָט ער אָנגעהויבען פון זיך אַליין צו לאַכען פאַר זיין משוגעת און זיך אָנגערופען צום פאָטער:

— אַהאָ! דו וואָלסט וועלען איך זאָל דיר העלפען אַרבייטען, דו האָסט חשק, נאָר ניט אַזוי גיך.

מיט די ווערטער האָט ער זיך אויסגעדרעהט אין אַ מין טענצעל איבער׳ן שטוב און האָט זיך געקייכט פון געלעכטער.

באַלד אָבער האָט ער זיך אויסגעקליבען מיט אַ וויזיט צו אַ פריילין, ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגען דעם ראָק און געהאַט בדעה אַרויסגעהן פון שטוב, נאָר פּלוצלונג איז אויף איהם אָנ־

נעפאַלען די פריהערדיגע משוגעת און האָט ווייטער אָנגעהויבען טענה'ן די פריהערדיגע ווערטער.

ער האָט ווייטער אויסגעטאָן דעם ראָק, דאָס משוגעת איז ווייטער אַראָפּ פון איהם.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ צרה? — האָט ער אָנגעהויבען צו טראַכטען מיט זיך — איז דאָס ניט קיין כשוף? ס'קען גרייליך זיין, אַז מען האָט מיר אַ כשוף אָנגעטאָן. טאַטע, גיב אַ קוק וואָס איז דאָרטען אין ראָק? — האָט ער געפרעגט, און אַ פּחד איז אויף איהם אָנגעפאַלען.

* * *

דער פראָנט האָט אונטערגעוואָרפען דעם סאָוועסט צום באַריהמטען זשאַרגאָנישען פּראָפעסער, וועלכער האָט פאַרפלייצט די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור מיט זיינע „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען". דער פּראָפעסער איז מיט אימפּעט אַוועקגעלאָפען אַהיים, האָט געכאַפּט אַלע זיינע כתבים און האָט זיי אָנגעהויבען איבערקוקען.

— מיינע קריטיקער זיינען גערעכט — האָט ער געמורמעלט אונטער דער נאָז — מיינע ווערק קענען קיין נוצען ניט ברענגען דעם אידישען פאָלק. פאַריזער סצענעס טראָג איך איבער קיין טונעיאַדעווקע, אַ פראַנצויזישען העלד פאַרוואַנדעל איך אין אַ האָצקלען, אַ שמערלען און דאָס גלייכען. קיין איין טיפּ האָב איך ניט גענומען פון אידישען לעבען און וואו איך האָב יאַ געוואָלט באַשרייבען אַ אידישען טיפּ, דאָס אידישע לעבען, האָב איך ניט מעהר ווי צופּאַצקעט. מיר פעהלט עפּעס צום שרייבען, מיר פעהלט טאַלאַנט און דאָס האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט און דאַרום טאָר איך ניט שרייבען. איך מוז צוברעכען די פעדער און מיינע כתבים פאַרברענען. קיין זכר זאָל זיך פון זיי ניט אָפּשטעלען

און דער באַריהמטער פּראָפעסער פון די „העכסט-אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש, האָט אָנגעצונדען אַ ליכט און אָנגעהויבען ברענען אַ גאַנצען פּאַק כתבים.

— וואָס טוסטו? — האָט געפרעגט זיין פרוי, אַריינגעהענדיג אין שטוב, מיט אַ צושראָקענע געזיכט.

— איך פאַרברען אַלע מיינע כתבים.

— וואָס איז? וואָס איז? — האָט זי געפרעגט און איז געוואָ־רען פון שרעק, בלייך ווי לייוונט.

— איך האָב זיך ארומגעזעהן, אז זיי טויגען מעהר ניט, ווי אויף דעם פייער.

— איך פארשטעה דיך ניט.

— גאָר איינפאך, מיינע ווערק ברענגען קיין שום נוצען ניט דעם אידישען פובליקום לעזער.

— פאַר וואָס?

— ווייל איך שרייב ניט פון אידישען לעבען. איך זעץ איבער פראנצויזישע ראָמאַנען.

— אָבער דער עולם לייענט דאָך דיינע ווערק מיט פאַרגעניגען, איז דאָך אַ באַווייז, אז איהם געפעלט דיין שרייבען.

— אַך! אָט דאָס קלעמט מיר נאָך מעהר, ווי אַלץ. איך זעה, אז איך, נאָר איך, האָב איבערגעפיהרט דעם אידישען לעזער. איך האָב איבערגעפיהרט זייער געשמאַק. די זשאַרגאָנישע לעזער ווילען איצט ניט לייענען אַ וויכטיגע ווערק מיט טאַלאַנט געשריבען, זיי לעזען נאָר מיינע העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, און אויב ווער פון המון לעזט אַמאָל אין אַ שמיטה אַ גוטע קונסט ווערק, וואַרפט ער געווים אַוועק אין מיטען. אַך! איך האָב אומגליקליך געמאַכט דעם המון מיט מיינע שמוציקע ווערק, איך האָב פאַרדאָרבען זיין געשמאַק, און ס'וועט לאַנג דויערען, ביז אַ רעכטע ווערק וועט גע־פינען אַ גאַנג אויפ'ן ליטעראַרישען מאַרק. מיר קומט פאַר מיין שרייבען סיביר, קאַטאָרגע.

— טאַ וואָס האָסטו זיך עפּעס איצט ארומגעזעהן?

— לוטשע פּאָזדנאָ, טשעם ניקאָגדאָ (בעסער שפּעט איידער קיין מאָל), זאָגט אַ רוסישער שפּריכוואָרט.

די פרוי האָט געזעהן, אז ער האָט רעכט.

* * *

דער פּאַרפאַסער, גלייך ווי ער האָט געפונען ביי זיך דעם סאָ־וועסט, איז אַוועק מיט אַ וויזיט צו אַ געוויסע דאַמע, וואָס האָט זיך באַשעפטיגט מיט פילאַנטראָפּישע זאַכען. איצט האָבען זיך ביי

איהר צונויפגעקליבען אַלע דאַמען, וואָס האָבען איהר געהאָלפען טאָן צדקה. זיי האָבען געשמועסט פון וועלט-זאַכען, פון מאָדעס, האָבען דערצעהלט די סודות פון דער און יענער דאַמע, אגב האָבען זיי אויך גערעדט מכח זייער ענין, דאָס הייסט: צדקה.

זייער ציעל איז געווען שטיצען אָרימע אידישע קינדער, ריכ־טיגער געזאָגט, אָרימע אינגלאַך. אויך האָבען זיך צו זיי געווענדעט אָרים-בחורים, וואָס האָבען ראַפּטום דערפיהלט אַ דאָרשט צו השכלה. די דאַמען האָבען אויסגעהערט יעדערענס פאַרלאַנג, האָבען עצות ניט געזשאַלעוועט, פאַרשפּראָכען טאָן וואָס מעגליך איז, און אַ מאָל וועמען פאַרבעטען צו זיך אויף מיטאָג (צווישען זיך ריידענדיג, איז דער מיטאָג אָרויס דעם אָרים-בחור „באָקאָם", דער אָרים-בחור האָט זיך מיט יעדען ביסען געוואָרגען, איז געזעסען אין געהאַקטע וואונדען, האָט ניט געוואוסט וואו די הענט צו האַלטען, אויף וואָס די אויגען אַפּשטעלען, ווי צו עסען און וואָס צו עסען, די פּיעלע טעלער האָבען אויף איהם אַ פּחד געוואָרפען, די אומבאַקאַנטע גע־ריכטען האָבען איהם בלייך און רויט געמאַכט און ער האָט פאַר־שאָלטען דאָס לעבען, וואָס ער איז מרוצה געוואָרען עסען אין די „הויכע פענסטער"), נאָר מעהר ווי ביים פאַרשפּרעכען איז ניט געבליבען, ווייל, פאַרשטעהט איהר, די דאַמען האָבען געמאַכט אַ פּרינציפּ, ערוואַקסענע ניט צו העלפען.

אין שטאָדט טאַקע האָבען לעדיג-געהער געפרעגט קשיות: אם כן, אויב אַזוי, פאַר וואָס-זשע ווענדען זיך צו זיי די אָרים-בחורים? און פאַר וואָס זאָגען די דאַמען צו שטיצע? נאָר אַזוינע קשיות זיינען פעהיג צו פרעגען טאַקע לעדיג-געהער, וואָס זיי ליגט נאָר אין זינען יענעם נאָכצוקוקען.

דער פּראָפעסער האָט מיט אַ שפּילקע צוגעשטאָכען דעם סאָ־וועסט צום קלייד ביי דער פּרעזידענטשע. זי האָט דעמאָלט גע־האַלטען אַ הייסע רעדע. זי האָט גערעדט, און פיין גערעדט, ווי ווייט נויטיג זייער חברה איז (די רעדע האָט זיך אָנגעהויבען ביים פּראָפעסאָרס אריין) און וואָס פאַר אַ גרויסע נוצען זיי ברענגען, און האָט באַדאַנקט די איבעריגע דאַמען פאַר זייער וואַרימען אָנ־

טייל, וואָס זיי נעהמען... אַט אין דער הייסער מינוט האָט דער פּראָפעסער געמאַכט זיין אָפּעראַציע...

די פּרעזידענטשע האָט פּלוצים איבערגעהאַקט איהר רעדע, אַ האַלבער וואָרט איז איהר געבליבען אין מויל. אַלע האָבען דער־שראָקען אָנגעקוקט און געפרעגט: וואָס איהר איז?

— גאָרנישט, גאָרנישט! — האָט זי זיי בארוהיגט און האָט באַלד ווייטער אָנגעפאַנגען רעדען:

— איך מוז מודה זיין, אַז מיר קענען בשום אופן ניט ער־וואַרטען, יעמאַנד זאָל אונז באַדאַנקען פאַר אונזער מיה, ווייל מיר זיינען קיין דאַנק ניט ווערט. מיר האָבען מעהר ניט ליעב צו קלינגען, זאָלען לייט מיינען, אַז מיר ראַטעווען די וועלט מיט אונ־זערע צדקות (אומשטיינס געזאָגט, וואָס מיר גיבען אונזערע!)...

— וואָס איז מיט אייך? — האָבען איינינע געפרעגט מיט שרעק — וואָס רעדט איהר?

— לאָזט מיך ריידען, איך וויל ניט זיין גענאַרט, איך וויל ריידען אָפען, לאָמיר זיך אָפּגעבען אַ ריכטיגע רעכענונג, וואָס פאַר־לאַנגען מיר מיט אונזערע פילאַנטראָפּיע און וואָס טהוען מיר?

מיר שמועסען זיך איין, אַז מיר העלפען אָרימע קינדער. גוט, ס'איז זעהר אַ פיינע זאַך, ס'איז אַ גרויסער יושר צו פאַרזאָרגען אָרימע קינדער מיט אַ שטיקעל ברויט, כדי זיי זאָלען ווערען נוציגע מענשען פאַר זיך און פאַר די וועלט, דערמיט באַפרייט מען דאָס געזעלשאַפט פון פוסטע־פּאַסניקעס, גנבים, מוסרים, א. ד. גל. ליי־דער אָבער זיינען דאָס אַלץ קלינגענדע ווערטער, אונזער גאַנצע מיה איז גאָר אומזיסט און אויב ניט גאָר, איז כמעט אומזיסט, וואָרים די אָרימע אינגלאַך קענען זיך אויסלערנען אַן אַרבייט אין רעמעסלענע אוטשילישטשע. די אוטשילישטשע לאָזט אַרויס הונ־דערטער בעלי־מלאכות און אונז געלינגט אַ מאָל אין אַ שמיטה פאַרזאָרגען אַן אָרים אינגעל, און איך ווייס ניט, אויב מיר טוען איהם דערמיט אַ טובה, ווייל פון אונזערע הענט געהט ער אַרויס אַ בעל־מלאכה אַ פּראָסטער, אַ פינסטערער אַרבייטער. דאַגעגען־זשע פון דאָרטען, געהט ער אַרויס מיט וויסענשאַפט. אויב ער באַקומט דאָרט ניט אפילו הויכע בילדונג, לכל הפחות באַקומט ער

דארט אן עלעמענטארע בילדונג, וואס איז איהם נויטיג ווי דאס לעבען.

מיר האבען ניט וואס צו לייקענען, אונז זיינען גאר ווינציג אנגעגאנגען די ארימע קינדער, דער ווארצעל פון אונזער פילאנטראפיע ליגט אין סקוקע, מיר געהען אראפ פון מוח און האבען קיין שום ארבייט און פרעהען זיך, אז ס׳מאכט זיך אונז א מיטעל, ווי צו פארשלאגען די צייט, ס׳איז א סך פרעהליכער האבען עפעס א באשעפטיגונג איידער ארומשפאצירען אין זאל הין און צוריק און דאס מויל זאל זיך צורייסען פון געניצען און אגב האבען מיר געזוכט כבוד, כבוד, כבוד... זאלען לייט פון אונז רעדען, אבער צי האבען מיר ווען ג ע פ י ה ל ט די אומגליקלאכע לאגע פון די ארימע לייט?

ניין, און טויזענד מאל ניין. מיט׳ן הארצען האבען מיר זייער לאגע קיין מאל ניט געפיהלט, ווארים זאנסט האבען מיר געפונען א גרויסע פעלד פאר אונזער ארבייט. נעהמט כאטש ארימע אידישע מיידלאך — פאר זיי זארגט זיך קיינער ניט און דאס איז דאך געוויס א ו נ ז ע ר פליכט זיי צו העלפען, נאר מ י ר דארפען עס טאן. מיר זעהען איבעראל, אז אונזערע אידישע טעכטער, מיט וועלכע מיר האבען ביז איצט אזוי געשטאלצירט, זיינען ווייט ניט אזוי זיטליך, ווי מיר באריהמען זיך. די סטאטיסטיקע ווייזט אונז שרעקליכע ציפערען, פיעל אידישע טעכטער מיר פארלירען... ס׳איז אהן א צווייפעל, אז ניין חלקים פון צעהן צווישען די אומגליקליכע נפשות האבען אנגעהויבען האנדלען מיט זייער שעהנקייט, ווייל די ארימקייט האט זיי דערצו געבראכט. וואס איז דער וואונדער, וואס קינדער וואס ערציהען זיך ביי זייערע ארימע עלטערן, אדער ערציהען זיך גאר אהן עלטערן, וואס וואלגערן זיך אין אלע טרושטשאבעס, וואס לײדען הונגער, קעלט און אלע צרות, מאכען צום סוף א האנדעל מיט זיך? אויף אונז ליגט א גרויסער חוב, אויב אונזער הארץ איז ניט קיין שטיינערנע, ראטעווען די אומגליקליכע נפשות; אויב מיר קענען ניט ראטעווען די יעניגע, וואס זיינען שוין אראפ פון גוטען וועג, אבער יונגע קינדער קענען מיר נאך פארכאפען. מיר דארפען זיך זעהן סטארען

מאַכען פאַר ארבייטערקעס די אָרימע יונגע מיידלאַך וואָס קענען דאָס ניט עררייכען, פאַרזאָרגען זיי מיט עסען און קליידער, געבען זיי אַן עלעמענטאַרע בילדונג, אום זיי זאָלען ניט אויסוואַקסען בלינדע.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז פיעל העלפען וועלען מיר ניט קענען, נאָר דערווייל לאָמיר מאַכען אַ התחלה, און איבערהויפּט דאַרפען מיר זיך זעהן סטאַרען, אַז מען זאָל פאַר מיידלאַך אויך עפענען אַ מין רעמעסלענע אוטשילישטשע. מיט סטאַראַניע וועלען מיר דאָס אויספיהרען. מיר האָבען עפּעס אַ וואָג. אונזערס אַ וואָרט וועט ווירקען, די קאַראָבקע האָט גענוג געלט, און דאַן וועלען אונז מיט אַן אמת דאַנקבאַר זיין אַלע אָרימע קינדער און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק.

* * *

די פּרעזידענטשע האָט באַלד דערזעהן דעם סאָוועסט ביי זיך אויפ'ן קלייד און האָט די „מתנה" אָפּגעשיקט צו אַ צווייטע, די צווייטע צו אַ דריטע א. ז. וו.

פיעל, פיעל יאָהרען האָט דער סאָוועסט אַזוי געוואַנדערט איבער דער וועלט און האָט ערגיץ קיין רוה ניט געפונען. וואו ער איז געוועזן אַ טאָג, איז ער ניט געוועזן אַ נאַכט; יעדער האָט זיך פון איהם דערווייטערט, יעדער האָט אויסגעמיידט, אויסגעווייכט ווי אַ מגפה. וואו ער פלעגט קומען, פלעגט ער אָנמאַכען אַ רעש, אַ געפּילדער, אַ טומעל, און אומעטום האָט ער געהאַט איין אָפּ־שניט, אומעטום האָט מען זיך מיט איהם ארומגעוואָרפען ווי מיט אַ מאוס'ע שמאַטע. איין גאָט ווייסט, וויפיעל ער וואָלט נאָר דאַרפען וואַנדערן איבער דער וועלט, ווען מיט איהם זאָל זיך ניט טרעפען אַ נס.

ויהי היום, האָט מען דעם סאָוועסט אונטערגעוואָרפען צו אַ טרעגער און ער, דער טרעגער, האָט אַ צייט זיך ניט געכאַפּט אַז ביי איהם אין קעשענע געפינט זיך די פון אַלעמען געהאַסטע, אָוועקגעוואָרפענע טיכעל; זיין הארץ איז איהם געוועזן שטיל און רוהיג און ווי תמיד האָט ער יעדען געקוקט אין די אויגען. איין מאָל איז דעם טרעגערס איינגעל צוגעגאַנגען צו איהם, צום פאָטער,

און האָט ביי איהם אין די קעשענעס געזוכט אַ מטבע און האָט דאָרט געפונען די שמאַטע. דאָס אינגעלע האָט אַנגענומען די שמאַטע פאַר אַ צאַצקע (קינדער זיינען נאַראָנים!) און האָט איהר אַריינגעלעגט צו זיך אין בוזים און פון דאַן אַן האָבען זיי זיך שוין מעהר ניט פאַנאַדערגעשיידט. זיי ביידען איז איצט גאַנץ גוט. דאָס אינגעל פיהלט קיין משא ניט און פאַר דעם סאָוועסט איז אודאי גוט. נאַך אַזאַ לאַנגען גלות, נאַך אַזוי פיעל אָרומשלעפּעניש, נאַך אַזוי פיעל בזיונות, האָט ער געפונען אַ רוה.

איצט הער זשע, מיין ליבעס אַרבייט־קינד. דו וועסט דאָך אייביג קיין קינד ניט זיין און אַז דו וועסט אויסוואַקסען אַ גרויסער, זאָלסטו זיך ניט לערנען פון דיינע כלומר'שט גרעסערע ברידער. דו זאָלסט ניט נעהמען ביישפּילע פון שיינקערס, לעהרער, מלוות, צדיקים א. ז. וו. האַלט דעם סאָוועסט שטייף ביי זיך, בייט איהם ניט אויס אויף קיינע גליקען, וואָרים זייער גליק איז פאַלש. דערפאַר זאָג איך דיר צו אַ גליקליכען לעבען, דו וועסט קיין מאָל קיין חרטה ניט האָבען, וואָס דו האַלטסט די טייערע שמאַטע אונטער'ן בוזעם: אין דער שמאַטע ליגט איינגעוויקעלט אַ טייערע קמיע, זי וועט דיך פאַרהיטען פון אַלע בייז. האַלט זשע דעם סאָוועסט שטאַרק, מיין ליבעס אַרבייטס־קינד!

.1894

דער ליטווישער חדר

(זכרונות).

1.
דאָס ערשטע מאָל.

מיר איז דעמאָלט געווען פינף יאהר. אויף דרויסען איז געשטאַנען אַ הייסער זומערדיגער טאָג. דער פּאָטער האָט מיך איינגעוויקעלט אין אַ טלית און געטראָגען מיך איבער דער גאַס אין חדר. דאָס הערצעל איז מיר געשפּרונגען פאַר שמחה: עפּעס בין איך איינגעוויקעלט אין אַ טלית, עפּעס טראָגט מען מיך אויף די הענט, עפּעס וועל איך אויך זיין גלייך מיט מאָטלען, בערעלען, חאַצקעלען, עפּעס וועל איך אויך זיין אַ חדר־אינגעל... און ׳דער חדר האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט פאַר אַ גן־עדן, פיעל חברים, ס׳איז פאַראַן מיט וועמען זיך צו שפּילען, צאַצקעס אַ באַרג...

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און איך האָב געפיהלט, ווי דער פאָטער האָט אויפגעעפענט אַ טיר. ער האָט מיך באַלד אוועקגעשטעלט אויף אַ באַנק, און האָט מיר פון די אויגען אָפּגעקאַטשעט דעם טלית; אויף דער זעלבער באַנק זיינען געשטאַנען, אויך אין טליתים, חיימ׳קע און מאָטעלע, און די טאַטעס־מאַמעס און קרובים געבען אונז.

איך האָב אַ קוק געטאָן אַרום זיך: ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ גרויסע פאַמויניצע, וואו ס׳האָבען אַרומגעשוואומען שטיקלאַך פּאַפּיר, קוילען, א. ד. ג. ביי איין וואַנט איז געשטאַנען אַ בעט, אַרומגעהאַנגען מיט אַ ליילאַך. נעבען בעט אַ וויגעלע, פון וואַנען ס׳האָט זיך געלאָזט הערען אַ דין קוויטשיק קול׳כעל. איבער דעם שטיבעל האָט זיך אַרומגעטראָגען אַ ביטערער געדיכטער רויך פון דעם רבי׳נס ליולקע. אַרום טיש זיינען געזעסען אַ פּאָר טוץ אינגלאַך און אויבען־אָן דער רבי אין אַ יאַרמולקע מיט אַ ציגענע בערדעל.

איך האָב זיך פאַר איהם כמעט ווי דערשראָקען. ער איז מיר אויסגעקומען זעהר משונה. ער איז געזעסען אָהן אַ קאַפּאָטע, דער טלית־קטן און דאָס העמד זיינען געווען פאַנאַנדערגעשפּילעט, דאָס הארץ באַוואַקסען מיט געלע האָר.

איך האָב מיט דעם רעכטען הענטעל שטייף אָנגעגריפען דעם פאָטער פאַר׳ן אַרבעל.

באַלד האָט זיך דער רבי אויפגעהויבען פון זיין אָרט, איז צו־געגאַנגען צו מיר און האָט מיר אַ גלעט געטאָן פאַר׳ן בעקעל.

— דו זעהסט דעם קאַנטשיק? — האָט ער געזאָגט, און באַוויזען מיט׳ן פינגער אויף אַ קורץ שטעקעלע מיט רימענדלאַך וואָס איז געלעגען נעבען אלף־בית: מיט איהם שמייסט מען דאָס אינגעל, וואָס וויל ניט לערנען און דעם האָניג גיט מען יענעם *), וועל ס׳לערענט גוט, — וועסטו וועלען לערנען?

— יאָ! — ענטפער איך און ציטער ווי אַ פיש אין וואַסער.

— „אַנאַ, זעץ זיך און קוק, מיין קינד!“ — דער רבי נעהמט דעם אלף־בית, רוקט איהם צו צו מיר און ווייזט אָן אויף אַן אלף: „דאָס איז אַן אלף“.

— אָט דאָס איז אַן אלף! — זאָג איך איהם נאָך און קוק אויף דעם האָניג, וואָס שטעהט נעבען אלף־בית.

— אַ פיינער אינגעל, אַ וואוילער אינגעל. נעהם גיב אַ לעק דערפאַר דעם האָניג.

— איך בויג איין דעם קאָפּ און טו אַ לעק. איך הער, ס׳טוט אַ קלונג אַ מטבע אויפ׳ן טיש.

— נעהם צו, זאָגט דער רבי: דאָס וואַרפט דיר דער מלאך, פאַרוואָס דו לערנסט גוט. קוק זשע ווייטער: אָט דאָס איז אַ בית.

— אָט דאָס איז אַ בית! — זאָג איך נאָך און קוק אויף די סטעליע און וויל זעהן דעם מלאך, וואָס וואַרפט דאָס געלט.

---

*) אין די ליטווישע חדרים איז איינגעפיהרט צו געבען האָניג די קינדער וואָס קומען דאָס ערשטע מאָל אין חדר.

— פיין און גוט! — זאָגט דער רבי — גיב ווייטער אַ לעק.

איך גיב ווייטער אַ לעק, ס׳גיט אַ קלאַפּ דערוויל נאָך אַ מטבע; איך נעהם איהר צו. אַזוי פּאַסירט ביז תיו. איך האָב שוין אַ גאַנצען הויפען געלט און בין זעהר צופרידען. נאָר מיר פאַרדריסט מעהר ניט, פאַרוואָס וואַרפט ניט דער מלאך דאָס געלט, ווען איך פאַרריים דעם קאָפּ ארויף.

אין חדר איז „ליהודים", מען טיילט בראַנפען און לעקאַך. באַלד טראָגט מיך דער פאָטער צוריק אין שטוב.

.2

אויף מאָרגען.

מיט אַ האַלבען איבערבייסען אין דער האַנט לויף איך געשווינט אין חדר. מיר דאַכט, אַז היינט וועט ווייטער זיך ווייזען אַזאַ גוטער מלאך און מען וועט ווייטער אַזוי זיין פרעהלאַך. איך לויף האַסטיג, נאָר איך בלייב שטעהן ביי דער טיר: אויבענאַן זיצט דער רבי און קוקט שטרענג אויפ׳ן אינגעל, וואָס זיצט נעבען איהם און כליפּעט. איך בלייב שטעהן אויף אַן אָרט. אַ פּחד פאַלט אויף מיר אַן און איך וויים ניט וואָס צו טאָן.

— וואָס שטעהסטו? — פרעגט מיר דער רבי מיט אַ בנעימות־דיג קול.

איך קום אַביסעל צו זיך און געה אונטער צום טיש.

איך פיהל זיך אָבער ניט ווי אין דערהיים. איך האָב מורא געבען זיך אַ קעהר, אַ ריהר, נאָר ס׳דויערט ניט לאַנג און דער רבי רופט מיך צו צו זיך. איך געה און ציטער. צום גליק רעדט ער מיט מיר גוט און פרעגט: פיעל געלט האָב איך נעכטען אויפ־געקליבען?

— אַ הויפען. — ענטפער איך.

— ווייז; איך וועל איבערצעהלען.

איך גיב. דער רבי צעהלט. איך גיב אַ וואַרף אַ גאוה׳דיגען בליק אויף אַלע מיינע חברים און בין ביי זיך שטאָלץ. נאָכ׳ן צעהלען גיט מיר דער רבי אָפּ דאָס געלט צוריק און וואָרענט מיך, איך זאָל קיינעם ניט געבען. איך נעהם צו און פיהל, אַז דאָס

געלט איז געוואָרען ווייניגער. דער רבי נעהמט דעם אלף־בית און ווייזט מיר כסדר. איך זאָג נאָך און הער אַליין ניט וואָס איך רעד! מיין קעפּעל איז פאַרנומען מיט איין געדאַנק: וואו האָט זיך אַהין געטאָן דאָס געלט? נאָר דער רבי איז גוט, ער טשעפּעט מיך ניט. אַזוי פּאַסירט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד. ס׳וואָלט אַלעם געוועזן צו דערליידען, נאָר איין קלעמעניש האָב איך, וואָס מיין געלט ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ ווייניגער, איבערהויפּט נאָכ׳ן רבינ׳ס צעהלען. דער רבי וואָרענט מיך יעדען טאָג, איך זאָל דאָס געלט היטען, און ער גיט אַליין אַכטונג, דאָס די קינדער זאָלען ביי מיר ניט אויס־נאַרען, -פונדעסטוועגען פעהלט מיר פאָרט. מיין קינדערשער שכל זאָגט מיר אונטער, אַז דאָס איז דעם... דעם רבינ׳ס אַרבייט, נאָר איך אַליין שרעק מיך פאַר דעם געדאַנק.

דער רבי באַגעהט זיך מיט מיר אַ סך בעסער ווי מיט די אי־בעריגע קינדער און איך פאַרשטעה, אַז דאָס איז אַלץ צוליעב דעם, וואָס איך גיב איהם צעהלען דאָס געלט און כאָטש איך זשאַלעווע דאָס געלט, דאָך טוט מיר הנאה וואָס איך בין אין חדר אַן אויסנאָם. איך בין דער איינציגער ניט־געשלאָגענער און מיין קינדערשער שכל האָרעוועט און זוכט פּלענער, ווי געפינט מען נייע מטבעות יעדען טאָג, כדי איך זאָל האָבען וואָס צו געבען דעם רבי׳ן צום צעהלען אַהן אַן אויפהער. און ס׳בלייבט ביי מיר אַן עצה אַריינרוקען מיין הענטעל אַפּט צום טאַטען אין קעשענע...

3.

אין עטליכע וואָכען אַרום.

דער פאָטער האָט אַמאָל ביי מיר יאָ געפרעגט, וואו איך האָב אַהין געטאָן דאָס געלט, נאָר איך האָב זיך געמאַכט אַזוי תמ׳ע־וואַטע, אַזוי מיאוס נאַריש, אַז ער האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיט דעם קאָפּ און אַנגעזאָגט, דאָס מען זאָל מיר מעהר קיין גראָשען ניט געבען.

און מיינע פּלענער, ווי צו שלעפּען געלט פון טאַטענס קעשענע, האָבען זיך מיר ניט איינגעגעבען און געבען דעם רבי׳ן צום צעה־לען האָב איך שוין ניט געהאַט וואָס.

איך ווייס נאָך כמעט איין אות ניט פון אלף־בית און דער רבי באַגעהט זיך שוין מיט מיר שטרענג.

ער פרעגט ביי מיר אַנ׳אות. איך ווייס ניט.

— זאָג, ימח־שמו׳ניק! — שרייט דער רבי מיט כעס: — מען האָרעוועט און מען האָרעוועט מיט דיר אַזאַ צייט און דו זיצט, ווי ניט דיר מיינט מען גאָר.

איך ציטער און פלאַטער און ווייס ניט וואָס צו ענטפערען.

— וואָס שווייגסטו?

איך דערהער פּלוצים אַ קלאַפּ ביי זיך אין פּלייצע, מיט׳ן האַרץ זעץ איך זיך אָפּ אָן טיש, און דער קאָפּ פאַרוואַרפט זיך מיר אַרונטער. איך שים אוים אין אַ געוויין, מיט די הענט רייב איך אוים די טרעהרען, וואָס קייקלען זיך איבער דער צורה ווי באָבעס.

— זעה וואָס פאַר אַ גדלות אין איהם שטעקט. מען טאָר איהם גאָר אַ ריהר ניט געבען. מען האָט איהם די קרוין געריהרט פון קאָפּ! וואָס כליפּעסטו? זאָג!

איך קוק, נאָר דורך די גרויסע טראָפּענס טרעהרען וואָס הענגען איבער מיר זעה איך קיין אות ניט.

— דו זאָגסט?

און איידער איך אוספּייע אַרומקוקען זיך, פּיהל איך, ווי די באַק ווערט ביי מיר הייס פון אַ שטאַרקען פּאַטש. פון די אויגען פליהען מיר פונקען. איך באַגים זיך מיט בלוט און יאָמער אויפ׳ן קול.

— זאָג! — זאָגט דער רבי קאַלטבלוטיג, פּונקט ווי צווישען אונז וואָלט גאָרניט געוועזן. איך וואָלט גערן געזאָגט, נאָר איך ווייס ניט וואָס.

— דו זאָגסט ניט?

איך זיץ שוין ניט אויפ׳ן בענקעל. איך ליג שוין ביים רבי׳ן אויף די קניה און דער קאַנטשיק פּויקט; איך שריי מיט די לעצטע כחות. באַלד לאָזט מיך דער רבי אַראָפּ פון די קניה און איך קלאָג ווי אויף אַ חורבן. איך שעהם מיך פאַר אַלעמען און הויב ניט אויף דעם קאָפּ. איך ווייס, אַז באַלד וועלען מיינע חברים און פרעמדע קינדער מיך נאָכלויפען און שרייען: געשמיסענער...

דריי ברכות א. ז. וו.. און דאָס איז מיר ערגער פון אַלעס. נאָר דעם רבינ׳ס כעס שטילט זיך אַלץ ניט. ער הייסט דערלאַנגען אַ מעסער און פאַרשניצט אַ שפּריִז־העלצעל און שטעלט איהם מיר אַריין אין מויל: איין עק העלצעל אויף דעם אונטערשטען צייל ציינער און דער צווייטער אויף דעם אויבערשטען צייל. די הענט פאַרבינדט ער מיר אַהינטער און לאָזט מיר אַזוי שטעהן אַ היבשע צייט.

4.

אין עטליכע מאָנאַטען אַרום.

איך ווייס שוין דעם אַלף־בית און די נקודות. טאַטע־מאַמע קוועלען גאָר אַן פון מיר, נאָר דאָ איז אַ נייע צרה: מען דאַרף קענען אויסלעגען די ווערטער.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער רבי און ווייזט אויף אַן אַלף.

— אַן אַלף —

— אַ קמץ —

— נו, ווי מאַכט עס אין איינעם?

— אַלף־קמץ.

— אַי, דו גוי, פאַרשטאָפּטער מוח! ווי איז קמץ־אַלף? — ער גיט אַ שטורך און זאָגט: „אָ!“

איך קוק זיך איין און שווייג. איך בין מקבל באהבה דעם שטורך. איך זעה טאַקע, אַז איך האָב אַ גראָב קעפּעל, מיין שכל באַנעהמט בשום אופן ניט, ווי ווערט עס פון צוויי ווערטער איין קלאַנג „אָ“. מילא, איך זעה שוין, אַז אויף מיין שכל קען איך זיך גאָרניט פאַרלאָזען און זאָג נאָך: „אָ“.

— נו, ווי איז קמץ־בית?

איך שווייג. איך ווייס דאָך שוין, אַז מיין קאָפּ איז צו גראָב אויף אַזעלכע זאַכען. ביי מיר איז רעכט צו זאָגען, אַז ווי באַלד קמץ־אַלף איז „אָ“, איז פּוס־פּאַדקאָווע „פּאָ“, איז דאָס אַזוי? איך פאַרשטעה, אַז לערנען איז אַ שווערע זאַך און וואַרט מיט אומגע־דולד, דער רבי זאָל געבען אַ פּאַטש און זאָל שוין זאָגען, ווי עס

מאכט. ער פאטשט און זאגט, איך זאג נאך און בין אין כעם אויפ'ן רבי'ן מיט'ן פאטער, וואס זיי פארלאנגען פון מיר אזעלכע שווערע זאכען, און מיין האס צום חדר ווערט וואס א טאג גרעסער און גרעסער. איך פארלאנג און בעט פון טיפען הארצען, אז דער רבי זאל קראנק ווערען, צי גאר שטארבען. אט דא, טראכט איך, וועט שוין זיין די אמת'ע גאולה.

.5
אין א האלב יאהר ארום.

פרעהליך און גליקליך פיהל איך זיך, ווען דער זמן איז אוועק. פטור געווארען פון די חושב'דיגע שטיבעל, פון די עפוש'דיגע פא־מויניצע, פון ביטערען רויך, פון די הענער מיט די קעץ, פון די רביצינס שרייער, פון די בייסענדע פליגען, פון דעם בא'טעמ'טען אויר, פון רבינ'ס צורה, פון דעם קאנטשיק און אלף־בית. איך פיהל, ווי א שווערער בארג איז מיר אראפגעפאלען פון די פליי־צעס. עפעס האב איך זיך ארויסגעריסען פון א פינסטערן אסטראג און בין שוין פריי. איך טאנץ און שפרינג איבער דער גאס און האב פאר קיינעם קיין מורא ניט. אין דעם האלבען יאהר האב איך זיך איינגאנצען איבערגעביטען. ווען איך בין אנגעקומען אין חדר בין איך געווען א רויטינקער, מיט פולע באקען, א געזונט, א פרעה־לאך איינגעל, און איצט איז מיין רויטקייט פארשוואונדען גע־ווארען, די פולע באקען איינגעפאלען, מיין געזונט — שלאף. איך בין געווארען קאפריזנע, כעס'דיג. איך האב נאך דעמאלט ניט גע־וואוסט פון דעם מאמר „תורה מתשת כחו של אדם", ד. ה., מאכט שוואך דעם מענשען און בין געווען אין כעם אויף אלעמען.

.6
אין א יאהר ארום.

איך בין געשטאנען אויף „טראף", דאס דאווענען און די יום־טוב'דיגע שמונה־עשרה'ס, אפילו במה מדליקין זיינען געגאנגען נאך כשורה, נאר אין הלכות שבת האב איך שטארק געהינקט און דער רבי פלעגט קיילען און ביילען פאר יעדעס ווארט. נאר די קלעפ און די שלעג האב איך אנגענומען ווי א זאך, וואס איך האב עס

עהרלאַך פאַרדינט. אין כעס בין איך נאָר געווען, וואָס מען האָט מיר פאַרשפּאַרט אויף אַ גאַנצען טאָג אין חדר, אַז סדר־הכל לעהרען איך גאָר איין האַלבע שעה אין טאָג. און אויף דרויסען איז ווי אויף צופּוקעניש דער זומער אַ שעהנער, עס ציהט מיך ווי אַ מאַגנעט אהין, צום דרויסען, אונטער׳ן פרייען הימעל. עס ווילט זיך זיין פריי, אַרומלויפען, שפּרינגען, שפּילען זיך; אַז איך זיץ ביים פענסטער אַנגעשפּאַרט מיט דעם בעקעל אויף די צוזאַמענ־געלעגטע הענטלאַך און קוק אויף דרויסען — אוי, ווי בין איך מקנא די קינדער וואָס שפּילען זיך דאָרט! איך עס זיי ממש אויף מיט די אויגען. מיין כעס צום רבי׳ן און פאָטער וואַקסט פון טאָג צו טאָג. איך בין זיי אַ שונא אין לעבען, נאָר זיי קען איך גאָרניט טאָן און דעם כעס לאָז איך אויס צו דער מאַמען. עס הויבען זיך אָן ביי אונז היימישע סצענעס. איך מאַך איהר אָן די גרעסטע יסורים. וואָס זי גיט מיר, וויל איך ניט, און וואָס איך וויל האָט זי ניט. גאָר אָפט געה איך אַוועק אין חדר ניט געגעסען. מיין איינציגער מיטעל נקמה צו נעהמען פון איהר (דער פאָטער פלעגט זיך ניט קלעמען) איז געבליבען תמות נפשי עם פלשתים — זיך אָנטאָן יסורים, אַבי דער מאַמען פאַרשאַפען קרענקען. און זיצענדיג אין חדר אַ הונגעריגער ביי דעם פענסטער, פלעג איך גרויס הנאה האָבען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז די מוטער קען עס ניט אויס־האַלטען.

ווי איך האָב פאַר׳ן רבי׳ן ניט מורא געהאַט, נאָר זאַסטאַווען עסען האָט ער אפילו מיר ניט געקענט. איך האָב געפיהלט, אַז קיינער האָט קיין רעכט ניט מיר שטערען אין ניט־עסען: מיט זיך מעג איך טאָן וואָס איך וויל. די מאַמע פלעגט מיר אָפט ברענגען דאָס עסען אין חדר, נאָר איך פלעג אפילו אויפ׳ן עסען ניט אַ קוק געבען. די מאַמע פלעגט שטעהן איבער מיר און בעטען און גלעטען: „עס מיין קינד, עס!“ און איך פלעג זיך פון איהרע לאַסקעס נאָר אַפּדרעהען. זי פלעגט שטעהן לאַנג, לאַנג מיט פאַרלעגטע הענט און קוקען מיט גרויס פאַרצווייפלונג אויף מיר. און כאָטש איך האָב אויף איהר ניט געקוקט, האָב איך אויף זיך געפיהלט איהרע אויגען. ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז פלעגט מיר

דער כעס שטילען און פּלוצים ווערט מיר ענג אין האַלז, היים אין די אויגען, איך גראַב דעם קאָפּ איין אין די הענט און באַהאַלט זיך און וואַש זיך מיט טרעהרען. זי גלעט מיר שטיל, אָהן ווערטער, דעם קאָפּ און וואַרימע טרעהרען פאַלען מיר אויף די האָר. איך לאָז זיך שוין גלעטען און אין מיינע אויגען שטאַרקט זיך דער קוואַל טרעהרען און אַט־אַט־אַט בליפּע איך זיך פאַנאַנדער.

און עסען קען איך פאָרט ניט.

7.

אין צוויי יאָהר אַרום.

איך האָב אין אַ מזל׳דיגע שעה אָנגעהויבען חומש. איך בין פרעהלאַך, וואָס איך בין פּטור געוואָרען פון דרדקי־מלמד. ביים רבי׳ן אין חדר זיינען די ווענט פריש אויסגעווייסט. עס איז ווי נאָך פּסח: אין אַלע ווינקעלאַך ריין, אַלע פענסטער זיינען אָפען און מיר, חדר אינגלאַך, זיצען אַרום טיש, די חומשים קעגען אונז, דער רבי שאָקעלט זיך פאַנאַנדער און מיר שאָקלען זיך אויך און קוקען אויף איהם.

— נו, זאָגט: ויקרא האָט גערופען.

— ויקרא האָט גערופען, — ענטפערען מיר אַלע מיט אַ מאָל.

— איהר זעהט, אַז אין ויקרא שטעהט אַ קליינינקער אלף.

— יאָ, יאָ — שרייען מיר אַלע אוים מיט שמחה.

— וואָס באַטייט דאָס?

מיר שווייגען. וואָס פאַר אַ נאַרישע שאלה, טראַכט איך, פרעגט דער רבי: אין סדור זיינען פאַראַן פיעל, פיעל קליינינקע אלף׳לאַך און יענער רבי האָט גאַרניט געפרעגט די באַדייטונג פון זיי. נאָר פּלוצים ווערט דער רבי ביי מיר זעהר נתגדל: דער איז טאַקע גאָר אַ גרויסער רבי. ער ווייס אַלעס. און ער גיט אונז טאַקע אַ גרויסען אויסרייד. ער הייסט אונז איבערזאָגען. מיר שווייגען. ער זאָגט איבער אַ צווייטען מאָל און אַ דריטען מאָל — מיר הויבען אָן פאַרשטעהן, כאָטש מיר ווייסען ניט דעם אונטער־שייד פון ויקר און ויקרא, ווער איז משה און ווער איז בלעם, נאָר מיר זיינען צופרידען, און זאָגען איבער, און יעדער סטאַרעט זיך איבערשרייען דעם צווייטען.

נאָר די שמחה דויערט ניט לאַנג. מיר הויבען אָן איבער די אויפֿרעדען צו גענוצען און דער רבי וויל עס שרעקלאך ניט ליידען און שלאָגט דערפֿאַר מכות רצח.

אָבער איך בין שוין ניט קיין קליין קינד און דערצו דער בעסטער אין חדר, חברים חנפֿ'ענען מיר, איך זאָל מיט זיי חזר'ן און עס שטעהט מיר ניט אָן, וואָס דער רבי שלאָגט מיך. איך וואָלט געוועזן אַ גרויסער בעלן שלאָגען צוריק, נאָר מיט דעם רבי'ן שטעלען זיך פֿלאַץ קען איך ניט און דעריבער לויף איך פֿון חדר. דער פֿאָטער אָבער וויל פֿון קיין זאַך ניט וויסען און טרייבט מיך צוריק אין חדר. איך עקשן זיך איין: איך וועל ניט געהן און גע'פּטר'ט, נאָר דער פֿאָטער זאָגט, אַז מיט איהם פֿיהרט מען קיין עקשנות ניט און בעט פֿרייהער מיט גוטען, דערנאָך מיט בייזען, ד. ה. מיט דעם פֿאַסיק (דזיאַסקע), נאָר איך וואַרט ניט, נעהם די פֿיס אין די הענט און מאַך „ויברח". מען יאָגט מיך נאָך. אַמאָל כאַפּט מען און איך באַקום מיין פּסק, מען שלעפּט מיט געוואַלד אין חדר, נאָר אַמאָל דרעה איך זיך אויס און ווער פֿאַרפֿאַלען אויף אַ גאַנצען מעת-לעת. ביי טאָג שפּאַציר איך אונטער דער שטאָדט, ניט ווייט פֿון מאָגילניק (צמענטאַר) און שלאָף זיך אויס אויפֿ'ן גרינעם גראָז, פֿאַרנאַכט קום איך צוריק אין שטאָדט און זוך אויס אַ חברה צו שפּילען אין זעלנער, אין „איינע זיינע" א. ד. ג., נאָר דער הונגער טרייבט מיך צוריק אין שטוב. דער ערשטער מענש, מיט וועלכען איך באַגעגען זיך, איז די מוטער. זי גיט מיר גלייך אָפּצועסען און רעדט ניט קיין שלעכט וואָרט, פּונקט ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען. איך עס מיט כעס, נאָר איך וויים, אַז נאָכ'ן עסען וועט זי נעהמען זאָגען מוסר, און נאָכ'ן עסען הויבט זי טאַקע אָן רעדען, אָבער זעהר ווייך. דער קול איהרער איז אָנגעזאַפּט מיט טרערען און יעדער וואָרט איהרער שטעכט מיר אַזש אין צעהנ-טען ריפּ.

— וואָלט זי מיר בעסער שלאָגען —
אין אַ פּאָר מינוט אַרום וויינען מיר ביידע.
פֿאַר וואָס האָט זי געפֿיהלט מיין האַרץ?

8.

אין דריי יאָהר אַרום.

איך האָב אָנגעהויבען לערנען גמרא. איך האָב אין דער גמרא געקוקט, טאַקע ווי אַ האָן אין בני אָדם.

געלערענט האָבען מיר „בבא קמא“ — „ארבעה אבות“.

געוואוסט האָבען מיר שוין, אַז גמרא איז אַ שווערע, זעהר אַ שווערע זאַך.

און עס איז מיר אַלץ געווען פרעמד: דער חדר, דער רבי, די חברים — אַלץ אומבאַקאַנט. פון גמרא איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו רעדען.

„ארבעה — פיער, אבות — אָבות, נזיקין — נזיקין; ס׳איז פאַראַן פיער אָבות נזיקין“.

„ארבעה — פיער, אבות — אבות, נזיקין — נזיקין; ס׳איז פאַראַן פיער אָבות נזיקין“.

„השור — אַן אָקס, הבור — אַ גרוב, המבעה — וועט די גמרא ווייטער מפרש זיין, וההבער — און אַ פייער“.

„השור — אַן אָקס, הבור — אַ גרוב, המבעה — וועט די גמרא ווייטער מפרש זיין, וההבער — און אַ פייער“.

איך, ווי אַלע קינדער, האָב נאָכגעזאָגט דעם רבי׳ן וואָרט פאַר וואָרט און האָב געפיהלט, ווי עפּעס דאָרט אין דער הויך איז פאַרצויגען אַ דין שטריקעלע, דער רבי געהט פאָרווערטס איבער דער דינענקער שטריקעלע, מאַכט דאָרט אַלע קונצען, גלעט זיך דאָס בערדעל, דרעהט זיך די וואָנסען, רייסט זיך דעם צופּרין, רויכערט אַ פּאַפּיראָס און פאַרגעסט גאָר, וואו ער האַלט אין דער וועלט. ער פיהלט זיך דאָרט, ווי ביי זיך אין דער היים. מיר אָבער דרעהט זיך דער קאָפּ, ס׳שווינדעלט אין די אויגען, ס׳רייסט דאָס האַרץ, ס׳בויגען זיך די פיס. איך זעה — איין פאַלשער שריט און איך פליה צו די אַלדע שוואַרץ יאָהר און ברעך האַלז־און־נאַקען. און די שטריקעלע הוידיעט זיך, וויגט זיך, טרייסעלט זיך, און ביי יעדען בויג, ביי יעדען וויג און ביי יעדען טרייסעל געזעגענט זיך מיר די נשמה מיט׳ן גוף.

נאָר מיט דער צייט געוועהן איך זיך צו צו די אקראָבאַטישע קונצען, זאָגאָר איך פיהל און ווייס שטענדיג, אז איך געה אויף א שטריקעלע.

און איך האָב זיך אויסגעלערענט רעדען אַלעם מיט׳ן מויל, ניט פאַרשטעהענדיג דעם תוך. איך האָב געוואוסט פיעל דינים, פון קרן, פון צרורות, ווי איז דער דין, אז אן אקס שטויסט א קוה און מען געפינט דעם עובר ביים זייט א. ז. וו. איך האָב גע־וואוסט אויפ׳ן נײנטען יאָהר מיט פיעל וועגען קען מען קויפען אן אשה, איך האָב געוואוסט... נאָר טענה׳ן דערפון ביים רב טאָר מען ניט, ער קען פרעגען „אטו מברכתי חביתי ליה״, וואָס איז „הטיה״ און וואָס איז „מוכת עץ״, איך האָב געוואוסט, אז א שפחה קען מען אויך קונה זיין מיט׳ן „דריטען וועג״, כיון דהגבהתה הוא לאדוניה, און אויף מיין פראגע: „ווי אזוי? וואָס פאַר הגבהה איז דאָ?״ האָב איך געהאַט א קלאָהרע תשובה: „אז איך וועל אויסוואַקסען וועל איך וויסען...״

פון דעם אַלעם האָב איך גוט געוואוסט, אז מען דאַרף נאָר רעדען און וואָס ס׳געהער צום פאַרשטעהן, איז א שפּעטערדיגע מעשה...

.1894